This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-528

סאָוועטיש

1

1984

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״

מאָסקווע

יאַנוואַר

1

1984

אינהאַלט

פון אונדזער קלאַסיק. אווראָם רייזען. ווײַסע טויב פון שאָלעם 4
50 יאָר ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט. לעאָניד שולמאַן. 24 שאָ אינעם לעבן פון מײַן שטאָט 5
פאַרצייכענונגען אין דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן“. פ. פאַסמאַניק. די ביאָגראַפיע פון א יונגן ארבעטער. ר. שויכעט. די עמעסע היים. ל. שקאָלניק. איין מאָל אפן גאַנצן לעבן. ב. רודער. געזונט זאָלט איר זײַן, קינדערלעך! 9
פון דער פריִער ביראָבידזשאַנער דיכטונג. איציק בראָנפמאַן. דאָס ערשטע מאָל. מײַן יונגע שטאָט. פייסי יאַנאָווסקי. טײַגע. העניך קויפמאַן. אין טאָל. דער ערשטער עפּלבוים אין טיפן וואלד 18
דאָרע כײַקינע. סוועטלאַנע און סוועטאָזאַר. (קינסטלער יו. יאַמפּאָלסקאַיאַ) 21
פּיניע פּלאָטקין. סאָנעטן 46
בער האַלפּערן. מוישע־לייב (היסטאָרישע נאָוועלע) 48
פון דער שעפערישער ירושע. מענדל ליפשיץ. פון דער שעפערישער ירושע 100
נײַע איבערזעצונגען. יעווגעניאַ מאַלאַכאָווסקאַיאַ. דער גזעגענונגס־וויזיט 102
וועלוול טשערנין. מײַנע ערשטע לידער . . 117
פובליציסטיק. לעאָניד דאַדיאַני, אַלעקסאַנדער קריוקאָוו. וועגן דעם 30־טן קאָנגרעס פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע 119
ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס. מייער ווינער. וועגן לייב קוויטקאָס קינדער־לידער 127
מאַקס גאָלדין. פאַרבינדונגען צווישן ייִדיש און דײַטש אין דער מוזיקאַלער פאָלקסשאַפונג . . 113
אונדזערע מיטיילונגען. ייִסראָעל קאָוועלמאַן. קונסטווערק אף ייִדישע לעגענדאַרע און היסטאָרישע סוזשעטן 140
אפן קינאָ־עקראַן. באָריס שײַנין, מאַריִע סעמענצאָוואַ. דער מענטש מיטן קינאָ־אַפּאַראַט 145
ליטעראַטור־ און קולטור־נײַס אין דער סאָוועטישער ליטע. בער האַלפּערן. נאָך איין נײַע אויסגאַבע פון „שיר־השירים“. עדואַרדאַס מעזשעלײַטיס. לאָמיר צופאַלן צום ריינעם קוואַל 151
דאָס איז טשיקאַווע. ר. זײַען. וויאַזוי איז אַנטשטאַנען דער אַלעפבייס און די שריפט 156
די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. באָריס מאָגילנער. פאַר אַלץ פאַראַנטוואָרטלעך . . 158
בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען 166
פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש 169
רעזומע (רוסיש, ענגליש) 1

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

דאָס טויזנט נײַן הונדערט פיר־און־אכציקסטע יאָר,
אין וועלכן מיר טרעטן איצט אַרײַן,
איז פאַר דעם סאָוועטישן פאָלק
א נײַער עטאַפּ אינעם פאַרווירקלעכן
די היסטאָרישע אויפגאַבן פונעם עלפטן פינפיאָר.
דער 26־טער צוזאַמענפאָר
פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועטנפאַרבאַנד
האָט געעפנט א נײַע בלאַט אין אונדזער גאַנץ לעבן.
דאָס איז דער מאַגיסטראַל־וועג פאַר שעפערישער מי,
פאַר שאָלעם און סאָציאַלער גערעכטיקײַט.
דאָס סאָוועטישע פאָלק
קוקט מיט זיכערקײַט אין דער צוקונפט.
דאָס איז צו זען אויך פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור,
וועלכע איז א ליטעראַטור פון אָפּטימיזם
און קאָמוניסטישער אידייִשקײַט.
אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"
שפּיגלט אָפּ די שעפערישע פּראָצעסן
אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור,
וועלכע לעבט און שאַפט אין אייניקלאַנג
מיט דער אַלגעמיינער פילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור.
אויף דער שוועל פון דעם נײַעם 1984 יאָר
ווינטשן מיר אונדזערע לייענער
נײַע דערגרייכונגען
אין זייער מי
און פּערזענלעכן גליק.

אווראָם רייזען

ווײַסע טויב פון שאָלעם

ווײַסע טויב פון שאָלעם,
קום פון ערגעץ אָן,
און פון אייביק פרידן
זאָג די בסורע אָן!

ס׳פאלט דאָס האַרץ פאר פאכעד
און פאר אנגסטן איַין,
און מיט שרעק מיר פרעגן:
וואָס וועט ווײַטער זײַן?

ווי די שאָטנס וואנדלען
אויף דער ערד מיר אום.
ס׳רעדן די קאַנאָנען,
און דער מענטש איז שטום...

ווײַסע טויב פון שאָלעם,
פאַרזיכטיק דאָך זײַ,
ווײַל די לופט, דער הימל
איז אויך איצט ניט פרײַ:

זעסט א טײַוול פליט דאָרט
אין דער הייך ארום:
אײַזן — זײַנע פליגל,
פײַער איז זײַן ברום!

מײַד אים אויס, דעם טײַוול,
היט זיך פאר אים גוט,
דײַנע ווײַסע פליגל
שמירט ער אויס אין בלוט...

50 יאָר יידישע אווטאָנאָמע געגנט

24 שאָ אינעם לעבן פון מײַן שטאָט

כראָניק פון א געוויינלעכן טאָג אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן מיט עטלעכע קאָמענטארן פונעם אווטאָר

דער דאָזיקער מעסלעס איז געווען א געוויינלעכער אינעם לעבן פון ביראָבידזשאַן — דעם צענטער פון דער צוויי מאָל אָרדענטרעגערישער יידישער אווטאָנאָמער געגנט, אָבער טאקע אָט די דאָזיקע 24 שאָ זײַנען אינטערעסאנט דערמיט, וואָס זיי זײַנען אָנגעפילט מיט סאמע פארשיידענע געשעענישן, וועלכע זאָגן איידעס וועגן דעם, אז מײַן שטאָט, ווי טויזנט אנדערע שטעט פון אונדזער לאנד, לעבט מיט אן אינטערעסאנט לעבן, אין וועלכן עס איז פאראן אלץ — סײַ געפינסן און אנטדעקונגען, סײַ פארלוסטן און זיגן...

אלזאָ, איין מעסלעס...

באַ דער בירע

0 אזייגער 10 מינוט. **אין דער דרוקערײַ** נום. 3, וועלכע געהער דער פארוואלטונג פון פארלאגן, פאָליגראפיע און בוך-האנדל פונעם כאבאראָווסקער קאנטויספירקאָם, האָט זיך געדרוקט דער אָרדנטלעכער נומער פון דער געגנטלעכער צײַטונג „ביראָבידזשאנער שטערן". די צײַטונג האָבן אויסגעזעצט די ליינאָטיפיסטקעס — קאוואלער פון אן אָרדען פון דער רויטער ארבעטס-פאָן פירע סוויטקינע און זאָיע גאָלאָווקאָ. דער זאַץ איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון די מעטראנפאזשן גאלינע מאלינאָווסקע און נינע אנדרייעווא. ארויסגעלאָזט האָט די צײַטונג דער וועטעראן פון מי און פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע כאַים ברייטמאַן.

0 אזייגער 23 מינוט. **אפן ביראָבידזשאנער ברויט-קאָמבינאט ארבעט דער אימבײַט, מיט וועלכן עס פירט אָן איינער פון די דער-**



דער בריגאַדיר פונעם ברויט-קאָמבינאַט
וו. פּראָשקאָווסקי (אין צענטער)

ג. מאַלינאָווסקאַיאַ — מעטראַנפּאַזש פון דער
צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן"

פאַרענע טוער פון דער אונטערנעמונג, דער
קאַוואַלער פון אַן אָרדען „ערן-צייכן" וואָלאָ-
דימיר נוכעמאָוויטש פּראָשקאָווסקי. קאַיאָר
וועט פון די טויערן פונעם קאָמבינאַט אַרויס-
פאָרן א גאַנצע קאָלאָנע אויטאָפורגאָנען, אַף
די באָרטן פון וועלכע עס איז אָנגעשריבן דאָס
וואָרט: „ברויט".

1 אזייגער 14 מינוט. **אין דער געבורט-
אָפּטיילונג פונעם געגנטלעכן שפּיטאָל איז
געבוירן געוואָרן נאָך איין אײַנוווינער פון
ביראָבידזשאַן. די מאַמע פונעם נײַ-געבוירע-
נעם — מאַרינע גויכמאַן, אַן אינזשעניער פו-
נעם טרעסט „ביראָבידזשאַנבוי", איז גליקלעך:
צוזאַמען מיטן מאַן, דעם מאָטאָריסט פון דער
ביראָבידזשאַנער פּאַסאַזשירישער אויטאָטראַנס-
פּאָרט-אונטערנעמונג יעפים גויכמאַן, האָט זי
געטרוימט וועגן א טעכטערל. די וואָג פון דער
נײַגעבוירענער ביראָבידזשאַנקע איז דרײַ קי-
לאָגראַם. די מוטער און דאָס קינד פילן זיך
גוט.**

2 אזייגער 36 מינוט. **מיטן צוג נום. 663
„טשעגדאָמין—כאַבאַראָווסק" איז קיין ביראָ-
בידזשאַן פונעם מיזרעך-באַצירק פון דער בײַ-
קאַל-אַמורער מאַגיסטראַל געקומען א גרופּע
יונגע אַרטיסטן — סטודענטן פון דער מאָסק-
ווער טעאַטראַלער שול אַף שטשוקינס נאָמען.
אין פאַרלויף פון א וואָך וועלן זיי אַרויסטרעטן
מיט קאָנצערטן פאַר די אײַנוווינער פון דער
געגנט, באַזוכן די שלאַכטלײַט פונעם ביראָ-
בידזשאַנער גאַרניזאָן, די געהילף-באַאַרבעטער
פון ניקאָלײַעווקע, די בייער פון אַמורזעט, די
גרינסציכטלער פון וואַלדהיים, די טראַנספּאָר-
מאַטלער פונעם געגנטלעכן צענטער.**

6 אזייגער 20 מינוט. **צענדליקער אויטאָ-
ביסן און טאַקסי זײַנען אַרויס אַף די שטאָטי-
שע מאַרשרוטן. אין פאַרלויף פונעם טאָג וועלן
זיי איבערפירן טויזנטער אײַנוווינער און געסט
פון ביראָבידזשאַן.**

קאָמענטאַר פונעם אויטאָר: **גאַנץ מעגלעך,
אַז איינער פון די אויטאָבוסן, וועלכער איז
אין אָט דעם קאַיאָר אַרויס אַף דער טראַסע,
וועט זײַן טאַקע דער, וועלכן עס האָט אין
דער פאַבריקער נאַכט געגרייט צום רעיס דער
מאָטאָריסט יעפים גויכמאַן — דער גליקלעכער
טאַטע פונעם נײַגעבוירענעם טעכטערל. עס
איז אויך מעגלעך, אַז דער ערשטער פּאַסאַ-
זשיר פון דעם דאָזיקן אויטאָבוס וועט זײַן די
מעדיצין-שוועסטער פון דער געבורט-אָפּטיי-
לונג, וועלכע האָט די ערשטע גענומען אַף
די הענט די נײַע בירגערין פון אונדזער
שטאָט...**

7 אזייגער 10 מינוט. **אַף דער ביראָ-
בידזשאַנער שוך-פאַבריק איז איבערגעגעבן
געוואָרן אַפן קאָנווייער א נײַע מאָדעל פון
מאַנצבלשע שיך, וועלכע עס האָט צוגעגרייט
דער מאָדעליער פון דער אונטערנעמונג אַנע
זילבערט (די מאָדעל האָט באַקומען א הויכע
אָפּשאַצונג אַפן רעפּובליקאַנישן אינדוסטריעלן
הורט-מאַרק).**

8 אזייגער 15 מינוט. **די בריגאַדע מו-
ליערס בעראָש מיט וואַלערי גאָכבערגן און
די טעסלער, ווו בריגאַדיר איז וויקטאָר זשי-
וושטשי פון דער בוימאָנטאַזש-פאַרוואַלטונג
נום. 1 פונעם טרעסט „ביראָבידזשאַנצעלינ-
סטראָי", האָבן זיך געשטעלט פאַרצוזעצן די**

ארבעט אױף דער בױונג פֿון א פּי-שטאָל פֿאַרן קאָלװירט „אַליטשס געבאָטן". דאָס איז דער אָביעקט פֿון די דאָרפֿישע בױער, װעלכער דאַרף אָפּגעגעבן װערן אין עקספּלואַטאַציע סאָף יאָר.

9 אזייגער 21 מינוט. דער שטאָטישער טעלעגראַף האָט אָנגענומען אױפֿן אדרעס פֿונעם ביראָבידזשאַנער שרײַבער, מיטגליד פֿון דער רעדקאָלעגיע פֿון דעם זשורנאַל „סאָװעטיש היימלאַנד" בוזי מילער א טעלעגראַמע פֿון מאָסקװע. דער הױפּט-רעדאַקטאָר פֿונעם זשורנאַל װענדעט זיך צו אונדזער לאַנדסמאַן מיט א ביטע צוגרייטן א פֿאַרצייכענונג װעגן דעם העלד פֿון סאָציאַליסטישער מי, דער נייטערין פֿון דער ביראָבידזשאַנער זאָקן-טריקאָטאַזש-פֿאַבריק יעלענע קאַלמאַנאָװנע אַרנאַפּאָלינא.

9 אזייגער 47 מינוט. פֿאַרן טערמין, לױטן פּלאַן פֿון דעם קומענדיקן כוידעש, האָבן הײַנט אָנגעהױבן ארבעטן די בריגאַדעס בעראָש מיט װלאַדימיר זשאַלאַבאָװ און לעאָניד ניקאָלײַענקאָ אױפֿן ביראָבידזשאַנער קאָמביפּיטער-זאַװאָד. סאַכאַקל האָט דער קאָלעקטיװ פֿון דער אונטערנעמונג אַרײַסגעלאָזט פֿונעם אָנהייב יאָר העכער דעם פּלאַן 2.500 טאָן קאָמביפּיטער.

10 אזייגער 8 מינוט. אין דעם ביראָבידזשאַנער ביך-הױז זײַנען אָנגעקומען טעמאַטישע פּלענער פֿון די צענטראַלע און װײַט-מיזרעכדיקע בוך-פֿאַרלאַגן אױפֿן 1984 יאָר. װי עס האָט אונדז מיטגעטיילט דער דירעקטאָר פֿונעם געגנטלעכן בוכהאַנדל נאַטאַליע בעקערמאַן, װעלן די ליבהאָבער פֿונעם ביך באַקומען אין נײַעם יאָר אַזעלכע װערק, װי די לידער-זאַמלונג פֿון בוזי מילער „רײנער קװאַל", װעלכן עס גיט אַרױס דער מאָסקװער פֿאַרלאַג „סאָװעטסקי פּיסאַטעל", דעם אַלמאַנאַך „ליטעראַרישער ביראָבידזשאַן", די לידער-זאַמלונג פֿון לעאָניד שקאָלניק „פֿון דער ערשטער פּערזאָן", די נײַע אױסגאַבע פֿונעם פֿאָטאָ-אַלבאָם „ײדישע אױטאָנאָמע געגנט". אױף די ביכער-פּאָליצעס פֿונעם מאַגאַזין װעלן די דאָזיקע אױסגאַבעס זיך באַװײַזן צום גאָלדענעם יובילײ פֿון אונדזער געגנט.

11 אזייגער 30 מינוט. אינעם מיטיק-איבערײַס האָבן אין איינעם פֿון די צעכן פֿון דעם אױטאָרעמאָנט-זאַװאָד פֿאַר דער בױונג פֿונעם באַם זיך פֿאַרזאַמלט די ארבעטער, אינזשעניר-טעכנישע טוער און אָנגעשטעלטע פֿון דער אונטערנעמונג. מיט א לעקציע „די עסטעטישע און זיטלעכע דערציִונג פֿונעם סאָװעטישן מענטשן" איז אַרױסגעטראָטן דער עלטערער פּעדאַגאָג פֿון דער קאַטעדרע פֿון מאַרקסיסטיש-לענינישער פֿילאָסאָפֿיע באַם כאַ-

עס טרעטן אַרױס אױף א קאָנצערט פּאָלינע קלײנערמאַן און מאַקס עפּשטײן

דער אומבײַט פֿונעם מאַרמעלאַד-צעך פֿון דער קאַנדיטערײַ-פֿאַבריק (אין צענטער — דער בריגאַדיר מ. סיניצקאַיאַ)

באַראָװסקער אינסטיטוט פֿון אינזשעניערן פֿונעם אײַזנבאַן-טראַנספּאָרט, דער אַספּיראַנט פֿון דעם מאָסקװער מעלוכישן אוניװערסיטעט אױף מ. װ. לאָמאָנאָסאָװס נאָמען איליא רעװיטש.

קאָמענטאַר פֿונעם אױטאָר: אין זעלבן מיטיק-איבערײַס האָט דער טאַטע פֿונעם אַספּיראַנט פֿון דעם מאָסקװער מעלוכע-אוניװערסיטעט איליא רעװיטש, דער מײַסטער פֿונעם עלעקטראָ-צעך פֿון דעם זאַװאָד „דאַלסעלמאַש" מיכאל איסאַקאָװיטש רעװיטש פֿאַרשפּילט די צװייטע, נאָכאַנאַנד, שאָך-פּאַרטיע דעם טאָקער אבראַם קאָטלאָװ.

12 אזייגער 10 מינוט. **אין מאַרמעלאַדצעך פון דער קאָנדיטערײַ-פאבריק האָט דער אומבײַט פונעם בריגאדיר מאריע סיניצקאיא ארויסגעגעבן 1400 קילאָגראם זיסע פראָדוקציע (דער פלאָן — 1250 קילאָגראם).**

13 אזייגער 25 מינוט. **אפן ביראָבידזשאנער געהילץ-באארבעטנדיקן קאָמבינאט איז אופגעהויבן געוואָרן דער פלאג פון ארבעטסרום לעקאָוועד דער בריגאדע סטאָליערס-מאָנטאזשלער בעראָש מיט מיקע קעסעלברענער. דער דאָזיקער פרײַנטלעכער קאָלעקטיוו שטײַגט טעגלעך איבער די פארגעבונגען אף 20—30 פראָצענט.**

13 אזייגער 45 מינוט. **אין דער געגנטלעכער ראדיאָ איז אף ייִדיש טראנסלירט געוואָרן א פראָגראם, געווידמעט דער שאפונג פונעם זעלבסטעטיקן קאָמפאָזיטאָר מאקס עפשטיין. ווארעם און הארציק האָט אויסגעפילט זײַנע לידער די ארבעטערן פון דער געגנטלעכער סאנעפידסטאנציע פאָלינע קליינערמאן.**

14 אזייגער 27 מינוט. **אף די דורכלאָזטויערן פון דער ביראָבידזשאנער ניי-פאבריק האָט זיך באוויזן א „בליץ"-פלאקאט וועגן די זיגער אין דער אינדיווידועלער סאָציאליסטישער פארמעסטונג. דאָס זײַנען די נייטערנס גאלינע פראָטאסאָווא און נאדיעזשדע בורד, דער שלאָסער גריגאָרי בערמאן.**

16 אזייגער 10 מינוט. **אין דער געגנטלעכער ביבליאָטעק אף שאָלעם-אלייכעמס נאָמען האָט זיך געעפנט א בוך-איליוסטראטיווע אויסשטעלונג „די ערד, אף וועלכער איך בין גליקלעך", געווידמעט דעם 50-טן יאָרטאָג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.**

17 אזייגער 00 מינוט. **אפן סטאדיאָן „סטראָיטעל" האָט זיך אָנגעהויבן דער אָרדנטלעכער פוטבאָל-מאטש פונעם טשעמפיאָנאט פון דעם כאבאראָווסקער קאנט. די באלעבאטים פונעם סטאדיאָן באגעגנען זיך מיט די ספאָרטסמענער פון דער קאָמאנדע „שאכטיאָר" פונעם יישעוו טשעגדאָמין.**

קאָמענטאר פונעם אווטאָר: **ווי מע האָט אונדז מיטגעטיילט, האָט די באגעגעניש זיך פארענדיקט מיט אן איבערצײַגעוודיקן זיג פון די ביראָבידזשאנער פוטבאָליסטן, וועלכע שטייען אצינד בעראָש פון דער טורנירטאבעלע פונעם טשעמפיאָנאט פון קאנט.**

18 אזייגער 15 מינוט. **אף אן אָרדנטלעכער רעפעטיציע האָבן זיך פארזאמלט די ארטיסטן פונעם ביראָבידזשאנער ייִדישן פאָלקס-טעאטער. אונטער דער אָנפירונג פון דעם רעזשיסער בערטע שילמאן גרייטן זיך די זעלבסטעטיקע ארטיסטן צו באווײַזן די צושויער זייער נײַע ארבעט — דעם ספעקטאקל „דער פארהאנג".**

19 אזייגער 24 מינוט. **עס האָט זיך פארענדיקט נאָך איין טאָג פונעם ניט לאנג צוריק געעפנטן מארק פאר שול-קינדער. אף א סומע פון 10 טויזנט רובל זײַנען פארקויפט געוואָרן שילערישע אוניפאָרמעס, שוכווארג, טריקאָטאזש-ארטיקלען און אנדערע זאכן.**

20 אזייגער 00 מינוט. **פארביקע אפישעס לאדן אײַן די אײַנוווינער פון ביראָבידזשאן אין דער דיסקאָטעקע פונעם אָפיצערן-הויז פון דעם אָרטיקן גארניזאָן. די הײַנטיקע זיצונג פונעם קלוב פון ליבהאָבער פון מוזיק איז געווידמעט דער שאפונג פון די קאָמפאָזיטאָרן און פאָעטן — אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.**

20 אזייגער 00 מינוט. **ס'איז צו זען, ווי די אײַנוווינער פון שטאָט, איבערהויפט די יוגנט, פארפולן די קאפע, רעסטאָראנען, קינאָטעאטערס. אגעוו, אצינד ווערן אין שטאָט דעמאָנסטרירט פילמען — לאורעאטן פון דעם מאָסקווער צווישנפעלקערלעכן קינאָ-פעסטיוואל.**

קאָמענטאר פונעם אווטאָר: **די ביראָבידזשאנער אײַנוווינער האָבן ליב קוקן אויך די אייגענע „קינאָפראָדוקציע". ליבהאָבערישע קינאָסטודיעס פונקציאָנירן באם קולטור-הויז פון די ניי-ארבעטער, אין דער קולטור-אופקלער-שול. העלדן פון די דאָזיקע סטענגעס זײַנען מענטשן פון דער שטאָט, אוואנגארדיסטן פון דער פראָדוקציע, וועטעראנען, ערשטע בויער פון דער געגנט.**

22 אזייגער 18 מינוט. **מיט א ספעציעלן טוריסטישן צוג האָט פון כאבאראָווסק זיך אומגעקערט אהיים א גרויסע גרופע יוגנטלעכע. אין פארלויף פונעם טאָג האָבן די כעווריע באזוכט דעם קאנטישן קינסטלערישן מוזיי, געווען אפן סטאדיאָן אף וו. אי. לענינס נאָמען, אף דער נאבערעזשנע פונעם אמור, בײַגעווען אף א קאָנציערט פון דער באלעטסטודיע באם כאבאראָווסקער צווישנפאריינישן פאלאץ פון די פראָפארייגען.**

23 אזייגער 00 מינוט. **עס ווערט אויסגעלאָשן די שײַן אין די פענצטער פון די הײַזער, נאָר די שטאָט שלאָפט ניט. זי באקט ברויט אין באגעגנט צוגן, נעמט אוף די ערשטגעבוירענע קינדער און אײַלט צוהילף די קראנקע, שיקט טעלעגראמעס און גייט פאָרזיכטיק פארבײַ די פארליבטע, וועלכע זיצן אף די בענק פונעם שטאָטישן פארק.**

24 אזייגער 00 מינוט. **דער זייגער קלאפט האלבנאכט. עס ווערט געבוירן א נײַער טאָג אין דער שטאָט ביראָבידזשאן.**

לעאָניד שולמאן,
שט ביראָבידזשאן

פאַרצייַכענונגען אין דער צײַטונג „בירָאבידזשאַנער שטערן"

די ביאָגראַפיע פון א יונגן ארבעטער

אינטערעסאנט, פונוואנען האָט באם זון זיך גענומען דער טרוים צו ווערן א טאָקער? דער טאטע איז א שטוקאטור, די מאמע — א פעלדשער. סטײַטש! נאָר די עלטערן האָבן ניט דערווידערט:

— ס׳געפעלט דיר דער זאוואָד — אדערבע. ווילסט נאָכן אכטן קלאס גיין ארבעטן און פאַרזעצן די לער אין דער אָוונטשול פאר ארבעטער-יוגנט — גיי. זאָל זײַן אין א גוטער שאָ!

און סאשע רויזענבעט איז אוועק אפן „דאלסעלמאש".

דער קאדרען-אָפּטייל פונעם זאוואָד האָט זײַן פאַרלאנג פארשטאנען — געשיקט אים אין זעקסטן צעך, צו א גיטן מײַסטער. דער ערשטער לערער זײַנער און ארבעטס-דערציער איז געוואָרן אליין וואלערי וואָלינקין! קיין סאך צײַט אף זיך באקאנען מיטן שילער האָט דער מײַסטער ניט געפאטערט. „ס׳איז אן אײַנגעשפארטער באָכער, — איז ער געבליבן מיט אים צופרידן. — ער ווייסט וואָס ער וויל"...

סאשע האָט אָן אײַלעניש, אָבער זיכער באהערשט די סוידעס פונעם פאך. ער פלעגט קומען אף דער ארבעט מיט א האלבער שאָ פריִער און נאָכן אומבײַט פארהאלטן זיך א ביסל: איפראמען ארום דעם ווארשטאט, אקוראט צוניפלייגן די אויסגעפארטיקטע דעטאלן, נאָכאמאָל אויסמעסטן זיי מיטן שטאנגענצירקול. נײַגעריק און מיט פארליבטע אויגן האָט ער געקוקט אף דער מאשין, אף דער פראָדוקציע, וואָס זײַנע הענט האָבן אויסגעארבעט.

סאשעס סטאראניעס האָבן געבראכט גוטע פרוכט. אינגיכן האָט ער באקימען אן ארבעטס-ראזריאד, גענומען סיסטעמאטיש איבערפילן די אומבײַט-פארגעבונגען. ער האָט גערן זיך באטייליקט אין געזעלשאפטלעכן לעבן, געווען אקטיוו אין דער קאָמיוג-אָרגאניזאציע, ניט דורכגעלאָזט קיין איין פארמעסט אין דער צעכאָווער פוטבאָל-קאָמאנדע.

דערנאָך איז געקומען די צײַט צו דינען אין דער ארמיי. אויך דאָרטן האָט אלעקסאנדער רויזענבעט ניט געשאנעוועט קיין צײַט אף צו באהערשן די קאָמפּליצירטע טעכניק. מע פלעגט וועגן אים זאָגן: דאָס איז א סאָלדאט פון דער נ.ט.ר.[1] ניט איין מאָל מערקט אים אָפּ די קאָמאנדשאפט מיט דאנקבארקײַטן און באלוינונגען פאר דעם, וואָס ער קאָן גוט די זאך.

און אָט איז אלעקסאנדער ווידער אפן זאוואָד, אין זײַן לײַבלעך-אייגענעם צעך, לעבן דעם טאָקער-ווארשטאט. דאָס אמאָליקע נידעריטשקע באָכערל האָט זיך אויסגעצויגן אין דער לענג, געוואָרן ברייטפלייציק און פעסט געבויט. די ארמיי-דינסט האָט איבערגעלאָזט אין זײַן לעבן א גוטן שפור, געהאָלפן אים ווערן אן עכטער קאדראָווער ארבעטער אינעם צעך.

לעצטנס האָב איך געשמיעסט מיט אָט דעם כאָשעוון מענטשן. אנטקעגן מיר איז געזעסן א סטאטעטשנער, סימפאטישער מאנצבל מיט א ליכטיקן שמייכל, מיט א רויִקער שטים.

— איך ארבעט אזוי ווי אלע,— זאָגט ער באשיידן און „איז זיך מודיע" בלויז אין איינס: — כ׳האָב ליב מײַן פראָפעסיע און דין איר טרײַ...

ווי פריִער, האָבן אים זײַנע יונגע כאווייריִם אויסגעוויילט אין צעכאָוון קאָמיוג-קאָמיטעט. ווי פריִער, שפילט ער אין פוטבאָל. ער איז אן אוואנגארדיסט פון דער סאָציאליסטישער פארמעסטונג, באלוינט מיט א זילבערנעם צייכן פונעם צענטראל-קאָמיטעט פון קאָמיוג „יונגער גווארדייער פונעם פינפיאָר". און נאָך — מע האָט אים ניט לאנג צוריק

---

[1] נ.ט.ר. — נאוטשנאָ-טעכניטשעסקאיא רעוואָליוציא, געמיינט: א סאָלדאט פון דער צײַט פון דער וויסנשאפטלעך-טעכנישער רעוואָליוציע.

אַלעקסאַנדער רויזענבעט

אַנגענומען אַלס קאַנדידאַט אין די מיטגלידער פון דער לענינישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

ווירדיק האָט זיך אָנגעהויבן דאָ, אפן זאַוואָד, רויזענבעטס אַרבעטס-ביִאָגראַפיע. אפן „דאַלסעלמאַש" זײַנען פֿאָרגעקומען קימאַט אַלע וויכטיקע געשעענישן אין זײַן לעבן.

איך באַריר די פראַגע וועגן זײַן טעטיקײַט אַלס דעפּוטאַט פונעם ביראָבידזשאַנער שטאָטישן סאָוועט.

— איר ווייסט, — טוט ער זיך אַ כאַפּ, — ווען אַף דער פּאָרוואַל-פאַרזאַמלונג פין אונדזער קאָלעקטיוו האָט מען אָנגערופן מײַן פאַמיליע, איז דאָס געווען פאַר מיר אַזוי אומגעריכט, אַז כ'האָב זיך אַזש פאַרלוירן. ס'ווערט מיר שטענדיק אומהיימלעך, ווען מע ליִבט מיך אין הימל אַרײַן, ביכלאַל בין איך ניט קיין פּאַכדן, אָבער דאַן האָב איך זיך ניט אַף קאַטאָוועס דערשראָקן. דעם צוטרוי מוז מען באַרעכטיקן...

אַלעקסאַנדער רויזענבעט וואַרפט זיך ניט מיט ווערטער. זײַן קאָלעקטיוו פאַרשעמט ער קיינמאָל ניט.

פ. פּאַסמאַניק

די עמעסע היים

יאָסל פוקס

יאָסל פוקס איז לײַכט, באַ זײַנע פיפציק יאָר, אַראָפּגעשפּרונגען פונעם לאַסט-אויטאָמאָביל און געבליבן פאַרגליווערט שטיין, גלײַך ער וואָלט זיך אין עפּעס אײַנגעהערט, אָדער אײַנגעקוקט. אין דער אווטאָמאַשין זײַנען אַף פּעקלעך און אַף קלומעקעס געזעסן, צוזאַמען מיט נאָך איין מישפּאָכע איבערוואַנדערער, עטל, יאָסלס פרוי, און צוויי זײַנע טעכטער. זיי האָבן ניט אַראָפּגעלאָזט פון אים די אויגן, מיט אומגעדולד געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן. כאָטש וואָס קאָן מען שוין זאָגן, אויב מע איז געקומען אַהער פאַר צען טויזנט ווערסט? עס איז איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּגעמאַכט. נאָר צוריקגערעדט, איז יאָסל פון יענע פּאַרשוינען, וועלכע קאָנען פּלוצעם זיך באַטראַכטן און פאַרקערעווען די אַגלאָבליעס.

יאָסל איז געשטאַנען שווײַגנדיק, געקוקט אינדערווײַט אפן סטעפּ, איבער וועלכן אַ לײַכט ווינטל האָט געטריבן גרינע כוואַליעס אַזש צו דער בלויער קייט סאָפּקעס, וואָס האָבן באַם סאַמע האָריזאָנט אינטערגעשפּאַרט דעם עטוואָס אָפּגעבליאַקעווען הימל. „וואָס האָב איך דאָרט פאַרלאָזט, און וואָס האָב איך דאָ געקראָגן?" — האָט דערבײַ יאָסל געטראַכט, פאַרגלײַכנדיק די אַלטע ייִדישע קאָלאָניע, פונוואַנען ער איז געקומען אַהער, מיט אָט דעם נײַעם מאָקעם-מיקלעט. אַלנפאַלס, אַזוי אָדער אַנדערש האָט אים אָפּגעגליקט: דאָס ווײַב און די קינדער זײַנען געבליבן לעבן, און זיי געפינען זיך מיט אים דערנעבן. זיי וואָלטן, פאַר קיינעם געדאַכט, געקאָנט שוין ליגן אַף יענער-וועלט אינײנעם מיט לייבלען און מיט זײַן געזינד. דער ברודער לייב, וועלכן די דײַטשן האָבן ראָצכיש אומגעבראַכט, איז אים נאָכגעגאַנגען פּוסטריט, פאַרשאַפנדיק גרויס האַרצווייטעק, ניט לאָזנדיק אים רויִק אַרבעטן. ווײַזט אויס טאַקע, אַז די קוואָרים פון די פאַרשניטענע, דאָרט, וווּ עס איז געשטאַנען זײַן שטוב, האָבן אומופהערלעך געשטערט

היילן דעם זיקאָרן אין סאָפּקאָלסאָף געצוווּנגען אים, יאָסלען, איבערפּעקלען זיך אהער.

„סארא ראכוועסן! — האָט, קוקנדיק אפן סטעפּ, געטראכט יאָסל פוקס. — פּאראן ווּ צולייגן א האנט!” ער האָט א קערעווע געטאָן דעם קאָפּ צו די אווטאָמאשינעס. די איבערוואנדערער האָבן לעבן זיי שוין געדריקט די הענט בא די היגע טוישווים, געענטפערט אף זייערע פראגן, אליין וועגן עפּעס געפרעגט. יאָסל האָט געכאפּט אף זיך עטלס בליק. ער האָט זי פארשטאנען און אופגעהויבן די האנט. דאָס איז געווען א סימען, וועלכן בלויז עטל האָט געוווּסט. זי האָט פריידיק א פּליעסקע געטאָן מיט די דלאָניעס: אים איז געפעלן, זיי בלײַבן דאָ...

פון יענעם ווײַטן מײַ-טאָג, ווען יאָסל פוקס מיט זײַן מישפּאָכע איז צום ערשטן מאָל געקומען צו פאָרן אין דאָרף נאָוואָיע, לעבינסקער ראיאָן, איז אדורך שוין העכער זעקס און דרײַסיק יאָר. דרײַסיק פון זיי האָט פוקס אָפּגעארבעט אינעם אָרטיקן קאָלווירט „טרודאָוואיא ניווא”.

מיר זיצן מיט פיקסן באם פּלויט פון זײַן הויף אף אלטע צעטראסקעטע קלעצער. דער טאָג איז א זוניקער. דערנעבן, אין ווארעמען שטויב פונעם וועג, שאַרן זיך, קוואָכטשענדיק, היגער. ערגעץ בילט א הינטל, זעט אויס, אז מע רייצט עס. פייגל זינגען פארשײַט אין דער געדיכטער גרינער קרוין פונעם פּאפּלבוים, וועלכער שטייט אין פּאליסאדניק. א געוויינלעך פרידלעך דאָרפיש בילד...

— ווען מיר זײַנען אהער-אָט געקומען, — דערציילט יאָסל פוקס, — איז לויט יענער צײַט דאָ געווען א פעסטער קאָלווירט. פארשטייט זיך, אז פארגלײַכן אים מיט דעם, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר אצינד, איז קיין רייד ניטאָ. איצט איז דער קאָלווירט א פילצווײַגיקע אנטוויקלטע ווירטשאפט. און וואָס איז שײַעך דער פיצוכט, איז זי ניט זעלטן דער טאָנגעבער פון דער סאָציאַליסטישער פארמעסטונג אין דער געגנט אינגאנצן גענומען...

איך קוק אף זײַן פארברוינט געקנייטשט פּאָנעם, אף זײַנע אָנגעהאָרעוועטע אָדערדיקע הענט, וואָס ליגן רויִק אף די קני, און קלער, אז יאָ, די דאָזיקע הענט טוען אלץ, וואָס עס פאָדערט זיך טאָן אין דאָרף. מיט אָט די הענט האָט ער דאָ אוועקגעשטעלט זײַן שטוב, אין וועלכער ער לעבט איצט מיט דער טאָכטער מאניע און מיט דעם איידעם ארקאדי. יאָסלס הענט האָבן געהאלטן די טשאפּיגעס פון אן אקער און די הענטלעך פין זייעלקעס, זיי ווייסן די קאָסע און די לייצעס, דעם האמער און די לאָפּעטע.

א געבוירענער און אויסגעוואקסענער אין דער אלטער יידישער קאָלאָניע דאָבראָיע אף כערסאָנשטשינע, האָט יאָסל פוקס אלע זײַנע יאָרן זיך פארנומען מיט ערדארבעט און מיט אלעם אנדערס, וואָס עס טוט א פויער. אין זײַן לעבן האָט ער בלויז אף פיר יאָר זיך צעשיידט מיט דער ערד. אָבער ניט מיט דער ארבעט. אלע פיר יאָר פין דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע איז ער געווען א סאפּיאָר, און דאָרט, ווּ מע רויִנירט געוויינלעך, האָט ער געבויט. פיר יאָר ניט ארויסגעלאָזט פון דער האנט די האק און דעם זאסטעפּ, די זעג און דעם לאָם.

אזוי פירט זיך שוין, אז מיר, זשורנאליסטן, דערציילנדיק וועגן די ערשטע איבערוואנדערער, שרײַבן, אז זיי האָבן ליב באקומען די בײַאמורער ערד, איר פרעכטיקע נאטור, און זיי האָבן דאָ געלאָזט וואָרצלען, און אז זייער זאָך זעצן פאָר די קינדער און אייניקלעך. און האגאם דאָס איז א ריינער עמעס, האָב איך אָבער געוואָלט זיך באגיין אָן אזעלכע סטערעאָטיפּע פראזעס. דעריבער האָב איך געפרעגט בא יאָסלען, צי עס ציט אים ניט קיין דאָבראָיע, ווּ ער האָט אָפּגעלעבט א העלפט פון זײַנע יאָרן. דאָס אָרט, ווּ א מענטש ווערט געבוירן, איז עפּעס די ווערט! פוקס האָט מאָדנע אף מיר א קוק געטאָן, גלײַך ער האָט געוואָלט זיך צעשמייכלען און ניט געקאָנט. און דאָס האָט, א סוואָרע, געדארפט באטײַטן, אז מײַן פראגע איז ניט קיין קאָרעקטע. ער איז אופגעשטאנען פון דער קלאָץ, גענומען טאָפּטשען זיך דערנעבן, ווידער זיך צוגעזעצט. א רוק געטאָן דאָס היטל אפן סאָמע קארק, שטיל א זיפץ געטאָן:

— צופיל קוואָרים דאָרטן...

א ווײַלע געשוויגן.

איך האָב א טראכט געטאָן, אז מײַן פראגע וועט זיך סײַוויסײַ אומקערן צו מיר מיט א שוין געוויינלעכן „סטאנדארטן” ענטפער. אזוי האָט זיך טאקע באקומען.

— דאָ איז מײַן עמעסע היים, — האָט ענדלעך געזאָגט פוקס, — מײַן עטל רוט שוין אין אָט דער ערד, אף אָט דער ערד לעבן מײַנע קינדער און די אייניקלעך. שוויס האָב איך דאָ פארגאָסן מער, ווי דאָרט. איז דען דאָס אלץ קלייניקײַטן?!

ניין, ניט קיין קלייניקײַטן. פארן 86-יאָריקן יאָסל פוקס איז די בײַאמורער ערד טאקע אן עמעסע היים. און פאר זײַנע יאָרשים — אויך.

ר. שויכעט

ביראָבידזשאַנצעס

די אַרבעטערן פון דער ביראָ־
בידזשאַנער ניי־פאַבריק, דעפּו־
טאַט פון שטאַט־סאָוועט נאַטאַליע
שטיין

אינעם געגנטלעכן מוזיי

די קאַמיוגיש־יוגנטלעכע בריגאַדע פונעם זאַוואָד פון קראַפט־טראַנספאַרמאַטאָרס. פון רעכטס אַף לינקס:
וו. טשערקאַס, י. שאַפּיראָ (בריגאַדיר), א. גוראַלניק, ג. אָגאַרקאָוו

די אַרבעטערנס פון דער בּיראָבּידזשאַנער טריקאָטאַזש־פאַבריק אירינע געלפאַנד
(רעכטס) און איר טאָכטער ליודמילע

איגאָר פײַנבערג (רעכטס) און אָלעג ווײַצמאַן — שלאָסערס פונעם זאַוואָד פון
קראַפט־טראַנספאָרמאַטאָרס



איין מאָל אפן גאַנצן לעבן

אין זײַן לעבן האָבן זיך געביטן פאַרשיידענע שטעט פון אונדזער לאַנד: באָברויסק און מאָסקווע, יוזשנאָ-סאַכאַלינסק און ביראָבידזשאַן. אומעטום האָט אים געפירט איבערן לעבן די ליבע צו דער אוראַלטער און אייביקער טעאַטראַלער קונסט. די דאָזיקע ליידנשאַפט איז ניט אויסגעשעפט געוואָרן אין זײַן האַרצן ביז הײַנטיקן טאָג...

1.

באַסיע און כאַים שיין האָבן אַפילו ניט געטרוימט וועגן דעם, אַז זייער זון מישע וועט ווערן אַן אַקטיאָר. נאָר אין באָברויסק, ווו זייער געזינד האָט געוווינט, איז געווען טעטיק אַ דראַמאַטיש קרײַזל, און אויב עס איז פאַראַן אַ קרײַזל, מוזן זײַן אַרטיסטן. דער פּאָפּצניאַריקער מישע איז איינמאָל געקומען קוקן טעאַטער, און איז שוין דאָרט, אַזוי צו זאָגן, פאַרבליבן אַפן גאַנצן לעבן...

אין 1929, נאָכן טויט פון דער מיטער, פאָרט ער אַוועק קיין מאָסקווע, קומט אָן אַרבעטן אַף אַ נײַ-בויונג. אין די אָוונטן פּלעגט ער, צוזאַמען מיט נאָך יונגע כעווריע, בײַזײַן אַף די רעפּעטיציעס פונעם דראַמאַטישן קאָלעקטיוו בא זייער צוזאַמענווינונג. דאָ האָט מיכאל זיך באַפרײַנדעט מיט סעריאָזשע גאַלאָוואַנאָוו, וועלכער איז אויך געווען פאַרליבט אין טעאַטער. אין 1932 האַלטן זיי ביידע אויס דערפאָלגרייך דעם עקזאַמען אין דער טעאַטראַלער סטודיע באַם פּראָפאַרייִן פון די אַרבעטער פון דער בוי-אינדוסטריע, און זיי ווערן אַרטיסטן.

מיכאלס ערשטע טריט אַף דער בינע זײַנען בעפּיירעש געווען געלונגענע. גענוג צו זאָגן, אַז ער האָט געשפּילט אין אַזעלכע ספּעקטאַקלען, ווי ווסעוואָלאָד ווישנעווסקיס „די ערשטע רײַטער-אַרמיי", לעאָניד בראַיסעוויטשעס „רויטע יאַמלײַט". ער איז געפאָרן מיטן טעאַטער אַף גאַסטראָלן קיין מיזרעח-סיביר, אין קוזבאַס, אפן אַלטײַ.

מיכאל פּלעגט אָפט באַזוכן דעם מאָסקווער מעלוכישן ייִדישן טעאַטער, ווו עס האָבן דאַן געשפּילט די אומפאַרגעסלעכע מײַסטערס-צייבערער שלוימע מיכאָעלס און ביניאָמין זוסקין. נאָר ס'איז געווען נאָך איין סיבע, פאַרוואָס עס האָט אים געצויגן אַהער: אין דער טעאַטראַלער סטודיע באַם גאָסעט האָבן זיך געלערנט זײַנע לאַנדסלײַט מאַקס ריינגאָלד און יודל גורעוויטש. איינמאָל, — געווען איז דאָס אין 1934, — האָבן זיי אים דערציילט, אַז מע ווערבירט מענטשן, וואָס ווילן איבערפאָרן קיין ביראָבידזשאַן, און טאַקע צוליב דעם איז פון דאָרט געקומען דער יונגער דיכטער עמאַנויל קאַזאַקעוויטש.

די כאַווײרים האָבן אײַנגערעדט מישען — ער האָט באַשלאָסן פאָרן קיין ביראָבידזשאַן צוזאַמען מיט זיי. קאַזאַקעוויטש האָט געפאָדערט, אַז מיכאל זאָל דורכגיין אַן אַרטיסטישן אויספּרווו, און מישע האָט באַוויזן עטלעכע סצענקעס. צום גליק, זײַנען זיי דעם דיכטער געפעלן געוואָרן.

אין ביראָבידזשאַן האָט די נײַ-אָרגאַניזירטע טרופּע געשפּילט אַף דער בינע, זיך באַגעגנט מיט אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, באַוויזן ספּעקטאַקלען אויך אין כאַבאַראָווסק, קאָמסאָמאָלסק-אַפן-אַמור און אין אַנדערע ווײַטמיזרעכדיקע שטעט. אָבער אינגיכן איז אויסגעבראָכן די מילכאָמע...

2.

אין מיכאל יעפימאָוויטשעס פּערזענלעכן אַרכיוו האָב איך אָנגעציילט דרײַצן דאַנקבאַרקייטן פון דער מיליטערישער קאָמאַנדשאַפט פאַר געוואַגטקייט און העלדנמוט אין די שלאַכטן באַם באַשיצן מאָסקווע, פאַר באַפרײַען ברעסט, ריגע, פּינסק, וואַרשע. איינעם מיט דער 415-טער דיוויזיע האָט ער דורכגעמאַכט אַ וועג פון מאָסקווע ביז צו דעם טײַך עלבע. דאָרט איז ער שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן און איז אַ האַלב יאָר אָפּגעלעגן אין שפּיטאָלן. דעם טאָג פונעם ניצאָכן באַגעגנט ער אַף אַ שפּיטאָל-בעטל אין סאַראַטאָוו, אַ באַלוינטער מיט אָרדן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, מיט אַן אָרדען פונעם רויטן שטערן, מיט פילצאָליקע מעדאַלן און אויסצייכענונגען. און נאָך איין ווײכטיקע דעטאַל פון זײַן ביאָגראַפיע: אין 1942 איז ער אָנגענומען געוואָרן אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי נאָך איינער אַ פאַרביסענער שלאַכט הינטער מאָסקווע. ער איז דאַן אַלט געווען 30 יאָר.

אינגיכן נאָך דער מילכאָמע איז מיכאל יעפימאָוויטש, צוזאַמען מיט זײַן פרוי, דער פּראָפעסיאָנעלער אַקטריסע בערטע שילמאַן, אַוועקגעפאָרן אַף סאַכאַלין. געאַרבעט האָט ער דאָרט אַלס אינספּעקטאָר פונעם קולטור-

אופקלער-אָפטייל באם יוזשנאָ-סאכאלינסקער שטאָטויספירקאָם און אלס דירעקטאָר פון די קולטור-הײַזער אין די שאכטיאָרישע יישווים װאכרושעװאָ און סינעגאָרסק. מיכאיל שיינס גאסטפרײַנטלעכע דירע פלעגן אָפט באזוכן אקטיאָרן, מוזיקאנטן און זינגער, וועלכע האָבן גאסטראָלירט אף סאכאלין. דאָ ניט לאנג צוריק איז אין ביראָבידזשאַן ארויסגעטראָטן דער פּאָפּולערער ארטיסט פונעם אָריגינעלן זשאַנער דזשאָן מאָסטאָסלאווסקי. נאָך איינעם א קאָנצערט איז ער צוגעגאנגען צו מיכאיל יעפימאָוויטשן און געפרעגט:

— אנטשולדיקט, איר האָט אמאָל געווינט אף סאכאלין?

— יאָ.

— איר געדענקט מיך ניט?! — האָט דער ארטיסט עטוואָס אן אנטוישטער אויסגעשטאמלט. — אָבער איך געדענק. איך בין געווען בא אײַך צוגאסט דאָרטן...

דער פאָלקס-ארטיסט פון פססר דמיטרי גנאטיוק דערמאָנט זיך, וויאזוי ער איז ארויסגעטראָטן פאר די סאכאלינער האָרעפּאשניקעס אין מיכאיל יעפימאָוויטשעס אָנצוג. דאַן איז דער נאָך אומבאוווסטער יונגער זינגער פון קיִעוו געקומען אהין אף גאסטראָלן אין א דין זומערדיק העמדל, און אף דער עסטראַדע איז שוין געווען אומהיימלעך ארויסצוטרעטן אין אזא אָנצוג, און געהאָלפן האָט אים מיכאיל יעפימאָוויטש...

אָט אזעלכע באגעגענישן מיט פרײַנט זײַנען געווען בא אים א סאך. אויך אצינד שרײַבט ער מיט זיי זיך איבער. אגעוו, סעריאָזשע גאָלאָוואנאָוו, מיט וועמען ער האָט אמאָל זיך געכאווערט, איז איצט א פארדינסטפולער ארטיסט פון רספסר, א קינאָ-מײַסטער. און יאשע רובין, מיט וועלכן ער האָט געלעבט אין איין צימער נאָכן אָנקומען קיין ביראָבידזשאַן, ארבעט אלס רעזשיסער אינעם סאראטאָווער טעאטער אף קארל מארקס' נאָמען. מיכאיל יעפימאָוויטש באקומט בריוו פון פרײַנט אין מאָסקווע און סאראטאָוו, קראַסנאָיארסק און סאכאלין, כאבאראָווסק און לעגינגראד. די כאווירים און פארערער פארגעסן אים ניט.

.3

אין 1971 האָט צו מיכאיל שיינען און בערטע שילמאן זיך צוריקגעקערט, ווי מע זאָגט, די צווייטע יוגנט. זיי האָבן אפסנײַ אָנגעהויבן ארבעטן אין ביראָבידזשאַן — אין דער שטאָט פון זייער לעבנס-פריילינג, ווו עס

מיכאיל שיין

האָבן זיך צום ערשטן מאָל איבערגעקרייצט זייערע שעפערישע וועגן.

נאָכן טויט פון מ. בענגעלסדאָרף — דעם טאלאנטפולן רעזשיסער פונעם ביראָבידזשאַנער יידישן פאָלקס-טעאטער און הארציקן כאווער זייערן, האָט בעראָש פונעם קאָלעקטיוו זיך געשטעלט בערטע שילמאן. מיכאיל יעפימאָוויטש האָט אויסגעפילט פארשיידענע ראָלן אין אירע שטעלונגען. ער האָט געשאפן די געשטאלטן פון עליאָקומען אין אווראָם גאָלדפאדענס „קישעפמאכערן", טעוויען אין שאָלעם-אליינכעמס „טעוויע דער מילכיקער", פונעם דאָקטער איוואן טאלאנאָוו אין לעאָניד לעאָנאָווס דראמע „אינוואזיע", וועלכע ס'האָט איבערגעזעצט אין יידיש דער ביראָבידזשאַנער פראָזאיקער העשל ראבינקאָוו. מיכאיל שיין האָט אויך געשפילט אין די פיעסן פונעם ביראָבידזשאַנער שרײַבער און דראמאטורג בוזי מילער „פון הימל פאלט גאָרניט אראָפּ" און „דרײַסיק דרײַ גיבוירים". מיט שאָלעם-אליינכעמס „סטעמפעניו" איז דער טעאטער ארויסגעטראָטן אפן זאָנאלן דורכקוק פון די פאָלקס-טעאטערן אין וולאדיוואָסטאָק און איז דאָרט צום דריטן מאָל געוואָרן א לאורעאט פונעם אלפארבאנדישן פעסטיוואל פון זעלבסטטעטיקער שאפונג. מיכאיל יעפימאָוויטש איז אין 1979 באערט געוואָרן מיט א דיפּלאָם פונעם קאנטישן הויז פון פאָלקס-שאפונג און פון דער קאנטישער קולטור-פארוואלטונג פאר דער בעסטער אויספילונג פון א מאנצבלשער ראָל (טעוויע אינעם ספעקטאקל „טעוויע דער מילכיקער").

ווען מיכאיל שיין איז געוואָרן א בענשיווים, האָבן אים מיט גרויס קאָוועד באגריסט

זײַנע פרײַנט, באַקאַנטע, פילצאָליקע ליבהאָבער פון דער טעאַטראַלער קונסט. עס זײַנען אָנגעקומען טעלעגראַמעס פון פאַרשיידענע שטעט. די אָנפירונג פונעם ביראָבידזשאַנער קולטור-פּאַלאַץ האָט אים באַלוינט מיט אַן ערן-גראַמאָטע פאַר זײַן בײַטראָג אין דער קאָמוניסטישער דערציִונג פון דער יוגנט.

מיכאַיל שיין איז, ווי פריִער, יונג און ענערגיש, ווי פריִער, זײַנען בײַ אים די אויגן פול מיט גוטסקײַט און כיין, ווי פריִער, איז ער געטרײַ דער טעאַטראַלער קונסט.

א וווּנדערבאַרער מענטש איז אָט דער מילכאָמע-וועטעראַן, דער קאָמוניסט מיט אַ פערציקיאָריקן סטאַזש — מיכאַיל שיין, וועלכער האָט אָפּגעגעבן דער בינע פופציק יאָר פון זײַן לעבן.

ל. שקאָלניק

■

געזונט זאָלט איר זײַן, קינדערלעך!

אויפן טיש איז געלעגן אַ בינטל צײַטונגען, און גאַנץ צופעליק האָט דער בליק זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שטעל פון עפּעס אַן אַרטיקל, אין וועלכן ס'איז געגאַנגען אַ רייד וועגן אַ געשעעניש, וואָס איז פאָרגעקומען מיט פופציק יאָר צוריק:

„...אין סענטיאַבער 1933 איז מיט אַ פּויִוקע פונעם צענטראַל-קאָמיטעט פון קאָמיוג געקומען צו פאָרן פון זײַן היימשטאָט וויטעבסק אויפן ווײַטן מיזרעך דאָוויד שוריק. דאָ האָט מען אים געשיקט פאַר אַ פּיאָנערוואָזשאַטע אין דער שול, וועלכע האָט זיך געפונען אין איינעם אַ באַראַק...”

פאַר די ביראָבידזשאַנער טוישווים דאַרף מען ניט פאָרפינקטלעכן, ווער ער איז, דאָוויד שוריק, און ס'איז פאַר זיי אויך ניט קיין חידוש, וואָס עס גייט אַ רייד וועגן אַ שול, וועלכע האָט זיך געפונען אין אַ באַראַק. אָבער פון יענעם באַראַק ביז דער נאָרוואָס געבוירענער שול אין סאַמע צענטער פונעם יישעוו אויפן נאָמען פונעם העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד יויסעף בומאַגין, וועלכע האָט דעם 1 סענטיאַבער 1983 געפּראַוועט כאַנוקאַס-האַבאַיִס, איז פאָלג מיך אַ גאַנג! אַ פּירשטאָקיקער פּאַלאַץ מיט ברייטע, ליכטיקע פענצטער, וואָס פינקלען אַנטקעגן דער זון מיט אַלע קאָלירן פונעם רעגנבויגן און שפּיגלען זיך אָפּ אין די לויכטנדיקע פּנעמער פון די קינדער, פון די לערער, פון די מאַמעס און טאַטעס, באָבעס און זיידעס, וועלכע פילן זיך אויך ווי נײַ-געבוירענע אויף אָט דעם גרויסן יאָמטעוו.

אַגעוו, וועגן דער זון. נאָך מיט אַ טאָג פריִער, פאַרן 1 סענטיאַבער, האָט געגאָסן אַ רעגן. די שטאָט איז געשווּמען אין וואַסערשטראָמען, און ס'האָט זיך געדוכט, אַז קיין סאָף וועט פון אָט דעם מאַבל ניט זײַן. אָבער זעט איר דאָך. די זון האָט זיך פאָרט דורכגעריסן — מיט אַקשאָנעס, מיט אימפּעט, מיט פרייד, אויף וואָס נאָר די ביראָבידזשאַנער זון איז פעיִק. זי האָט דורכגעבראָכן די וואָלקנס, פראַנק און פרײַ זיך געלאָזט אימגיין איבער דער שטאָט, און נאָך איידער אין די שולן האָט זיך צעקלונגען דאָס ערשטע גלעקל, האָט זי זיך שוין געפילט מײַסע באַלעבאָסטע. וואָדען, ס'איז דאָך יאָמטעוו — ווי קאָן זײַן יאָמטעוו אָן אַ זוניקן שמייכל?

און אַז עס שמייכלט די זון, שמייכלט די גאַנצע וועלט. גאַנץ ביראָבידזשאַן האָט געשמייכלט. און אָט דעם שמייכל האָט מען געזען אויף אַלע גאַסן, אין אַלע הײַזער, אין אַלע פּנעמער. און, פאַרשטייט זיך, אין די אויגן פון מענטשן. סײַ בײַ די קינדער, סײַ בײַ זייערע עלטערן.

פאַרוואָס האָבן דאָס די וועטעראַנען אָנגעטאָן הײַנט אַלע רעגאַליעס? אָט גייט, לעמאָשל, איבער דער לעניִן-גאַס אַווראָם מאָרדוכאָוויטש. אויף דער אַרבעט גייט ער? ניין, ס'איז נאָך פרי צו גיין אויף דער אַרבעט. און אָנגעטאָן איז ער אויך יאָמטעוודיק, די גאַנצע ברוסט אין אָרדענס און מעדאַלן.

— וווּהין אײַלט איר דאָס, אַווראָם איליטש?

— וואָס הייסט, וווּהין? אין מײַן שול!

מיר האָבן פאַרגעסן, אַז הײַנט איז דער ערשטער לימעד אינעם ערשטן טאָג פון דעם נײַעם לערניאָר. „אַ לימעד פון שאָלעם” — אַזוי הייסט ער. צום אַלעם ערשטן דאַרף מען, עס זאָל זײַן שאָלעם אויף דער וועלט, ס'זאָל

קיין שום יאַמטעוו אונדז ניט פאַרשטערט ווערן, און אויך אַט דער הײַנטיקער יאַמטעוו.

דערפאַר גייט ער עס איצט אין „זײַן שול", דער וועטעראַן פון דער גרויסער פאַ-טערלענדישער מילכאָמע, דער העלד פון די סטאַלינגראַדער שלאַכטן — אווראָם מאָרדוכאָ-וויטש. ער גייט אין דער שול נומ. 1, ווו ער האָט אמאָל זיך געלערנט, דאָרט וועט ער דורכפירן א לימעד פון שאָלעם. ער וועט דערציילן די קינדער, וויאַזוי ער און זײַנע שול-כאַווײרים האָבן זיך געשלאָגן אפן פראָנט קעגן דעם סוינע. ווײַט ניט אלע האָבן זיך אומגעקערט פונעם שלאַכטפעלד — וועגן דעם זאָגט אײדעס דער מעמאָריאַל-טאָוול, וועלכער הענגט אין וועסטיביול פון דער שול. וועט ער שוין בעמײלע הײַנט ריידן אויך אין זייער נאָמען — מע זאָל וויסן, מע זאָל געדענקען, אז דער הײַנטיקער יאַמטעוו איז ניט אזוי לײַכט אָנגעקומען, עס איז אויסגעקומען צו באצאָלן פאַר אים מיט בלוט, מיט א סאַך בלוט, מיט הײליק בלוט...

עס זעען אויס יאַמטעוודיק אויך די בויער. אין אלע 30 קלאַס-צימערן גייען שוין די לי-מודים, אָבער די בויער האָבן נאָך וואָס צו טאָן. אין הויף, אף דער גאַנצער טעריטאָריע, אינעם אָראַנזשערייע-קאָמפּלעקס אַרבעט מען נאָך.

„א גרויסן דאַנק די בויער פאַר דער נײַער שול!" — דער דאָזיקער פּלאַקאַט וועט נאָך לאַנג הענגען, ווײַל ס'איז בעפײרעש דאָ פאַר וואָס צו דאַנקען.

— די אַרבעטער פון דער בוי-פאַרוואַל-טונג נומ. 254 ווינטשן אײַך גוט זיך לערנען און זײַן געזונט! — האָט צוגעווינטשעוועט די

די געבײַדע פון דער נײַער שול

שילער דער שעף פון דער פאַרוואַלטונג מי-כאַיל אקסעלראָד, אויך א שמייכלענדיקער, אויך א גליקלעכער. און לעקאָוועד דער עפע-נינג פון דער שול ווערט איבערגעגעבן די נײַע באַלעבאַטים א סימבאָלישער שליסל.

גליקלעך זײַנען די שילער, גליקלעך זײַ-נען די לערער, גליקלעך זײַנען די עלטערן. דער דירעקטאָר פון דער נײַער שול וויקטאָר טשולדין איז גליקלעך אוואַדע: ס'איז פאַר אים א גרויסער קאָוועד אָנצופירן דאָ מיט א לערער-קאָלעקטיוו פון פיר צענדליק פּעדאַ-גאָגן און מיט א שילער-קאָלעקטיוו פון 1300 קינדער. א קאָוועד און א פאַראַנטוואָרטלעכ-קײַט. דערפאַר איז אזוי אָנגעשטרענגט זײַן

דער סימבאָלישער שליסל

פּאָנעם, דערפאר האָט ער ערשט נאָרוואָס געשמייכלט, און אָט איז ער ווידער פארדײַגעט. אוי, וויפל ארבעט סוועט נאָך זײַן: א נײַע שול, א נײַער קאָלעקטיוו, א נײַ לעבן!

אָט איז אָפן די טיר פון א קלאס. מיר גייען ארײַן. ס'איז דער נײַנטער קלאס. א לימעד פון דײַטשישער שפּראך. די לערערן לידמילע וועכטער איז דאָ אויך א נײַע, כאָטש איר פעדאגאָגישער סטאַזש פארנעמט שוין א גאנצן יאָרצענדליק. אָבער אין א נײַער שול איז זי אויך א נײַע. דאָ, אין ביראָבידזשאן, איז זי געבוירן געוואָרן, איר מאמע איז אהער געקומען אין 1948 יאָר מיטן סאמארקאנדער עשעלאָן...

איבערן קאָרידאָר „צעשיט זיך" א כאָפּטע כײַנעוודיקע ייִנגעלעך און מיידעלעך. דאָס ערשטע מאָל אין ערשטן קלאס. אָט די קינדערלעך דערקענט מען גלײַך, און נאָך דערקענט מען זיי לויט זייערע מאמעס און טאטעס, זיידעס און באָבעס, וועלכע שטייען אויך שטראלנדיקע בא דער טיר פונעם קלאס. די שול פארמאָגט זעקס ערשטע קלאסן, קיין אײַנהאָרע ניט! צוויי הונדערט מיט עלף נײַע שילער. מיט פופציק יאָר צוריק איז אזויפיל ניט געווען אין דער ערשטער ביראָבידזשאנער שול...

געזונט זאָלט איר זײַן, קינדערלעך!

געזונט זאָלט איר זײַן, לערער!

געזונט זאָלסטו זײַן, ביראָבידזשאן! א פײַנע מאטאָנע האָסטו באקומען ערעוו דײַן גאָלדענעם יובילײ!

ב. רודער

פון דער פריִער ביראָבידזשאנער דיכטונג

איציק בראָנפמאן

דאָס ערשטע מאָל

אין טאָל, וואָס זינגט מיט זיבערן קרישטאָל
פון וואסערפאל דעם זילבערנעם און שיינעם,
איז זעץ זיך צו מיט מיר אינייינעם,
זאָל קלינגען הויך און מונטער ביידנס קאָל!
זאָל אונדזער ליד בארעגענען די לאָנקעס
און יעדע בלום, איר בעכער און איר שטאנג.
ס'האָט קיינמאָל, טײַערע, אָט דאָ נאָך ניט געבלאָנקעט
א קאָל אין פרייד און מיידלשן געזאנג.
איז שעפּ מיט קרוג דעם וואסערדיקן זילבער,
פון זיבן פארבן טרינקען דײַנע אויגן:
אויף הימל העפט זיך אויס א רעגנדיקער בויגן,
אין פּאָנעם שפּילט די זון בא דיר איצט מילדער.
...דו קוקסט אין ווײַט, ווי ס'וואָלט דיר איינער ווינקען
פארליבטערהייט אין ווארטעניש פארקלעמט...
. . . .
ס'האָט קיינער, טײַערע, פון קוואל דאָ ניט געטרונקען,
ס'איז קיינער, פרײַנט מײַנער, דאָ קיינמאָל ניט געווען!

מײַן יונגע שטאָט

ביסט געוואקסן, אויסגעוואקסן,
שטאָלץ דײַן בליק, געזונט די אקסל.
ביסט שוין גרויס און שיין געוואָרן,
יונגע שטאָט אין דער טײַגא.

אין דײַן וויג פון בלעטער וווייכע
איך געדענק דײַן ערשטן שמייכל
און די נאכט פון דײַן געבאָרן
בא דעם טײַך בירא.

קוק איך אין די רוימען קלאָרע,
זע איך דײַנע קינדער־יאָרן,
כ'האָב מיט זיי געשפּאנט צוזאמען
אינעם שטורמישן בוראַן.

לאכן ווילט זיך איצטער העכער
מיט א לויטערן געלעכטער
און מיט דיר נאָך פעסטער שפּאנען,
יונגע שטאָט ביראָבידזשאן.

פייסי יאנאָווסקי

טײַגע

ווילדע טײַגע, אַלטע טײַגע,
היכע קעדערס, פּיכטעס-ריזן.
פֿלעכטן זיך פּאַטלאַטע צווײַגן,
צו די וואָלקנס הויך פּאַריסן...

אין די זומפּן דײַנע ווימלען
שלײַם און מאָך און פּרעש און שלאַנגען,
און די ליכט פֿון זון אין הימל
צו דײַן מיט איז ניט דערגאַנגען.

אַלטע טײַגע, ווילדע טײַגע,
ס'בלאָנדזשעט ווינט דאָ טעג און וואָכן.

מיט די העק און מיט די זעגן
האָבן מיר דיך דורכגעבראָכן.

און מיר קאָרטשעווען די וועלדער,
אַזש דער שווייס באַדעקט דעם שטערן.
גרינען זאָלן קאָרן-פֿעלדער,
וווּ געווינטערט האָבן בערן.

ווילדע טײַגע, אַלטע טײַגע,
זעסט, ווי ס'לײַכט דער צאָפֿן-שטערן...
ס'קאָן מײַן ליד דיך ניט פֿאַרבײַגיין,
אונדז, נאָר אונדז דו וועסט געהערן.

1935

✧

הענעך קויפֿמאַן

אין טאָל

דער קאַנט וואַכט אויף!
אַף צווײַגן האָט א פּילין אָפּגעטרייסלט טוי פֿון בלעטער,
אין טיפֿן וואַלד א מאַכנע קעדראָווקעס האָט אויפֿגעוואַכט,
און ערגעץ זוכט דער מאָרגנשטערן צווישן צעדער
א ווײַסן שטעג, ווי א יעגער אין דער נאַכט.

די טײַגע רופֿט!
אין אוראַלט שטייען ביימער מיט פֿאַרנייגטע רוקנס,
נעם האַק זיי אויס, ווי גלײַך ס'וואָלט גאָרנישט ניט געווען.
ס'וועט קיינער פֿאַרן שאַמאַן ניט קומען מער זיך בוקן,
ס'וועט קיינער מער ניט קני̇ען פֿאַרן וואָרצל-מענטש זשען-שען.

מײַן פֿאָלק גרײַפֿט אָן!
אָט זע פֿון זעג די שאַרף-אָנטבלויזטע מעסערס,
זיי שנײַדן זיך אַרײַן אין דעמב מיט אָנגעשאַרפֿטע ציין.
עס טאַנצט א שטראַל אַף שאַרפֿקײַט פֿון לעמעשן —
די רויערד שפּרייט זיך אין א ראַכוועסדיקן פֿליין.

ס'איז טאָג אין טאָל!
אַף ווײַטע בערג שוועבט אויף דער וואַלד אין פֿלאַמען
און שפּיגלט אָפּ אין מײַנע אויגן שטראַלן גליק,
כאָטש ס'האָט דאָ קיינמאָל ניט מײַן אַלטע מאַמע
געוויגט מיך בא דער בירע אין דער וויג...

דער ערשטער עפּלבוים

קאיאַר בין איך מיט ערשטע זויבער-שטראַלן
אנטקעגן וועלט פון פלאַנצונגען אַרויס;
און ס׳האָבן בערג מיט קלאָרע וואַסערפאַלן
דעם נײַעם טאָג באַגעגנט מיט גערויש.

אין פריִער ערד כ׳האָב אײַנגעקאַרבט דעם
זאַסטעפּ,
פאַרפלאַנצט דעם ערשטן עפּלבוים באַם הויז,
דאָס יונגע ביימעלע מיט בלעטעלעך מיט
צאַרטע
האָט ניט געוואָלט נאָך פון מײַן האַנט אַרויס.

איך האַלט דאָס שטענגעלע. עס ציטערן די
קנאָספּן,
דאָס הוילע ביימעלע איז יונג און פעסט.
...א פייגעלע פליט דורך. אין קליינעם שנאָבל
טראָגט עס מיט א פעדער צו א נעסט.

ס׳וועט דורך א צײַט, דאָס ביימל וועט
צעגרינען,
ס׳וועט שיטן זיך דער צוויט פון ראָז קאָליר,
א נעסט וועט עס אָף צווײַגעלעך געפינען...
דאָס פייגעלע וועט פליִען דאַן צו איר.

עס וועט מײַן פרוי מיט פולע אויגן טײַנעג
אַרויס אין הויף באַגיסן אונדזער סאָד,
און זינגען וועט דער פויגל אָף די צווײַגן
און גיסן וועט זיך ליכטיק דער געגאָד...

אין טיפן וואַלד

ס׳איז טיף דער וואַלד — די שאָטנס ציטערן פון ווינט,
מיט שאַרפער האַק איך שנײַד אַרײַן אין שטאַמען,
איך הער דאָס ווידערקאָל, עס וויינט אין וויג א קינד
און איבער וויג פאַרנייגט זיך שטיל א מאַמע.

ס׳וועט זײַן אָט דאָ א יִישעוו און א שליאַך,
ס׳וועט דורך א יאָר און גויסען וועט דער אומעט,
איז זאָל אין וואַלד צעוויגן זיך די נאַכט,
ס׳וועט גיך דער ביימער-רויש מיט נאַכט אַנטרינען.

איך זע יִישעווים נײַע גייען אויף אָף באַרג,
מײַן כאַווער טרײַבט די טשערעדע צו נאַכט-רו,
ניט לאַנג מ׳האָט דאָרט דעם ערשטן בוים פאַרהאַקט
און איצטער קלינגען לידער אין פאַרנאַכטן.

נאָר דאָ איז וואַלד — כאָטש נעם אַרום א בוים
און קוש אים ביז פאַרטאָג מיט צוגעמאַכטע אויגן,
ס׳וועט גיך א יִישעוו זײַן — אין וואָר גייט אויף מײַן טרוים,
און ס׳וועט לעוואַנע זיך דאָ נעסטן צווישן סטויגן.

◇ ◇ ◇

דאָרע כײַקינע

סוועטלאנע און סוועטאָזאר

זייער כאַסענע, סוועטלאנעס און סוועטאָזארס, איז געווען ניט גאָר קיין פריילעכע, ניט גאָר קיין רוישיקע, אָבער קיין שטילע כאַסענע איז עס אויך ניט געווען. א געוויינלעכע יונגע כאַסענע, איינע פון א סאך אזעלכע, וואָס מע האָט געפּראַוועט אין אונדזערע שטעט און שטעטלעך, דערפער און יישוווים אין דער צווייטער העלפט פון די פערציקער יאָרן, אינגיכן נאָכן זיג איבערן פאשיזם.

געהאָלפן זיי גרייטן די כאַסענע האָט סוועטאָזארס מומע, ווערע סאַמוילאָוונע, זײַן טאַטנס שוועסטער, די איינציקע לעבנגעבליבענע קרוווע סוועטאָזארס, און סוועטלאנעס עלטערער ברודער אנשל, אַן אָפיצער, וואָס מע האָט אים ניט לאַנג צוריק דעמאָביליזירט אין רעזערוו. אנשל האָט זיך אומגעקערט אהיים פונעם ווײַטן מיזרעך, ווו ער האָט א שטיקל צײַט געדינט נאָך דעם, ווי מע האָט אים אויסגעשריבן פון האָספּיטאל.

וועגן דעם האָספּיטאל, ווו ער האָט זיך געהיילט, האָט אנשל גערעדט מיט היספּײַלעס:

— ס'איז דען א שפּיטאָל, ס'א געבורט-הויז! איך, צום בײַשפּיל, בין דאָרטן געבוירן געוואָרן!

קימאַט דאָס זעלבע האָט ער א זאָג געטאָן אויך אין דער פּאלאַטע. באלד, ווי ער איז געקומען צו-זיך און ניט פארשטאנען אפילע רעכט, ווו געפינט ער זיך, ווי קומט ער ליגן אף אזא גרויסאַרטיקער בעט און ווער זײַנען אָט די אלע מענטשן מיט די בלענדיק-ווײַסע

בינטן אף די הענט, אף די פיס, אף די קעפּ, — און זיי, דערזעענדיק, ווי מעוווּלבל ער קוקט זיך עס ארום, האָבן אין איין קאָל, ווי לויט א קאָמאנדע, אויסגעשאָסן:

— נו, ברודערקע, ביסט שוין פון דער זײַט. מע האָט דיך פארקערעוועט, הייסט עס, פון יענער-וועלט צוריק אהער, אף דער-וועלט.

ער געדענקט ניט, צי האָבן אים דערפריט אָט די ווערטער אזוי, ווי זיי האָבן באַדארפט געווען דערפרייען. ער האָט מיטאמאָל זיך דערפילט שטארק מיד. די העלע זון, וואָס האָט פארפלייצט דעם צימער, האָט אים ניט געלאָזט לאנג האלטן די אויגן אָפן, און ווי נאָר ער האָט זיי פארמאכט, האָט אופגעלעבט אין זיקאָרן די לעצטע שלאכט...

ליגנדיק דערנאָך אין דער זוניקער און ציכטיקער פּאלאטע בישכיינעס מיט מענטשן, וואָס יעדער איינער פון זיי איז געקומען אהער אויך נאָך א שלאכט, וואָס איז מיט עפּעס-וואָס געווען ענלעך און דאָך לאכלוטן ניט ענלעך אף יענער שלאכט, אין וועלכער ער האָט זיך צום לעצטן מאָל — דערווײַל צום לעצטן מאָל — באטייליקט, האָט אנשל פאַר-שטאנען, אז ער דארף זיי, זײַנע כאווירים לויט דער פּאלאטע, ענטפערן אין זייער נוסעך, ביפראט, אז ער אליין האָט אויך געהאט א נעטיִע א שפּאס צו טאָן:

— כעוורע, איר האָט א גרויסן טאָעס — קיינער האָט מיך פון יענער-וועלט ניט אומ-געקערט. דאָס בין איך אָקאָרשט פאר אײַערע אויגן געבוירן געוואָרן.

אזוי האָט ער טאקע געזאָגט. אָבער אפילע צו אים אליין זײַנען די ווערטער ניט דערגאנגען, די צונג איז עפּעס ווי געשוואָלן געוואָרן, פארפולט דאָס גאנצע מויל, דערי-בער איז קיין וווּנדער ניט, וואָס עטלעכע מענטשן מיטאמאָל האָבן אים איבערגעפרעגט:

— ווילסט א טרונק? צי עפּשער צורופן דעם דאָקטער?

ערשט אין א צײַט ארום, ווען ער האָט דערפילט, אז זײַן צונג ווערט א צונג מיט צינגער גלײַך, האָט ער זיי געזאָגט דאָס, וואָס ער האָט זיי געהאט צו זאָגן, און דערבײַ צוגעגעבן:

— ס'איז דאָך ניט קיין שפּיטאָל. ס'איז א געבורט-הויז.

די כאסענע-סודע איז געווען אין רעכטן ברען. עס זײַנען געקומען ניט ווייניק געסט, און באַם טיש איז געווען גאנץ ענג.

פּיל פון די געסט זײַנען געווען באקאנט צווישן זיך לאנגע יאָרן. אייניקע פון זיי האָבן זיך שוין געהאט געזען נאָך דער מילכאָמע, אנדערע האָבן ערשט דאָ זיך געטראָפן נאָך די ביטערע יאָרן. געווען אויך אזעלכע, וואָס זײַנען אהער אין שטוב געקומען צום ערשטן מאָל און, כוץ כאָסן-קאַלע, קיינעם ניט געקענט, נאָר אליין די סימכע האָט אלעמען דערנענטערט, אזוי אז פון דער זײַט האָט זיך געקאָנט דוכטן, אז מע קען זיך פון ווייס איך ווען.

די געסט זײַנען געווען אופגעלייגט. מע האָט הויך גערעדט, געלאכט, די קויסעס, גאָפּלען און מעסערס האָבן ניט געוווּסט פון קיין רו. מע האָט זיך דאָ געפילט היימיש, פרײַ, ווי בא זיך אינדערהיים. א גאסט, וואָס איז שוין געווען א ביסל בעגילופן, האָט זיך ניט געשעמט איבערשלאָגן עמעצן די רייד.

ווי א פרעמדע, אן איבעריקע, איז באם טיש געזעסן בלויז איין מענטש — די קאַלע. סוועטאָזאר האָט געזען, אז אנשל האָט שוין איבערגעקערט ניט איין קויסע און ער באמערקט אפילע ניט, אין וואָס פאר א צושטאנד עס געפינט זיך זײַן שוועסטער. אָט-אָט וועלן א בלישטשע טאָן אין אירע אויגן טרערן. אייניקע געסט, באזונדערס די עלטערע פרויען, האָבן אף זייער אויפן אויסגעטײַטשט דער קאַלעס אָפּגעזונדערטקײַט, איר פאַר-בּושטקײַט.

סוועטאָזאר האָט געהערט ווי א שכיינע פון זייער הויף האָט, אָנווײַזנדיק א צווייטער אף סוועטלאנען, געזאָגט:

— ס'איז גאָר קיין מוז ניט, אז א קאַלע זאָל קוועלן אף דער כאסענע. זאָל זי בע-סער אָנקוועלן נאָך דער כאסענע.

מער פון אלץ האָט סוועטאָזארן געשראָקן, טאָמער וועט די מומע ווערע באמערקן סוועטלאנעס צושטאנד. זי קאָן עס נאָך פארשטיין ניט אזוי. „וואָס הייסט ניט אזוי?״ — האָט ער געפרעגט בא זיך אליין. וו׳אזוי דערקלערט ער אָט די פארפרעסטע ליפּן אירע, איר צעשטרייטן בליק, די הענט, וואָס צופן די גאנצע צײַט די פרענדזלעך פונעם טישטעך? און קעדיי ער זאָל קאָנען זיך אליין פארטײַטשן דאָס אומפארשטענדלעכע, האָט ער זיך אָנגעבויגן נאָענט-נאָענט צו סוועטלאנען, לײַכט זיך צוגערירט מיט די ליפּן צו איר אויער און געפרעגט:

— האָסט מיך ליב, סוועטע?

זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, מיט די אויגן געפונען זײַנע אויגן און געזאָגט:

— יאָ.

און באַלד טאַקע האָבן צוויי טרערן — אין יעדן אויג א טרער — זיך צעפינקלט. זי האָט עטלעכע מאָל א פינטל געטאָן מיט די אויגנלעפּלעך, און די טרערן האָבן, ציטערנדיקע, זיך אַרויסגעקײַקלט און געבליבן הענגען אַף די וויִעס.

די מומע ווערע האָט דורך די דיקע גלעזלעך פון די ברילן דערזען די דאָזיקע טרערן, באַמערקט אויך דעם פּלעמעניקס צערודערטקייט, סוועטלאַנעס אָפּגעזונדערטקייט, און קעדיי ניט צוקוקן, געכאַפּט פונעם טיש א פּאַלומעסעק, ווו עס זײַנען נאָך געבליבן עטלעכע שטיקלעך געפּרעגלטע פיש, אויפגעשטאַנען, אָפּגערוקט רוישיק דאָס בענקל, אַף וועלכן זי איז געזעסן, און געזאָגט:

— כ'וועל באַלד ברענגען נאָך.

זי איז קימאַט דעם גאַנצן אָוונט ניט געזעסן אַף קיין איין אָרט. עס האָט זי ווי גע־הויבן, ניט געלאָזט אײַנזיצן באַם טיש, מיטן אויסרייד „די קיך האָט ליב, אַז מע גיט איר אַף קאָוועד", די „מײַכאָלים ווילן, אַז מע זאָל צו זיי זײַן אויפמערקזאַם", „די טעפּלעך קאָנען ניט לײַדן, אַז מע לאָזט זיי איבער אַף העפקער", געלאָפן אַלע ווײַלע פונעם טיש אין קיך אַרײַן און פון דער קיך צום טיש.

סוועטאָזאַר איז אויך איניִכן אַרײַן אין קיך.

— ווערע, — האָט ער געזאָגט (ווערע סאַמוילאָוונע האָט אַלע יאָרן געלעבט אינײַנעם מיט דעם ברודערס מישפּאָכע, און ווי נאָר סוועטיק האָט זיך אויסגעלערנט ריידן, האָט ער אָנגעהויבן רופן די מומע, ווי אַלע אין שטוב: „ווערע", און אַזוי איז עס געבליבן אַף יאָרן), ווערע, — האָט ער איבערגעבאַזערט, שטייענדיק אַנטקעגן איר און קוקנדיק מיט אומרו אין אירע אויגן, — דו מיינסט, אַז זי האָט מיך ניט ליב?

— פונוואַנען האָסטו עס גענומען, אַז איך מיין גאָר אַזוינס? ווי קאָן איך עס מיינען? — זי האָט אין אָנמאַכט זיך צוגעזעצט אַף א טאַבורעטל. — וואָס עפּעס האָט זי דיך ניט ליב? ס'איז דען א שידעך קעגן איר ווילן, צי דו ביסט עפּשער א שלעכטער באָכער? אַזאַ יאָר אַף מיר...

ער האָט געשטאַמלט:

— זי האָט מיך ליב... איך זאָג דיר...

אומגעריכט סײַ פאַר זיך אַליין, סײַ פאַר סוועטאָזאָרן האָט די מומע ווערע געזאָגט הויך, אַז מע האָט געקאָנט דערהערן אירע רייד אינעם שכיינעסדיקן צימער:

— קיין דאַנק דערפאַר, וואָס זי האָט דיך ליב, קומט איר ניט.

סוועטלאַנע איז איצט ווירקלעך געווען ווײַט פונדאַנען. זייער ווײַט פון איר אייגענער כאַסענע, סײַ אין רוים, סײַ אין צײַט.

באַלד ווי זי האָט זיך דערוווּסט, אַז אָדעס איז באַפרײַט געוואָרן פון די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן, האָט זי מער ניט געקאָנט און ניט געוואָלט בלײַבן אין דער עוואַקואַציע און מיט אַלע קויכעס זיך געריסן אַהיים. כאָטש זי האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז שוין ניט די היים, וואָס געווען. ס'האָט זי פּאָשעט געצויגן צו די היימישע שטיינער, צום היימישן הימל. אויב אַפילע די ווענט מיטן דאַך פון זייער וווינונג האָבן ניט אָפּגעברענט אינעם מילכאָמע־פײַער, האָט איצט סײַווי אַף איר קיינער דאָרטן ניט געוואַרט. די מאַמע איז געבליבן דאָ, אַפן קאָסטאַנײַער בעסוילעם, קיווע און אַנשל זײַנען אין אַרמיי, און יורע... יורען האָבן זײַנע פראָנט־כאַווײרים אין פעווראַל 1942 געבראַכט צו קוורע אין א ווילדל, הינטער מאָסקווע, דרײַ קילאָמעטער צאָפנדיקער פונעם דאָרף סניעזשנאַיאַ, ניט ווײַט פון א טײַכל מיטן זעלבן נאָמען. „לעבן זײַן קייווער וואַקסט אַן אַלטער דעמב, — האָט איר געשריבן יורעס א שלאַכט־כאַווער, — מיר האָבן אויסגעשניטן פון אַליומיניִ א פינפעקיק שטערנדל און צוגעפעסטיקט עס צום דעמב מיט דראָט. גוט צוגעפעסטיקט. קיין רויטע פאַרב אַף אָפּפאַרבן דאָס שטערנדל האָבן מיר ניט געהאַט. נאָר פאַרזשאַווערט וועט דאָס שטערנדל ניט ווערן. אַליומיניִ זשאַווערט ניט. בא יורעס פרישן קייווער האָט אָפּגעהילכט א סאַליוט..."

יורעס כאַווער האָט איר אויך אָפּגעשיקט אַלע אירע בריוו, וואָס זי האָט יורען געשריבן אַפן פראָנט, אינאיינעם מיט איר פאָטאָגראַפיע, וועלכע זי האָט אים אַמאָל געהאַט געשענקט. טאַקע גאָר אַמאָל, עפּשער א יאָר אָנדערהאַלבן ביז דער מילכאָמע.

אפן מיליטערישן זאוואָד, ווו זי האָט געאַרבעט, זיַיענדיק אין עוואַקואַציע, האָט מען פון פאַרן אהיים זי ניט אָפּגערעדט. לייענענדיק איר מעלדונג, מע זאָל זי אָפּלאָזן פון דער אַרבעט, האָט דער שעף פונעם צעך, דער אַלטיטשקער און קלוגער גריגאָרי אָסיפּאָוויטש, אַלץ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און לעסאָף, אַרופּרוקנדיק די ברילן אַפן שטערן, געזאָגט:

— גערעכט, טאָכטער, פאָר טאַקע אהיים. פאַר געזונטערהייט. יונגע הענט דאַרף מען איצט אימעטום, דאָרטן זיַינען דאָך געבליבן נאָר רויִנען. דו זע נאָר, — האָט ער צוריק באַשטאַט די ברילן אַף דער נאָז און צופרידן געשמייכלט, לייענענדיק איר אַרבעט-ביכל, — ביסטו, הייסט עס, גאָר א טריקאָטאַזשניצע. ווײ, ווײ, ווי מיר זיַינען עס א ביסל אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן געוואָרן פאַר דער ציַיט, וואָס אונדזערע טריקאָטאַזשניצעס, מיט די נייטער-קעס, מיט די וועבערנס פאַרנעמען זיך ניט מיט זייער זאַך. און בא וועלכן טריקאָטאַזש, טאָכטערקע, האָסטו געאַרבעט?

— אונדזער צעך האָט אויסגעאַרבעט וואָלענע קאָסטיומדלעך פאַר קינדער.

— אָ! — האָט ער זיך גאָר צעשיַינט, — קינדערשע קאָסטיומדלעך. דאָס איז זייער וווילל.

אינעם קאָמיוגישן קאָמיטעט, וווהין זי איז געקומען זיך אַראָפּנעמען פונעם דיסקאָנט, האָט דער סעקרעטאַר, א יונג באָכערל, אין א מיליטערישער אוניפאָרם, נאָר אָן פּאָגאָנעס, — אַפן זאַוואָד איז ער געקומען גליַיך פון א האָספּיטאַל, און כאָטש מיט גאַנצע הענט און פיס, דאָך א מילכאָמע-אינוואַליד, — געזאָגט סוועטלאַנען, נאָך דעם, ווי אַלע פאָרמאַליטעטן זיַי-נען אָפּגעטאָן געוואָרן:

— אין זאַוואָקאָם האָט מען מיר געגעבן פונדיַינטוועגן דריַי טאַלאָנען. אָט האָסטו דיר דעם ערשטן טאַלאָן. — ער האָט איר דערלאַנגט א פּירעקעדיק געל פּאַפּירל, — אַף אים וועסטו באַקומען א האַלבן קילאָגראַם וווּרשט, און אַף דעם, — האָט ער איר דערלאַנגט נאָך פּונקט אַזא פּאַפּירל, — וועט מען דיר געבן פיר הונדערט גראַם קאָנפעקטן אין אונדזער זאַוואָדישער קלייט. און אַף אָט דעם טאַלאָן — ווידער אַזא פּאַפּירל — וועסטו באַקומען צוויי הונדערט גראַם פּוטער... ברויט אַפן וועג וועסטו באַקומען...

— אַף וואָס דאַרף איך האָבן דעם וווּרשט מיט די קאָנפעקטן, — האָט זי אים ניט געלאָזט אויסריידן ביזן סאָף, — איך פאָר דאָך אַוועק...

— וואָס זשע, — האָט ער געשמייכלט, — אין וועג וועסטו זיַין זאַט מיטן פאָרן. אין וועג, זאָלסטו וויסן, צעבערענט זיך דער אַפּעטיט, אַז ס׳א מעסוקענע זאַך. אָט הער אומיסטן, וואָס אײלף און פּעטראָוו האָבן געשריבן, ווען מע האָט זיי געפרעגט „וואָס אַזוינס איז א פּאַסאַזשיר". „א פּאַסאַזשיר, — האָבן געזאָגט אונדזערע טיַיערע שריַיבער, — איז א מענטש, וואָס עסט א סאַך..." און דו זאָגסט „איך פאָר, אַף וואָס דאַרף איך וווּרשט...

צו דער באַגעגעניש מיט איר היימשטאָט, מיט אַדעס, האָט סוועטלאַנע זיך געגרייט פון לאַנג. זי האָט אין געדאַנק זיך אויסגעמאָלט די שווערקיַיטן, וועלכע דערוואַרטן זי און וואָס זי וועט מוזן גיוווער זיַין. אַליין דאָס קומען אין דער שטאָט, ווו ניט בלויז יעדער גאַס, נאָר יעדער געסל און ליקל וועלן איר דערמאָנען אַלדאָס טיַיערע און הייליקע, וואָס זי האָט פאַרמאָגט און וואָס זי האָט פאַרלוירן, איז ניט פון די גרינגע זאַכן. אַלץ אַרום וועט איר דערמאָנען די מאַמע און יורען. ס׳איז דען פאַראַן אַזא ווינקעלע אין דער גרוי-סער און שיינער שטאָט אַדעס, ווו זי זאָל ניט געווען זיַין מיט יורען. אין אומעטום, וווהין זי וועט איצט קומען, קומען איינע-אַליין, וועט זי אַף טריט און שריט פילן, אַז ער איז ניטאָ. און אין זיקאָרן וועלן אופלעבן זייערע באַגעגענישן: עס וועלן אַפּסנײַ קלינגען אין די אויערן זיַינע ווערטער, וואָס ער האָט איר געזאָגט, און אַפילע די, וועלכע ער האָט אַף א קאָל ניט אַרויסגעבראַכט, נאָר אַף וועלכע זי האָט געוואַרט. די ווערטער, וואָס ער וואָלט זיי געוויס איר געוועזן געזאָגט... און טאַקע, האָט זי דען אין דער עוואַקואַציע אַפילע אַף א רעגע אָפּגעהערט טראַכטן וועגן יורען, האָט ער דען אופגעהערט זיַין מיט איר, כאָטש אין קוסטאַנײַ איז זי ניט נאָר קיינמאָל נישט געווען צוזאַמען מיט אים, נאָר אַפילע דער נאָ-מען פון דער שטאָט איז קיינמאָל ניט דערמאָנט געוואָרן אין זייערע שמועסן. זי האָט בִיכלאַל ניט געוווּסט, אַז ס׳איז דאָ אַזא שטאָט אַף יענער זיַיט פון די אוראַלער בערג. וואָס אָנבאַלאַנגט יורען, האָט ער מיסטאָמע יאָ געוווּסט וועגן אַזא שטאָט, מאַכמעס ער האָט זייער א סאַך געלייענט, אין געוווּסט, און געקענט. וויפל אינטערעסאַנטע זאַכן ער פלעגט איר דערציילן. עמעס, עס האָט אויך אַמאָל געטראָפן, אַז זי האָט ניט אַלץ באַלד אופגע-

כאפּט און פֿאַרשטאַנען. אין אַזעלכע פֿאַלן האָט זי ניט געמאַכט קיין אָנשטעלן, נאָר פֿלעגט פֿריילעך אַ זאָג טאָן:

— יורע, דאָס איז צו אַ הויכע מאַטעריע פֿאַר מיר, — ווײַל מאַכן זיך, אַפּנאַרן אים האָט זי ניט געוואָלט.

יודע האָט געהאַט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. אָבער אין קלייניקייטן האָט ער איר נאָכ־געגעבן. אַמאָל, באַשטייענדיק אױף זײַנעם, אָבער נאָכדעם באַטראַכט זיך, אַז ער איז געווען ניט גערעכט, האָט ער געקאָנט אַפֿילו זאָגן:

— סוועטלאַנע, געדענקסט, דעמלט... דו האָסט געזאָגט... איך האָב געזאָגט... בין איך געווען ניט גערעכט... גערעכט ביסטו. פֿון מײַן זײַט איז עס געווען בעפּייריעש נאַריש...

אירע ווערטער „דאָס איז פֿאַר מיר צו אַ הויכע מאַטעריע" — האָט ער איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פֿאַרשטאַנען בוכשטעבלעך, ניט ווי קיין טערעץ, און, געווײנלעך, ענטפֿערן דערויף אַזוי:

— ס'איז טאַקע פֿון די הויכע מאַטעריעס... נו, איז וואָס? איך האָב אויך ניט גלײַך פֿאַרשטאַנען. אָט קוק אַהער, זעסט...

דערבײַ פֿלעגט ער פֿון קעשענע דערלאַנגען זײַן נאָטיץ־ביכל, זיך אָפּשטעלן מיט איר אינמיטן גאַס, אָדער אויב ערגעץ נאָענט איז געווען אַ פֿרײַע באַנק זיך צוזעצן, און אָט אַזוי לאַנג און געדולדיק איר דערציילן וועגן די פֿאַרדרייטע און פֿאַרפּלאָנטערטע וועגן פֿון אַ רײַזנדער צי דערקלערן, וואָזוי מע כעזשבנט אויס די צײַט, פֿאַר וועלכער עס דערגייט צו אונדז די שײַן פֿון אַ פֿאַרלאָשענעם שטערן, אָדער געבן איר צו פֿאַרשטיין, אַדאַנק וועל־כע סיבעס האָבן די רוימער צי די גריכן מיט טויזנטער יאָרן צוריק באַזיגט לענדער און שטעט. און ריידן פֿלעגט ער אַזוי באַגײַסטערט, מיט אַזויפֿיל האַרץ, אַז זי האָט מיט אַלע קיינעס זיך געסטאַרעט אַרײַנדרינגען אין די אַלע זאַכן און האָט געפֿויעלט בײַ זיך געדול־דיק וואַרטן, ביז ער וועט איר זאָגן אויך וועגן זײַן ליבע.

אין קוסטאַנײַ אָבער האָט זיך איר וועגן יורען געטראַכט אױף אַן אַנדער אויפֿן, ניט אַזוי ווי אָפֿן וועג קיין אַדעס, און ווער רעדט — אין אַדעס גופֿא.

זייער שיינע, זייער בונטע בלומען פֿאַרזייט דער ווינט אױף די לאַנקעס הינטער קוס־טאַנײַ, אין די אָנבערגיקע סטעפּעס. זי פֿלעגט זען די קווייטן, זיצנדיק אין אַ בויד, וואָס האָט זי אײַנײינעם מיט פֿיל אַרבעטער און אַרבעטערנס פֿון זאַוואָד געפֿירט אין אַ קאָל־ווירט, איבער וועלכן דער זאַוואָד האָט געהאַלטן שעפֿטום. „אוי, ווען יורע זעט אָט די שיי־נע, אײדעלע קווייטן... מיסטאָמע האָט ער ליב בלומען", — פֿלעגט זי טראַכטן (דעמלט האָט מען נאָך ניט געדאַרפֿט זאָגן „געהאַט"). גראַד וועגן בלומען האָט ער איר קיינמאָל גאָרניט דערציילט און ניט געשענקט. אַ שאָד, וואָס זי האָט מיט אים אויך קיינמאָל ניט גערעדט וועגן בלומען. ווען זי ווייסט, אַז יורע האָט זיי ליב, וואָלט זי אַראָפּגעשפּרונגען פֿון בויד און אָנגעריסן אַפֿגיך אַ בינטל בלומען. ס'זאָל אויסקומען — צוליב אים. זי ווייסט וועגן יו־רען אַ סאַך, זייער אַ סאַך, און דאָך האָט זי ערשט איצט פֿאַרשטאַנען, ווי שפּאָט־ווייניק דאָס איז. זי האָט אים ניט איין מאָל געזאָגט, ווי ליב זי האָט אים, איצט אָבער פֿאַרשטייט זי, אַז געזאָגט האָט זי אים וועגן דעם ביז גאָר ווייניק און דעריקער — ניט אַזוי, ווי זי וואָלט געזאָגט איצט.

איינמאָל, אין אַ שפּעט־האַרבסטיקן קוסטאַנײַער אָוונט, פֿון יענער זײַט פֿענצטער האָט אַן אופֿהער געגאָסן אַ דריבנער רעגן, וואָס איז געגאַנגען עפּשער די צווייטע וואָך נאָכאַנאַנד, איז זי געזעסן אײַנצווייען מיט דער מאַמען אין זייער עלנט צימערל. ס'האָט זיך נישט געוואָלט ניט ריידן, ניט אַפֿילו אָנצינדן דעם קאַנעץ און פֿאַרטרײַבן די אומעטיקע פֿינצטערניש. פּלוצעם האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק: כ'זאָל געווען האָבן אַ קינד... יורעס קינד... ס'וואָלט פֿאַרפֿילט די פּוסטקײַט פֿון מײַן וועלט... דער ווייטעק מײַנער וואָלט געווען ניט אַזוי גרויס... כ'וואָלט אונדזער קינד די גאַנצע צײַט דערציילט וועגן זײַן טאַטן, ס'מאַכט ניט אויס, וואָס אַ פּיצל... דאָס קינד וואָלט גערעכטן געווען אין יורען... און דעמלט וואָלט יורע אַ לעבעדיקער, די גאַנצע צײַט געווען מיט מיר... באַנאַנד...

אָבער גלײַך טאַקע האָט זי טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַ ביטערן שמייכל געטאָן: „וואָס פֿאַר אַ קינד, אַז יורע האָט דאָך פֿאַר אַזויפֿיל יאָרן, וואָס זיי האָבן זיך געכאַווערט און פֿאַרבראַכט אײַנײינעם, בלויז געציילטע עטלעכע מאָל זי אַ קוש געטאָן. ניט קיין פֿאַרוואָרף — אָפּשײַ און ליבע איז געווען אין איר דערמאָנונג. יורע פֿלעגט זי אַרומנעמען, צוטוליען צו זיך, גלעטן אירע האָר, און מיט עמעסער שרעק פֿרעגן בײַ איר צי עפּשער גאָר בײַ זיך אַליין:

— וואָס וואָלט געווען, ווען מע וואָלט מיך דעמלט פונעם קינדערהיים געשיקט ניט אין אייַער שול, נאָר אין דער זעכציקסטער? איינינעם מיט אנדערע אונדזערע כעווריע?

באקאנט האָט זי זיך מיט יורען אין שול, צען קינדער פון א קינדערהיים זייַנען אָנגעקומען זיך לערנען צו זיי אין פינפטן קלאס, אין וועלכן זי האָט אויך זיך דעמלט געלערנט. דעם ערשטן סענטיאבער, נאָך פארן קלונג אפן ערשטן, נאָך די זומער-וואקאציעס, לימעד, איז אינעם קלאס ארייַנגעקומען דער לערער פון ליטעראטור מאָיסיי אראָנאָוויטש, זייער קלאסן-אָנפירער, און מיט אים — צען קינדער — זעקס מיידעלעך אין אלציינע פלאטקעלעך און פיר ייִנגעלעך אין אלציינע גארניטערס. די קינדער זייַנען געבליבן שטיין בא דער וואנט לעבן דער טיר, און מאָיסיי אראָנאָוויטש, גייענדיק הין און צוריק אינעם שמאָלן דורכגאנג צווישן די רייען פארטעס, האָט געזאָגט:

— קינדער, אונדזער קלאס האָט זיך הייַנט בארייַכערט. צו אונדז זייַנען געקומען צען נייַע שילער. באקאנט זיך מיט זיי. איך מיין, אז עס וואָלט געווען גוט, ווען באנאנד מיט א שילער פון אונדזער שול זאָל זיך זעצן אף איין פארטע א נייַינקער.

סוועטלאנע, וועלכע האָט איינינעם מיט איר בעסטער כאווערטע נעכאמע זבארזשעווסקע, „פארכאפט” די ערשטע פארטע פונקט אנטקעגן דעם לערערס טישל, איז גלייַך אופגעשטאנען, איבערגעלאָפן אף א פרייַער פארטע און זיך געווענדט צו א ייִנגעלע, וואָס האָט גראָד א קוק געטאָן אף איר:

— קום אהער, זעץ זיך מיט מיר! — און באוויזן אים מיט דער האנט אפן פרייַען אָרט לעבן זיך.

ער האָט זיך געזעצט לעבן איר.

אין קלאס איז געוואָרן א טומל, א לויפעניש, א שטופעניש. אייניקע קינדער זייַנען אלעמאָל איבערגעלאָפן פון איין אָרט אפן אנדערן. צו זיי האָט דאָס האוועניש קיין שייַכעס ניט געהאט. זיי ביידע זייַנען שוין געווען באוואָרנט מיט ערטער און זייַנען שטיל געזעסן איינס לעבן אנדערן. פון יענעם טאָג אָן, איבערגייענדיק פון קלאס אין קלאס, זייַנען זיי געזעסן אף איין פארטע.

די ערשטע צייַט האָט סוועטלאנע זיך מיט אים געכאווערט אזוי, ווי זי האָט זיך געכאווערט מיט פיל כעוורע פונעם קלאס און פונעם הויף — ייִנגעלעך און מיידעלעך. עמעס, מיט זייַן קומען איז איר געוואָרן גרינגער זיך לערנען. יורע פלעגט איר העלפן לייזן אופגאבעס פון אלגעברע און געאָמעטריע, העלפן גרייטן די לימודים אף פיזיק, אף כימיע, אָבער ניט בלויז איר איינער, ער פלעגט גערן העלפן אלעמען, ווער עס האָט אים געבעטן. אמאָל פלעגט יורע קומען צו איר אהיים גרייטן די לימודים, אָן אנדערש מאָל פלעגט זי גיין צו אים אין קינדערהויז, און דאָרטן איינינעם מיט אלע קינדער זיצן בא א לאנגן טיש און טאָן, וואָס זיי אלע טוען, — שרייַבן, לייענען.

ליב באקומען האָט זי יורען פיל שפּעטער.

איינמאָל האָט ער צום וויפלטן מאָל געפרעגט בא איר:

— סוועטע, און וואָס וואָלט געווען, ווען מע שיקט מיך דעמלט ניט צו אייַך אין שול, נאָר... ס'איז דאָך פּאָשעט א צופעליקייַט, וואָס מיר האָבן זיך באגעגנט. און מיט א צופעליקייַט איז אזוי: ז'קאָן זייַן און קאָן ניט זייַן אויך... וואָס וואָלט דעמלט געווען? דו שטעלסט זיך עס פאָר?

כאָטש זי פלעגט די דאָזיקע פראגע הערן אָן א שיר מאָל, האָט זי א לאנגע צייַט אופגענומען זייַנע ווערטער איבערפלעכלעך, ניט ארייַנגעדרונגען אין זייער טאָך. און דאָ האָט זי פלוצעם מיט דער גאנצער שארפקייַט א טראכט געטאָן, וואָס וואָלט טאקע אפאנעמעסן געווען, ווען זיי באגעגענען זיך ניט, און זי האָט פארשטאנען, ווי שרעקלעך דאָס וואָלט געווען, און ווי גוט עס איז, וואָס אזוינס האָט ניט פאסירט.

— סוועטע, — האָט ער איר דעמלט געזאָגט, — ווען ניט דו, וואָלט איך אויסגעלעבט מייַנע יאָרן און ניט געוווּסט, וואָס הייסט ליב האָבן. און דו, סוועטע?

זי האָט געזאָגט:

— דו ווייסט, יורע, אז איך האָב זיך געלערנט אין דריטן קלאס, — צו יענער צייַט זייַנען זיי שוין געווען אין זיבעטן קלאס, — איז מיר זייער געפעלן געווען א ייִנגל פון אונדזער שול — גרישע סולימאָוו. ער האָט זיך געלערנט אינעם זעקסטן קלאס און געשריבן לידער. זייער שיינע, ביז איך דעמלט זיכער געווען. אף אלע אונדזערע שול-אָוונטן פלעגט ער דעקלאמירן זייַנע לידער. איך פלעג אף די האפסאָקעס זיך שפּילן לעבן זייַן קלאס, אומיסטן, קעדיי זען אים. אף מיר האָט ער, געוויינלעך, קיין אכט ניט געווענדט. שטעלסט זיך פאָר, איך גיי אינעם דריטן קלאס, ער — אינעם זעקסטן, און ביכלאל זייַנען

אַלע מיידלעך פֿון זײַן קלאַס געווען פֿאַרליבט אין אים. אַ סך מאָל האָב איך זיך געקליבן צוגיין צו אים און פֿרעגן עפּעס וועגן זײַנע לידער צי עפּעס אַנדערש — אַבי פֿרעגן. אָבער איך האָב עס ניט געטאָן. ס׳איז ניט שיין פֿאַרפֿירן מיט אים אַ שמועס.

— און מיט מיר האָסטו די ערשטע געגומען ריידן, האָסט מיך אַליין אַ רוף געטאָן, געדענקסט?

— וואָס פֿאַרגלײַכסטו, יורע? דו ביסט דאָך גאָר עפּעס אַנדערש.

ווען זיי האָבן פֿאַרענדיקט די שול, איז סוועטלאַנע אַוועק אַרבעטן אויף דער טריקאָ-טאַזש-פֿאַבריק, ווו ס׳האָט יאָרנלאַנג געאַרבעט איר מאַמע. און יורע איז אַנגעקומען זיך לערנען אין אַ טאַנקען-שול.

זייער כאַסענע האָבן זיי באַשטימט פּראַווען, ווען יורע וועט פֿאַרענדיקן די לער. די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן פֿריִער.

סוועטלאַנע האָט צוערשט דערזען און שוין דערנאָך דערפֿילט, אַז דער צוג איז גע-בליבן שטיין. זי האָט צעשטרייט זיך אַרומגעקוקט, אַנטקעגן דעם וואַגאָן-פֿענצטער האָט זיך געהויכט אַ גרויע מאַסיווע געבײַדע, אויף וועלכער עס איז געווען צוגעפּעסטיקט אַ שילד מיטן נאָמען פֿון דער שטאָט: „טשעליאַבינסק”. דעם שמאָלן דורכגאַנג צווישן ביידע רייען בענק אין וואַגאָן האָבן פֿאַרפֿולט מענטשן מיט פּעק, זעק און טשעמאָדאַנעס אין די הענט און אויף די פּלייצעס. סוועטלאַנע האָט אויך גענומען אין האַנט איר טשעמאָדאַנדל, וואָס איז, ווי אַ טרײַ הינטל, דעם גאַנצן וועג געשטאַנען בײַ אירע פֿיס, און זיך געשטעלט אין דער ריי, וואָס האָט טראָט נאָך טראָט זיך גערוקט צום אַרויסגאַנג.

אויפֿן דיל, צווישן די בענק, אויף די טישלעך בײַ די פֿענצטער האָבן זיך געוואַלגערט פּאַפּירלעך פֿון צוקערקעס — פּונקט אין אַזעלכע פּאַפּירלעך זײַנען געווען פֿאַרוויקלט אויך אירע קאָנפֿעקטן, — צעקנייטשטע צײַטונגען, פּוסטע שקאַרמיצן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז קימאַט אַ גאַנצן מעסלעס, זינט זי האָט זיך נעכטן געזעצט אין צוג, האָט זי גאָרניט געהאַט אין מויל. אין דער רעגע האָט זי מאַמעס דערזען דאָס בלייכע געזיכט פֿון איר קאָמיגישן סעקרעטאַר, ווען ער האָט איר דערלאַנגט די טאַלאָנען אויף קאָנפֿעקטן, אויף פּוטער און ווורשט און דערבײַ שמייכלענדיק ציטירט אילפֿן און פּעטראָוון: „אַ פּאַסאַזשיר איז אַ מענטש, וועלכער עסט אַ סך”. וואָס זשע קומט אויס, איב אַזוי, אַז זי איז קיין פּאַסאַזשיר ניט? זי וואָלט נאָך באַוויזן, ביז זי וועט צוקומען צו דער טיר, עפֿענען דאָס טשעמאָדאַנדל, אַפּשנײַדן אַ שטיקל ברויט, אַ ריפּטל קאָלבאַס, נאָר עס האָט זיך איר ניט געוואָלט האָבן צו טאָן דערמיט איצט. זי דאַרף וואָס גיכער אַרויס פֿונעם וואַגאָן, לויפֿן צו דער בילעטן-קאַסע און פֿאַרקאָמפּאָסטירן דעם בילעט קיין כאַרקאָוו. ערשט פֿון דאָרטן גייט אַ גלײַכער ציג קיין אָדעס.

זי האָט זיך שוין געקליבן אַראָפּשטײַגן פֿונעם וואַגאָן-טרעפּל, ווי זי האָט דערהערט, עמעצער האָט אַ זאָג געטאָן „דערלויבט” און דערזען לעבן סאַמע טרעפּל אַ פּאָלע פֿון אַ שינעל און אַ פּאָר גלאַנציקע שטיוול. די שטיוול זײַנען געשטאַנען אַזוי נאָענט לעבן דעם טרעפּל, אַז זי האָט פּאַשעט ניט געהאַט, ווו אַוועקשטעלן אַ פֿוס. זי האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און דערזען, אַז עס ציט אויס די האַנט צו איר טשעמאָדאַן אַן אומבאַקאַנטער מענטש, מיליטעריש געקליידט. אויף זײַנע פּאַגאָנעס פֿון אַ לייטענאַנט — אַן עמבלעם פֿון אַ טאַנקיסט. „אויך אַ טאַנקיסט, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, — עפּשער יורעס אַ פֿראָנט-כאַווער... עפּשער אפֿילע יענער, וועלכער האָט איר אַפּגעשיקט די פֿאָטאָגראַפֿיע, לויט וועל-כער ער האָט זי טאַקע איצט דערקענט...”

זי האָט אַ פֿיר געטאָן די האַנט מיטן טשעמאָדאַן הינטער דער פּלייצע און אַ שפּרונג געטאָן עטוואָס אין אַ זײַט, אָבער גלײַך דערפֿילט, אַז זי האָט אים דערבײַ אָנגעטראָטן אויף אַ פֿוס.

— אַנטשולדיקט, איר האָט מיר פֿאַרשטעלט דעם וועג. איך האָב פּאַשעט ניט געקאָנט אויסמײַדן אײַער פֿוס.

— ס׳אַ קלייניקײַט, — האָט ער געזאָגט, צוטראָגנדיק די האַנט צו דער פּילאָטקע און ווידער געגעבן זיך אַ ציִ צום טשעמאָדאַן, — דערלויבט, ביטע.

— צוליב וואָס? מע דאַרף ניט. בײַ מיר איז אַ גרינגער טשעמאָדאַן.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער איז אויך געבליבן שטיין. זי האָט געקוקט אויף אים און געוואַרט. געוואַרט, אַז ער זאָל איר זאָגן: „כ׳האָב אײַך דערקענט לויט דער פֿאָטאָגראַפֿיע... איר זײַט יורעס...”

ער האָט געזאָגט:

— איך זע, אז בא אײַך איז א גרינגער טשעמאָדאַן. שווערע טשעמאָדאַנען האָב איך ניט ליב. ביכלאַל — ניט ליב, און טראָגן — ביפראַט. ווען איך וואָלט זיך געיאָגט נאָך שווערע טשעמאָדאַנען, וואָלט איך אָפּגעזוכט — טוט א קוק, וויפל... — ער האָט מיט דער האַנט באַוויזן אויף דער מאַסע מענטשן אויפן פּעראָן, וועלכע האָבן געטאַסקעט זייער ניט לײַכטן באַגאַזש.

— אייגנטלעך, פאַרשטיי איך ניט, וואָס ווילט איר? קיין טרעגער דאַרף איך ניט. דאָס איז ערשטנס. צווייטנס, בעט איך אײַך: לאָזט מיך צורו.

— און דריטנס? — האָט ער געפרעגט גאָר ניט אויפגעלייגט.

— דריטנס — וועט ניט זײַן. קלאָר? צי עפּשער איז אײַך נאָך ניט אַלץ קלאָר?

— צום באַדויערן, אַלץ. סײַ ערשטנס, סײַ צווייטנס, און איבערהויפּט אײַער דריטנס. נאָר ווי עס זאָל מיר ניט זײַן קלאָר, בעט איך אײַך זייער: לאָמיר זיך באַקענען. ווי רופט מען אײַך?

— איך הייס סוועטע, — האָט זי געזאָגט, — און אַן עק זאָל עס נעמען.

— איך הייס אויך סוועטע, — האָט זי דערהערט זײַן קאָל.

זי האָט אים פאַרכידעשט אָנגעקוקט, ער איז פון זײַן ענטפער געווען פאַרכידעשט ניט ווייניקער פון איר.

...וויפל יאָרן זײַנען שוין דורך פון יענער צײַט, ווען ער פלעגט אויף דער שטענדיקער פראַגע, וואָס מע פאַרגיט א קליין קינד, קעדיי אָנטאָן האַנאָע די עלטערן: „וויאַזוי הייסטו, ייִנגעלע?" ענטפערן: „סוועטע".

אָבער איינגיכן האָט זײַן ענטפער געקלונגען אַנדערש. אָנשטאָט „סוועטע" — „סוועטאָזאַר". אַט דעם פולן נאָמען האָט ער אַרויסגערעדט הויך, דײַטלעך, מיט א באַזונדער ווירדע, וואָס האָט אָפּט אַרויסגערופן א שמייכל בא דעם, וואָס פלעגט פרעגן. דעם קאַמף מיט זײַן מיידלשן נאָמען האָט ער אָנגעהויבן, זײַענדיק נאָך גאָר א פּיצל, ווען א ייִנגעלע האָט נאָך רעכט קיין סייכל ניט זײַן אומצופרידן, ווען מע פאַרפּוצט עס אין א בונדעלע אָנשטאָט אָנטאָן א פּאָר הייזעלעך. שוין דעמלט, פלעגן די קינדער פונעם הויף לייזן בא אים פּעטש, וויפל ס'האָט זיך געלאָזט, פאַר רופן אים סוועטע.

דערקלערט האָט זיך עס אָט מיט וואָס: בא זיי אין הויף איז געווען א מיידעלע מיטן נאָמען סוועטע. א שרעקלעכע קלאַגערקע, א געפּעסטעט, געפּאַקט מיידעלע מיט רויטע בעקלעך. ווי נאָר זי פלעגט זיך באַווײַזן אין הויף, פלעגט מען גלײַך דערהערן אירע קוילעס:

— באַבע, מאַשע וויל זיך מיט מיר ניט שפּילן...

— מאַמע, פּעטיע לאַכט פון מיר...

— טאַטע, טאַניע קרימט זיך מיר נאָך...

סאָפּקאַלסאָף איז „סוועטע" געוואָרן בא זיי אין הויף ווי עפּעס א מין צונעמעניש. „ביסט שוין אַזוי ווי סוועטע", „א גרוס דיר פון סוועטען" האָט מען געקאָנט הערן, ווי א מאַמע זאָגט צו איר קינד, ווען זי איז מיט דעם ניט איבעריק צופרידן.

„סוועטע" פלעגן די קינדער רייצן איינס דאָס אַנדערע.

און אים האָט מען גערופן „סוועטע", אָט ווי יענע יאַבעדע.

אין יאָרן אַרום, ווען ער איז שוין געווען א דערוואַקסן ייִנגל און אַלע, כוץ דער מאַמע און די מומע ווערע, האָבן אים גערופן סוועטאָזאַר, האָט ווערע סאַמוילאָוונע בעסאָד-סוידעס דערציילט אים די געשיכטע פון זײַן נאָמען. נאָך איידער ער איז געקומען אויף דער וועלט, האָט זײַן מאַמע, וואָס האָט געטרוימט צו האָבן א טאָכטער, אָנגעגרייט פאַר איר א נאָמען: סוועטע. מיטן זון, מיט אים, הייסט עס, האָט זי נאַטירלעך, אויך זיך שטאַרק דערפרייט, פונעם טאַטן איז שוין אָפּגערעדט, אָבער זי האָט זיך אַזוי צוגעפּגעלעבט מיטן נאָמען סוועטע, אַז זי האָט זיך שוין ניט געקאָנט פאָרשטעלן, וויאַזוי וועט זי דאָס קינד אירס אָנרופן מיט אַן אַנדער נאָמען. עס דאַרף הייסן סוועטע. קיין אַנדער נאָמען וויל זי ניט.

ווען זיי ביידע, די מאַמע און ער, דער נײַגעבוירענער, האָבן זיך אומגעקערט אַהיים פונעם געבוירטהויז, און דער טאַטע האָט זיך געקליבן גיין אַרויסשרײַבן דעם קינד א מעטריקע, האָט די מאַמע, וואָס איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן געזונט, אָנגעזאָגט דעם טאַטן:

— גרישע, זאָלסט אים פאַרשרײַבן „סוועטע".

דער טאַטע האָט פריילעך און לאַנג געלאַכט:

— צוגעטראַכט א נאָמען פאַר א זון: סוועטע... וויאַזוי וועל איך עס גאָר קאָנען אַרויסריידן? ווייסטו גאָר וואָס, מאַניע, די מעטריקע וועט ניט אַנטלויפן. וועסט זיך פילן בעסער, וועלן מיר גיין אינײנעם.

— נאָר זאָגן, אז פארשרײַבן זאָל מען אים „סוועטע", וועסטו.

— פארוואָס עפּעס איך, דו ביסט דאָך דער אווטאָר, — האָט געשמייכלט דער טאַטע, — אז איך וועל זאָגן — וועט עס זײַן א פּלאַגיאַט... — נאָר דערזעען, אז דעם ווײַב גייען איצט קיין וויצן ניט אָן, האָט ער אײַנגעשטימט. — גוט, איך וועל זאָגן.

אינגיכן זײַנען זיי אינצווייען אוועק אויסשרײַבן די מעטריקע.

די פרוי, וועלכע האָט געדארפט דורכפירן דאָס שטיקל ארבעט, האָט גענומען די צײַגעניש פונעם געבורטהויז, און זיך געווענדט צו דער מאמען:

— וואָס פאר א נאָמען האָט איר אויסגעקליבן פאר אײַער זון?

דער טאטע האָט געשוויגן. די מאמע האָט געזאָגט:

— סוועטע.

— סוועטלאַנע, — האָט פארפינקטלעכט די פרוי, — ס'איז טאקע זייער א שיינער נאָמען, איך האָף, אז ער וועט אײַך נאָך צוניץ קומען, אָבער...

אזוי האָט דער טאטע, לאַכנדיק, דעמלט דערציילט זײַן שוועסטער, און זי האָט עס שפּעטער דערציילט אים, דעם באַלעבאָס פונעם נאָמען, סוועטאָזאַרן.

די מאמע האָט זיך פארוויטלט, אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן, זיך באהאַלטן הינטער דעם טאטנס פּלייצע, אָנגעכאַפּט אים מיטביידע הענט בא דער פּאַרטופּייע — דער טאַטע איז געווען א מיליטערישער, — און פון אָט דער באהעלטעניש זיך אָנגעהויבן בעטן בא אים:

— גרישע, זאָג זשע, זאָג, אז דו ווילסט אויך, אונדזער זון זאָל הייסן סוועטע...

דער טאטע האָט געפאָלגט די מאמע און איבערגעכאַזערט אירע ווערטער:

— איך וויל אויך, אז אונדזער זון זאָל הייסן סוועטע... זײַט אזוי גוט...

די פרוי איז באַשטאַנען אָף אירן:

— רופן אײַער זון קאָנט איר, ווי דאָס הארץ גלוסט. אָבער פארשרײַבן דארף איך אים אזוי, ווי עס פאָדערט דער געזעץ. א מיידעלע דארף האָבן א מיידלשן נאָמען, א ייִנגעלע — א ייִנגלשן.

אין איר זיקאָרן האָט זיך אָפּגעזוכט א פּאסיקער נאָמען:

— ווי געפעלט אײַך, אשטייגער, דער נאָמען סוועטאָזאַר?

דער מאמען איז דער נאָמען געפעלן געוואָרן, דעם טאטן — אויך.

די מאמע האָט אים גערופן מיט איר אויסגעטרוימטן נאָמען — סוועטע, די מומע ווערע — אויך, און בלויז באם טאטן האָט ער געהייסן סוועטאָזאַר.

איינמאָל, געדענקט זיך, ווען ער, סוועטאָזאַר, איז געווען נאָך גאָר א פּיצל, איז דער טאטע פארשלאָפט געוואָרן, געכאַפּט א צוקילעכץ, און די מאמע איז ארומגעגאַנגען איבער דער שטוב א פארוויינטע, געבראָכן די הענט און געטײַנעט:

— די רעפּועס העלפן ניט...

ער, סוועטאָזאַר, האָט שטארק געוואָלט, אז די מאמע זאָל אופהערן וויינען, דער טאַטע זאָל וואָס גיכער געזונט ווערן. און אזיווי דעם דאָקטערס רעפּועס העלפן ניט, האָט ער געפונען, ווי אים האָט זיך געדאכט, אָן אייגענע רעפּוע. ער האָט זיך געלאָזט לויפן אין צימער, ווו דער טאטע איז געלעגן:

— טאטע, רוף מיך אויך סוועטע, וועסטו ווערן געזונט. די מאמע און ווערע רופן מיך סוועטע, זײַנען זיי ניט געוואָרן שלאָף.

דער טאטע האָט מיט א הייזעריקער שטים געזאָגט:

— איך האָב דיך שטארק ליב, מײַן זון, מײַן סוועטע.

ביז הײַנט-צו-טאָג קלינגט אים אין די אויערן דער מאמעס „סוועטע, סוועטע..."

און איצט, נא דיר גאָר אינמיטנדערינען — ווידער סוועטע.

פאר די געציילטע רעגעס, וואָס ער האָט שווײַגנדיק געקוקט אָף סוועטען, איז א שטיק לעבן דורך פאר זײַנע אויגן. ער האָט אפילע באוויזן איבערלייענען אין געדאנק דער מומע ווערעס בריוו, אין וועלכן זי האָט אים געגעבן צו וויסן וועגן טאטנס טויט אפן פראָנט, דעם בריוו האָט ער בלויז איין מאָל געלייענט און פארגעדענקט אפן גאנצן לעבן.

סוועטע האָט געזאָגט:

— כאָטש איר האָט מיך פארזיכערט, אז אײַך איז קלימערשט אלץ קלאָר און אז איר האָט מיך גוט פארשטאנען, דארף איך אײַך זאָגן, אז מיט יעדער רעגע ווערט מיר אלץ ווייניקער פארשטענדלעך, וואָס, אייגנטלעך, ווילט איר האָבן פון מיר, פארוואָס פארהאַלט איר מיך? איך מוז גיין אין קאסע פארקאָמפּאָסטירן מײַן בילעט.

— אָף וועלכן צוג דארפט איר אים פארקאָמפּאָסטירן? וווהין פאָרט איר?

— און אז איך וועל אײַך שוין זאָגן, וווהין איך פֿאָר, וועט איר מיך סאַקסאַלסאָף לאָזן צורו?

— וווהין זשע פֿאָרט איר? — האָט ער שטיל געפֿרעגט, ווי בעטנדיק.

— קיין אוקראַינע.

— אוקראַינע — דאָס זײַנען הונדערטער שטעט, טויזנטער שטעטלעך, יישוּווים, דערפֿער...

— וואָס גייט אײַך אָן, אין וועלכער שטאָט איך פֿאָר צי אין וועלכן דאָרף?

— עס גייט מיר אין לעבן. איך מוז וויסן, וווהין איר פֿאָרט.

— איר מוזט? עס גייט אײַך אין לעבן?

— יאָ, יאָ, אין לעבן, — איז ער בא זיך דרייסטער געוואָרן. — איך מוז וויסן, וווהין איר פֿאָרט. איך וויל, איר זאָלט מיר דערלויבן אײַך שרײַבן בריוו. פֿון פֿראַנט. אַלבערט איינשטיין, — איך האָב וועגן דעם געלייענט אמאָל, נאָך ביז דער מילכאָמע, — פֿלעגט באַקומען בריוו אָפֿן אדרעס: „אייראָפּע. איינשטיינען". איך אָבער האָב מוירע, אז איך וועל אײַך שרײַבן אָפֿן אדרעס: „אוקראַינע. סוועטען" — וועלן מײַנע בריוו פֿארלוירן ווערן. און איך וויל, אז זיי זאָלן אָנקומען צו אײַך, איר זאָלט זיי איבערלייענען, און איך זאָל טאַקע באַקומען פֿון אײַך אָן ענטפֿער אויך. אויב, פֿארשטייט זיך, צו יענער צײַט וועט די פֿעלד-פּאָטשט קאָנען מיך אָפּזוכן. מילכאָמע — איז מילכאָמע. אין דער פֿעלד-פּאָטשט בלײַבן, צום באַדויערן, ניט קיין איבערגעלייענטע בריוו, ווײַל די אדרעסאַטן דאַרפֿן זיי שוין ניט האָבן...

— אנטשולדיקט, ביטע, אָבער איך קאָן סײַווי גאָרנישט ניט פֿארשטיין: איר זעט מיך דאָס ערשטע מאָל...

— דאָס ערשטע? — האָט ער איבערגעפֿרעגט פֿארכידעשט. — אויב איר מיינט אזוי, האָט איר א גוואַלדיקן טאָעס. נעכטן אין קוסטאַנײַ אָפֿן וואָקזאַל האָב איך אײַך טאַקע ווירקלעך דערזען דאָס ערשטע מאָל. איז, ערשטנס, האָב איך פֿאַר דער קנאַפּער שאָ, וואָס מיר האָבן געוואַרט אָפֿן צוג, יעדע ווײַלע א דרײַ-פֿיר מאָל געכאַפּט א קוק אָף אײַך. קומט אויס, אויב מאַכן א כעזשבן, אז איך האָב אײַך פֿאַר דער שאָ געזען א מאָל... איך וועל עס נאָכדעם אונטערעכענען... צווייטנס, פֿאַרנדיק קימאַט א מעסלעס אין איין וואַגאָן...

— איר זײַט געפֿאָרן אינעם אכטן וואַגאָן? כ'האָב אײַך ניט געזען...

— יאָ, איך בין געפֿאָרן אינעם אכטן וואַגאָן און געזעסן בין איך ניט ווײַט פֿון אײַך, ס'קאָן אפֿילע הייסן קעגניבער, א ביסל אין א זײַט. איר האָט מיך טאַקע ניט געזען, איך ווייס, כאָטש א פֿאָר מאָל האָט ערגעץ גאָר ניט ווײַט פֿון מיר געבלאָנדזשעט אײַער בליק...

— זאָגט זשע מיר, ביטע, — איז זי אים אריין אין די רייד, — א סאך מיידלשע אדרעסן האָט איר צונויפֿגעזאמלט אָף אזא אָריגינעלן אויפֿן? ס'איז מיר פּאָשעט אינטערעסאַנט צו וויסן, וויפֿל האָט איר זיי שוין אין אײַער פֿעלדטאַש?

— איך זאמל ניט קיין אדרעסן... אין מײַן פֿעלדטאַש האָב איך בלויז איין אדרעס — מײַן מומעס ווערעס. ווען איך וואָלט זיך איצט ניט אָנגענומען מיט מוט און ניט צוגעגאַנגען צו אײַך, ווען איך וואָלט אָפֿן טומלדיקן וואָקזאַל פֿארלוירן אײַך און איר וואָלט פֿארשוווּנדן פֿון מײַן לעבן, וואָלט איך זיך עס קיינמאָל ניט מויכל געווען. קיינמאָל אין לעבן. ווי לאַנג צי ניט לאַנג עס וועט דויערן.

— איך פֿאָר קיין אָדעס.

— פֿארשרײַבט מיר, ביטע, אײַער אדרעס — אויב איר האָט אים, געוויינלעך, — האָט ער איר אויסגעשטרעקט זײַן בלאָקנאָט.

אָף דער כאַסענע איז אנשל געווען ניט אזוי שיקער, ווי ער האָט זיך געמאַכט. אָט די שפּיל איז אים אַליין געווען פֿריקרע, ניט אזוי האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט זײַן שוועסטערס כאַסענע. אָבער עפּעס א בעסער מיטל ווי זיך מאַכן בעגילופֿנדיק, קעדיי מע זאָל ניט זען, ווי ער ערגערט זיך, האָט ער ניט געקאָנט צוטראַכטן. צוערשט האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז מע האָט אים די שוועסטער פֿארביטן. עפּעס א מיידל, עמעס, אויך א שיינע, ווי גאָלד, ביז גאָר אַן ענלעכע אָף זײַן סוועטען, האָט אָף א ווײַלע זיך צוגעזעצט לעבן דעם כאָסן און געבליבן שוין אזוי זיצן דעם גאַנצן אָוונט א שטילע, א באַטריבטע, א פֿאַרטאָנענע אין ווער ווייסט וועלכע מאַכשאָוועס. אָבער באַלד וועט זיך אָן עפּן טאָן די טיר און ס'וועט אריינקומען די עמעסע סוועטע, זײַן שוועסטערקע. זי וועט ארײַנגיין א שמייכלענדיקע, א שטאַלטנע, א שײַנענדיקע, פֿריילעך א קוק טאָן אָפֿן כאָסן, אָף די געסט מיט אירע צווי גרויסע, קלוגע אויגן פֿון מאַנדל-קאָליר און א זאָג טאָן דער מאַרעשכוירעניצע:

— אַנו, זײַ אזוי גוט, פֿארנעם זיך...

אין צימער וועט טייקעף ווערן ליכטיקער, יאָמטעוודיקער, און אים, אנשלען, וועט אראָפּ א שטיין פונעם הארצן. און דעריקער דער כאָסן וועט סאָפּקאָלסאָף דערפילן, אז ער איז א כאָסן.

אָבער ניט געקוקט דערויף, וואָס די טיר האָט ניט גערוט, אַלעמאָל זיך געעפנט און פארמאכט, איז יענע סוועטע, אף וועלכער ער האָט געוואַרט, ניט געקומען. אינעם צימער זײַנען אף אויסגעצויגענע הענט אריַינגעשוווּמען טעלער, טאַצן, פּאַלומעסקעס מיט מײַכאָלים, און לעבן דעם כאָסן איז נאָך אַלץ, ווי פריִער, גרויסן, ווי א פרעמדע, די קאַלע מיט א זויערער מינע.

און אנשל, בעטעווע א פריילעכער מענטש, א שארפזיניקער, שטענדיק א באַלן א שפּאַס צו טאָן, האָט גראָד איצט קיין איבעריקן כיישעק דערצו ניט געהאַט. מאכן פריילעך יענעם איז גוט — האָט ער גערעכנט, — ווען דיר אַליין איז ניט אזוי שווער אפן הארצן. אָבער קיין אנדער ברייר האָט ער אַצינד ניט געהאַט.

ער האָט פארשטאַנען, אז ווי פלײַסיק די געסט זאָלן ניט ארבעטן מיט די גאָפּלען און מיט די מעסערס, ווי אָפט מע זאָל ניט הייבן די קויסעס, בלײַבט נאָך איבער גענוג צײַט אף ארומקוקן זיך, ווו מע איז אין דער וועלט, באטראכטן איינער דעם אנדערן און אופמערקזאמער, ווי צו אַלעמען, זיך צוקוקן צו דעם כאָסן מיט דער קאַלע. און די קאַלע איז אים, דעם אייגענעם ברודער, זייער ניט געפעלן געווען. וואָס קומט מיט איר פּאָר? די גאנצע צײַט, זינט סוועטאָזאר האָט זיך דעמאָביליזירט און געקומען צו פאָרן קיין אָדעס, און שפּעטער אויך, ווען ער איז שוין געוואָרן איר כאָסן, איז זי געווען קימאַט אזא, ווי שטענדיק: ניט געכאַפּט אף טריט און שריט קיין קעלבערנע היספּײַלעס, ניט געווען צו האָפערדיק. טאקע א באַיִשעווטע, טאקע א פארטראכטע, אָבער א מונטערע, מיט א גוטמוטיקן שמייכל. ניט זעלטן א ביסל א טרויעריקן, אָבער דאָך מיט א שמייכל אף די ליפּן און אין די גרויסע, פארכידעשטע אויגן.

הײַנט איז סוועטע נישט וואָס ניט ענלעך אף זיך, הײַנט איז זי גאָר אן אנדערע — ניט זי. ער, אנשל, פארשטייט, אז זי האָט וועגן וואָס צו טראכטן, טאקע אף דער סימכע, טאקע אף איר אייגענער כאַסענע. ווי גוט וואָלט זיי אַלעמען געווען, ווען די מאמע דערלעבט סוועטעס כאַסענע. געוויס וואָלט זי פונעם שידעך געווען צופרידן. סוועטאָזאר וואָלט איר געווען צום הארצן. ווי קאָן ער דען ניט געפעלן? א האַרעפּאשניק, וואָס א האַרעפּאשניק הייסט, אן אָרנטלעכער, א קלוגער, פארשטייט, וואָס מע זאָגט און וואָס מע מיינט ניט בלויז פון א האלבן וואָרט — פון א ווונק, און דעריקער — ער האָט ליב סוועטען, וואָס אף זײַן פּאָנעם איז אָנגעשריבן. אנשל האָט באַשטימט, אז ער דאַרף אזוי לאַנג און אזוי ברייט זיך פאַרשטעלן פאַר א שיקערן, פארווײַלן דעם אוילעם ביז די געסט וועלן אופהערן קוקן אף דער קאַלע און אָנהייבן קוקן בלויז אף דער קאַלעס ברודער, אף אים, הייסט עס.

צי האָט זיך עס אים אײַנגעגעבן, צי ניט, האָט ער ניט געוווּסט ניט דעמאָלט און ניט שפּעטער. קיין גרויסן ווענן פון דער קאַלעס האַלטן זיך אף דער כאַסענע האָט קיינער זיך ניט געמאכט. יעדנפאַלס, ער האָט ניט געהערט, אז עמעץ זאָל לאָזן פאַלן וועגן דעם א שלעכט וואָרט, ניט באַמערקט קיינעמס אָנגעשטרענגטע, צופיל אופמערקזאמע צי צווײדײַטיקע בליקן, געווענדעטע אף סוועטען. אזוי אָדער אנדערש, נאָר די סימכע איז אדורך ווי בא לײַטן.

דאָך האָט אנשל געהאַט וואָס צו זאָגן דעם יונגן פּאָרפאָלק. און אין א פּאָר טעג ארום נאָך דער כאַסענע איז ער צו זיי געקומען צוגאַסט. געטראָפן אינדערהיים האָט ער בלויז סוועטען. „איז עפשער אזוי נאָך בעסער״ — האָט ער א טראכט געטאָן. סוועטלאַנע האָט געפּרעסט גרעט. באַם ברעג טיש האָט זיך געהויכט א שטויס אויסגעפּרעסט וועש, די ניט אויסגעפּרעסטע זאכן זײַנען, ווי ווײַסער לופטיקער שוים, געלעגן אף א בענקל דערנעבן.

— זײַ אזוי גוט, שטעל אוועק דאָס פּרעסל, — האָט אנשל געזאָגט דער שוועסטער, — און זעץ זיך אנידער לעם מיר.

זי האָט אים געפאָלגט. אוועקגעשטעלט ניט געײַלט דאָס פּרעסל און אוועקגעזעצט זיך אף א בענקל לעבן ברודער.

— זאָג מיר, שוועסטער מײַנע, נאָר דעם עמעס. ס'הייסט, אז דו וועסט מיר זאָגן דעם ריינעם עמעס, צווייפל איך ניט, — קיין ליגנערטע ביסטו קיינמאָל ניט געווען, — האָסטו ליב דײַן מאַן?

— יאָ.

— נו?

— וואָס „נו״?

— דו ווייסט אַליין וועגן וואָס ס׳גייט א רייד. וואָס ביסטו געזעסן אויף דער כאַסענע ווי א נעבעכטיקע און געקלאָגט? עמעצער האָט דיך מיט גוואַלד כאַסענע געמאַכט צי וואָס? עפּשער האָסטו געוואָלט אפּסנײַ אײַנפירן דעם אַלטן מינהעג פון וויינען אויף דער כאַסענע, ווי אונדזערע מאַמעס און באָבעס פלעגן טאָן, ווייסטו דאָך, אַז מענטשן בײַטן זיך און מינהאָגים אויך.

— איך קאָן ניט פאַרגעסן יורען, — האָט זי געזאָגט, און אירע אויגן זײַנען געוואָרן פול מיט טרערן.

— ווער זאָגט דיר דען, אַז דו זאָלסט אים פאַרגעסן? און וואָס עפּעס דאַרפסטו אים פאַרגעסן?

— ווען עס וואָלט געווען פאַרקערט...

— וואָס פאַרקערט? — האָט אַנשל ניט פאַרשטאַנען.

— ווען איך וואָלט אומגעקומען... וואָלט יורע קיינמאָל ניט כאַסענע געהאַט.

— זעסטו, דאָס ווייס איך ניט. און וויבאַלד איך ווייס ניט, קאָן איך דיר וועגן דעם גאָרנישט ניט זאָגן. גלייב מיר, שוועסטערקע, איך טראַכט אויך אָפט וועגן אים, ער טוט מיר אויך גוואַלדיק באַנק...

— אָבער מיר שטייט ער די גאַנצע צײַט פאַר די אויגן...

— האָסט עס אַלץ געדאַרפט פריִער באַטראַכטן. כאָטש, צוריק גערעדט, איז נאָך איצט אויך ניט שפּעט...

זי האָט געקוקט אַף אים דערשראָקן און צעטומלט.

— נאָר האָסטו כאַסענע געהאַט, — האָט ער פאַרגעזיפצט, — דאַרפסטו זײַן...

— אַ ווײַב? — האָט זי אונטערגעזאָגט צי געפרעגט.

— אַ מענטש, — האָט ער געענטפערט.

לויט דעם שמועס האָט ער פאַרשטאַנען, ווי שווער עס איז איר און באַשטימט אַ שמועס טאָן אויך מיטן שוואָגער.

צו אים איז ער געקומען אין דער אײַזנבאַן-דעפּאָ, וווּ סוועטאָזאַר האָט געאַרבעט. יענער האָט זיך צוערשט דערשראָקן, ווען ער האָט דערזען אַנשלען.

— ס'האָט עפּעס פּאַסירט?

— כ'בין געווען דאָ ניט ווײַט, טראַכט איך: סוועטאָזאַר ענדיקט גיך די אַרבעט, לאָמיך אַרײַנגיין צו אים...

סוועטאָזאַר איז געווען אויפגעלייגט, געפּאַטשט אַנשלען איבער דער פּלייצע: „מאַלאָדיעץ“, זיך באַרימט, אַז מע האָט אים הײַנט געהעכערט דעם ראַזריאַד און דערצו נאָך צוגעפּעסטיקט צו אים אַ גרופּע פּראַקטיקאַנטן פון דער געווערב-שול.

— דאָס איז גוט, — האָט געזאָגט אַנשל, — און אַצינד וועל איך בעסער אַרויסגיין אין דרויסן און צוּוואַרטן דאָרטן אַף דיר, ביז דו וועסט זיך אָפּפּאַרטיקן מיט דער אַרבעט.

גייענדיק אַהיים באַנאַנד מיט סוועטאָזאַרן, האָט אַנשל אָנגעהויבן צווייפלען, צי וועט ער העלפן מיט זײַן שמועס, וועלכן ער קלײַבט זיך פאַרפירן מיט סוועטאָזאַרן, דער שוועסטער און דעם שוואָגער, דאָך האָט ער געזאָגט:

— הער, ברודערקע, וואָס איך וויל דיר דערציילן: מײַן סוועטקע האָט אַמאָל ליב געהאַט אַ באָכער, יורע האָט ער געהייסן. זייער אַ פײַנער באָכער געווען. זיי האָבן ביידע זיך געלערנט אין איין קלאַס. בא אַ וועלכע צוועלף-דרײַצן יאָר האָבן זיי זיך אָנגעהויבן כאַווערן, עפּשער אַפילע מער, ווי כאַווערן, ס'איז עפּשער געווען אַ מין קינדערשע ליבע, איך ווייס ניט, וויאַזוי זאָל איך דיר זאָגן. שפּעטער טאַקע האָבן זיי זיך אַף אַן עמעס ליב באַקומען. נאָכן ענדיקן די שול איז ער געוואָרן אַ קורסאַנט פון אַ טאַנקען-שול, און זי איז אַוועק אַרבעטן אַפן זעלביקן „דאָרעמדיקן וועבער“, וווּ זי אַרבעט איצט.

גענוג! — האָט סוועטאָזאַר בייז אַ זאָג געטאָן. — דאַרפסט פאַרשטיין, אַז איך בין אויך באַקאַנט מיט סוועטען. וואָס מיינסטו, אַז זי האָט מיר ניט דערציילט וועגן איר ליבע? זי האָט מיר אַלץ דערציילט וועגן זיך. דו הערסט — אַבסאָליוט אַלץ. איך ווייס וועגן איר ניט ווייניקער, ווי דו, יעדנפאַלס מער, ווי דו שטעלסט זיך פאָר. וועגן יורען, — דאָס האָט ער ניט געטראַכט זאָגן, די ווערטער האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט אַליין פון זיך, אומגעריכט, — האָט זי מיר דערציילט נאָך אין טשעליאַבינסק אַפן וואָקזאַל, בייס אונדזער ערשטער באַגעגעניש, ווי נאָר מיר האָבן זיך געהאַט באַקאַנט.

ער איז אַנשוויגן געוואָרן. אַנשל האָט אויך געשוויגן.

סוועטאָזאַר האָט געטראַכט: „וואָס זשע, ס'קאָן דען זײַן, אַז אין אַזאַ מיידל, ווי סוועטע, זאָל ביז צוויי און צוואַנציק יאָר, דאָס הייסט, ביז יענער צײַט, ווען איך האָב זיך באַקאַנט מיט איר, זאָל קיינער זיך ניט געווען פאַרליבן...“

ער האָט אַליין פאַרשטאַנען, אַז עמעצער האָט געוויס זי ליב געהאַט, אַז עמעצן האָט זי עפּשער ליב געהאַט, אָבער דער קאָנקרעטער יורע, וועגן וועלכן ער האָט אָט אַצינד דערהערט צום ערשטן מאָל, איז שוין ניט געווען יענע אַבסטראַקטע ליבע, וועלכע האָט געקאָנט זײַן אָדער ניט זײַן. ניין, זי האָט איר ליבע ניט פאַרלייקנט פון אים. ער האָט פּאָשעט קיינמאָל ניט געפרעגט בא איר וועגן דעם. געוואָלט פרעגן און ניט געוואָלט, און אַזוי טאַקע ניט געפרעגט. סוועטאָזאַר האָט זיך פאָרגעשטעלט יורען און סוועטען באַנאַנד מיט אים, און די דאָזיקע זעונג האָט געצוווּנגען זײַן האַרץ אָנהייבן האַסטיקער קלאַפּן, דאָס בלוט האָט געגעבן אַ פלייץ צו די שלייפן און ס'האָט זיך אים שיר ניט פאַרדרייט דער קאָפּ...

שוין אַ לאַנגע צײַט, אַז ער טיילט זײַן לעבן אַף פּעריאָדן: ביז דער מילכאָמע און נאָך דער מילכאָמע, ביזן טויט פון זײַנע עלטערן און נאָך זייער טויט, און אויך — ביז דער באַגעגעניש מיט סוועטען און נאָך דער באַגעגעניש מיט איר.

פון יענער רעגע אָן, ווען ער האָט דערזען סוועטען אפּן קוסטאַנײַער וואָקזאַל, האָט אַלץ ארום באַקומען אַן אַנדער אויסזען, אַן אַנדער זין און אַן אַנדער ווערט. ער האָט דערפילט אין זיך אַ קויעך, וואָס וועט בײַקומען אַלע געפאַרן. די הילצערנע, פאַרשטויבטע געבײַדע פונעם וואָקזאַל איז מיטאַמאָל דעמלט געוואָרן ליכטיקער און גרעסער, די אויסגעמאַטערטע מענטשן — פרויען, קינדער, זקנים, וועלכע זײַנען געפאָרן אין זייערע כאַרעוו-געוואָרענע היימען, — האָבן שוין ניט אויסגעזען אזוי נעבעכדיק. בלויז צוויי באַגערן האָבן אים איצט באַהערשט: שלאָגן דעם סוינע ביזן ענדגילטיקן זיג, און דערנאָך... דערנאָך זאָל דאָס גאַנצע לעבן זײַנס גיין באַנאַנד מיט אים דאָס דאָזיקע מיידל, מיט וועלכער ער איז נאָך אַפילע ניט באַקאַנט, אָט דאָס מיידל מיט די גרויסע פאַרכידעשטע אויגן פון מאַנדלקאָליר אפּן בלאַסן געזיכט, אַזאַ שטאַלטנע און אַזאַ שיינע.

סוועטאָזאַר האָט אַרופגעלייגט זײַן האַנט אַף אַנשלס אַקסל, עטוואָס אָנגעבויגן זיך צום שוואָגער, ווי צילנדיק די ווערטער גלײַך אין זײַן אויער, און געזאָגט:

— הערסטו, ברודערקע, דערצייל ניט סוועטען וועגן אונדזער שמועס. כ'ווייס, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, טאָמער האָט זי שוין אַליין פאַרגעסן, וועגן וואָס זי האָט מיר דערציילט דעמלט, אין טשעליאַבינסק אפּן וואָקזאַל.

אַנשלען האָט מען קיין פינגער אין מויל ניט געדאַרפט אַרײַנלייגן.

— אָפּגערעדט, — האָט ער געזאָגט. און באַ זיך האָט ער אַ טראַכט געטאָן: „אויב אַזוי, איז עפּשער טאַקע גוט, וואָס איך האָב אים דערציילט וועגן יורען. פאַר זיי ביידן איז בעסער. פאַר סוועטען אויך".

די צײַט ווייסט, וואָס זי האָט צו טאָן, — זי גייט, יאָגט די יאָרן איינס נאָכן אַנדערן...

— דו ווייסט, מײַן טײַערער, — האָט סוועטלאַנע איינמאָל געזאָגט דעם מאַן, ווען דער מיזיניק זייערער, גרישע, האָט, ווי דערכאַפּגעוו, אַ זאָג געטאָן „איך גיי" און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, — כ'האָב זיך גאָר ניט באַוויזן אַרומקוקן, און די קינדער זײַנען באַ אונדז געוואָרן זעלבשטענדיקע...

— זעסטו, זאָגן קאָנען מיר אַזוי, ווי מיר ווילן, דאָס איז געווענדט אין אונדז. אַז מע וויל קאָן עס הייסן: „זיך גאָר ניט באַוויזן אַרומקוקן", און מע וויל, קאָן מען זאָגן: נישקאָשע, מיר האָבן גענוג זיך אָנגעהאָרעוועט, אַ פײַן ביסל נעכט ניט דערשלאָפן, ביז מיר האָבן דערלעבט, אַז אונדזער גרישע, אַשטייגער, זאָל אַמאָל, אַז ער וויל, אַ זאָג טאָן: „איך גיי", ווי אַצינד, אָדער אַן אַנדערש מאָל זאָל ער די צוויי ווערטער אָפּשפּאָרן און פּאָשעט זיך אופהייבן און אַוועקגיין, ווי איינער רעדט: „וואָס זשע, איר זעט ניט, אַז איך גיי אַוועק? וואָס דאַרף איך פּאַטערן דערוף רייד? אָט ווּהין איך גיי, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. שטויסט זיך אָן, אַז איר דאַרפט..."

סוועטאָזאַר האָט דערפילט, אַז ניט די דאָזיקע ווערטער האָט סוועטלאַנע געוואָלט הערן פון אים, און געפרעגט:

— וואָס קוקסטו אַזוי אַף מיר? דו האַלטסט, אַז איך בין ניט גערעכט? אַדעראַבעה, זאָג...

— איך קוק אַזוי, ווײַל דו ביסט דאַפקע גערעכט. עס וואָלט אַוודע געווען בעסער, ווען דו וואָלסט איצטיקס מאָל געווען ניט גערעכט.

ער האָט עטוואָס צוגעזשמורעט די אויגן און אַ קוק געטאָן אַף איר:

— האָסט מיך ליב, סוועטע?

זי ווייסט שטענדיק פריִער — לויט זײַן בליק זעט זי, — ווען ער וועט אַ פרעג טאָן באַ איר, צי זי האָט אים ליב. שוין אַזויפיל יאָרן, אַז זיי זײַנען מאַן-און-ווײַב, און ער האַלט נאָך אין איין נאָכפרעגן זיך באַ איר, צי זי האָט אים ליב.

זיי האָבן צוויי קינדער. אַ טאָכטער מיט אַ זון. אַ יאָר נאָך דער כאַסענע איז געבוירן געוואָרן די טאָכטער. זיי האָבן איר אַ נאָמען געגעבן מאַניע. נאָך זייערע מאַמעס. איר מאַמע האָט אויך געהייסן מאַניע.

— סוועטע, זעסט אַ מין זיווּג מיר זײַנען מיט דיר, אַפילע די מאַמעס אונדזערע האָבן געהאַט אַלציינע נעמען.

אין קנאַפּע דרײַ יאָר אַרום איז געבוירן געוואָרן דער זון — גרישע.

אָבער דאָס לעבן איז אַ לעבן און עס באַשטייט ניט בלויז פון די ווערטער: „אַ מין זיווּג" און פון דער פראַגע: „האָסט מיך ליב?" צי פון זײַן ערנסטן אָדער שמייכלענדיקן בליק, ווען ער וואַרט אַף איר ענטפער.

די קינדער זײַנען באַ זיי געוואַקסן אַזוי, ווי קינדער דאַרפן וואַקסן: געווען קראַנק, געוואָרן געזונט, אַמאָל געפאָלגט די עלטערן, אַמאָל געזאָגט: „איך וויל ניט", אַמאָל שטי-

לערהייט זיך געשפּילט, אמאָל געטומלט. און סוועטאָזאר, אַזוי מיינט סוועטע, איז געווען צו די קליינע קינדער צו א שטרענגער טאטע, ניט זעלטן האָט אים פאַשעט געפעלט געדולד. און ווילנדיק צי ניט ווילנדיק, פלעגט אין אזעלכע פאלן דורכלויפן בא איר א געדאנק: „יורע וואָלט ניט געזאָגט זײַן קינד: „דו זעסט, איך בין פארנומען, איך לייען", יורע וואָלט אָפּגעלייגט אין א זײַט דאָס ביכל צי די צײַטונג און געענטפערט דעם קינד אף זײַן פראגע צי געהאָלפן אים אויסמײַסטרעווען דאָס, וואָס עס מײַסטרעוועט זיך ניט אָן דעם טאטנס הילף".

עמעס, ניט זעלטן פלעגט סוועטאָזאר אין עטלעכע מינוט ארום אופהערן לייענען אָדער לאָזן זײַן ארבעט און זיך פארנעמען מיטן קינד, אָבער די ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט, און דער טאָן, מיט וועלכן ער האָט זיי ארויסגעבראכט, פלעגן איר דערנאָך נאָך לאנג קלינגען אין די אויערן. די דאָזיקע בייזקײַט זײַנע האָט אים אויך קיין איבעריקע פרייד ניט פארשאפן, און ער פלעגט איר גערן דערנאָך געבן צו וויסן: „כ'בין שוין געקומען צו-זיך, סוועטע" אָדער: „כ'האָב זיך שוין אָפּגעקילט נאָך דער היץ". און שפּאסנדיק, אָנהייבן קלוימערשט וויסנשאפטלעך דערקלערן די סיכסוכים, וואָס פלעגן פאָרקומען צווישן אים און סוועטלאנען אין צוזאמענהאנג דערמיט: „מיינונגס-פארשיידנהײַטן אין דער פּעדאגאָגישער טעאָריע און פּראקטיק". אָן אנדערש מאָל: „ווידערשפּרוכן אין דער דערציִונגס-סיסטעם פונעם יונגן דאָר". אָדער: „די אייביקע פּראָבלעם — קינדער און עלטערן".

איינמאָל, ווען ער האָט אָנשטאָט צו ענטפערן אף עפּעס א פראגע, מיט וועלכער עס האָבן זיך געווענדט צו אים מאניע מיט גרישען, בייז א זאָג געטאָן: „ווידעראמאָל... גייט און טראכט אליין...", האָט זי זיך געמאכט ניט הערנדיק, אָבער שפּעט אָפּדערנאכט, ווען די קינדער זײַנען שוין געשלאָפן, זי איז געזעסן אף דער קאנאפּע מיט א געניי אין האנט און ער האָט זיך צוגעזעצט לעם איר, ארומגענומען זי און פארפירט א געמיטלעכן שמועס, האָט זי אים געפרעגט:

— ווילסט הערן א מײַסע?

— אוואדע.

— נו, איז הער. די מײַסע האָט מיר דערציילט אמאָל מײַן מאמע. און זי האָט זי געהערט פון איר מאמען...

— פון דײַן באָבען, הייסט עס. און די באָבע דײַנע, דארף מען זיך מעשאער זײַן, האָט די געשיכטע געיארשנט פון איר מאמען, פון דײַן עלטערבאָבען, — ער איז געווען גוט געשטימט, געשפּאסט, געוואָלט, אז זי זאָל ניט זײַן אזוי ערנסט.

— מעגלעך, — האָט זי געזאָגט, — נאָר ניט דאָס איז דער איקער. דער איקער איז די מײַסע. הער מיט קאָפּ. ס'האָט אמאָל-אמאָל געלעבט אף דער וועלט א ייִנגעלע. דאָס ייִנגעלע האָט געהאט זייער א גאָטספּאָרכטיקע באָבע. די אלטע פלעגט אָפּט זיך אויסטײַנען מיטן ריבוינעשעלוילעם. דאָס קינד האָט ניט איין מאָל געהערט, ווי זי בעט דעם אייבערשטן:

— גאָטעניו, זײַ מיר א פאָטער א געטרײַער... — און טאקע גלײַך אפן אָרט אויסלייגן א היפּש צעטל מיט באקאָשעס.

טוט איינמאָל א פרעג דאָס ייִנגעלע בא דער באָבען:

— באָבעשי, פארוואָס בעטסטו גאָט, אז ער זאָל דיר זײַן א טאטע א געטרײַער, פארוואָס בעטסטו ניט, אז ער זאָל דיר זײַן א מאמע א געטרײַע?

— זעסטו, קינד מײַנס, דאָס וואָלט שוין געווען צופיל פון מײַן זײַט, — האָט געענטפערט די באָבע.

סוועטאָזארן איז די מײַסע געפעלן געוואָרן. ער האָט נאָך שטארקער ארומגענומען סוועטלאנען און שמייכלענדיק געפרעגט:

— וואָס זשע פאר א מוסער-האסקל האָט די דאָזיקע בעעמעס שיינע מײַסע?

— א טאטע איז ניט קיין מאמע.

— הייבט זיך אפילע ניט אָן, — האָט ער לאכנדיק געזאָגט. — ס'לאָזט זיך אויס, אז דו האָסט גאָר ניט אזוי פארשטאנען די מײַסע. דער מוסער-האסקל איז אזא: אין יענע צײַטן, ווען דאָס ייִנגעלע איז נאָך געווען א ייִנגעלע, אין דײַן עלטערבאָבעס צײַטן, זײַנען געווען קלוגע פרויען — אפילע פון גאָט אליין האָבן זיי ניט פארלאנגט מער, ווי מע דארף...

— אוואדע, קלוגע, — האָט זי געזאָגט, — ווייס איך ווען האָבן זיי שוין געוווּסט, אז א טאטע...

— איז ניט קיין מאמע, — האָט ער פארענדיקט.

נאָך איידער זי האָט א קוק געטאָן אף אים, האָט זי דערפילט, וואָס ער וועט בא איר באלד פרעגן, און נאָך איידער ער האָט ארויסגעבראכט זײַן שטענדיקע פראגע, האָט זי א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אף „יאָ".

סוועטע פאַרשטייט ניט, צוליב וואָס טוט עס דער זיקאָרן: אײַנמיטנדערינען נעמט ער און כאַפּט אַרויס עפּעס אַ טאָג, אַף וועלכן עס זײַנען שוין אָנגעהויפּנט יאָרן מיט יאָרן.

יענעם טאָג האָט זי געזאָגט:

— אָ, מאָרגן וועלן מיר זיך אויסרוען.

ער האָט קלוימערשט פאַרכידעשט איבערגעפרעגט:

— וואָס זאָגסטו? מיר וועלן זיך אויסרוען?

— האָסט זיך אַזוי פאַרכידעשט, פונקט ווי כ'וואָלט געזאָגט, אַז אַפן הימל איז אַ יאַריד. מאָרגן איז דאָך זונטיק.

— אָט אַזוי זשע זאָג טאַקע: מאָרגן איז זונטיק. און דו זאָגסט: מיר וועלן זיך אויסרוען. אַ שיינער אָפּרו. פון קיין רויִקער מינוט ווייס איך ניט.

און ווידער האָט זיך דעמלט אַ טראַכט געטאָן: ער איז מיסטאָמע גערעכט, סוועטאָזאַר, אָבער יורע וואָלט אַזוי ניט געזאָגט.

מאָדנע... דערמאָנט זי זיך אין יורען, זעט זי אָפטער פון אַלץ יענעם יורען, וואָס האָט זיך דאָס ערשטע מאָל געזעצט לעבן איר אַף דער פּאַרטע, און ניט יורען — דעם קוראַסאַנט פון דער טאַנקען־שול, ניט יורען, וועלכן זי האָט אַרויסבאַגלייט אַפן פראָנט... אין כאָלעם האָט זי גראָד יאָ ערשט ניט לאַנג געזען יורען דעם טאַנקיסט, דעם פראָנטאָוויק... עס האָט זיך איר געכאָלעמט, אַז זי שטייט ערגעץ אין אַ פעלד און זעט, ווי יורע גייט אַרויס פון אַן ערדשטיבל, קומט צו צו אַ טאַנק, קריכט אַרײַן אינעם לויק, און אין דער זעלבער רעגע ווערט דער טאַנק אַרומגעכאַפּט מיט פײַער... זי האָט געוויס געשריִען פון שלאָף. און ניט געוווּסט, צי זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר אייגענעם געשריי צי סוועטאָזאַר האָט זי אויפגעוועקט, נאָר ווען זי האָט געעפנט די אויגן האָט זי לאַנג ניט געקאָנט קומען צו־זיך. זי איז געווען דאַנקבאַר סוועטאָזאַרן, וואָס ער האָט זי ניט געפרעגט, וואָס האָט זיך איר געכאָלעמט.

יענעם טאָג, ווען ער האָט געגעבן אַזאַ פײַנע כאַראַקטעריסטיק זײַן אָפּרו־טאָג, האָט ער בא איר געפרעגט:

— סוועטע, דו ווילסט דען, אַז איך זאָל זײַן מיט דיר ניט אָפריכטיק? כ'זאָל זאָגן, אַז מיר איז גוט אַפן האַרצן, ווען ס'איז מיר שווער? און כוץ דעם, צו וועמען דען זאָל איך ווען־ניט־איז אויסלאָזן מײַן ביטער האַרץ, אויב ניט צו דיר? שטענדיק לאָזט מען אויס דעם צאָרן צום סאַמע ליבסטן און טײַערסטן מענטשן אַף דער וועלט... — ער האָט שוין גע־שמייכלט, געקוקט אַף איר מיט צוגעזשמורעטע אויגן, און אין זײַן בליק האָט זי איבערגע־לייענט די פראַגע, וועלכע ער האָט טאַקע באַלד געפרעגט:

— האָסט מיך ליב, סוועטע? — ער האָט געוואַרט, אַז זי זאָל ענטפערן, און זי האָט, שמייכלענדיק, געענטפערט. — סוועטע, — האָט ער שפּעטער מיט אַ ווײַלע געזאָגט, — מיר זײַנען מיט דיר אַ זיווג. איך וואָלט וועלן, אַז גרישעס ווײַב זאָל כאָטש אַ קאַפּל זײַן גלײַכן צו דיר. און די אייניקלעך אונדזערע זאָלן אויך זײַן גלײַכן צו דיר...

זי האָט געשוויגן און ניט געוווּסט, פאַרוואָס און פאַרוועמען האָבן טרערן פאַרגאָסן אירע אויגן.

זיצנדיק אין וואַגאָן פונעם שנעל־צוג „אָדעס — מאָסקווע", האָט סוועטע געטראַכט: מע קאָן מיינען, אַז זי האָט זיך גאַנץ גיך צוגעגרייט צו אָט דער נעסיִע. פאַרפּאַקעוועט דאָס סאַמע נייטיקע אין וועג, גענומען דאָס טשעמאָדאַנדל אין האַנט, אַרײַן אין צוג און פאַרטיק! זי פאָרט!

אינדערעמעסן האָט זי לאַנג, זייער לאַנג אָנגעהויבן זיך גרייטן אין אָט דעם וועג — אַ וועג, וואָס גייט דורך פאַרבײַ דעם הינטערמאָסקווער דאָרף סנעזשנאָיע און פירט ווײַ־טער — דרײַ קילאָמעטער צאָפנדיקער, צו אַ וואַלד־ראַנד בײַשכיינעס מיט אַן אײַזנבאַן־אָנ־שיט, לעבן אַ טײַכל מיטן זעלבן נאָמען, וואָס דאָס דאָרף, אַ טײַכל, איבער וועלכן עס צי־טערט אַ הילצערן בריקל. קימאַט אַנטקעגן דעם בריקל וואַקסט אַן אַלטער דעמב, אַן אַרומ־גערינגלטער מיט סאָסנעס, גראָבן, אָסינעס און אָלכעס, — אָט בא יענעם אַלטן און צע־צווײַגטן בוים וועט זיך ענדיקן דער וועג, אין וועלכן זי האָט זיך געלאָזט. אַ וועג, אין וועלכן זי האָט זיך אַזוי לאַנג געקליבן און געגרייט, אָנהייבנדיק פון אַ ביז גאָר ווײַטן, זאַוורוכע־דיקן טאָג אין קוסטאַנײַ, ווען זי האָט באַקומען די ידיִע וועגן יורעס טויט, באַקומען צוזא־מען מיטן בריוו פון זײַן פראָנט־כאַווער, אין וועלכן ער האָט איר געגעבן צו וויסן יורעס אייביקן אַדרעס, און מיט אַלע אירע בריוו, וועלכע זי האָט באַוויזן שיקן יורען אַפן פראָנט, און אויך מיט איר פאָטאָגראַפיע, ווען זי איז אַלט געווען זעכצן יאָר, און וואָס זי האָט טאַקע

דעמלט, אַ זעכצניאָריקע, אים געשענקט יורען, — אָט אין יענעם ווײַטן טאָג, האָט זי געוווסט, אַז עס שטייט איר פֿאַר דער דאָזיקער וועג.

עס וועט ניט זײַן איבערגעטריבן, אויב מע זאָל זאָגן, אַז אין מעשעך פֿון די אַלע דורכגעגאַנגענע יאָרן פֿלעגט זי אָפֿט — סײַ בייס די טאָגטעגלעכע זאָרגן, סײַ אָף סימכעס, סײַ אין אומרויִק-אָנגעשטרענגטע טעג צי וואָכן, וואָס זײַנען איבערגענוג געווען אין איר לעבן, — מיטאַמאָל דערזען אין דימיען דאָס דאָזיקע קיינמאָל ניט געזעענע דאָרף מיטן פּאָעטישן נאָמען סנעזשנאַיע — שנייִקע, — דערזען אויך דעם וואַלדישן שטעג, וועלכער וועט זי ברענגען צו פֿירן צו אַן אַלטן, צעצווײַגטן דעמב, וואָס זײַן שאַרסטקער שטאַם איז אַרומגעבונדן מיט דראָט, און דאָס דאָזיקע דראָט האַלט פֿעסט אַ פֿינפֿעקיק שטערנדל פֿון אַליומיני. האַלט עס פֿעסט, דער ווינט זאָל עס ניט אַראָפּרײַסן. און עס פֿאַרשטעלט דאָס שטערנדל, ווי מיט אַן אַ שיר פֿאַראַסאָלן, דער דעמב מיט זײַנע גרויסע, זומערצײַט ווייכע, גרינע, און האַרבסטצײַט טונקל-רויטע בלעטער, אַז דער רעגן זאָל אָף דעם ניט גיסן, כאָטש „אַליומיני זשאַווערט ניט, — ווי ס'האָט איר געשריבן יורעס כאַווער, — און דאָס שטערנדל וועט ניט געפּאַטערט ווערן". און אַפֿילע ווינטער וואַרפֿט דער דעמב ניט אַראָפּ זײַנע בלעטער — שוין ניט קיין בונטע און ניט קיין ווייכע, — שנייען זאָלן דאָס שטערנדל ניט פֿאַרווייען. די בלעטער זײַנע פֿאַרלירט דער אַלטער דעמב שוין אום פֿרילינג, ווען נײַע הייבן אָן צו גרינען אָף זײַנע צווײַגן.

צופֿוסנס פֿון דעם דאָזיקן דעמב זעט זי אַן אָנגעשאָטן בערגל ערד, זומער באַדעקט מיט גראָז און וואַלד-בלומען, אויסגעוואַקסענע פֿון זוימען, וועלכע פֿויגלען האָבן, טראָגנדיק אין די שנאָבלען, פֿאַרלוירן צי אַראָפּגעוואָרפֿן דאָ. האַרבסט — באַדעקט מיט בלעטער, וועלכע דער ווינט האָט פֿאַרטראָגן אַהער, ווינטער — פֿאַרשאָטן מיט שניי.

און דער מאַמעס קייווער קומט איר אויך פֿאַר די אויגן אין די מאַכשאָוועס. אָבער דאָס איז קיין וווּנדער ניט. דער מאַמעס קייווער האָט זי דאָך געזען. צו דער מאַמען אָפֿן בעסוילעם פֿלעגט זי אָפֿט גיין, זײַענדיק אין קוסטאַנײַ. דער מאַמעס לענגעכיק בערגל ערד האָט זי אַרומגעגרויזעט מיט אַ שוואַרצער אײַזערנער צאַם און געשטעלט אָף דעם אַ שיינעם שטיין. די אַרבעטער פֿונעם זאַוואָד האָבן עס באַוואָרנט. אָפֿן שטיין איז אויפֿגעשריבן: „טייערע מאַמע..." און געכאַסמעס: „דײַנע קינדער — אַנשל, סוועטע". אַפֿילע אָף דער אייגענער כאַסענע האָט זי געזען אָט די צוויי גרויזאַמע בערגלעך.

ניט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט לאַנגע יאָרן געגרייט זיך צו דער דאָזיקער נעסיִע, דאָך האָט זי, אַפּאָנעם, ווי זי זעט איצט, ניט גאָר גוט זיך צוגעגרייט. ניט בלויז איצינד, ווען זי קוקט אַרויס דורכן פֿענצטער פֿונעם אײַלנדיקן עלעקטרישן צוג, אין וועלכן זי האָט זיך שוין אין מאָסקווע, אָפֿן ווײַסרוסישן וואָקזאַל, געזעצט, פֿונעם צוג, וואָס וועט זי ברענגען אָף דער סטאַנציע סניעזשנאַיע, נאָר דעם גאַנצן, קימאַט צוויי-טויזנט-קילאָמעטערדיקן וועג פֿון אַדעס ביז מאָסקווע, האָט זי זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפֿינען — געווען אומרויִק, צעשטרייט, צעטומלט. לעבן יעדן דורכשווינדלענדיקן בריקל געזוכט אַ דעמב, צו וועלכן עס איז צוגעפֿעסטיקט אַ שטערנדל. אָף יעדן וואַלדישן שטעג, וואָס איז אַרויסגעלאָפֿן אַנטקעגן דעם צוג און פּונקט אַזוי גיך אַנטלאָפֿן צוריק, געזוכט סימאָנים פֿון יענעם שטעג, וואָס זי דאַרף, און זיך געערגערט, וואָס דער צוג האָט דורכגעיאָגט פֿאַרבײַ און זיך ניט אָפּגעשטעלט.

ווען דער צוג איז סאָפּקאָלסאָף שטיין געבליבן אָף דער סטאַנציע סניעזשנאַיע, האָט זי באַשטימט באַ קיינעם דעם וועג ניט פֿרעגן. זי ווייסט אַליין, וווּהין צו גיין. אין דאָרף איז זי ניט אַרײַן. זי איז אַוועק לענגויס דער באַן-ליניע, אַרײַן אין וואַלד און אַוועק שטרענג אָף צאָפֿן. אײַנגיכן איז זי אַרויס צו אַ טײַכל, און זיך געלאָזט גיין פֿאַזע זײַן ברעג. אַלץ איז דאָ געווען אַזוי, ווי זי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט. אָט אַזוי, נאָר אַזוי האָט געקאָנט בלויען דאָס טײַכל. אָט אַזוי און ווידעראַמאָל בלויז אַזוי האָבן געקאָנט אינעם וואַלד רוישן די ביימער, און דער הימל איבער זיי האָט אויך קיין אַנדערער ניט געקאָנט זײַן. דערנאָך האָט זי דערזען דאָס בריקל. מישטיינסגעזאָגט, אַ בריקל. אַ פּאָשעטע קלאָדקע. זי איז אַרויף אָפֿן בריקל, וואָס האָט זיך געוויגט אונטער אירע פֿיס. ס'האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ וואַלדישן שטעגל. סוועטע איז אַוועק מיט דער סטעזשקע.

„יורע, — האָט זי, גייענדיק, געטראַכט, — האָט אין זײַנע לעצטע שאָען צי מינוטן געזען דאָס זעלבע טײַכל, די זעלבע ביימער, דעם זעלבן הימל..." זי האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט: „די זעלבע און ניט די זעלבע..." און ניט בלויז דערפֿאַר, וואָס אין יענעם פֿעווראַל-טאָג איז דאָס טײַכל געווען פֿאַרקאָוועט אין אײַז, די ביימער זײַנען געשטאַנען פֿאַרשנייטע און דער הימל איז געווען אַ ווינטערדיק נידעריקער און גרויער, און איצט איז אַ שיינער, אַ הע-

לער טאָג, וואָס גיט זיך אויס בלויז אין גאָלדענעם האַרבסט... ניין, ניט דערפֿאַר... דעם דאָזיקן טײַך, אַזאַ, ווי זי זעט אים, האָט יורע קיינמאָל ניט געזען, ער האָט ניט געזען די ביימער אַזעלכע, ווי זי זעט זיי איצט, און קיין שטילן הימל האָט ער אַוואַדע און אַוואַדע ניט געזען...

זי איז געגאַנגען לאַנג — געגאַנגען און געגאַנגען. פֿאַרבײַ יונגע דעמבן, פֿאַרבײַ בערעזעס, גראַבן, סאָסנעס, געשפּאַנט ניט געײַלט, און שטאַר געקוקט פֿאָרויס. עס האָבן זי איבערגעיאָגט מענטשן — ווער מיט אַ קוישל אין האַנט, ווער מיט ליידיקע הענט, ווער, שטופּנדיק פֿאָרויס אַ וויגעלע, אין וועלכן עס איז רויִק געשלאָפֿן אָדער באַשעפֿטיקט און ערנסט זיך געשפּילט מיט אַ פֿאַרביק שפּילכל אַ קינד. אַנטקעגן איר זײַנען אויך אָנגעקומען מענטשן — איינציקווײַז, פֿאָרלעכווײַז, גאַנצע קאָמפּאַניעס. פֿונעם וואַלד האָט מען זיך אומגעקערט מיט קווייטן, מיט בינטלעך בונטע בלעטער און מיט קוישלעך, פֿולע מיט שוואָמען.

ענדלעך, האָט זי דערזען אַ דעמב און האַסטיק צוגעלאָפֿן צו אים, ווי זי וואָלט מוירע האָבן, ער זאָל פּלוצעם ניט פֿאַרשווינדן. זײַן שטאַם האָט געזאָלט זײַן אַרומגעבונדן מיט דראָט, וואָס האָט געדאַרפֿט האַלטן אַ פֿינפֿעקיק שטערנדל פֿון אַליומיני. צופֿוסנס האָט געדאַרפֿט זײַן אַ לענגעכיק בערגל, אַ פֿאַרשאָטנס מיט בונטע בלעטער, — ס'איז דאָך איצטער האַרבסט. זי האָט די סימאָנים ניט געזען. דער אַלטער, שאַרסטקער שטאַם איז מיט קיין דראָט אַרומגעבונדן ניט געווען, האָט דאָס שטערנדל בעמיילע געפֿעלט — ס'האָט ניט געהאַט, אַף וואָס זיך האַלטן, — און קיין לענגעכיק בערגל האָט צופֿוסנס פֿונעם דעמב זיך ניט געהויכט. זי איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרלוירענע. זי איז געגאַנגען די גאַנצע צײַט אַף צאָפֿן. דורכגעמאַכט דרײַ קילאָמעטער — דעם וועג פֿילט זי גוט, — אַרויס צום וואַלד־ראַנד, און דער אײַזנבאַן־אַנשיט איז פֿונדאַנען אַנערעך צוויי הונדערט מעטער, אַלץ, ווי ס'איז אַנגעוויזן געווען אין יענעם בריוו, זי קען אים אַף אויסווייניק. און איצט שטייט זי באַ דעם איינציקן אַלטן דעמב, וואָס וואַקסט דאָ, — מער קיין אַלטע דעמבעס זעט זי ניט, — אָבער וואָס קומט אַרויס דערפֿון?

זי האָט אויפֿמערקזאַם באַטראַכט דעם שטאַם, געזוכט אַרום דעם שטאַם אַ קאַרב, וועלכן דאָס דראָט האָט געמוזט לאָזן. געזוכט און ניט געפֿונען. זי האָט אָבער די גאַנצע צײַט מוירע געהאַט, אַז עמעץ קאָן אַראָפּנעמען דאָס דראָט, עפּשער אַפֿילע אַליין דער וואַלד־אויפֿזעער — אַ שטאַם צעוואַקסט זיך, דאָס דראָט וועט זיך אײַנעסן דעם בוים אין לײַב, און אַ וואַלד־אויפֿזעער האָט ליב ביימער... ער היילט זייערע ווונדן... סוועטע ווייסט, אַז די צײַט היילט אויך און פֿאַרהיילט ווונדן, און ניט בלויז אַפֿן לײַב פֿון ביימער. אָבער זי ווייסט אויך, אַז ווי גוט די ווונדן זאָלן ניט פֿאַרהיילט ווערן, פֿאַרבלײַבט אַ סימען. האָט זי איצט געזוכט דעם דאָזיקן פֿאַרהיילטן סימען אַפֿן לײַב פֿונעם בוים, און געזוכט אומזיסט. זי האָט אַ קלער געטאָן, אַז יענע ייִנגלעך פֿונעם ווײַטן 1942 יאָר — יורעס שלאַכט־כאַווײרים — זײַנען געווען געוויס העכער פֿון איר, יורען, אַשטייגער, פֿלעגט זי אַפֿילע ביזן אַקסל ניט דערלאַנגען, כאָטש ער איז געווען ניט זייער קיין הויכער, עטוואָס העכער פֿון מיטעלן וווּקס, און סוועטאָזאַר איז אויך אַ סאַך העכער פֿון איר, כאָטש ער איז אויך קיין ריז ניט, באַ איר איז אויך אַ געוויינלעכער מיטעלער פּרוויִשער וווּקס. און דעמלט האָט זי גענומען זוכן דעם סימען העכער: זי האָט פֿאַריסן ווי ווײַט מעגלעך דעם קאָפּ, אויפֿמערקזאַם זיך אײַנגעקוקט אין דער קאָרע, אַרומגעטאַפּט דעם שטאַם מיט די הענט, — קיין סימען האָט זי סײַווי ניט געפֿונען. האָט זי צונויפֿגעקליבן באַם ברעג טײַך פֿאַרייכערטע שטיינער — סע האָט דאָ, אַפּאַנעם, ערשט ניט לאַנג געברענט אַ שײַטער. — צונויפֿגעלייגט זיי אין צוויי שטויסן, פֿון אויבן אַוועקגעלייגט עפּעס אַ ברעטל, וואָס האָט זיך געוואַלגערט ניט ווײַט, און שוין פֿון דער הייך גענומען באַטראַכטן די קאָרע פֿונעם בוים.

בייס דער דאָזיקער אַרבעט האָט זי באַמערקט, אַז פֿונעם וואַלד איז אַרויס אַן אַלטער מאַן מיט אַ קויש אין האַנט. זי האָט גלאַט אַזוי אַ טראַכט געטאָן, אַז לויט דעם, ווי דער מענטש גייט אײַנגעבויגן, דאַרף דער קויש זײַן אַ שווערער. דער אַלטער האָט זיך אָפּגעשטעלט, באַשטאַט זײַן קויש אַפֿן גראָז און זיך געלאָזט גיין גלײַך צו איר. זי איז אַראָפּ פֿונעם אימפּראָוויזירטן טרעפּל און אַוועק אים אַנטקעגן.

— וואָס זוכט איר דאָ אַפֿן דעמב? — האָט ער באַ איר געפֿרעגט. — אַז איך בין געגאַנגען נאָך אַהין, ס'הייסט, אין וואַלד, איך האָב מיר דאָ אַנערעך אַ קילאָמעטער פֿונדאַנען אַן ערטל לעבן דער באַלקע, — איצט קאָן מען זאָגן, אַז ס'איז אַ באַלקע, מילכאָמע־צײַט איז עס געווען אַ טיפֿע און אַ לאַנגע טראַנשיי, — וואַקסן דאָרטן ווײַסע שוואָמען, שוין איינמאָל שוואָמען! — ער האָט זיך געלאָזט גיין צוריק, צו זײַן קוישל, ווי קעדיי איר באַווײַזן, סאַראַ גוטע ווײַסע שוואָמען עס וואַקסן אין יענער באַלקע, און טאַקע געבראַכט דעם קויש און

באוויזן איר די שוואָמען. — איז אָט, האָב איך אײַך געזען לעבן דעם דאָזיקן דעמב. כ'האָב געקוקט, ווי איר זײַט עטלעכע מאָל ארומגעגאנגען ארום דעם בוים, געטאַפּט אים מיט די הענט, ווי איר וואָלט עפּעס געזוכט אף זײַן שטאם. איצט, עמעס, האָט איר זיך שוין אופגעהויבן העכער מיט א שטאפּל.

סוועטלאנען איז געפעלן געוואָרן, וואָס דער אלטיטשקער רעדט מיט הומאָר און אזוי צוגעלאָזן.

— אָבער וואָס טוט איר, וואָס זוכט איר, — האָט ער דערווײַל פאַרגעזעצט, — קאָן איך בעשום-אויפן ניט דערגיין מיט מײַן אייגענעם סייכל.

— א שטערנדל זוך איך... אז דאָס שטערנדל איז ניטאָ, זע איך שוין... זוך איך א סימען פון דעם... ערגעץ אָט דאָ, אין פעווראל 1942, איז אין א שלאכט אומגעקומען...

— יורי בילאָוו? — האָט דער אלטער געפרעגט.

זי האָט געקוקט אף אים, ניט זײַענדיק בעקויעך אויסריידן א וואָרט אפילע, זי האָט בלויז געפילט, ווי טרערן האָבן אָנגעפילט אירע אויגן און געמאכט צעשווומען דעם אלטנס געזיכט, פארשטעלט די ליכטיקע שײַן, געוויגט, געוויגט דעם גאנצן ארום.

„יורי בילאָוו" — האָט אין אירע אויערן געקלונגען דעם אלטנס קאָל. ער האָט אזוי היימיש אויסגערעדט דעם נאָמען, פונקט ווי יורע וואָלט געווען זײַן אייניקל, וואָס האָט זיך ערגעץ פארהאלטן אין וואלד, און ער, דער זיידע, האָט געוווּסט, אז זי דארף קומען צו יורען, דעריבער איז ער ארויס זי באגעגענען און איר געבן צו וויסן, אז איר יורע... יורי בילאָוו...

— פונוואנען ווייסט איר?..

דער אלטער האָט פארשטאנען איר פראגע, נאָך איידער ער האָט זי דערהערט ביזן סאָף.

— איר האָט דאָך געזאָגט: אין פעווראל 1942... אין א שלאכט... אין יענער שלאכט פאר סניעזשנאָיע איז דעמלט אומגעקומען איין מענטש... יורי בילאָוו. עמעס טאקע, אף א דעמב, נאָר ניט אף דעם, קומט מיט מיר, וועל איך אײַך באווײַזן יענעם בוים, האָבן די רויט-ארמייער מיט דראָט צוגעפעסטיקט א שטערן, וועלכן זיי האָבן אויסגעשניטן פון אליומיני, און אף אים אויסגעקריצט מיסטאמע מיט א באגנעט „יורי בילאָוו". כאָטש איך בין אלט, נאָר א זיקאָרן האָב איך א גוטן... און צוויי דאטעס: "1921.10.21 — 8.2.1942„.

שפּעטער שוין, נאָך דער מילכאָמע, אז דאָס לעבן איז ביסלעכווײַז ווידער געוואָרן א לעבן, האָט מען אויסגעגראָבן זײַן געביין און א צווייט מאָל באהאלטן, שוין אינעם שול-הויף. דאָס דראָט האָט מען אָפּדרייען ניט געקאָנט, אזוי שטארק איז עס געווען פארפעסטיקט. האָט מען עס איבערגעזעגט, און ערשט דערנאָך איז מעגלעך געווען אראָפּנעמען דעם שטערן. איניינעם מיטן דראָט האָט מען דעם שטערן ארײַנגעלייגט אין א קעסטל אונטער א גלאָז. דאָס קעסטל שטייט אין שול, אין א באזונדער צימער, וואָס הייסט: „יורי בילאָווס מוזיי". אף יורעס קייווער גיט מען אכטונג. פון אָנהייב פרילינג ביז שפּעטן הארבסט, ביזוואַנען עס קאָנען אין אונדזערע קאנטן וואקסן אונטערן פרײַען הימל קוויטן, בליִען זיי אף זײַן קייווער. און א שטיין, א דענקמאָל פון שווארצן גראניט האָט מען אויך געשטעלט, און מיט גאָלד אָנגעשריבן...

זי האָט לאנג געשוויגן, ניט געוווּסט, וואָס צו זאָגן דעם אלטן. סאָפקאָלסאָף האָט זי זיך דערטראכט:

— גוט, וואָס איך האָב אײַך באגעגנט... וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען איך באגעגן אײַך ניט?

— ניט געפערלעך, — האָט ער זי בארויִקט, — ווען מען איר וואָלט דאָ ניט געפרעגט וועגן יורען, פון קליין ביז גרויס, וואָלט אײַך יעדערער געזאָגט דאָס זעלבע.

זי האָט גענומען בא אים פון די הענט דעם קויש מיט די שוואָמען, און זיי זײַנען אוועק טיפער אין וואלד, צו יענעם דעמב, וווּ עס איז פריִער געווען יורעס קייווער. דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזט גיין אין שול. אינמיטן וועג האָט דער אלטער דערזען א פניאָק און זיך צוגעזעצט אף אים:

— איך וועל זיך דאָ א קאָפּ אָפּרוען. איר מעגט אף מיר ניט ווארטן. כ'וועל אף אײַך קיין פאריבל ניט האָבן. גייט גלײַך מיט אָט דעם שטעגל.

— כ'וועל בעסער צוווארטן אף אײַך, — האָט זי געענטפערט.

דער אלטער האָט געפרעגט:

— און איר זײַט יורעס א שוועסטער צי דאָס ווײַב, כ'מיין, די אלמאָנע זײַנע?

— יורע האָט קיינעם ניט געהאט, ניט קיין עלטערן, ניט קיין ברידער און ניט קיין שוועסטער. ער האָט זיך דערצויגן אין א קינדערהיים. איך בין ניט געווען זײַן ווײַב, — געווען

זײַן קאַלע. מיר וואָלטן שוין אַפּילע געווען כאַסענע געהאַט, נאָר די מילכאָמע האָט צעשטערט אונדזערע פּלענער.

— יאָ, אַ סאַך כאַסענעס זײַנען איבער דער מילכאָמע ניט אָפּגעשפּילט געוואָרן. כאַסענעס, וועגן וועלכע כאָסן־קאַלע האָבן זיך דערעדט, און כאַסענעס, וועגן וועלכע מע האָט זיך נאָך ניט באַוויזן צו דערריידן, זי האָט באַטל געמאַכט פּיל אָפּגעשפּילטע כאַסענעס, געלאָזט אַלמאָנעס און קאַלעס מיט גראָווע צעפּ... — ער האָט אַ קוק געטאָן אויף אירע שיין־פאַרקעמטע שוואַרצע האָר, און זי האָט ניט געוווּסט, צי האָט ער דערקענט, אַז איר קאָפּ האָר פאַרמאָגט אַן אַנטליִענע שוואַרצקייט. גיכער פון אַלץ האָט ער עס ניט באַמערקט, ווײַל אַפּילע אויף דער אַרבעט האָבן געניטע אין פראַגן פון קאָסמעטיק פרויען, זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז זי פאַרבט איר גראָווען קאָפּ האָר.

זי האָט געזאָגט:

— איך בין ניט געבליבן קיין אייביקע קאַלע, איך האָב כאַסענע געהאַט.

זי האָט געקוקט אויף אים און געוואַרט, וואָס וועט ער דערויף זאָגן. זי וועט זיך אַפּילע ניט פאַרכידעשן, אויב ער וועט אָפּגעפרעמדט אַ זאָג טאָן: „טראָגסט מיר טאַקע דעם קויש, נאָר כ׳וועל יאַקאָס אויסקומען אָן דיר. גיי דיר ווײַטער אַליין... כ׳מיין, אַז דו וועסט ניט פאַרבלאָנדזשעט ווערן...“ אָבער ער האָט געשוויגן, האָט זי אָנגעהויבן ריידן גיך, גיך, ווי זי וואָלט מוירע געהאַט, אַז ער וועט זי ניט וועלן אויסהערן. און זי האָט אַליין געפילט, אַז דאָס פאַרענטפערט זי זיך פאַר אים, ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערט עפּשער פאַר יורעס זיידן, ווען יורע וואָלט געהאַט אַ זיידע.

— מײַן מאַן, — האָט זי דערציילט דעם אומבאַקאַנטן אַלטן, — איז אויך געווען אַ פראָנטאָוויק. צוויי מאָל שווער פאַרווונדעט געוואָרן. זײַן פאָטער, אַ קאַדראָווער מיליטער־מאַן, איז אומגעקומען אויפן פראָנט אין די ערשטע מילכאָמע־כאָדאָשים, און די מאַמע זײַנע איז פון צאָרעס אויך אינגיכן געשטאָרבן. ביז מיר האָבן כאַסענע געהאַט, האָט ער אויף דער גאָרער וועלט פאַרמאָגט בלויז איין קרויווע — זײַן טאַטנס אַ שוועסטער, עטלעכע יאָר האָט זי געלעבט מיט אונדז. מײַן מאַמע איז יונג געשטאָרבן, נאָך אין דער עוואַקואַציע, איז די מומע ווערע מיר געווען ווי אַן אייגענע מאַמע. פאַרדרײַיאָרן איז זי געשטאָרבן.

דער אַלטער האָט לאַנג און אויפמערקזאַם געקוקט אויף איר:

— עפּעס זעט איר מיר זייער קענטלעך.

— ערגעץ אין די היגע קאַנטן האָט איר מיך ניט געקאָנט זען. איך בין דאָ דאָס ערשטע מאָל. עפּשער, אין אָדעס...

— ניין, ניט אין אָדעס, איך בין פונדאַנען קיינמאָל אין ערגעץ ניט געפאָרן.

— עפּשער בין איך פּאָשעט ענלעך אויף עמעצן פון אײַערע באַקאַנטע. איך האָב שוין אַזאַ גליק — וווּהין איך זאָל ניט קומען, געפינט זיך קימאַט שטענדיק עמעצער, וואָס זאָגט, אַז איך בין ענלעך אויף זײַנער אַ באַקאַנטער, אויף אַ קרויווע, צי גלאַט אויף אַ מענטשן, וואָס מע קאָן זיך גלײַך ניט דערמאָנען, ווען און וווּ מע האָט געזען...

— ניין, ניט וואָס ענלעך אויף עמעצן, — איר אַליין זעט מיר קענטלעך. זאָגט מיר, זעט אַזוי גוט, איר זעט ניט קיין אַרטיסטקע, פון יענע, וואָס שפּילן אין קינאָ? איך גיי אָפּט אויף די פילמען, וואָס מע באַווײַזט אין אונדזער קלוב, און מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אײַך ניט איין מאָל געזען אין קינאָ.

— ניין, איך בין ניט קיין אַקטריסע.

דער אַלטער האָט זיך אָפּגערוט און זיי זײַנען ביידע אַוועק ווײַטער.

— איך בין ניט קיין אַקטריסע, — האָט זי איבערגעכאַזערט, — איך בין אַ טריקאָטאַזשניצע, נאָך פון ביז דער מילכאָמע. בייס דער מילכאָמע האָב איך געאַרבעט אויף אַ זאַוואָד, דערנאָך האָב איך זיך אומגעקערט אויף דער טריקאָטאַזשקע. און שוין אַ היפּש ביסל יאָרן, ווי כ׳בין דער שעף פונעם צעך, וווּהין איך בין אַמאָל אָנגעקומען גלײַך פון שול אַלס אַ שילערן. און דאָס, וואָס איר האָט געמיינט, אַז איך בין אַן אַרטיסטקע, איז אין דעם שולדיק, צי בעסער וואָלט געווען זאָגן, איז דער פאַרדינסט פון מײַן ברודער — ער איז אויך געווען אַ פראָנטאָוויק, — דאָס האָט ער מיר אַזוי פײַן אויפגעניייט דעם אָנצוג, וואָס איך זע אין אים אויס שענער, ווי איך בין אינדערעמעסן. ער איז בא מיר איינער פון די בעסטע שנײַדער אין אָדעס.

— בא וואָס אַרבעט אײַער מאַן?

— ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָט ער זיך געלערנט אין פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. ער איז שוין געווען אויפן דריטן קורס. קימאַט דער גאַנצער קורס זייערער, די יינגלעך מיט די מיידלעך, זײַנען פרײַוויליק אַוועק אין אַרמיי. נאָך דער מילכאָמע האָט מען

אים דעמאָביליזירט, און מיר האָבן אינגיכן כאַסענע געהאַט. ער איז אַוועק אַרבעטן אין אײַזנבאַן-דעפּאָ אַלס א מעכאַניקער. מיר האָבן צוויי קינדער, א טאָכטער און א זון. ווען זיי זײַנען געווען קליינע, האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן, ער זאָל גיין ווײַטער לערנען, דערצו האָב איך דעמאָלט ניט געאַרבעט. נאָר אַז די קינדער זײַנען א קאָפּ אונטערגעוואַקסן, בין איך ווידער אַוועק אַרבעטן, און מײַן מאַן האָט אָפּסנײַ זיך גענומען פאַרן לערנען, ער האָט פאַרענדיקט הינטער-אויגיק דעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט און אַרבעט איצט אין א לאַבאָ-ראַטאָריע.

— און וואָס טוען אײַערע קינדער? זיי זײַנען שוין כאַסענע געהאַטעט?

— די טאָכטער האָט כאַסענע געהאַט. אויך פאַרענדיקט אַן אינסטיטוט. דער זון איז נאָך א סטודענט. וואָס ס'איז שײַעך כאַסענע האָבן, איז מיט א זון, זאָגט מען, גרינגער.

— יאָ, גרינגער, — איז ער מיט איר גערן מאַסקים געווען. — נו, און ווי האַלט עס מיט אייניקלעך?

— מיר האָבן אַן אייניקל. יורע הייסט ער.

— בא אונדז אין דאָרף וואַקסן אויך א סאַך כעוורעלײַט, וואָס הייסן יורע. אין אָנ-דענק פון יורי ביליאָוון.

— ווי נאָר איך האָב דערהערט, אַז די טאָכטער האָט געהאַט א ייִנגעלע, האָב איך א טראַכט געטאָן: ווי גוט וואָלט געווען, ווען מע גיט אים א נאָמען יורע. אָבער זאָגן עס — האָט מיר קיין מוט ניט געסטײַעט. אַז מיר האָבן אין א מאָזלדיקער שאָ געבראַכט אַהיים די קימפּעטאָרן מיטן פּיצל, און איך בין אַרויס אין קיך אויפזידן טיי, הער איך, ווי מײַן מאַן פרעגט אינעם שכיינעסדיקן צימער בא דער טאָכטער און בא באָריסן, אונדזער איידעם: „קינדער, וואָס פאַר א נאָמען האָט איר אויסגעקליבן פאַר אײַער ערשטלינג?"

שטיי איך און שעפּטשע אין זיך: „יורע, יורע, יורע", ווי איך וואָלט געוואָלט איבער-געבן מײַן פאַרלאַנג דעם מאַן, דער טאָכטער און דעם איידעם. „מיר געפעלט דער נאָמען סאַשע, — האָט געזאָגט מאַניע, די טאָכטער".

— נו, און וואָס ווען זאָגן?" — פרעגט מײַן מאַן בא באָריסן.

און איך הער ניט אויף כאַזערן אין זיך: „יורע, יורע, יורע..." מע זאָגט, אַז געלערנטע האָבן אַנטדעקט בא מענטשן אַזעלכע ביִאָשטראַמען, וואָס אַדאַנק זיי ווערן איבערגעגעבן די געדאַנקען אויף א שטרעקע. איינער טראַכט, און א צווייטער נעמט אויף זײַנע געדאַנקען. צו באָריסן אָבער זײַנען מײַנע ביִאָשטראַמען ניט דערגאַנגען. כ'האָב דערהערט, ווי ער זאָגט: „מיר איז אַלציינס. זאָל זײַן סאַשע". אָבער צו מײַן מאַן זײַנען זיי דערגאַנגען. ער האָט געזאָגט: „ס'איז פאַראַן אַזאַ שיינער נאָמען — יורע. הא, קינדער, ווי מיינט איר?" איך בין אַרײַנגעקומען אין צימער, נאָר כ'האָב געשוויגן. געענטפערט האָבן מאַניע און באָריס אין איין קאָל: „זאָל זײַן יורע".

דער עלעקטרישער צוג האָט אײַליק געפירט סוועטען פון סניעזשנאַיע קיין מאָסקווע. דער וועג צוריק, — האָט זי געטראַכט, — איז אי שווערער, אי גרינגער, ווי ס'געווען דער וועג אַהין, אין דאָרף, וווּ זי האָט אָפּגעזוכט יורעס קייווער. ביטער און שווער איז איר איצט, ווי ביטער און שווער ס'איז יעדן איינעם, וועמעס בליק עס שפּאַרט זיך ווײַטעקדיק אָן אין א מאַציייווע-שטיין, אונטער וועלכן ס'ליגט א נאָענטער מענטש, מעג דער שטיין זײַן ווי גרויסאַרטיק און ווי שיין. גרינגער איז איר, וואָס דעם כויוו אירן האָט זי — ניין, ניט אויס-געפילט — אָנגעהויבן אויספילן.

פאַראַן פאַרשיידענע כויוועס בא א מענטשן. ס'איז דאָ א כויוו, וועלכן מע איז גע-צוווּנגען דעקן, ווײַל עס נייטן דערצו די אומשטענדן, די צײַט, עס פאָדערן אים פון דיר נאָענטע, באַקאַנטע צי אומבאַקאַנטע אַפילע. עס איז אָבער דאָ אויך א כויוו, וואָס קיינער פאָדערט אים ניט פון דיר, קיינער וועט קיינמאָל ניט קאָנטראָלירן, צי האָסטו אים אויסגע-פילט, קיינער וועט סאַפּקאָלסאָף ניט לײַדן, אויב דו וועסט אים ניט דעקן. קיינער... קיינער ניט, כוץ דיר אַליין. כוץ דײַן אייגענעם געוויסן. אָט דעם דאָזיקן כויוו, וועלכן זי איז שול-דיק זיך אַליין, וועלכן קיינער, כוץ איר אייגענעם געוויסן, מאָנט בא איר ניט, האָט זי איצט אָנגעהויבן צאָלן.

זי האָט זיך ניט געפרווּט פאַרפירן קיין שמועס מיט די שכיינים אין וואַגאָן, ניט גע-שפּיגלט זיך אין דער שיינקײַט פון די האַרבסטיקע וועלדער, וועלכע האָבן געשווינדלט הינ-טער די פענצטער. זי האָט אַלץ געטראַכט וועגן דעם, אַז אירע פּאַרעניש זײַנען שטענדיק פול מיט אומרו, אָנגעזעטיקטע מיט אומעט, מיט בענקעניש. פון קיין פריילעכע נעסיִעס ווייסט זי גאָר ניט. די גאַנצע צײַט איז איר געשטאַנען פאַר די אויגן דער דענקמאָל פון

שוואַרצן גראַניט, אויף וועלכן עס איז אויסגעקאַרבט מיט גאָלדענע אויסיִעס „יורי ביִלאָוו“, דער קיִוויער, אַרום וועלכן עס וואַקסן קווייטן, פאַרפלאַנצט מיט קינדערשע הענט. און נאָך האָט זי פאַרגעדענקט אַ פּירעקעכיק היימלעך צימערל אויפן צווייטן שטאָק פון דער דרײַ-גאָרנדיקער שול-געבײַדע, אַ צימערל מיט ווײַסע, ציכטיקע, ווי אין אַ מעדיצינישן אַנשטאַלט, ווענט.

די קינדער האָבן ברייט צעפּראַלט פאַר איר די טיר. נאָך פון דער שוועל, גלײַך אַנט-קעגן זיך, האָט זי דערזען אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט אַ בילד אין אַ הילצערנער ניט-געפאַרבטער ראַם, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעמאָלט דער אַלטער צעצווײַגטער דעמב מיטן פינפעקיקן שטערנדל.

נאָך איר זײַנען אין צימער אַרײַן איר וואַלד-באַגלייטער, אַ לערערן און אַ קינדער פּופצן פון פאַרשיידענעם עלטער. אייניקע מיט רויטע פּיאָנערישע האַלדזטיכער, אַנדערע מיט עמאַלירטע קאָמיוגישע צייכנדלעך אויף די גאַרניטערס.

אַ מיידעלע מיט אַ פּיאָנערישן האַלדזטוך האָט זיך געווענדט צו סוועטען:

— איך דעזשורע הײַנט אין יורי ביִלאָווס מוזיי.

סוועטע האָט איר געוואָלט זאָגן: „אַ מין גוטע באַלעבאָסטינקע דו ביסט. קיין שטוי-בעלע זעט מען ניט אין ערגעץ, ניט אויף די פאַרגלאָזטע טישלעך און קעסטלעך, ניט אויפן געפאַרבטן דיל“. נאָר זי האָט געשוויגן. ניט געקאָנט ברעכן די פײַערלעכע שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין צימער.

די לערערן האָט געזאָגט:

— אַ שאָד, וואָס מיר האָבן באַצײַטנס ניט געוווּסט, אַז איר קלײַבט זיך קומען צו אונדז. ווען טימאָפיי איוואַנאָוויטש, — זי האָט אַ קוק געטאָן אויף סוועטעס באַגלייטער, — האָט אונדז געזאָגט, אַז איר זײַט אין שול, האָבן די לימודים זיך שוין געהאַט פאַרענדיקט און קימאַט אַלע קינדער זײַנען אַוועק אַהיים. נאָך גוט, וואָס הײַנט איז געווען אַ זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע פון אונדזער ליטעראַרישן זשורנאַל...

אַ מיידעלע האָט אויפגעהויבן די האַנט און זיך געווענדט צו דער לערערן:

— איך וויל עפּעס זאָגן.

— זאָג.

— בײַ אונדז אין שול גייט אַרויס אַ ליטעראַרישער זשורנאַל, — איר שטים האָט גע-ציטערט, זי האָט, ווײַזט אויס, שטאַרק נערווירט, אָבער זיך באַמיט ריידן הויך, אַפילו צו הויך פאַר אַזאַ קליינעם צימער. — מיר דרוקן אים אויף אַ שרײַבמאַשינקע. די בילדער, די איליוסטראַציעס מאַכן מיר אַליין, די שילער. דער זשורנאַל הייסט „אָנפאַנג“. פאַראיאָרן האָבן מיר דעם פעוראַל-נומער געווידמעט יורי ביִלאָוון.

די דעזשורנע האָט ווידער זיך געווענדט צו סוועטען:

— איך קאָן אײַך באַווײַזן די עקספּאָנאַטן פונעם מוזיי.

דאָס מיידעלע איז געשטאַנען לעבן אַ קליין טישל. סוועטלאַנע איז צוגעגאַנגען נעענ-טער און דערזען אויפן טישל אַ פײַן-געשניצט געגלאָזט קעסטעלע. אונטערן גלאָז זײַנען גע-לעגן פּוסטע הילזעס פון פאַרשיידענער גרייס.

— די הילזעס האָבן מיר צונויפגעקליבן אין וואַלד... מעגלעך, אַז צווישן זיי זײַנען אויך דאָ הילזעס פון יענער שלאַכט...

שפּליטערס. קלענערע... גרעסערע... אין אַ באַזונדער קעסטל — צוויי שטיקער דראָט, איבערגעצויגטע... פאַרדרייטע, פאַרזשאַווערטע... און דאָס שטערנדל — אויך דאָ... אין אַ באַזונדער קעסטל — אַן אַלטע פּילאָטקע און אַן אָפּגעריבענער פעלדטאַש.

סוועטע האָט געוואָלט פרעגן: „די פּילאָטקע מיטן פעלדטאַש האָט איר אויך געפונען אין וואַלד?“ אָבער זי האָט קיין קויעך נישט געהאַט ניט וואָס פרעגן — אַפילו שטיין אויף די פיס. זי האָט אַ קוק געטאָן אין פענצטער, צו וועלכן עס האָט זיך געצויגן מיט אַלע זײַנע צווײַגן אַ לינדנבוים. די לערערן האָט אויף איר אויפן אויסגעטײַטשט דעם בליק, זיך אָנגעבויגן צו אַ ייִנגעלע, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר, און געזאָגט אים עפּעס, איז ער צוגעלאָפן צום פענצטער און עס צעפּראַלט.

די דעזשורנע האָט געענטפערט אויף סוועטעס ניט געפרעגטער פראַגע:

— די פּילאָטקע מיטן פעלדטאַש האָט אונדז פאַראיאָרן אויף אַן אָוונט, געווידמעט דער סאָוועטישער אַרמיי, געשענקט אַ וועטעראַן פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע, וויקטאָר זאַכאַראָוויטש לאָמאַזאָוו. וויטיע לאָמאַזאָווס זיידע. וויטיע! — האָט די דעזשורנע הויך אַ רוף געטאָן.

— װאָס? — האָט זיך אָפּגערופֿן א ייִנגעלע פֿון א יאָר צװעלף. ער איז רויט געװאָרן און, פֿינטלענדיק אָן אופֿהער מיט די אויגן, געקוקט אַף סװעטען.

— אָט, זײַן זיידע.

עמעצער פֿון די קינדער האָט איר דערלאַנגט דעם זשורנאַל, געװידמעט יורען. זי האָט געבלעטערט די זײַטלעך, נאָר לייענען ניט געקאָנט. לידער, געװידמעט יורען... אַרטיקלעלעך: „װיִאַזוי איך שטעל זיך פֿאָר יורען", „יורי בילאַװ אין לעבן", „יורעס לעצטע שלאַכט" און צװיי געמעלן. איינער: „יורי בילאַװ אַזאַ, װי איך זע אים", און „יורי בילאַװ, װען ער איז געװען א שילער". אױפֿן ערשטן בילד איז געװען אָנגעמאָלט א לייטענאַנט, אַף קיין האָר ניט ענלעך אַף יורען, פֿונװאַנען טאַקע האָט דאָס קינד, װאָס האָט געמאָלט דעם פּאָרטרעט, געקאָנט װיסן, װי יורע האָט אויסגעזען. ניט ענלעך איז ער אויך געװען אױפֿן צװייטן געמעל.

זי האָט געזאָגט:

— א דאַנק אײַך, קינדער... — דאַכט זיך, אַז זי האָט אַזוי געזאָגט, זי געדענקט ניט פּינקטלעך. גערעדט האָט זי ניט לאַנג, קיין גרויסע רעדנערן איז זי קיינמאָל ניט געװען. זי האָט גוט פֿאַרגעדענקט בלויז דאָס, װאָס זי האָט געזאָגט צום סאָף:

— אַז כ'װעל קומען אַהיים, װעל איך באַשטעלן אין א פֿאָטאָאַטעליע יורעס פּאָרטרעט, כ'װעל געבן פֿאַרגרעסערן זײַנס א פֿאָטאָקאַרטל, װאָס ער האָט מיר אַמאָל געשענקט, כ'װעל אײַך אויך צושיקן די קאָפּיע פֿונעם בריװ, װעלכן כ'האָב באַקומען נאָך יורעס טויט פֿון זײַנעם א שלאַכט-כאַװער. דאָרטן איז גענוי באַשריבן יורעס לעצטע שלאַכט. כ'װעל אײַך אויך צושיקן די פֿאָטאָ-קאָפּיע פֿון דער מיטיילונג װעגן יורעס העלדישן טויט, די אַזױגערופֿענע „פּאָכאָראָנקע". כ'װעל א טראַכט טאָן, עפּשער װעל איך אײַך שיקן אויך מײַן פֿאָטאָ, אַף װעלכער איך בין ניט אַף קיין סאַך עלטער פֿון אײַך און װעלכע כ'האָב געשענקט יורען, װען אים איז געװען אַזױפֿיל, װיפֿל מיר, — קנאַפּע זעכצן יאָר. די פֿאָטאָגראַפֿיע האָט עפּשער רעכט דאָ זײַן בלויז דערפֿאַר, װאָס ער האָט זי ניט בלויז מיטגענומען מיט זיך אױפֿן פֿראָנט, נאָר װײַל ער האָט זי געהיט און פֿאַרהיט ביז דער לעצטער מינוט פֿון זײַן לעבן און װײַל זי איז געװען מיט אים דאָ, אינעם װאַלד הינטער סניעזשנאָיע, און האָט זיך אומגעקערט צו מיר צוריק טאַקע פֿון אײַער װאַלד...

זי האָט געזען לויט די קינדערשע פּנימער, אַז זיי זײַנען צופֿרידן פֿון דעם, װאָס זי האָט געזאָגט. איין מיידעלע האָט אַפֿילו, פּאַטשנדיק מיט די הענטלעך, אָנגעהויבן אונטערשפּרינגען.

— שטיי אײַן, — האָט איר א זאָג געטאָן אַן עלטער קינד, — װער טאַנצט עס דאָ?

די קינדער האָבן געבעטן בא איר דעם אַדרעס — זיי װעלן איר שרײַבן בריװ װעגן דעם לעבן אין שול, װעגן די נײַע זשורנאַל-נומערן, װעגן דער פּיאָנערישער דרוזשינע אַף יורי בילאָװס נאָמען.

...ביז זי איז אין מאָסקװע געקומען פֿונעם װיִטעבסקער(?)

...ביז זי איז אין מאָסקװע געקומען פֿונעם װײַסרוסישן װאָקזאַל אױפֿן קיִעװער, איז שוין דער צוג מאָסקװע—אָדעס, מיט װעלכן זי האָט גערעכנט פֿאָרן אַהיים, געװען אין װעג. האָט זי גענומען א בילעט אױפֿן קיִעװער צוג. פֿון קיִעװ איז פֿאָרט נעענטער אַהיים. אין קיִעװ האָט איר װידער ניט איבעריקס אָפּגעגליקט: ס'איז אויסגעקומען לאַנג װאַרטן אױפֿן אָדעסער צוג. אַזױאַרום, איז זי אין װעג געװען לענגער, װי זי האָט געדאַרפֿט זײַן.

צופֿאָרנדיק צו אָדעס, האָט זי מיט איראָניע א טראַכט געטאָן, אַז אויב אַפֿילו זי איז דעם גאַנצן װעג ניט געװען קיין הונדערטפּראָצענטיקע פּאַסאַזשירקע, ניט געפּלאַפּלט מיט די שכיינים אין קופּע, ניט געקײַט אָן אופֿהער, דאַרף זי כאָטש איצט זײַן מיט פּאַסאַזשירן גלײַך: אַרויסגיין אין קאָרידאָר, זיך שטעלן באַם פֿענצטער און קוקן אױפֿן פֿעראָן. זי האָט ניט צו װיסן געגעבן אַהיים, מיט װעלכן צוג זי פֿאָרט, דעריבער װעט זי קיינער ניט באַגעגענען, אָבער עס מאַכט ניט אויס, שטיין און קוקן אין פֿענצטער מעג זי.

דער צוג האָט פֿאַרלאַנגזאַמט דעם גאַנג, װי אומיסטן צוליב דעם, אַז די פּאַסאַזשירן, װאָס קוקן אָנגעשטרענגט אַרויס דורך די װאַגאָן-פֿענצטער, זאָלן קאָנען דערזען, װער ס'איז געקומען זיי באַגעגענען. און זי האָט טאַקע ניט פֿאַרפֿעלט, דערזען אױפֿן פֿעראָן סװעטאָזאַרן. ער האָט זי אויך דערזען, צופֿרידן געשמייכלט, צונױפֿגעלייגט בײדע הענט, װי אין א פֿעסטן האַנטדרוק, אױפֿגעהויבן זיי עטװאָס העכער פֿונעם קאָפּ און אָט אַזױ זיך געלאָזט גיין לענגאויס דעם קוים זיך באַװעגנדיקן צוג.

פֿונעם װאַגאָן-טרעפּל האָט ער זי קימאַט אַראָפּגענומען. אויסגעצױגן א שײַנענדיקער בײדע הענט, אַרומגעכאַפּט זי, װי ער זאָל מוירע האָבן, אַז זי קאָן באַלד װידער צוריק אַרײַן אינעם װאַגאָן און זיך לאָזן אין װעג.

— סוועטע, — האָט זי געפרעגט, — פונוואנען האָסטו געוווּסט, אז איך וועל קומען מיט דעם צוג?

ער וועט דאָך איר ניט גיין דערציילן, אז פון סאמע פארטאָג-אָן, ווען עס איז אָנגעקומען דער מאָסקווער צוג, מיט וועלכן זי האָט, אוועקפאָרנדיק פון דער היים, צוגעזאָגט זיך אומקערן, באגעגנט ער אלע צוגן, וואָס זי וואָלט מיט זיי געקאָנט זיך דערקלײַבן אהיים:

— עפּעס בין איך דאָך געווען אן אײַזנבאנער. און אן עמעסער אײַזנבאנער, זאָלסטו וויסן, דאַרף קאָנען זיך אָנשטויסן, מיט וועלכן צוג עס פאָרט זײַן ווײַב. אויב, פארשטייט זיך, זײַן ווײַב האָט אים ליב.

ער האָט א צופרידענער געקוקט אף איר. „ס'איז די ווירקונג פון די בּיִאָשטראָמען", — האָט זי קימאט ערנסט א טראכט געטאָן. עמעס, קיינעם, כוץ אים, גיבן זיך ניט איבער אירע געדאנקען. דערפאר גיבן זיך איר איבער אויך זײַנע געדאנקען. אשטייגער, איינמאָל האָט ער איר געזאָגט:

— זע, פונוואנען האָסטו געוווּסט, אז כ'האָב געוואָלט, זאָלסט הײַנט ברענגען בילעטן אין פילהארמאָניע?

פונעם וואָקזאל האָבן זיי ניט געײַלט זיך געלאָזט אהיים. ער האָט זי געהאלטן פאר דער האנט, און ניט געקאָנט אָפּרײַסן פון איר די אויגן. אָט-אָט וועט ער בא איר א פרעג טאָן: „סוועטע, דו האָסט מיך ליב?" איר איז צום הארצן זײַן שטענדיקע פראגע, זי האָט אים שטארק ליב, אָבער איצט האָט זי ניט געוואָלט, ער זאָל איר דערמאָנען וועגן דעם. און ער האָט טאקע גאָרנישט ניט געפרעגט.

אז מע האָט זיך ליב, ווירקן די בּיִאָשטראָמען — אין דעם איז זי זיכער. אָט האָט זי נאָך א סימען.

ווען זי האָט די קינדער פון דער שול אין סניעזשנאָיע געלאָזט איר אדרעס, האָט זי געהאט וועגן וואָס א טראכט צו טאָן. סוועטאָזאר קומט געווײנלעך פון דער ארבעט פריִער פון איר. בא אים געדויערט דער וועג צופוס פון דער לאַבאָראטאָריע ביז דער שטוב א מינוט פופצן, און זי פאָרט אהיים מיטן טראמווײַ העכער א שאָ, דערצו נאָך כאפּט זי זיך אָפּטמאָל ארײַן נאָך דער ארבעט אין א קלייט. אזויארום, באקומט זיך, אז די פּאָטשט פונעם קעסטל נעמט ער קעסיידער ארויס. ווי וועט זײַן, — האָט זי זיך געערגערט, — אז ער וועט נעמען אין די הענט א בריוו, וואָס געשיקט האָט איר פון סניעזשנאָיע די שול נומער 1, צי די פּיִאָנערישע דרוזשינע אף יורי בילאָווס נאָמען, צי דאָס ליטערארישע קרײַזל און די רעדקאָלעגיע פונעם זשורנאל „אָנפאנג"?

זי האָט, עמעס, שוין פון לאנג זיך איבערצײַגט, אז ער באנוגנט זיך שטענדיק מיט דעם, וואָס זי דערציילט אים. די ערשטע צײַט נאָך דער כאסענע האָט זי מיט געוויסער מוירע געוואַרט, אז ער קאָן בא איר א פרעג טאָן, צי האָט זי זיך מיט עמעצן באגעגנט ביז אים, צי האָט זי עמעצן ליב געהאט. וועגן אזעלכע שמועסן מיט די מענער האָט זי ניט זעלטן געהערט פון יונגע פרויען. ער האָט בא איר וועגן דעם קיינמאָל ניט געפרעגט. אים איז בלויז אָנגעגאנגען, און עס גייט אים אָן ביז הײַנט, צי האָט זי אים ליב. ווען זי האָט, קלײַבנדיק זיך אין וועג, אים געזאָגט: „סוועטע, איך וויל צופאָרן קיין מאָסקווע. ס'הייסט, ניט גופע קיין מאָסקווע, נאָר הינטער מאָסקווע", האָט ער בא איר ניט געפרעגט: „וואָס עפּעס אינמיטנדערינען?", עס האָט אים אינטערעסירט עפּעס אנדערש: „וועסט זיך קאָנען דערליידן אף דער ארבעט, אז מע זאָל דיך אָפּלאָזן?"

זי האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז ער פארשטייט, וווּהין זי פאָרט. ער אָבער האָט צו איר נעסיִע אין דאָרף סניעזשנאָיע אויך שוין זייער לאנג זיך געגרייט. געגרייט זיך אף זײַן אויפן. קענענדיק סוועטען, האָט ער ניט געצווייפלט, אז פריִער אָדער שפּעטער וועט זי פאָרן אף יורעס קייווער. זי וועט פאָרן, ווײַל זי איז א געטרײַע נעשאָמע, ווײַל זי האָט יורען ניט פארגעסן. און ניט נאָר זי געדענקט אים — זײַן אָנדענק איז פאר איר טײַער און הייליק. ער מיינט אפילע, אז אויך איצט האָט זי ליב יורען. אנדערש קאָן ניט געמאָלט זײַן. צי וויל ער, אז עס זאָל זײַן ניט אזוי? אי יאָ אי ניין, גיכער אפילע ניט געוואָלט. ווײַל דעמלט וואָלט סוועטע געדארפט זײַן אן אנדערע. ניט אזא, ווי זי איז, ניט די, וואָס ער האָט אזוי ליב.

דערהערט, אז זי פאָרט „ניט קיין מאָסקווע גופע, נאָר הינטער מאָסקווע", האָט ער שיר ניט געזאָגט: — „קיין סניעזשנאָיע? לאָמיר פאָרן אינאיינעם... כ'וועל זיך אויך פּרוּוון דערליידן אף דער ארבעט". ס'איז אים געוואָרן ביז גאָר שווער אפן הארצן. ער האָט נאָך אליין רעכט ניט פארשטאנען, וואָס האָט אים מער באמרויִקט: דאָס, וואָס סוועטען וועט קאָסטן געזונט די רײַזע, דאָס לאנגע שטיין בא יורעס קייווער, — אז עס וועט זײַן אזוי האָט ער ניט געצווייפלט, — צי עפּשער האָט ער זיך דערשראָקן, וואָס פאר אים, פאר סווע-

טאָזארן, וועט בלײַבן ווייניקער אָרט אין איר הארצן, ווײַל עס קאָן מיט א נײַער קראַפט אופלעבן אין איר דאָס פארגאנגענע? גלײַך אָבער האָט ער זיך אליין פארווערט זײַן קליינ-מוטיק און נאריש. וואָס פאר אן אָרט? וואָס פאר א ווייניקער, וואָס פאר א מערער? און, קוקנדיק איר אין די אויגן, האָט ער געזאָגט דעמלט שטיל-שטיל:

— אף דער ארבעט האָסטו זיך דערעדט פאָרלויפיק, און מיטן מאן, צווייפל ניט, האָסטו זיך דערעדט ענדגילטיק.

אז עס וועלן אָנהייבן אָנקומען בריוו פון סניעזשנאָיע, האָט זיך באומרוּיקט סוועטלאנע, וועט זי דאָך מוזן וועגן אלץ דערציילן סוועטאָזארן, אפילע אויב ער וועט, ווי זײַן שטייגער איז, בא איר גאָרנישט ניט פרעגן.

זי וואָלט אים שוין לאנג דערציילט וועגן יורען. זי האָט עס אפילע געוואָלט טאָן נאָך ביז דער כאסענע, און ניט געקאָנט, עפשער מוירע געהאט, אז ער וועט ענדערן זײַן באציִונג צו איר, און עפשער ניט געוואָלט פארשאפן אים קיין אגמעסנעפעש. גיכער פון אלץ — ניט געוואָלט אָנרירן יורעס אָנדענק. אזוי צי אנדערש, נאָר וועגן יורען האָט זי אים ניט דער-ציילט. איצט פארשטייט זי, אז ווען סוועטאָזאר ווייסט וועגן איר יוגנטלעכער ליבע, וואָלט אין זייער לעבן זיך גאָרנישט ניט געענדערט. אָבער צי וואָלט זי אים ניט מעצאער געווען, — אין דעם איז זי ניט זיכער. דעריבער קימערט זי דער גדאנק, וואָס די קינדערשע בריוו קאָנען אָנקומען אים צו די הענט. זי קלײַבט זיך אים דערציילן וועגן יורען. און ניט ווייס איך ווען, אין דער נאָענטסטער צײַט, נאָר ניט איצט.

אָבער גראָד אין יענע טעג, ווען עס קומען אָן בריוו פון דער שול, — זי האָט איר צוזאָג אויסגעפילט: אָפּגעשיקט אין שול-מוזיי יורעס פּאָרטרעט און אלע פּאָטאָ-קאָפּיעס, — פארגעסט סוועטאָזאר ארויסנעמען די פּאָטשט, כאָטש בריוו באקומט זי גאנץ אָפט.

מיטן ערשטן בריוו, וועלכער איז אָנגעקומען פון די קינדער, איז געווען אזא געשיכטע. גייענדיק פון דער ארבעט, ווען סוועטאָזאר האָט שוין לאנג געדארפט זײַן אינדערהיים, האָט זי דערזען, אז קיינער האָט די פּאָטשט ניט ארויסגענומען (מאניע ווינט שוין פון לאנג באזונדער, און גרישע פארלאָזט זיך פולשטענדיק מיטן ארויסנעמען די פּאָטשט, ווי מיט פיל אנדערע ארבעטן, אף טאטע-מאמע), און זיך דערשראָקן: פארוואָס איז סוועטאָזאר אזוי שפּעט נאָך ניטאָ פון דער ארבעט? זי האָט געעפנט דאָס קעסטל און צווישן די צײַטונגען דערזען א בריוו פון סניעזשנאָיע, דעם בריוו, אף וועלכן זי האָט געוואַרט סײַ מיט אומגעדולד, סײַ מיט אומרו, — אָן ענטפער אף איר געשאנק דעם מוזיי. זי האָט זיך אפילע ניט דערפרייט, וואָס ניט סוועטאָזאר, נאָר זי אליין האָט ארויסגענומען דעם בריוו, און מע קאָן דערווײַל אָפּליגן דעם ניט לײַכטן שמועס מיטן מאן, אזוי גרויס איז געווען איר שרעק, צי איז עפּעס ניט געשען מיט סוועטאָזארן. זי איז ארופגעלאָפן אף די טרעפּ און אָט אזוי מיטן בריוו אין דער האנט, מיט די צײַטונגען אונטערן אָרעם, האָט זי א פארסאָפּעטע אופגעשלאָסן די טיר. סווע-טאָזאר איז איר ארויס אנטקעגן.

— כ'האָב זיך אזוי דערשראָקן, — האָט זי געזאָגט, — כ'האָב געמיינט, אז דו ביסט נאָך ניט געקומען אהיים... איך זע, די פּאָטשט ליגט...

אפן בריוו אין איר האנט האָט ער זיך ניט אומגעקוקט, גענומען בא איר די צײַטונגען:

— כ'האָב פּאָשעט פארגעסן, זיך פארטראכט. ווען כ'האָב זיך דערמאָנט, האָב איך שוין ניט געוואָלט זיך אומקערן. מע זאָגט, ס'איז א שלעכטער סימען...

„ביִאָשטראָמען", — האָט זי א טראכט געטאָן.

פון דעמלט אָן, ווי נאָר עס קומט אָן א בריוו פון דער שול, פארגעסט ער ארויסנעמען די פּאָטשט.

„ס'איז גוט, וואָס מיר האָבן ליב איינס דאָס אנדערע, אניט וואָלטן די ביִאָשטראָמען קיין פולע ניט געהאט", — טראכט סוועטע.

אן אנדערש מאָל ווײַזט זיך סוועטלאנען אויס, אז יורען, דאָס עלטערע אייניקל, האָט זי ליב מער, ווי די אנדערע אייניקלעך, ווי זײַן ייִנגער ברודערל סאשע, ווי גרישעס צווי-לינג — אלען און נאטען. זי האָט זיי אלעמען ליב.

זיי זײַנען איר אלע אלציינס טײַער. זי וויל קיינעם פון זיי ניט אויסטיילן. אָבער, אז עס ווײַזט זיך איר פּאָרט אויס, אז עס איז ניט אינגאנצן אזוי, פארפירט זי אליין מיט זיך א וויקועך. ווי קאָן מען עס באשטימען: מער ליב, ווייניקער ליב? זי קאָן דען נעמען די ליבע אירע, די ליבע פון א באָבע, און צעטיילן אף פיר גלײַכע כאלאָקים? און צי איז ביכלאל פאראן א מאָס פון ליבע?

סאָנעטן

1

דער סאָף פֿונעם יאָרהונדערט איז ניט ווײַט.
וואָס וועט דער איין-און-צוואַנציקסטער דיר
געבן?
צי ביסטו גרייט אַרײַן מיט לײַב-און-לעבן
אין יענער שוין ניט זייער ווײַטער צײַט?

דאָרט אַלע טירן זײַנען אָפֿן, ברייט,
וווּהין דו זאָלסט ניט קומען און זיך שטעלן.
מײַן יונגער פֿרײַנט, דו ווייסט,
וואָס איך וואָלט וועלן? —
דײַן לעבן זאָל דיר טאָמיד ברענגען פֿרייד.

עס זאָל פֿאַרווירקלעכט ווערן אונדזער טרוים:
די מאַמעס פֿון די קומענדיקע דורות
ניט זײַן זאָלן אין טיפֿער זאָרג און מורא,
אַז נאָענט גייט שוין אויף דער אַטאָם-שוואָם.

די צוקונפֿט איז אין דיר, אין דײַן געוויסן —
באַגעגן זי, מײַן פֿרײַנט, מיט אָפּטימיזם.

2

שוין פֿרײַער האַרבסט,
באַם קלײַאָן די אַלטע בלעטער
נאָך הענגען מערסטנטײל אַף אַלע צווײַגן.
דער ווינט האָט זיך ניט אויסגעלערנט שווײַגן
און אומרויִקער, קעלטער מאַכט דעם וועטער.

כ'האָב לאַנג לעבן „מאָסקוויטש"
זיך ניט געפּאָרעט,
איך שפּאַן צופֿוס אין דאָרף אײנעם באַקאַנטן.
אַ לאַשעק טראָגט זיך צוריק אַן
אויסגעשפּאַנטער
און איך דערזע די שקאַפּע אינדערפֿאָרנט.

מיט פֿערד-און-וואָגן כ'האָב אַמאָל געוואַנדערט.
די אַלטע צײַט מיט שנייען איז פֿאַרווייעט,
אין דאָרף האָבן די הענער זיך צעקרייעט —
עס איז, אַפֿאַנעם, האַלבער טאָג, ניט אַנדערש.

און באַלד די רו פֿאַרשווינדט,
ווײַל לעבן שײַער
עס האָבן זיך צעררישט קאָמבײַנען נײַע.

3

איך ווייס, אַז ס'איז ניט גרינג
צו בלײַבן יונג
און לוסטיק זײַן און פֿריש,
ווי דוכטן קאָן זיך,
ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס זי, די זון,
אַפֿילע ווינטער מיטן מענטש איז קאָנטעט.

זי וואַרעמט מיך און היילט. אָן אונטערשייד —
ווי נאָר דער פֿרילינג קומט — די שטראַלן
אירע
אַזוי ווי פֿאַראַיאָרן צאַרט, מיט פֿרייד
באַזוכן אָפֿן ערשטן שטאָק מײַן דירע.

זיי נעמען מיך אַרום מיט גרויס פֿאַרשטאַנד
און ווילן, אַז איך זאָל זיי זײַן געפֿעלן...
איך גיי מיט זיי אַרויס און נעם אין האַנט
אַ זשמעניע זאַמד, ווי גאָלדענע קאָרעלן.

און יעדעס זעמדעלע צו מיר זיך קלעפּט.
די היים אין מײַן נעשאָמע טאָמיד לעבט.

4

אַזויפֿיל אָנגעגרייט שוין אופּרײַס-שטאָף!
נאָר ס'איז זיי אַלץ,
די סאָנים מײַנע, וויי ניק.
פֿאַר מיר, און פֿאַר מײַן זון,

און פאר מײַן אייניק,
און פאר מײַן קאָרעוו,
וועלכער וווינט אין דאָרף...

און פאר דעם וואלד, וואָס רינגלט אונדז ארום,
וואָס קוקט אַף אַלץ סײַ נײַגעריק, סײַ פּאַשעט,
און פאר דעם שטילן בלעטערפאל אין אָסיען —
זיי ווילן, אז די ערד זאָל ווערן שטום,

ווי שטום עס איז דער שטויב אַף דער
לעוואָנע,
ווי ס'איז דער כאַלעל פינצטער, פוסט און
וויסט.
איך וועל ארויסזאָגן זיך ווי א קאָמוניסט:
דאָס שרעקלעכסטע געווער פארניכטן קאָן
מען!

ס'מוז יעטווידער אַף אונדזער אומרויִקער ערד
אין קאמף ארויסגיין קעגן דעם געווער!

5

א ליכטיקער, א ווארעמער באַגינען,
דער בלויער הימל ריין איז ווי א שפּיגל.
לעם עפּלבוים געשמאקע עפּל ליגן,
געשמאקע עפּל, און שוין לאַנג ניט גרינע.

און מיטאמאָל די פרישע לופט ווערט לינדער,
פון ערגעץ קומט א וואָלקן ניט קיין גרויסער.
איך וויס: דער טאָג וועט שוין ניט זײַן
קיין הייסער,
ווײַל ס'איז דאָך פאָרט
שוין אָסיען-צײַט אצינדער.

צונויפקלײַבן די זיסע עפּל כ'נעם זיך,
פון זאפט פון ריינעם קאָן מען ווערן שיקער,
נאָר ניט דאָס קלײַבן עפּל איז דער איקער —
דעריקער, וואָס א ביסעלע איך שעם זיך.

פאר דעם, וואָס ער, מײַן קאָפּ מײַן ווײַסער,
דרייט זיך
ניט פרעגט בא מיר די סיבע — גלאַט אזוי
זיך.

6

כ'האָב אויסגעהערט דײַן שטענדיקן באריכט
און זיך באקאנט מיט דײַן באַליבטן טעזיס:
אז איך בין אויסער-זיך,
אז דו ביסט אויסער-זיך,
אז איך האָב ניט פארגעסן, וואָס געווען איז.
כ'האָב ווידער ניט פארשטאַנען, וואָס דו
מיינסט,
נאָר ניט געבעטן דו זאָלסט מיר דערקלערן,
ווײַל אַף דער גאָרער וועלט ביז איצט געהיים
דערליידן זיך בלויז בלאָנקענדיקע שטערן.

זיי האָבן ביז אהער מיך ניט אנטוישט,
און ווי ס'האָט זיך געפירט,
אויך ניט געפאנגען.
צו מיר דערקײַקלט זיך פון וואלד דער רויש,
דער איבערוף פון שטימען און פון קלאַנגען.

כ'האָב ליב, אז עס איז גרינג.
און פריש ארום —
א ליכטיקער געדאנק אין זינען קומט.

7

דער טאָג האָט אָנגעזעצט זיך אַף דער נאכט
און איז מיט איר זיך איידל ניט באגאנגען.
פיל אגמעסנעפעש האָט ער איר פארשאפט
מיט זײַנע ניט געוויינלעכע געדאנקען.

נאָר זי, דאָס הייסט די נאכט, אלצייִנס
אנטוישט
און גרייט איז, ווער עס בעט, אנטקעגנקומען
מיט איר ביז הײַנט ניט אנערקענטן רויש,
מיט ווינטן און מיט פרילינגס און מיט זומערס.

דאָס פעלד דעם אָפּקלאנג זייערן דערטראָגט
און קערט זיך אום צו זײַנע ווייצן ווידער,
ביז שפּעטער הייבט זיך אָן א נײַער טאָג
מיט נײַע קלאַנגען און מיט נײַע לידער.

ניט נאָר מיט איר געזאנג האָט מיך געפאנגען
די ערד, אַף וועלכער כ'גיי
און כ'בין געגאנגען.

■ ■ ■

בער האַלפּערן

מוישע-לייב

(היסטאָרישע נאָוועלע)

1

אָנגעהויבן האָט זיך עס פון אַ שפּאַציר, וואָס ער האָט געמאַכט איינעם אַ שאַבעס-נאָכמיטיק הינטער דער שטאָט. די לעצטע כאַלופּעס פון דער שטאָטישער גאַס האָבן זיך געענדיקט, און ער איז אַרויס אַף אַ זאַמדיקן, דורכגעשניטענעם דורך קאָלייעס וועג, וואָס פירט אין די פעלדער. און דאָ האָט אים אַרומגעכאַפּט דער געפיל פון ראַכוועס, פון אַן אָפענער וועלט, וואָס ריפט, מאַניעט, לאָקט...

ס'איז געווען אַ שפּעט-זומערדיקער טאָג. פון ביידע זייַטן וועג, אַף וויפל דאָס אויג האָט נאָר געסטייַעט, האָבן זיך געשפּרייט פעלדער מיט געדיכטע זאַנגען: הויכע, רייַפע, מיט אָנגעקוואָלענע קעפּלעך, וואָס האָבן זיך כוואַליעסווייַז געהוידעט אונטערן לייַכטן זומערדיקן ווינטל. ער האָט געוווּסט: מיט עטלעכע יאָר צוריק זייַנען אַפן אָרט פון אָט די פעלדער געווען אומדורכגייבאַרע זומפּן, פאַנטשיקער זומפּן האָט מען זיי גערופן. אין פאָלק האָט מען גערעדט, אַז דאָרטן לעבן שיידים, שיידיכעס. זיי טשאַטעווען נאָר אָפּ, אַז אין זייערע שטעטאָכים זאָל זיך באַווייַזן אַ לעבעדיקער נעפעש, אַ קו, אַ פערד, אַ מענטש, דאַן זויגן זיי אים אַרייַן אין זייערע פאַרקישעפטע זומפּן, און אַז ער קומט אַ הילפלאָזער אום, זויגן זיי פון אים אויס דאָס בלוט און פאַרווען דאַן ווילדע מעשוגענע כאַסענעס. מענטשן האָבן אויסגעמייַדט אָט די שטעטאָכים און געהיט אויך זייערע בעהיימעס, זיי זאָלן ניט פאַרקריכן אַהין. אַזוי האָט זיך עס געצויגן פון קאַדמוינים. נאָר אָט זייַנען געקומען מענטשן, שטאַרקע, געזונטע, מיט מאַזאָליסטע הענט און זיך גענומען צו אָט די זומפּן. זיי האָבן דורכגעגראָבן ריוון, אָפּגעפירט דאָס וואַסער און אָט האָט איר — אַ ראַכוועס פון פעלדער, אַ שעפע פון ברויט, אַ בראָכע פון אייבערשטן. מוישע-לייב האָט טיף אייַנגעאָטעמט די לופט — זי איז געווען דורכגעזאַפּט מיט רייעך פון ברויט, פון זאַטקייַט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער דאָזיקער רייעך שלענגלט זיך, ווי אַ בלוילעכער וואָלקן איבערן פעלד און באָדט זיך אין דער היץ פון זאַטן זומערדיקן טאָג. זייַן געדאַנק האָט זיך מיט דאַנקבאַרקייַט געווענדט צו יענע פאַרהאָרעוועטע אין פיזישער מי מענטשן. זיי באַטלען ניט די צייַט אין בעסמעדרעש, זיי שלעפּן ניט פון דעם פּעסל דעם פאַרזשאַווערטן הערינג אין זייער ענגן קלייטל, זיי ציִען ניט אָן דעם ציץ אַפן הילצערנעם אַרשין (וואָס איז אַ קאַפּעטשקע קלענער, ווי מע דאַרף), זיי אַרבעטן, זיי טוען די הויפּט-אַרבעט, וואָס דער מענטשלעכער מין פאַדערט, זיי דערנאָבערן שפּייַז פאַר דער מענטשהייַט.

פונדערווייַטנס האָט ער דערזען אַפן וועג צוויי פיגורן, וואָס זייַנען געגאַנגען אין דער זעלבער ריכטונג, ווי ער. דאָס זייַנען געווען צוויי יוסטע באַלעבאַטים. מוישע-לייב ווייסט: זיי גייען איצטער שווייַגנדיק, כאָטש עס שפּאַרט זיי זיך אַדורכצושמועסן. זיי ציילן פאַר זיך — יעדערער באַזונדער — די טריט, וואָס זיי מאַכן. אַז זיי וועלן האָבן אָפּגעציילט די נייטיקע צאָל טריט, וואָס דער טכום-האַשאַבעס שרייַבט פאָר, וועלן זיי זיך אומקערן און דאַן, אַפן צוריקוועג, וועלן זיי זיך שוין אָנשמועסן, וויפל דאָס האַרץ גלוסט. מוישע-לייב שפּירט, אַז אָט דער טכום-האַשאַבעס ענדיקט זיך שוין באַלד און די ייִדן וועלן זיך אומקערן. אים ווילט זיך שרעקלעך ניט זיך צו באַגעגענען מיט זיי — דאָס וועט אָפּשרעקן

זײַן אומדערוואַרט אופגעקומענע פרייד, וואָס רײַסט זיך, ווי א פויגל, פון זײַן ברוסט. ער קערט אָפּ אַף א שמאָלער סטעזשקע אין קאָרן. איצט שפירט ער מיטן גאנצן קערפּער די זאנגען ארום זיך. עס הייבט אים אזש אָן צו שווינדלען אין די אויגן. נאָר אין קאָפּ איז לויטער און געראַם, ווי ער וואָלט לייענען א פריש, פארכאַפּנדיק שטיקל מישנײַעס. ער שטרעקט אויסביידע הענט צו די זאנגען. זייער באריר רודערט אוף די נעשאָמע. די הויפּנס ווערן טייקעף פול מיט א מוטנעם האָניק, וואָס שמעקט אזוי בארוישנדיק און איז אזוי קלעפּיק, אז א פרעסטל פון פרייד נעמט אדורך זײַן גאנצן גוף.

אייגנטלעך וואָלט שוין פאר אים אויך געווען צײַט זיך אומצוקערן. נאָר מאָדנע — דער דאָזיקער געדאנק, וואָס איז אנטשטאנען ערגעץ אין א זאווולעק פון זײַן באוווסטזײַן, ארט אים איצט ווייניק. ער באגייט א כעט? ניין. די לענג פונעם שפּאצירגאנג אום שאבעס איז דאָך פעסטגעשטעלט, ארויסגייענדיק פון דער האנאָכע, אז דער שפּאציר זאָל ניט אריבערגיין אין ארבעט. און אויב דער שפּאציר איז פאר אים א פרייד? אויב ער פארשאפט אים האנאָע? דאַן איז עס דאָך ניט קיין כעט, נאָר אדעראבע, א פארלענגערונג, א פארטיפונג פונעם „עונג שבת" (אוינעג שאבעס) און דעריבער איז עס דאָך גאָר א מיצווע! מע דארף ניט קוקן אפן אָס פונעם דין, נאָר אַף זײַן קאוואָנע. יענע צוויי ייִדן, וואָס גייען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, מיט די הענט, פארלייגט אַף הינטן, און ציילן מיט א טעמפּער האסמאָדע זייערע טריט, פארלעצן דאָך אייגנטלעך די מיצווע פון „עונג שבת" און ער... ער איז איבערפולט פון פרייד, ער איז איצטער שימשן-האגיבער, וואָס האָט נאָך ניט צעריסן זײַנע קייטן, נאָר מאכט שוין דעם ערשטן, שוואכינקן פּרווו זיי צו צערײַסן...

ער שטעלט זיך אָפּ א געפּלעפּטער פונעם דאָזיקן געדאנק. ער דרייט זיך אום. ער זעט אפן וועג די צוויי ייִדן, וואָס גייען שוין צוריק אין שטאָט. איצטער גייען זיי פרײַ. זייערע הענט באוועגן זיך אומופהערלעך, זיי פירן מיסטאם א לעבעדיקן שמועס. סראָעל-וויגדער איז א גרויסער פּאָליטיקער און א גוואלדיקער פאכדן. ביז ניט לאנג צוריק האָט ער געלעבט אין דאָרף, ווו ער האָט געצויגן א גאָר נישקאָשעדיקע כאיונע אלס פאכטער באם פּאָריץ. נאָר די קעסיידערדיקע בונטן פון די פּויערים קעגן די פּריצים, די האכאָנעס צום אופשטאנד פון פּאָליאקן און ליטווינער קעגן די „מאָסקאָלן" האָבן אים ארײַנגעוואָרפן אין א מוירעדיקן ציטער און ער איז אריבערגעפאָרן אין שטאָט, ווו ער לעבט בעדאכקעס פון א קרעמל. אוואדע האלט ער איצט אין איבערצײַגן זײַן מיטשמועסער, אז ס'איז שוין געקומען דער אכרים-האיאָמים: פּויערים וועלן קעמפן קעגן פּריצים, פּאָליאקן און ליטווינער, קעגן קאזאקן און, ווי ס'זאָל ניט זײַן, וועלן די ערשטע קאָרבאָנעס זײַן ייִדן — בלוט וועט זיך גיסן אין גאסן... און אים, מוישע-לייבן, פרייען דאפקע אָט די בונטן, אָט די האכאָנעס צום אופשטאנד, אָט די קלאנגען, אז גאָר אינגיכן וועלן די פּויערים באפרײַט ווערן פון זייער קנעכטשאפט צו די פּריצים. מאָדנע זאכן קומען פאָר אין זײַן קאָפּ...

גאָט צו דאנקען, וואָס די געדיכטע זאנגען פארשטעלן אים פון די צוויי ייִדן אפן וועג. ווען זיי זעען אים, מוישע-לייבן, דעם זעכצניאָריקן אילוי, דעם זײַדענעם איידעם, דעם צוקינפטיקן גאָדל בעיִסראָעל, וואָס שלאָנדערט ווי א פּויער צווישן דעם קאָרן אַף די פעלדער און וואָס פארלעצט, ווי א שייגעץ, דעם טכום-האשאבעס... וואָס וואָלט מען גערעדט אין שטעטל?.. וואָס פאר א צאָרנדיקע בליקן וואָלט געוואָרפן אַף אים זײַן שווערלײַביקע שוויגער?..

מוישע-לייב טוט א שמייכל. ער גייט ווײַטער מיט דער סטעזשקע, ארײַנגעטעמענדיק טיף דעם פארשיקערנדיקן, קלעפּיקן רייעך פון די צײַטיקע זאנגען. ווי לאָבנדיק איז אָט דער רייעך נאָך דער שטיקנדיקער לופט אין בעסמעדרעש!

די סטעזשקע האָט זיך געענדיקט, ווײַטער האָט זיך אָנגעהויבן א וואלד. פונפאָרנט — שיטערע בערעזעס אין העלער טראכט, ווײַטער — פינצטערע סאָסנעס מיט געדיכטע, זיך צוזאמענפלעכטנדיקע צווײַגן. דאָ און דאָרט האָבן אין דער וואלד-פינצטערניש, ווי שווארצע שפּיגלען, געגלאנצט וואסער-פלעקן. בא איינעם אזא וואסער-פלעק איז געשטאנען אָן אלטער פּויער און געקאָסיעט מיט דער קאָסע. דער אלטיטשקער איז געווען אָנגעטאָן אין א לאנגער ווײַסער העמד ביז צו די קני, ארומגעגארטלט מיט אָן אויסגענייטן שניר. אזוי טוט מען זיך אָן אין א יאָמטעוו, נאָר ניט ווען מע גייט אַף היי-שניט. קענטיק, אז דאָס שנײַדן היי אַף די אינדזעלעך צווישן די אָזערלעך איז פאר אים געווען ניט קיין מוז, נאָר א דינען דעם בוירע, דעם בוירע פון ערד-מעלאָכע.

דערזעענדיק דעם ייִדישן באָכער, וואָס גייט ארויס פונעם קאָרן, האָט דער פּויער אופגעהערט צו קאָסיען, זיך אָנגעשפּארט אַף דער קאָסע און מיט א נײַגעריקער פרײַנטלעכקײַט געקוקט אַף אים.

מוישע-לייב האָט זיך דערנענטערט צום אַלטיטשקן. זײַן פּאָנעם איז געווען קימאַט אינגאַנצן באַוואַקסן מיט גראָוו-געלע האָר, נאָר פון אָט דעם ווילדן געוויקס האָבן אַרויס-געקוקט אַ נאָז, ווי אַ בולבעטשקע, און אַ פּאָר אויסגעבלייכטע וואַסערדיקע אייגעלעך, וואָס האָבן געקוקט אי כיטרע, אי גוטמוטיק.

— לאַבאַ דיענאַ![1] — האָט מוישע-לייב אַרויסגערעדט די פּאָר אומגעוויינלעכע פאַר זײַנע ליפּן ווערטער. ער האָט געוואָלט צוגעבן: „גאָט-העלף", נאָר ער האָט זייער שוואַך געקאָנט די לאַנד-שפּראַך און האָט ניט געוווּסט, ווי מע זאָגט עס.

— לאַבאַ דיענאַ, פּאָנײַטיס!

דאָס וואָרט „פּאָנײַטיס" האָט אַ שניט געטאָן מוישע-לייבן, ווי מיט אַ מעסער.

— ניע, ניע, — האָט ער ענערגיש אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און אַ טאַרקע זיך טוענדיק אין ברוסט, האָט ער שטאָלץ אָפּגעענטפערט, — ניע פּאָנײַטיס!

— איז וואָס ביסטו? — דער אַלטיטשקער האָט אים באַטאַפּט מיט זײַנע כיטרע אייגע-לעך פון קאָפּ ביז די פיס, באַקוקט זײַנע דינע, ניט אויסגעהאָרעוועטע הענט, זײַן גלאַט איידל געזיכט, אויסגעבלייכט פון דער געמאָרע. — ביסט אוואדע אַ רעבעלע, ביסטו...

דאָס איז געווען נאָענט צום עמעס און דעריבער האָט זיך מוישע-לייב נאָך מער פאַר-שעמט. אַ געדיכטע רויטקייט האָט פאַרגאָסן זײַנע בלאַסע באַקן. ער איז איצטער ענלעך געווען צו אַ מיידל, וואָס האָט צום ערשטן מאָל דערהערט אַ באַרוישנדיק וואָרט פון אַ באָכער.

דער באַרג האָר אויפן פּאָנעם פונעם אַלטיטשקן האָט זיך פרײַנטלעך צעשײַנט:

— זעסט אָט די שעפּע אויף די פעלדער? אַ גוטע גערעטעניש האָט אונדז האיאָר גע-געבן דער אייבערשטער... אַ גאָר גוטע... מירן האָבן ברויט ביז צום פרילינג אַרײַן... מירן האָבן האַם-האַם... פאַרשטייסט? — האָט דער אַלטער געמאַכט מיט זײַנע פאַרוואַקסענע ליפּן אַ באַוועגונג, קעדיי דער ייִדישער באָכער זאָל בעסער באַנעמען. — אָט די פעלדער, דו זעסט? — דאָס זײַנען אונדזערע נאַכלעס, די פויעריש... מיר אַרבעטן אויף זיי בלויז צוויי טעג אַ וואָך. אויף די פּריצישע — זיי ליגן דאָרט פון יענער זײַט וואַלד — זײַנען מיר גע-צוווּנגען צו אַרבעטן פיר טעג אַ וואָך. וואָלסט אָבער געזען דעם אונטערשייד... דאָרטן זײַנען די זאַנגען שיטערע, מאַגערע, מיט קעפּלעך, ווי בא סוכאָטאָטשנע... אַ מאַקע דעם פּאָרעץ... און דאָ — אַ גאָטס בראָכע...

דער פויער האָט מיט פאַרגעניגן אַ שפּאַציר געטאָן מיט זײַן בליק אויף די פעלדער, נאָר באַלד זיך אָנגעכמורעט:

— אָבער קליין זײַנען אונדזערע נאַכלעס... גאָר קליין... אָט די סטעזשקע, מיט וועלכער די ביסט געגאַנגען, דאָס איז די גרענעץ צווישן צוויי נאַכלעס. און אָט ווײַטער שוין אַ צווייטע סטעזשקע... ווידער אַ גרענעץ... קליין זײַנען אונדזערע נאַכלעס. גאָר קליין...

מוישע-לייב האָט געוואָלט זאָגן דעם פויער, אַז גאָר אינגיכן וועלן די פויערים באַפרײַט ווערן פון זייער לײַב-אָנגעהעריקײַט צום פּאָרעץ און זיי וועלן קריגן פּריצישע ערד. נאָר ווו נעמט מען ווערטער דערצו? ער האָט בלויז פריידיק געשמייכלט, און די דאָזיקע פרייד האָט זיך איבערגעגעבן דעם אַלטן פויער. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער קעשענע פון זײַן יאָמטעוודיקן ווײַסן בעגעד אַ שטיקל פּאַפּיר, אַרויסגעשאָטן אויף דעם גראָב-אָנגעהאַקטן טאַבאַק און פאַרדרייט אַ באַנקרוטקע. דאָס לינקע אייג פון אונטער דעם באַרג האָר האָט כיטרע אַ פינטל געטאָן צום באָכער.

— עפּשער ווילסטו אויך? אָבער ניין, דו טאָרסט ניט. הײַנט איז שאַבעס בא אײַך.

אַרויסגעלאָזן פון זײַן בולבעטשקע-נאָז אַ קנויל רויך, האָט ער געזאָגט:

— איך האָב דאָ ניט ווײַט פונדאַנען עטלעכע בינשטאָקן... ווילסט, וועל איך דיר זיי ווײַזן. אַ טשיקאַווע לעבן פירן זיי. זיי זײַנען פלײַסיקע, אַרבעטזאַמע, האָרעפּאַשנע. און דעריקער: לעבן ניט יעדערער פאַר זיך, נאָר האַלטן זיך צוזאַמען, פירן אַ בעשוטפעסדיק לעבן. און אַלע זײַנען גלײַך. מער ניט די מאַטקע טיילט זיך אויס. זי איז בא זיי אַ קייסער און ווײַטער זײַנען אַלע גלײַך. ניטאָ קיין פּריצים, קיין כאַלאָפּעס. אָבער דערפאַר די מאַט-קע זייערע... ווי זיי טאַנצן אַרום איר, ווי זיי האָדעווען זי... אויסערן האָניק אַרבעטן זיי אויס אַזאַ קאַשעלע, אַ ווײַס-געלס. דאָס האָט אַ ווונדערלעכן קויעך. זיי קאָרמענען מיט דעם זייער מאַטקע, און זי האָט דעם קויעך צו לייגן צענדליקער טויזנט אייעלעך אַ טאָג...

— צענדליקער טויזנט? — האָט, ניט גלייבנדיק, איבערגעפרעגט דער ייִדישער באָכער.

[1] גוטמאָרגן! (ליטוויש).

— צענדליקער טויזנט! קום, וועל איך דיר ווײַזן! כ'וועל דיר געבן צו פֿאַרזוכן פֿון אָט דעם קאַשעלע. וועסט נעמען אַ ביסעלע, וועסטו גלײַך דערפֿילן אַן אַנדער קויעך. דײַנע באַקן וועלן זיך אָנגיסן מיט אַ געזונטער רויטקײַט. אַניט זיצט איר דאָרט בלאַסע, פֿאַרשמאַכטע אין אײַערע דושנע קאַמערן, אין אײַער סינאַגאָגע... קום! איך האָב שוין פֿאַרענדיקט קאָסיען. זאָל זיך דאָס היי טריקענען... קום!

מער מיט זשעסטן, ווי מיט ווערטער, האָט מוישע-לייב געגעבן צו פֿאַרשטיין דעם אַלטיטשקן, אַז ער וועט ניט גיין — ער האָט מוירע, די בינען זאָלן אים ניט צעבײַסן.

— מ-מ-מ-יאַ, — האָט דער אַלטיטשקער געזאָגט מיט באַדויערן, אַרופֿלייגנדיק די קאָסע אויף דער פּלייצע. — האָסט אַן איידעלע הויט... ניט אַזאַ פֿאַרגרעבטע, ווי בײַ אַן אונדזעריקן. זיי וועלן זיך אַרופֿוואַרפֿן אויף דיר, ווי אויף אַ זיסן מײַכל... נו, זײַ געזונט! ביסט אַ גוט יאַטל! ביסט אַ רעבעלע, האַ?

אונטער „רעבעלע" האָט דער פּויער זיכער געמיינט אַ „יעשיוועבאָכער", און מוישע-לייב איז ווידער רויט געוואָרן פֿון בושע. אָט דער אַלטער פּויער אינעם ווײַסן יאָמטעוודיקן בעגעד ווייסט ניט פֿון דער פּלוגטע וועגן דעם איי, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אום שאַבעס, דערפֿאַר אָבער ווייסט ער דעם סאָד פֿון קויעך פֿון לעבן און ניט נאָר ער ווייסט אים, נאָר ער איז מיט זײַנע אייגענע הענט אָנגעהעריק צום דאָזיקן סאָד.

גייענדיק צוריק, האָט מוישע-לייב ביז ווייטעק געפֿילט דעם פּאַרדראָס, וואָס ער קען ניט די לאַנד-שפּראַך, וואָס ער האָט ניט געקענט זיך אַדורכשמועסן ווי געהעריק מיט אָט דעם סימפּאַטישן אַלטיטשקן. ס'איז יסורעמדיק-פּײַנלעך: אַ ספֿאָרים-שפּראַך, אויף וועלכער מע רעדט שוין ניט הונדערטער יאָרן, קען ער אויסגעצייכנט; אַפֿילע אַראַמייִש, אַ שפּראַך, וואָס איז געשטאָרבן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק און זיך איפּגעהאַלטן בלויז אין די קאָמענטאַרן צו דער מישנע, באַהערשט ער. און פֿון דער שפּראַך פֿון דעם פּויערים-פֿאָלק, צווישן וועלכן ער לעבט, פֿאַרשטייט ער בלויז געציילטע ווערטער... ווי אָפּגעזונדערט איז מען פֿון דער אַרומיקער סוויווע, ווי אָפּגעפֿרעמדט פֿונעם אַרומיקן ברויזנדיקן לעבן...

אַז כיידער-ייִנגלעך רײַסן זיך אַרויס פֿון כיידער און פֿאַרפֿירן אַ שפּיל אין מילכאָמע, צעטיילט מען זיך אויף ייִדן און פּלישטים. פּלישטים, אַ פֿאָלק, וואָס איז שוין לאַנג ניטאָ, און דער איינציקער זייכער, וואָס איז פֿאַרבליבן פֿון אים, איז דער נאָמען פֿונעם לאַנד, אין וועלכן זיי האָבן געלעבט — פּאַלעסטינע. אָבער אַליין זײַנען זיי אונטערגעגאַנגען מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק — זיך אויסגעמישט, אופֿגעלייזט זיך אינעם געווירבל פֿון פֿעלקער און שטאַמען, וואָס האָט געקאָכט אין יענעם ראַיאָן. און די ייִדישע קינדער פֿירן מילכאָמע ניט אַפֿילע מיט טערקישע יונגען אין רויטע פֿעסקעס, נאָר מיט... פּלישטים. געמאָרע-באָכערים קווטשן די באַנק און לערנען מיטן גאַנצן ערנסט דעם סיידער פֿון קאָרבאָנעס אין בייס-האַמיקדעש — און דער דאָזיקער בייס-האַמיקדעש עקזיסטירט שוין ניט צוויי טויזנט יאָר...

ניין, ניט דינע אונזיכטבאַרע פֿעדעם פֿאַרבינדן אונדז מיטן אָוואַר, נאָר שווערע קייטן, וואָס פֿענטען אונדזער גײַסטיק לעבן, שלעפּן עס אויף צוריק, צום מיטלאַלטער, און נאָך ווײַטער.

די זון האָט זיך שוין גענייגט צום מײַרעוו, דעם טכום-האַשאַבעס האָט ער געקוילעט ווי אַ רעצייעך, נאָר ניט דאָס האָט געדריקט אויף דער נעשאָמע פֿונעם יונגן אילוי.

2

הייכע, שמאָלע פֿענצטער מיט פֿאַרקײַלעכדיקטע אין אַ האַלב-קרײַז אויבנס, מיט שויבן, געשמיסענע פֿון רעגנס, פֿאַרדעקטע מיט שטויב, וואָס פֿאַרשפּרייטן אַ גלײַכמעסיקע גרויע ליכט. דרויסן — ווינטער, פֿרילינג, זומער, האַרבסט. אינעווייניק — טוכלע, שטייענדיקע לופֿט, דורכגעזאַפּט מיטן רייעך פֿון שיימעס, פֿון וועקסענע ליכט, פֿון מענטשישן שווייס. בײַסן דאַוונען ווערט די דאָזיקע לופֿט צעטרייסלט דורך אַ מאָנאָטאָנעם מורמל, דורך מאַנצבלשע זיפֿצן, דורך ווײַבערשע קרעכצערײַען, געווענדטע צום שטרענגן אַכזאָריעסדיקן גאָט, ווען מע וויל אײַנרעדן, אַז ער איז אַ באַרעמהאַרציקער און דאַרף ביזכוס פֿון אָט די זיפֿצן און קרעכצערײַען טאָן גנאָד צו זײַנע טרײַע דינער. בײַסן לערנען איז די לופֿט אָנגעזעטיקט מיט אַ זשומען פֿון שטימען, קינדערישע, באָכערישע, מאַנצבלשע, ווי אין אַ בינשטאָק. אָבער די דאָזיקע בינען קלײַבן זייער נערונג ניט פֿון די זאַפֿטיקע פֿעלד-בלומען, נײַערט

פון די אומצאָליקע „אמאר-אבײַעס", מיט וועלכע עס זײַנען אָנגעפּיקעוועט די אלטע ביכער אין די לעדערנע אײַנבונדן, פון וועלכע עס טראָגט מיט א ווילגאַטש... און דעריבער איז די שפּײַז, וואָס זיי קלײַבן צוניף, ענלעך ניט אף דעם בורשטין-ליכטנדיקן האָניק, נאָר גיכער אפן געלן אויסגעוועפּטן וואקס, פון וועלכן מע קאָן מאכן העכסטנס א טשאַדענדיק ליכטל.

אזוי הונדערט יאָר, צוויי הונדערט, פינף הונדערט... עס בײַטן זיך די מענטשן, עס בײַטן זיך די שטימען, נאָר עס בײַטן זיך ניט די „אמאר-אבײַעס", וואָס שטייען, שטײַפע, אומבייגזאמע, אף דער וואך פון אן אלטער פאַרגליווערטער טוירע.

הויכע, שמאָלע פענצטער מיט פאַרקײַלעכדיקטע אין א האלב-קרײַז אויבנס — ווינטער, פרילינג, זומער, הארבסט...

מוישע-לייב קוקט אין אָפענעם בלאט, נאָר דער זין פון דער געמאָרע דערגייט ניט צו אים. ער פּרוווט דורך דעם געוואנט פון די געדיכטע אויסיעס פון ראשע אין טארגום זיך דערקלײַבן צו דער סיבע, פאַרוואָס זײַן פריערדיקע פאַרקאָטקייט אין טוירע איז פאַרבײַ און אף איר אָרט איז געקומען א סומנער אומרו, וואָס נאָגט אין דער ברוסט און לאָזט ניט לעבן. האָט זיך עס אָנגעהויבן פון יענעם שאבעסדיקן נאָכמיטיק-שפּאציר, אָדער עפּשער נאָך פריער האָבן ספּייקעס, ווי טראָפּנס וואסער פון א געפּלאנצטן געשיר, געקאַפּעט און געקאַפּעט, דראָענדיק אויסצולײדיקן אינגאנצן דעם קרוג?

דער פאַלגעוודיקער זיקאָרן פירט אים אוועק צוריק אף א יאָר פיר, צו יענעם הארבסט-פרימאָרגן, ווען דער טאטע איז צוגעקומען צו זײַן בעט און מיט א פריילעך-האַפּערדיקער שטים אים געזאָגט:

— שטיי אוף, כאָסן! מע וועט הײַנט שרײַבן טנאָים!

מוישע-לייב איז אופגעשטאנען א פאַרציטערטער. נעכטן אין אָוונט איז בא זיי געזעסן א פרעמדע, שטײַפע ייִדענע. מע האָט גערעדט וועגן נאדן, וועגן קעסט פאַר דער כאַסנע, קעסט נאָך דער כאַסנע... מוישע-לייב, וועלכער איז אָקאָרשט געקומען פון קלויז, האָט מיט אנגסטן געהאָרכט די ווערטער, פילנדיק, אז דאָ גייט די רייד וועגן אים. די מומע, זײַן שטיפמאמע, האָט, דערפילנדיק זײַנע אנגסטן, מיט אירע גוטע קעלבערנע אויגן א קוק געטאָן אף אים:

— וואָלסט עפּשער געגאנגען שלאָפן, מוישע-לייבעלע? זעסט הײַנט בלאס אויס. מיסטאָמע זיך איבערגעמאַטערט אין קלויז.

— נישקאָשע, — האָט דער טאטע, עפּעס א פריילעך-אופגעלייגטער, געזאָגט, — ער איז שוין א גרויסער... ער מעג הערן...

די ייִדענע איז געווען א רײַכע קרעמערקע פון דער נאָענטער שטאָט ווילקאָמיר. זי איז געקומען יאָמים-נוראָים אף קיווער-אָוועס אין איר געבורט-שטעטל קיידאַן און דאָ האָט זי זיך אָנגעהערט ניסים-ווּניפלאָעס וועגן דעם אילוי מוישע-לייב, דעם זון פון א פּראָסטן באַלמעלאָכע, א באָנדער, וואָס וואקסט א גאָדל-בעיִסראָעל. זי האָט אויך געזען דאָס ייִנגל: א הויך שטאָלטיק באָכערל מיט א שיין איידל פּאָנעם און מיט א פּאָר שווארצע לעבעדיקע און קלוגע אויגן. איר קרעמעריש בלוט האָט אופגעקאָכט: זי מוז דעם דאָזיקן טײַערן עווונטאָוו ארײַנקריגן פאַר אן איידעם. און ווײַל איר איינציק טעכטערל, זעלדעלע, א מיידעלע פון א יאָר עלף, איז געווען מיט איר, האָט זי באשלאָסן ניט אָפּצולייגן דעם איניען אף שפּעטער. און אָט זיצט זי, א מאַסיווע, א שטײַפע, אָן אָנגעבלאָזענע, באַם באַלמעלאָכעס אין שטוב און פירט קונציק דעם האנדל. הונדערטער רובל, יאָרן קעסט פאַר דער כופּע און נאָך דער כופּע שיטן זיך פון איר מויל. דער טאטע, א פאַרגאַפטער פון דער אומגעריכט אראָפּגעפאַלענער שעפע, זיצט א שטאָלצער, נאָר ער סטאַרעט זיך עס ניט ארויסצוווײַזן דער צוקינפטיקער מעכוטענעסטע. די מומע, די שטיפמאמע, קוקט מיט אירע ערלעכע ארויסשטאַרצנדיקע אויגן אפן גאסט און שאָקלט צו צו אירע רייד מיטן שײַטל אפן קאָפּ.

— און ווער געדענקט עס ניט, — גיט די קרעמערקע אן אנדער ווענדונג צום מיסבער, — ווער געדענקט עס ניט אין קיידאַן מײַן פאָטער, אָלעווהאשאָלעם? געווען א גוואר, א הויכער, א קרעפטיקער, א שיינער, א שיינער ייִד און א גרויסער באַלצדאָקע.

יאָ, יאָ, שאָקלט צו דער פאָטער צו אירע רייד, ער געדענקט אָט דעם קרעמער, אָט דעם גוואר, ער איז מאסקים, מאסקים מיט איר...

און פּלוצעם דרייט אויס די ייִדענע איר שטײַפן האלדז צום באָכער, וואָס איז געזעסן באַם עק טיש, און זאָגט מיט איר סקריפּענדיקער שטים:

— א סאך באָכערים אילויִם גייען דאָך מיט זייער איבערגעשפּיצטן סייכל אוועק פונעם

גלײַכן װעג און װערן פֿאַרפּירט אַף פֿאַלשע דראָכים. און פֿונװאַנען װײס איך, אַז מײַן כאָסן װעט אױך ניט װערן מיט דער צײַט אַן אַפּיקױרעס?

דאָס גאַנצע בלוט האָט אַ שלאָג געטאָן דעם ייִנגל אין פּאָנעם.

— ניין, ניין! — האָט ער אױסגעשריִען. אַ טױט־שרעק האָט אים אַרומגעכאַפּט בלױז באַם געדאַנק, אַז אַזױנס קאָן פּאַסירן מיט אים. — דאָס קאָן ניט זײַן! דאָס װעט קײנמאָל ניט זײַן!

דאָס איז געװען אײַנגאַנצן מיט פֿיר יאָר צוריק. מױשע־לײב פֿאַרטראַכט זיך: דעמאָלט איז ער שױן געװען װײַט ניט קײן כײדער־ייִנגל. געװען אַ באַלעזױנער און אַן אָנגעהערטער. געװוּסט אי פֿון די „בערלינער", אי פֿון די כאַסידים. נאָר ניט די, ניט יענע זײַנען אים ניט געװען צום האַרצן. די ערשטע לײקענען דעם טאָך פֿון ייִדישקײַט און פֿירן דירעקט צום שמאַד. די כאַסידים, װאָס האָבן אָנגעהױבן פֿון אַן איבערגעטריבענעם מיסטישן גלױבן, זײַנען דורך דער קאַבאָלע געקומען צום „צאַדיקיזם" און צו מױפֿיסים־מאַכערײַ. פֿאַר מױשע־לײבן מיט זײַן ניכטערן ליטװישן סײכל איז דאָס אױך געװען ניט אָנעמבאַר. דער אײנציקער װעג, אַף װעלכן די ייִדישקײַט דאַרף גײן, דאָס איז — לערנען און אַנטװיקלען די טױרע. דעם דאָזיקן װעג װײַזט אָן אַ לײַכט־טורעם, װאָס זײַן נאָמען איז „דער װילנער גאָען". באַם טראַכטן װעגן דעם דאָזיקן הײליקן מענטשן האָט דעם יונגן מױשע־לײב אַדורכגענומען אַ פֿאַרכטיקער ציטער.

דאָס איז געװען מיט פֿיר יאָר צוריק. און איצטער, איצטער?

דאָס געװאַנט פֿון די געדיכטע ראַשע־אײסיִעס איז אומדורכזיכטבאַר. עס װײַזט בלױז אָן אַף דעם אַלטן אױסגעפּרוּװטן װעג. נאָר אַף אַן אױסגעטראָטענעם װעג װאַקסט קײן גראָז ניט. און אים בענקט זיך דאַפֿקע נאָך פֿרישן גראָז, נאָך אַ פּראָסטער, אָבער לעבעדיקער קװײט, װאָס זאָל אָטכײַען דאָס געפֿיל אינעם האַרצן, אױפֿװעקן אַ פֿרישן געדאַנק אינעם מױער.

װאָס טוט מען? װאָס טוט מען?

ניט לאַנג צוריק האָט ער דורכגעלײענט ראַמבאַמס „מױרע נעװוּכים" — טראַץ דעם פֿאַרבאָט פֿון די ראַבאָנים עס צו לײענען אײדער מע דערגרײכט דרײַסיק יאָר. דער בוך האָט אין אים אױפֿגעװעקט אַ שלאַל געדאַנקען. אָבער... דער דאָזיקער בוך איז דאָך אױך אָנגעשריבן מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק און דערצו נאָך אין אַ לאַנד מיט אַ שטײגער־לעבן, װאָס איז מיט גאָרניט, אָבער טאַקע מיט גאָרניט ענלעך אַף אונדזער לעבנסשטײגער אין אונדזער איצטיקן לאַנד.

ער קוקט זיך הילפֿלאָז אַרום. אין קלױז זײַנען איצט װײניק מענטשן. דאָס זײַנען סראָװ לערנערס, װאָס האָבן שױן דערגרײכט די מאַדרײגע צו לערנען זעלבשטענדיק. מױשע־לײב איז דער ייִנגסטער פֿון זײ.

אַף דער לינקער זײַט פֿון דער מיזרעך־װאַנט שטײט אײַנגעבױגן איבער זײַן שטענדער שמועל־לײזער, אַ יונגערמאַן פֿון עטלעכע־און־צװאַנציק. אַ מיטלװוּקסיקער, אַ געפּאַקטער, מיט אַ לענגלעכן פּאָנעם, באַװאַקסן מיט אַ רונד בערדל, האַלט ער זיך רױִק און זעלבסטזיכער. ער האָט שױן סמיכעס אַף ראַבאָנעס, ער װאָלט שױן געקענט אָנעמען דעם קיסײַ־האָראַבאָנעס אין ערגעץ אַ שטעטל, נאָר ער אײַלט זיך ניט. דעם שװערס קעסט זײַנען פֿעטע, און ער איז איבערקלײַבעריש. װאַרט, ביז ס'װעט זיך מאַכן עפּעס פּאַסיקערס פֿאַר אים. ער לערנט ניט פֿלײַסיק, זײַנע געדאַנקען שװעבן שױן ערגעץ־װוּ אין אַ שטאָט, אָדער אין אַ גרעסער שטעטל, װוּ ער װעט זײַן דער גײַסטיקער פֿירער, דער כאָשעװסטער מענטש אין דער קעהילע. ער רײַסט זיך אָפּט אָפּ פֿון דאַף, שפּאַצירט זיך מיט די הענט, פֿאַרלײגטע אַף הינטן, דורכן בעסמעדרעש, גײט צו צום טיש, װוּ עס זיצן טילים־ייִדן, אָדער סטאַם באַטלאָנים, װאַרפֿט צו זײ אַראָפּ, מײַסע טאַלמיד־כאָכעם, עטלעכע סײכלדיקע װערטער, קומט אָפּט צו צו די לערנערס, גיט זײ אײצעס. מױשע־לײב כאַפּט גערן מיט אים אַ שמועס, װען ער קומט צו צו אים און קוקט אַרײַן אין זײַן דאַף. שמועל־לײזער איז אַ גוטער לערנער און װעגן אַ האַרבן איניען אין געמאָרע קאָן מען זיך מיט אים גוט אַדורכפּילפּלען. אָבער רײדן מיט אים װעגן די פֿראַגן, װאָס מוטשען אים אַצינד... דאָס װאָלט געװען אַן אומזין.

פֿיל נעענטער איז אים אַלטערקע, װעלכער זיצט ניט װײַט פֿון אים און איז אײַנגאַנצן מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פֿון אים. אַלטערקע איז דער הײפֿעך פֿון שמועל־לײזערן: בלאַסע אײַנגעפֿאַלענע באַקן, אַ שעמעװדיקער שמײכל, ניטזיכערקײַט אין די באַװעגונגען, אַ הילפֿלאָזער בליק. אױגן האָט ער מאָדנע: זײ זײַנען העלע, נאָר אין זעלטענע מאָמענטן פֿון אינערלעכער אױפֿרודערונג װערן זײ טונקל און װײטעקדיק־לײַדנשאַפֿטלעך. ער שטאַמט

פֿון אַ פּיצינק שטעטל, און קיין ווילקאָמיר איז ער אויך געקומען אַלס אײדעם, אָבער ניט בײַ אַ רײַכן קרעמער, ווי מוישע-לייב, נאָר בײַ אַ האָרעפּאַשנעם שמיד, וואָס האָלט זײַן קוזניע אין עק שטאָט און האָט צו טאָן דעריקער מיט פּויערים. אין קלויז רעכנט זיך אַלטערקע אַלס „בעגעדער-אילוי”, דאָס הייסט, נאָענט צו אַן אילוי. נאָר מוישע-לייב ווייסט, אַז דאָס איז ניט ריכטיק: אַלטערקע שטייט ניט אָפּ פֿון אים ניט אין כאַריפֿעס, ניט אין בקיעס, נאָר צוליב זײַן שעמעוודיקײַט געפֿינט ער זיך אין שאָטן. עפּשער איז אים זיך אָנפֿאַרטרויען?

אין דרויסן האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעגן. שוין ניט קיין זומערדיקער און נאָך ניט קיין אָסיענדיקער. אַ דריבנער רעגן, וואָס רופֿט זיך אָפּ מיט אַרבעסלעך-שמיץ אויפֿן בלעכענעם דאַך פֿון בעסמעדרעש און פֿאַרציט די גאַנצע וועלט אין אַן אומעט. פֿון דעם דאָזיקן רעגן ווערט אים נאָך נודנער אויף דער נעשאָמע.

פּלוצעם האָט זיך אין דעם מאָנאָטאָנעם קלאַפּן פֿון די רעגן-טראָפּנס אויפֿן דאַך אַרײַנגעריסן אַ נײַער געריוש. מוישע-לייב קוקט דורכן פֿענצטער. דאָרט, אויף דער צאָפֿנדיקער זײַט פֿונעם בעסמעדרעש, אויפֿן הינטער-הויף, ווו ס'באַווײַזט זיך זעלטן אַ מענטש, איז פֿאַרפֿאָרן אַ פֿערד-און-וואָגן. איטשע דער מויכערספֿאָרימניק! אַ פֿינק פֿון פֿרייד האָט אַ בליץ געטאָן, נאָר גלײַך זיך אויסגעלאָשן: ער ווייסט דאָך גאַנץ גוט, וואָס פֿאַרא סכוירע דער מויכערספֿאָרימניק וועט אויסלייגן אינעם פּאָליש — מאַכזיירים, טכינעס, „צין יעקבס”, באָבע-מײַסעס, קאָשערע ציצעס, טפֿילין, קעסטלעך מיט רעצועס, געדרוקטע קאַמייעס פֿאַר געווינערנס און ענלעכס. סקאַרבאָווע זאַכן, זשוכלע, ווי אָט דאָס גראָז אויפֿן הינטער-הויף פֿונעם בעסמעדרעש, צו וועלכן די מאָגערע קליאַטשע האָט אויסגעצויגן איר מאָרדע נאָך איידער איטשע האָט באַוויזן זי אויסצושפּאַנען.

אין אַ ווײַלע אַרום איז מוישע-לייב אַרויס אין פּאָליש. רעב איטשע האָט שוין פֿאַנאַנדערגעלייגט זײַן סכוירע אויף אַ קאַסטן, וועלכן ס'האָט טייקעף אַרומגערינגלט אַ כאָפּטע יינגלעך. דער מויכערספֿאָרימניק איז געווען אַ זשוואַווו יידל מיט אַ קורץ שוואַרץ-גראָוובערדל, מיט אַ פּאָר קליינע שוואַרצע אייגעלעך, וואָס האָבן דורכדרינגלעך אַרויסגעקוקט פֿון אונטער די געדיכטע סיווע ברעמען. דערזעענדיק מוישע-לייבן, האָט ער אים אַדורכגענומען מיט זײַנע אויגן-עגבערלעך און אַ מורמל געטאָן:

— וואַרט, ביז איך וועל זיך אָפּפּאַרטיקן מיט די קונדייסים... פֿאַר דיר האָב איך עפּעס-וואָס... איך ווייס, וואָס אַזאַ יונגערמאַן, ווי דו, דאַרף.

מוישע-לייב האָט גענומען דורכקוקן דעם רומל פֿונעם מויכערספֿאָרימניק. אַלטע סקאַרבאָווע זאַכן. נײַ זײַנען געווען בלויז עטלעכע דינינקע ביכעלעך פֿון אײַזיק-מייער דיק, אַרויסגעגעבענע דורכן דרוק „האַלמנה והאחים ראָם” אין ווילנע. נאָר מוישע-לייבן האָבן די דאָזיקע מײַסעס פֿאַר ווײַבער ווייניק אינטערעסירט. צו דער וואַנט פֿונעם פּאָליש, הינטער דעם אימפּראָוויזירטן טאָמבאַנק פֿונעם מויכערספֿאָרימניק, זײַנען געווען צוגעשפּאַרט צוויי בילדער: פֿון מוישע מאָנטעפֿיאָרע און פֿון דעם ווילנער גאָען. מוישע-לייב האָט גלײַכגילטיק באַקוקט דאָס פּעטע, זעלבסטצופֿרידענע פּאָנעם פֿון מאָנטעפֿיאָרען, לענגער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן צווייטן בילד. דאָס אַסקעטישע פּאָנעם, פֿון וועלכן עס האָבן אַראָפּגעקוקט צוויי גרויסע גלאַנציק-פֿײַכטע קלוגע אייגן, איז אים געווען באַקאַנט, נאָר איצטער האָט עס געוועקט אין אים ניט קלאָרע געדאַנקען.

ער האָט ניט געפּרוווט זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן אין די דאָזיקע געדאַנקען, נאָר פּלוצעם האָט ער מיט אַ באַזונדערער שאַרפֿקײַט דערשפּירט, אַז די קינדער-יאָרן זײַנע זײַנען פֿאַרבײַ און עס הייבט זיך אָן אין זײַן לעבן אַ נײַע צײַט, די צײַט פֿון רײַפֿקײַט.

— נו, אין איצטער צו דיר, — האָט געזאָגט רעב איטשע, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די יינגלעך. ער האָט זיך אײַנגעבויגן, אַרויסגעשלעפּט פֿון אונטערן קאַסטן אַ בוך און מיט אַ פֿײַערדיקן גלאַנץ אין די אויגן-עגבערלעך סוידעסדיק עס דערלאַנגט מוישע-לייבן.

„תעודה בישראל” פֿון יצחאָק-בער לעווינזאָן! וועגן דעם בוך האָט מוישע-לייב אַ סאַך געהערט. דאָס איז געווען אַ טרייפֿענער בוך. „טודקע” — אַזוי האָט מען גערזידלט די מענטשן, וואָס האָבן געלייענט, אָדער געהאַלטן פֿון אָט דעם בוך.

— וויפֿל? — מוישע-לייבן האָט פֿאַרכאַפּט דער אָטעם בלויז בײַם אָנקוקן דעם בוך.

— פֿופֿציק קאָפּעקעס! — האָט געזאָגט דער מויכערספֿאָרימניק. זײַנע אויגן-עגבערלעך זײַנען איצט געווען קאַלט, ווי אײַז.

— פֿופֿציק קאָפּעקעס? — דאָס איז געווען אַ גוואַלדיקע סומע. אײַזיק-מייערס ביכעלעך האָבן געקאָסט צו דרײַ-פֿיר קאָפּעקעס. נאָר מוישע-לייב האָט זיך אָנגעצונדן:

— וואַרט אַ ביסל. כ'וועל צולויפֿן אַהיים.

א פאַרסאָפּעטער איז ער אַרײַנגעלאָפֿן אין שטוב.

— שוויגער, ס'איז געקומען צו פֿאָרן איטשע דער מיכערספאַרימניק: ער האָט א טײַערן סייפער... פּופּציק קאָפּעקעס קאָסט ער...

— א היילּיקער סייפער? — אין איר סקריפּענדיקער שטים האָט געקלונגען פאַרדאַכט.

— א היילּיקער... א היילּיקער...

— נו, אויב א היילּיקער, איז מיר ניט קיין שאָד.

זי איז צוגעקומען צום קאָמאָד, אופגעשלאָסן מיט אירע שליסל דעם שופלאָד און אַרויסגענומען פינף זילבערנע גילדנס.

— לערן זיך, זונעלע, לערן זיך, — האָט זי פרום פאַרקאַטשעט די אויגן, איבערגעבנדיק די גילדנס.

באַם מיכערספאַרימניק אין פּאַליש זײַנען ווידער געווען מענטשן, איצטער שוין דערוואַקסענע: מיידלעך, ווײַבלעך, יונגעלײַט. רעב איטשע האָט אים א פינטל געטאָן מיטן אויג, ער זאָל אָפּוואַרטן. ווען ס'איז געקומען א פרײַע מינוט, האָט ער אים פלינק אָפּגעגעבן דעם בוך.

— א גוואַלדאָוונער בוך! — האָט ער א שעפּטשע געטאָן, אַרײַנלייגנדיק דאָס געלט אין טײַסטער. — פאַר אזא באַכערעץ, ווי דו, איז עס א מעציע. — זײַנע גענײטע אויגן־עגבערלעך האָבן געקאָנט דורכטאַפּן א מענטשן.

מיטן בוך אונטערן רעקל איז מוישע־לייב פּאַוואָליע געגאַנגען אהיים. ער האָט געקלערט: „צי דען גיי איך אַרוף אף דעם וועג, אף וועלכן מע וועט מיר אויך נאָכשרײַען דאָס זידלוואָרט „טודקע"?

3

אפן שטענדער, פאַרדעקנדיק אים קימאַט אינגאַנצן, ליגט אויסגעשפּרייט א געמאָרע און אף איר — דער „היילּיקער" בוך, וועלכן מוישע־לייב האָט געקויפט פאַר די פינף גילדן, וואָס די שוויגער האָט אים געגעבן. ער לייענט זשעדנע, זיך אַרײַנטראַכטנדיק אין יעדער שורע. לאָזט זיך אויס, אז ס'זײַנען דאָ נאָך מענטשן, וואָס פילן די פאַרגליוורטקײַט, די אָפּגעשטאַנענקײַט פונעם ייִדישן לעבן און וואָס זוכן אן אויסוועג.

אין נאָמען פון די, וואָס זוכן „ליכט און עמעס", האָט ייִצחאַק־בער לעווינזאָן אנטוויקלט א פּראָגראַם פון רעפאָרמעס פונעם ייִדישן לעבן. קודעמקאָל האַלט ער פאַר אומבאַדינגט נייטיק אַרויסצופירן די דערציִונג פון דעם יונגן דאָר פון די אומוויסנדיקע אַלטפרענקישע מעלאַמדים און זי איבערגעבן אין די הענט פון הײַנטצײַטיקע געלערנטע מענטשן, וועלכע זאָלן לערנען די יוגנט ניט נאָר טוירע, נאָר אויך וועלטלעכע וויסנשאַפטן און בעסויכעם, פאַרשטייט זיך, די מעלוכע־שפּראַך. די דאָזיקע אידיי איז געווען ווי א באַלזאַם פאַרן יונגן מוישע־לייבן. נאָר א באַזונדערע פרייד האָט אין אים אַרויסגערופן דער געדאַנק פונעם מעכאַבער, אז ייִדן דאַרפן איבערגיין צו ערדאַרבעט — מינימום א דריטל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג דאַרפן ווערן ערדאַרבעטער. מוישע־לייב האָט זיך דערמאָנט דעם בארג האָר אפן פּאָנעם פונעם אַלטן פּויער, וואָס ווייסט דעם סאָד פון לעבנס־קוועך באַ בינען, און אים איז גוט געוואָרן אפן האַרצן.

דערשטוינט און דערמוטיקט מוישע־לייבן האָט דאָס, וואָס אַלע זײַנע האַנאָכעס און געדאַנקען האָט דער מעכאַבער באַקרעפטיקט און באַגרינדעט מיט ציטאַטן פון די היילּיקע ספאָרים. הייסט עס, ער טרעט ניט אָפּ פון דעם גלויבן? דאָס האָט מוישע־לייב אופגענומען מיט באַפרידיקונג, ווײַל אין יענער צײַט האָט ער נאָך געהאַלטן, אז די איינציקע באַזע פאַר דער עקזיסטענץ פונעם ייִדישן פאָלק דאָס איז די רעליגיע.

„מע וועט דאַרפן דורכקוקן און דורכקאָנטראָלירן אָט די אַלע ציטאַטן, צי דער מעכאַבער ווענדט זיי אָן און טײַטשט זיי אויס ריכטיק", — האָט ער א טראַכט געטאָן.

מיט מעיושעוודיקע און גלאָסענע טריט איז צו אים צוגעגאַנגען שמועל־לייזער. מוישע־לייב האָט ניט באַוויזן צו באַהאַלטן דעם סייפער.

— „תעודה בישראל"? — האָט יענער געזאָגט, צוטראָגנדיק דעם בוך צו זײַנע קורצזיכטיקע אויגן. — איך האָב טאַקע געוווּסט, אז באַ דיר קאָן זיך אײַנגעפינען אזא סייפער...

— וואָס? — האָט מוישע־לייב אָנגעשפּיצט די אויערן. — א שלעכטער בוך?

— עפשער ניט קיין שלעכטער. גלאַטינקע רייד. אָבער די דאָזיקע גלאַטינקע רייד פירן צו אַ מיאוסן ציל. דער בוך, זאָלסטו וויסן זײַן, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פאַרן געלט, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט געגעבן. און די צאַרישע רעגירונג גיט ניט אומזיסט געלט, — ער האָט פילבאַדײַטנדיק אַ קוק געטאָן אויף זײַן מיטשמועסער. — די צאַרישע רעגירונג האָט איין ציל: מיט גלאַטינקע רייד אַרײַנצונאַרן ייִדן, אָפּווענדן זיי פון דער טוירע און סאָפּקאָלסאָף זיי ברענגען צום שמאַד. נאָר צוליב דעם צוועק האָט די צאַרישע רעגירונג געגעבן געלט דעם מעשומעד, ער זאָל אַרויסלאָזן דעם בוך. מײַן אייצע דיר, מוישע-לייב: האַלט זיך וואָס ווײַטער פון אָט דעם טרייפענעם בוך! דו הערסט, מוישע-לייב? האַלט זיך וואָס ווײַטער פונעם אַפּיקוירעס. אַניט וועט זײַן שלעכט!

— דאָ איז אַלץ באַקרעפטיקט דורך אַרויסזאָגונגען פון חז״ל...

— אָט דאָ ליגט טאַקע דאָס גאַנצע שמאַד-שטיק פון דעם מעשומעד. ער דרייט מאַמזעריש מיט די אַרויסזאָגונגען פון חז״ל און דערפירט סאָפּקאָלסאָף צום זעלבן אויספיר, ווי די „בערלינער”, צום שמאַד. אָט דערפאַר האָט די רוסישע רעגירונג געגעבן געלט אויף אַרויסלאָזן די פּאַסקודסטווע... — שמועל-לייזער האָט אָפּגעטרייסלט די הענט, ווי ער וואָלט וועלן אָפּוואַשן זיך פון דער אומרייניקער באַרירונג צו אָט דעם טאַרפעס, און איז אַוועק.

מוישע-לייב איז געבליבן זיצן אַ פאַרטראַכטער. פּלוצעם האָט ער געכאַפּט אויף זיך דעם מיטפילנדיקן בליק פון אַלטערקען. קענטיק, יענער האָט געוואָלט צוגיין צו אים, נאָר ניט געוואַגט.

אַרויסגייענדיק נאָכן לערנען פון קלויז, האָט מוישע-לייב דערזען, אַז אַלטערקע פאַרקלאַפּט אויך די גמרא און גייט אַרויס. אויף דער גאַס איז אַלטערקע צוגעגאַנגען צו אים.

— דו לערנסט די „תעודה”? — האָט שטיל געפרעגט דער בלאַסער אַלטערקע, — פינוואַנען האָסטו זי?

— געקויפט בײַ איטשע דעם מויכערספאָרימניק.

— צו וואָס האָסטו זי געדאַרפט קויפן? געקאָנט בעטן בײַ מיר. איך האָב זי שוין פון לאַנג...

— דו? דו האָסט די „תעודה”? — מוישע-לייב האָט זיך אָפּגעשטעלט פון דערשטוינונג.

אויף אַלטערקעס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שוואַכער שמייכל.

— קום, באַגלייט מיך. איך וווין ווײַט, אין עק שטאָט בײַ דער קוזניע.

און דאָ האָבן זיי פּלוצעם דערשפּירט די נויטווענדיקייט זיך אַדורכצורײדן, אויסגיסן איינער פאַרן אַנדערן דאָס האַרץ. וועגן מוישע-לייבן האָבן אַלע אַלץ געוווּסט. אָן איידעם אין אַ פאַרמעגלעכער שטוב, בײַ אַ שוויגער אַ באַלגײַוועניצע, אַ באַרימערקע, וואָס האַלט אין איין פּויקן וועגן איר עווען-יאַקירל, וועלכן זי האָט אײַנגעהאַנדלט. מע האָט אויך געוווּסט, אַז ער איז דער בעסטער לערנער אין ישיווע, פאַרמאָגט אַ פּעדער, שרײַבט שיינע מעליצעדיקע שירים אין לאָשנקוידעש, קאָן האַלטן אַ דראָשע און איז טאַקע ראָוו צו ווערן אַ גאָדל-בעייִסראָעל. אַלטערקע איז געווען אין שאָטן. איין מוישע-לייב האָט געוווּסט, אַז אין פראַט פון לערנען שטייט אַלטערקע ניט אָפּ פון אים, און אַ מויעך האָט ער אויך אַ שאַרפן, כאָטש אַן איבערגעשפּיצטן און פאַרביטערטן.

איצט האָט זיך מוישע-לייב דערוווּסט מער. אַלטערקע איז געבאָרן אין אַ קליין שטעטל לעבן ווילקאָמיר בײַ אַ טאַטן אַן אָרעמאַן, וואָס האָט מיט גרויס מי געשפּײַזט די צאָלרײַכע מישפּאָכע. אין כיידער איז אַלטערקע געווען דער בעסטער טאַלמיד, אָנגעהויבן צו לערנען געמאָרע, כאָטש קיין ריכטיקע לערנערס זײַנען אין שטעטל ניט געווען. אַרויסצופאָרן פון דאָרטן אין עפּעס אַ גרעסער אָרט, ווו ס׳איז דאָ אַ ישיווע, האָט ער ניט געהאַט קיין מוט, האָט ער ביסלעכווײַז אָנגעהויבן צוהעלפן דעם טאַטן אין פּאַרנאָסע. דאָ האָט זיך וועגן אים צופעליק דערוווּסט פייסעך, דער קאָוואַל פון ווילקאָמיר. פייסעך איז געווען אַ גע-פאַקטער שטאַרקער ייִד, ער האָט געהאַלטן אַ קוזניע אין דער שטאָט, געאַרבעט צוזאַמען מיט זײַנע דרײַ באָנים, אויך שטאַרקע, פעסטע יונגען. געווען אויך אַ ייִנגסטע טאָכטער, די מיזיניצע. סײַ דער טאַטע, סײַ די ברידער און איבערהויפּט די מאַמע האָבן געבאַלעוועט די מיזיניצע, געוואָלט זיך דערשלאָגן פאַר איר אַ בעסערע דאָליע. און די דאָזיקע דאָליע איז אַרײַנגעקומען אין שטוב אין געשטאַלט פון אַלטערקען, דעם אָרעמאַנסקן בלאַסן און זייער פייִקן באָכער. ער לעבט שוין דאָ דרײַטהאַלבן יאָר און ער לײַדט, לײַדט, לײַדט...

— וואָסי? זיי באַהאַנדלען דיך שלעכט?

— כאַסוועכאַלילע. אַדראבע, זיי באַהאַנדלען מיך צו גוט. באַוואָלען מיך נישט ניט מיטן עסן, ניט מיטן אָנטאָן. באַציִען זיך פרײַנטלעך, קיין שלעכט וואָרט ניט... נאָר איך אַליין... איך אַליין... — ער האָט אויפגעהויבן אויף מוישע-לייבן אַ פּאָר העל-גרויע, הילפלאָז-פינטלדיקע אויגן, וואָס זײַנען געלעגן טיף אונטער דעם אַרויסשטאַרצנדיקן שטערן און אין וועלכע ס׳איז געווען פאַרטײַעט אַן אינערלעכער אומרו.

— וואָס דו אַליין?

— פאַרשטייסט, מוישע-לייב, איך וועל דאָך ניט באַרעכטיקן זייערע האָפענונגען! — האָט זיך אַרויסגעריסן ווי אַ וויגעשריי בײַ אַלטערקען. — איך ווייס דאָך שוין עס הײַנט אויף געוויס! כ׳וועל ניט ווערן אַ ראָוו! אפילו ניט אַ שויכעט, אפילו ניט אַ מעלאַמעד... מיר איז דאָס פריקרע. איך זיץ אין בעסמעדרעש, מאַלעגיירע און מאַלעגיירע... אַ בעהיימע, אַז זי מאַלעגיירעט, ווייסט זי דאָך, אַז זי וועט האָבן דערפון נוצן. און איך ווייס אויף קלאָר, אַז איך וועל קיין נוצן ניט האָבן דערפון. סײַדן זיך אויסצופײַנען דערמיט אין אַ כאַוורוסיע פון זײַדענע איידעמלעך-באַטלאָנים. אָבער דאָס איז דאָך אויך ניט פאַר מיר. איך בין פון אַ האָרעפּאַשנער מישפּאָכע. און דאָ לעב איך בײַ ערלעכע, פּאָשעטע האָרעפּאַשניקעס און נאָר זיי אָפּ. יעדער ביסן, וואָס איך עס, שטעלט זיך מיר אין גאָרגל...

— און כײַעלע?

— וואָס, כײַעלע? — האָט אומעטיק איבערגעפרעגט אַלטערקע. — כײַעלע איז אַ שיין יונג ווײַבל, אַן ערלעכע, קאָשערע נעשאָמע. זי איז אַ טויגעוודיקע און אַרבעטזאַמע, כאָטש מע האָט זי שטענדיק געבאַלעוועט אין דער מישפּאָכע. און זי נאָר איך אויך אָפּ. און לייבעלע... ער איז שוין באַלד צוויי כאַדאָשים אַלט... אַ מעכײַעדיק קינד... איך האָב אים האָלט, ווי דאָס כ׳יעס... און אים נאָר איך אויך אָפּ... וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? אַ ווײַלע זײַנען זיי געגאַנגען שטיל. דאַן האָט זיך אַלטערקע פּלוצלינג אָפּגעשטעלט און אַרײַנגעקוקט מוישע-לייבן גלײַך אין די אויגן:

— דו פאַרשטייסט מיך? יאָ, דו פאַרשטייסט מיך. — האָט ער איבערגעלייענט אין דעם כאַוורס אויגן.

דעם אָוונט האָבן זיי לאַנג שפּאַצירט. די גאַסן זײַנען פאַוואָליע אײַנגעזונקען געוואָרן אין דעמערונג. אַ טשערעדע בעהיימעס האָט זיך אומגעקערט פון פעלד. דורכן שטויב, וואָס די טשערעדע האָט אויפגעהויבן, האָט זיך דורכגעזײַט דער זאַטער רייעך פון שטאַל און פון מילכיקער שעפע. פון די קוימענס האָט זיך געהויבן אַ דינער רויך — די באַלעבאָסטעס האָבן זיך שוין געגרייט צו וועטשערע. דאָ און דאָרט האָבן אין אַ קליינינקן פענצטער, אַ פאַנאַנדערגעצאַמטן מיט פיצינקע טאַפּליעס, אויפגעבליצט פײַערלעך. אַלץ איז געווען פרידלעך און רויִק. און ווער וואָלט עס געקאָנט זאָגן, אַז הינטער אָט דער שאָלעם-וועשאַלוועדיקײַט שטעקט אַ טיפע טראַגעדיע פון אַ מענטש, וואָס זײַן האַרץ ווערט צעריסן פון לײַדן און וואָס זעט ניט קיין אויסוועג פון זײַנע ווידערשפּרוכן.

צעשיידט האָבן זיי זיך בײַם ראַנד פון שטאָט. מוישע-לייב איז אוועק אַהיים. די גאַסן זײַנען געווען פּוסט. די שטיבלעך האָבן זיך אָפּגעשיידט פון דער וועלט דורך די פאַרקלאַפּטע לאָדנס, די קרעמלעך פון מאַרק זײַנען געווען פאַרהאַקט און באַוואָרנט מיט אײַזערנע שטאַנגען. דאָס שטעטל האָט זיך געגרייט צום שלאָף, דאַנקענדיק דעם אייבערשטן פאַרן איבערגעלעבטן טאָג און גרייטנדיק זיך צו אַ נײַעם טאָג, וואָס וועט מיט קיין זאַך ניט זײַן אַנדערש פון דעם פאַרגאַנגענעם.

מוישע-לייב האָט געטראַכט וועגן זײַן נײַ-דערוואָרבענעם כאַווער, וועלכן ער קען שוין קימאַט צוויי יאָר, נאָר ערשט איצטער האָט ער אַרײַנגעקוקט אין זײַן צערודערטער נעשאָמע. פּלוצעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס און פאַרלאָרן זיך אַרומגעקוקט. אין ער אַליין? ער איז דען אויך ניט אין אַזאַ טראַגיש-פאַרצווייפלטער לאַגע? זײַן געדאַנק האָט זיך אומגעקערט צו יענעם אומגליקלעכן אָוונט, ווען אין הירש באָנדערס כאַלופּע האָט זיך באַוויזן די פרעמדע מעגושעמדיקע ייִדענע און אָנגעהויבן מיט אַ פּאָנפּעוואַטע שטים צו ריידן וועגן נאַדן, וועגן קעסט פאַר דער כופּע, קעסט נאָך דער כופּע... איר גרויסע ייִכעסדיקע נאָז האָט אַרײַנגעשמעקט אין אַלע ווינקלעך פון דער קאַפּצאָנישער שטוב און זיך ביטלדיק געקרימט. דער טאַטע איז געזעסן מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל אויף די ליפּן, די מאַמע — די ייִנגסטע שוועסטער פון דער פאַרשטאָרבענער מוטער — איז געזעסן מיט איר מילכיק פּאָנעם און געהאָרכט מיט היספּײַלעס.

און ווידער שטייט אויף אין מוישע-לייבס זיקאָרן יענער אומגליקלעכער פרימאָרגן, ווען דער טאַטע איז צוגעקומען צו זײַן בעט און מיט אַ פריילעך-האָפעדיקער שטים צו אים אויסגערופן:

— שטיי אוף, כאָסן! מע וועט הײַנט שרײַבן טנאָים!

— טאַטע, איך וויל ניט! — האָט מיט אַנגסטן אויסגעשריִען דאָס ייִנגל.

— נאַרעלע, וואָס פֿאַרשטייסטו? ס'איז דאָך אַ גליק... פֿאַר דיר... פֿאַר אונדז אַלעמען... ס'איז מין-האַשאָמאַיִם...

ער האָט עטלעכע מאָל מורמלענדיק איבערגעכאַזערט דעם מין-האַשאָמאַיִם, און דאָס ייִנגל האָט אינסטינקטיוו פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס וויל ער גיכער אײַנריידן זיך, איידער אים, זײַן זון.

מאָישע-לייב איז אין יענעם פֿרימאָרגן מיט אַ שווער געמיט אַוועק אין קלויז. אין אַ פּאָר שאָ אַרום איז מען אים געקומען רופֿן. אין שטוב האָט מען אים איבערגעטאָן אין שאַבעסדיקן אָנצוג און מע איז זאַלבעדריט — ער, דער טאַטע און די מאַמע — אַוועק צו דער שטוב פֿון די קרויווים פֿון דער ווילקאָמירער גווירנטע, וווּ זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָרט זײַנען שוין געווען פֿאַרזאַמלט אַ סאַך מענטשן. אויבנאָן איז געזעסן די ווילקאָמירער ייִדענע. צו איר מאַסיוון גוף האָט זיך געטוליעט אַ קליין מיידעלע. מאָישע-לייב האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די קאַלע. זי האָט אויסגעזען צו זײַן פֿון אַ יאָר זעקס. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז גאַנצע עלף יאָר אַלט.

די געגנדזענע פֿעדער האָט געסקריפּעט, און דאָס ייִנגל האָט אַלץ ניט געקאָנט באַנעמען, אַז יעדער סקריפּ פֿונעם פֿעדער באַשטימט זײַן, מאָישע-לייבס, גוירל. ס'איז אָפּגערעדט געוואָרן: דרײַ הונדערט רובל נאַדן, די כופּע וועט זײַן אין צוויי יאָר אַרום, ווען מאָישע-לייב וועט ווערן זעכצן יאָר אַלט, ביז דאַן קריגט ער קעסט באַם שווער און נאָך דער כופּע קריגט ער ווײַטערע זעקס יאָר קעסט. דאָס ייִנגל האָט עס נאָך אַלץ אופֿגענומען פֿאַר אַ מין שפּיל. נאָר בײַם דער טעלער, וועלכן מע האָט אַ שלײַדער געטאָן אָפּן דיל, האָט מיט אַ טראַסק זיך צעבראָכן און צעפֿאַלן זיך אויף פּיץ-פּיצלעך, איז מאָישע-לייבן אומרויִק געוואָרן אויף דער נעשאָמע: ניין, ס'איז ניט קיין שפּיל.

צום סאָף איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער טאַטע מיטן ייִנגל וועלן אויף סוקעס קומען קיין ווילקאָמיר, זיך פֿאַרשטעלן דעם טאַטן פֿון דער קאַלע און דאַן וועט מען אין דער אָנוועזנהײַט פֿונעם ראָוו אונטערשרײַבן דעם ענדגילטיקן דאָקומענט.

נאָר ערעוו סוקעס איז דער פֿאָטער קראַנק געוואָרן, און מיטן ייִנגל איז געפֿאָרן קיין ווילקאָמיר זײַן זיידע, דער מאַמעס טאַטע, אַ מעלאַמעד און אַ גאָטספֿאַרכטיקער טמימעסדיקער ייִד, וועלכער האָט אין איניאָנים, וואָס זײַנען ניט נאָגייע זײַן מעלאַמדעס, קיין צוויי ניט געקאָנט ציילן. דער צוקינפֿטיקער שווער האָט עס אויסגענוצט, ער האָט אָנגעהויבן צו מעקענען, אַז דאָס ווײַב האָט זיך צוגעײַלט, דאָס מיידל איז נאָך קליין, דער נאַדן צו הויך און די קעסט-יאָרן צו אויסגעצויגן. דער זיידע האָט, לויט זײַן מעלאַמדישן שטייגער, צו אַלץ צוגעבאָמקעט. עס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן נײַע טנאָים: צוויי הונדערט רובל נאַדן, וועלכע מע צאָלט אײַן ניט פֿאַר דער כופּע, נאָר בעמעשעך פֿון די קעסט-יאָרן, און פֿיר יאָר קעסט נאָך דער כופּע. דאָס מאָל האָט די מעכוטענעסטע אַליין מיט גרויס פּאָמפּע צעבראָכן דעם טעלער און דער צימער האָט זיך אָנגעפֿילט מיט הילכיקע געשרייען: „מאַזל-טאָוו!” שפּעטער, בײַס אַלע זײַנען זיך פֿאַנאַנדערגעגאַנגען, האָט זי אָפּגערופֿן דעם כאָסן אָן אַ זײַט און אים אַרײַנגעשושקעט:

— האָב קיין פֿאַרדראָס ניט, זונעלע מײַנס, כ'וועל דיר אָפּגעבן די הונדערט רובל בישטיקע פֿון מײַן קאַרגוטש... וואָרעם וויסן זאָלסטו זײַן: די הויזן דאָ טראָג איך... און מיט קעסט וועט אויך זײַן, ווי איך וויל, און ניט, ווי ער... דו דאַרפֿסט וויסן נאָר איין זאַך: זיך לערנען און לערנען... אַ קעפּעלע האָסטו דאָך... אויף מיר אַזאַ יאָר... — אירע גראָבע פֿינגער האָבן אַ קניפּ געטאָן דאָס בלאַסע בעקעלע פֿונעם איידעלן געמאָרע-באָכער.

מאָישע-לייב מיט זײַן זיידן זײַנען אַוועקגעפֿאָרן אַהיים. אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום איז די מעכוטענעסטע באַשטאָרבן, און דער צוקינפֿטיקער איידעם זאָל קומען קיין ווילקאָמיר און זיך באַזעצן דאָרט אויף שטענדיק. דער טאַטע מיט דער שטיפֿמאַמע זײַנען מאַסקים געווען.

אין ווילקאָמיר האָט געלעבט מאָישע-לייבס פֿעטער, אַ ברודער פֿון זײַן מאַמען, אויך אַ מעלאַמעד, אַ גרויסער לאַמדן און אַ טמימעסדיק-פֿרומער מענטש. די ערשטע צײַט אין ווילקאָמיר האָט מאָישע-לייב געלערנט בײַ אים. דער פֿעטער האָט געוווּסט אַ שלאָל מײַסעס וועגן צאַדיקים, מויפֿסים, שיידים, גילגולים. ער האָט האָלט געהאַט צו דערציילן וועגן זיי און געגלייבט בעעמונע שליימע אין אָט די אַלע וווּנדערלעכע זאַכן, וואָס האָבן פּאַסירט מיט די צאַדיקים. דאָס ייִנגל איז אויך פֿילבאַר געווען צו אַזעלכע מײַסעס. ער געדענקט: איינמאָל אין כיידער האָט דער רעבע דערציילט די קינדער די מײַסע וועגן דעם קאָדעש

רעבע אווראָהאָם האַליייווי, וועלכער איז מיספּאַלעל געווען פאַרן קויסעל מאַאַראָווי, אַז ס׳זאָל ענדלעך קומען מאָשיעך. ער האָט געדאווענט מיט אַזאַ ברען און געוויין, ביז די נעשאָמע איז אים פאַרגאַנגען געוואָרן און ער האָט דערזען די שכינע. איר פּאָנעם איז געווען פאַרפינצטערט פון די ייִדישע צאָרעס, זי איז געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצן און מיט אַ ציטערדיק-וויינענדיקער שטים האָט זי געטאָן טרייסטן דעם פאַרכאַלעשטן קאָדעש מיט די ליבלעכסטע ווערטער. פאַר די איבעריקע קינדער איז די מייַסע געווען אַ מייַסע, נאָר דעם קליינעם מוישע-לייבן איז פאַרגאַנגען דאָס האַרץ און ער האָט אויסגעבראָכן אין אַזאַ געוויין, אַז מע האָט אים געמוזט אָפּפירן אַהיים.

אין ווילקאָמיר, בייס דער גוירל האָט אים צוזאַמענגעפירט מיט זייַן פרומען, טרוימעריש-טמימעסדיקן פעטער, וועלכער איז דערצו נאָך געווען זייַן רעבע, איז מוישע-לייב געווען זייער צופרידן. ער האָט דעם פעטער קוידעמקאָל געוויזן זייַן לאָשנקוידעשדיקע פּאָעמע, וואָס ער האָט פאַרפאַסט צו דרייַצן יאָר און אַף וועלכער ער האָט געאַרבעט אַנדערהאַלבן יאָר. דאָס איז געווען אַ פאַרגראַמטע איבערדערציילונג פון די תרי״ג (613) מיצוועס, יעדע מיצווע גענוי דערקלערט און די שורעס קונציק פאַרגראַמט. דאָס אַלץ איז געווען געמאַכט אין אַ טיפן לאָשנקוידעש און מיט אַ צאַצקעדיקער מעליצע. דער פעטער האָט אַנגעקוואָלן פון דעם ווערק.

— ביסט ניט נאָר אַ כאָריף, — האָט ער אים אַ גלעט געטאָן איבערן רונדן קעפּעלע, — ביסט אויך אַ באַל-סיגנוין[1]. מיט דעם אייבערשטנס הילף וועסטו נאָך, מירצעשעם, ווערן אַ גאָדל בעייִסראָעל.

מוישע-לייבן האָט ליב געהאַט באַם פעטער ניט נאָר צו לערנען, נאָר אויך האָרכן די ווונדערלעכע מייַסעס, וואָס יענער האָט דערציילט. ער האָט זיי ווי אַ שוואָם אייַנגעזאַפּט אין זיך און מיט דער גאַנצער פרומער קינדערישער נעשאָמע געגלייבט אין זיי. נאָר גאָר אייניקן האָט אָט דער אומבאַגרענעצטער גלויבן געגעבן אַ שפּאַלט.

דאָס איז געווען אין איינעם אַ פרייַטיק פאַרנאַכט, ווען זיי האָבן צום ווייפלטן מאָל דורכגעאַקערט דעם „שיר-האַשירים”. דער פעטער איז געווען אין אַ באַזונדערס אופגעלייגטער שטימונג, און ער האָט זיך פאַנאַנדערגעזונגען:

— שיר-האַשירים — אַ געזאַנג פון אַלע געזאַנגען. דאָס געזאַנג, וואָס שלוימע האַמעלעך האָט געזונגען, איז געווען שענער און הייליקער פון אַלע אַנדערע געזאַנגען, וואָרעם אַן אַנדער געזאַנג איז קוידעש-הייליק, דאָס געזאַנג פון שלוימע האַמעלעך איז קוידעש-קעדאָשים, מער ווי הייליק און גאָר הייליק. אַן אַנדער געזאַנג האָט געזונגען אַ נאָווי, שיר-האַשירים האָט געזונגען אַ נאָווי בען נאָווי, אַ מיילעך בען מיילעך, אַ כאָכעם בען כאָכעם, אַ מעשוירער בען מעשוירער, אַ צאַדיק בען צאַדיק. און דאָס געזאַנג, וואָס שלוימע האַמעלעך האָט געזונגען, איז לישלוימע — צו קאָדעש-באָרעך-הו, וואָס הייסט שלוימע, וואָרעם שלמה (שלוימע) מאַכט מעלעך שעהאַשאָלעם בוי[2], דער שאָלעם פון דער גאַנצער וועלט איז באַ אים. זאָגט טאַקע די קנעסעס ייִסראָעל אין גאָלעס: הלואי ישקני (ייִשאָקייני) — האַלעווייַ זאָל ער מיר טאָן קושן, מנשיקות (מינשיקוים) — פון די קושן פון זייַן מויל, זאָל ער מיט מיר ריידן, ווי ער האָט גערעדט מיט מיר בעשאַס מאַטן-טוירע אַפן באַרג סינײַ, וואָרעם טובים (טויווים) זייַנען בעסער דודך (דוידעכאָ) — דייַן פרייַנטשאַפט מיין (מעיאַיִן) — פון גוטן ווייַן, דאָס איז טייַטש: דייַן פרייַנטשאַפט פון מאַטן-טוירע איז געשמאַקער פון בעסטן ווייַן...

צו פופצן יאָר איז מען נאָך ניט קיין מאַנצבל, מע איז שוין אָבער ניט קיין קינד. מיט זייַן גראַדליניקן סייכל און מיט זייַן שרייַבערישן כוש האָט מוישע-לייב פאַרשטאַנען, אַז „שיר-האַשירים” איז אַ פּאָעמע וועגן ליבע, וועגן פּאָשעטער ערדישער ליבע, אויסגעדריקט אין אַ סאַמע דערהויבנסטער און דיכטערישער פאָרם. די „טייַטשונג” פונעם פעטער, אַז ער — דאָס איז גאָט, און זי — דאָס איז די ייִדישע אומע, איז צוגעצויגן פאַר די אויערן. צי דען איז זייַן רעבע אַזוי נאַיִוו, אַז ער פאַרשטייט עס ניט? ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אַפן פעטער: אַף זייַן ברייט לאַמדאָניש פּאָנעם איז אויסגעגאָסן אַ מסיקעס, זייַנע גרויסע אויגן זייַנען פול מיט אייל-גלאַנץ און אַפילע די גרויסע בראָדעווקע, פון וועלכער עס שפּראָצן אַרויס עטלעכע הערעלעך, איז אָנגעגאָסן מיט אַ גדולע. יעקל דער קונצנמאַכער! יאָ, דאָס איז יעקל דער קונצנמאַכער, וואָס ציט אָן אין אַ יאַריד אַפן מאַרק אַ דראָט צווישן צוויי פלעקענער און, באַלאַנסירנדיק מיט אַ שירעם, גייט ער דורך איבערן דינעם

---

[1] בעל־סגנון (העבר.) — סטיליסט.

[2] מלך שהשלום בו (העבר.) — דער קיניג, וואָס זייַנס איז דער שאָלעם.

דראָט, אַרויסרופנדיק היספּײַלעס בא די פּאַרזאַמלטע מענטשן. נאָר יעקל ווייסט, אַז ער איז אַ קונצנמאַכער, און דער גלייבט בעמונע שליימע, אַז דער וועג, מיט וועלכן ער גייט, איז דער אייניציקער פרומער וועג, און דער שירעם, מיט וועלכן ער באַלאַנסירט, איז — מין-האַשאָמאַיִם!

דאָס איז געווען דער ערשטער צווייפל, וואָס דער פעטער האָט אין אים אויפגעוועקט. און אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום — ער האָט שוין דעמלט ניט געלערנט באַם פעטער, ווײַל דער צוקינפּטיקער שוויגער איז אָט דער מעלאַמעד געווען צו פּראָסט, — האָט פּאַסירט אַ פאַל, וואָס האָט אינגאַנצן צוגענומען בא מוישע-לייבן דעם צוטרוי אין זײַן טמימעסדיקערלעכן און פרומען פעטער. מוישע-לייב האָט דעמלט געלערנט די גמאָרע באָבע-באַסרע. דאָרט האָט ער זיך אָנגעשטויסן אַף אַ דין, אַז אַ מאַנצבל טאָר ניט נעמען קיין מאַטאָנע בא אַ פרוי, וואָס יענע גיט אָן דעם וויסן פון איר מאַן. אויב אַזוי, וועט ער דאָך ניט טאָרן נעמען די הונדערט רובל, וואָס די צוקינפּטיקע שוויגער האָט אים צוגעזאָגט צו געבן בישטיקע פון איר מאַן... ער איז אַוועקגעלאָפן צום פעטער זיך מעיאַשעוו זײַן וועגן דעם איניען. דער פעטער האָט אויסגעהערט די קאַשע און זיך פאַרטראַכט. אין פלוג גענומען, איז דער פּלעמעניק גערעכט, נאָר דער אַלטער מעלאַמעד האָט געטראָגן אין זיך אַ קאָס אַף דער מעכוטענעסטע, האַלעמײַ זי האָט צוגענומען פון אים דאָס יינגל. האָט ער זיך פאַרטראַכט און אָנגעהויבן צו מעלקן זײַן באָרד. געמעלקט און געמעלקט און געשאָטן מיט פּשעטלעך און דראָשעלעך פון איין סייפער, פון אַ צווייטן, ביז ער איז געקומען צום אויספּיר, אַז ס'איז ניט אַזוי, ווי מוישע-לייב קלערט, — מע מעג נעמען פון אָט דער אישע די הונדערט רובל...

מוישע-לייב האָט אָבער בא זיך באַשלאָסן, אַז ער וועט די הונדערט רובל ניט נעמען. דער פעטער האָט אינגאַנצן אָנגעוואָרן בא אים דעם צוטרוי.

4

אַלטערקע איז געווען אַ נאַטור ניט קיין שטאַנדהאַפטיקע. דאָ האָט ער זיך אויפגעשרויפט ביז צו אַ האָפערדיקער פרייילעכקײַט, דאָ איז ער אַרײַנגעפאַלן אין אַ ווייסטער מאָרע-שכוירע.

— מע דאַרף אַנטלויפן! — האָט ער פּלוצלינג אויסגעשאָסן זײַן געדאַנק, וועלכן ער האָט, קענטיק, שוין לאַנג געכאָוועט אין זיך, — דאָ זינקען מיר אין דער בלאָטע, זינקען און זינקען, ביז מירן אינגאַנצן פאַרכליאָבעט ווערן אין איר. מע דאַרף אַנטלויפן, קאָלזמאַן ס'איז ניט שפּעט!

— וווּהין?

— וווּהין? קיין דײַטשלאַנד, פאַרשטייט זיך, דאָרט איז די האַסקאָלע אין פולן בלי. דאָרט זײַנען די אוניווערסיטעטן אָפן פאַר אַלעמען. מיטלבילדונג איז פאַר אונדזערע גמאָרע-קעפּ אַ שפּילכל, איינס-און-צוויי — און מע האָט עס. דאַן טרעט מען אַרײַן אין אוניווערסיטעט און שעפּ וויסן מיט פולע הויפנס. מאָדערנסט וויסן. ניט וועגן אַן איי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אום שאַבעס. און דאַן עפנט זיך פאַר דיר אַ פּערספּעקטיוו. קאָנסט ווערן אַ דאָקטער, אַן אינזשעניער, אַ געלערנטער. — ער האָט גערעדט גיך, ווי אײַנגעכאַזערט. קענטיק, אַז ער האָט עס ניט איין מאָל דורכגעטראַכט.

בא מוישע-לייבן האָבן אויפגעפינקלט די אויגן, נאָר גלײַך זײַנען זיי אויסגעלאָשן געוואָרן.

— מיר זײַנען דאָך אָבער געבונדן, אַלטערקע!

נאָר אַלטערקע האָט שוין אַדורכגעטראַכט אויך אָט די פראַגע.

— וואָס הייסט, געבונדן? מע האָט אונדז פאַרקויפט, ווען מיר זײַנען נאָך געווען קינדער. מײַן טאַטע — מיך, דײַן טאַטע — דיך. וואָס האָבן מיר דעמלט פאַרשטאַנען? גאָרניט! און פון דער אַנדערער זײַט, — ער האָט מײַסע יעשיוועבאָכער אַ דריי געטאָן מיטן גראָבן פינגער, — מיט וואָס קאָן איך העלפן, ווען איך בלײַב דאָ? די האָפענונגען, וואָס מע האָט געלייגט אַף מיר, קאָן איך סײַוויסײַ ניט באַרעכטיקן. אַ ראָוו וועט פון מיר ניט אַרויסקומען, אַפילע אַ מעלאַמעד אויך ניט. און אויב איך וועל זיך אַ ריס טאָן אין דער ברייטער וועלט, קאָן איך זיך אין עטלעכע יאָר דערשלאָגן צו עפּעס אַ מענטשישן טאַכלעס.

דאַן וועל איך קאָנען העלפן מײַן מישפּאָכע... שױן געװען אַזעלכע פאַלן... זע שלױמע מײַמאַן... אױך אַ ליטװישער באַכער געװען...

— שלױמע מײַמאַן איז ניט געװען קײן באַװײַבטער, בײס ער איז אַװעק פון ליטע. אַלטערקע איז אַנשװיגן געװאָרן. זײַנע פּלײצעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט.

עס איז געװען שאַבעס נאָך מיטיק. זײ זײַנען געגאַנגען הינטער דער שטאָט אױף זײַטיקע װעגן, װוּ יוסטע באַלעבאַטים גײען ניט. די פאַרפײַסעכדיקע זון האָט שױן צוגעװאַרעמט די ערד. איבער איר איבערפלאַך האָט זיך געשפּרײט אַ לײַכטע פּאַרע און אין איר אינגעװײד איז שױן אָנגעגאַנגען אַ לעבן: פון איר טראַכט האָבן אַרױסגעשפּראָצט יונגע גרינע גרעזעלעך.

זײ זײַנען צוגעגאַנגען צו אַ װאַסערל, װאָס האָט פּלײַסיק און אַקשאָנעסדיק זיך דורכגעשלאָגן אַ װעג. דינע אײװע־צװײַגן האָבן אַזױװי בעטנשנדיק געשפּרײט איבערן װאַסערל זײערע צװײַגן, קוסטעס און פאַרשײדענע געװיקסן האָבן אָפּגעהיט דעם װעג. בײדע יונגען האָבן געקוקט אױפן װאַסערל און בײ בײדן איז גלײַכצײַטיק דורכגעלאָפן דער זעלבער געדאַנק:

— דאָס װאַסערל װעט זיך דורכשלאָגן! — האָט געזאָגט מױשע־לײב.

— עס װעט זיך דורכשלאָגן! — האָט מיט באַגײַסטערונג אונטערגעכאַפּט אַלטערקע. — זיך דורכשלאָגן און אַרײַנפאַלן אין אַ טײַכל, און דאָס טײַכל װעט זיך אַרײַנגיסן אין אַ טײַך, ביז עס װעט פאַרט אָנקומען אין גרױסן ברײטן יאַם!

זײ האָבן אַריבערגעשפּרײַזט דאָס אײפּעלע־טײַכעלע, און דאָ האָט זיך אַלטערקע פּלוצעם אָפּגעשטעלט און זיך שאַרף געװענדט צו מײשע־לײבן — דער דאָזיקער פּלוצעמדיקער איבערגאַנג פון אָקאַרשטדיקער טרױמערישקײַט צו שנײַדנדיקער שאַרפקײַט זײַנען געװען אײגנטימלעך אַלטערקען.

— און דו? װאָס האָסטו זיך צוגעײַלט אַרײַנקריכן אין שקלאַפערײַ? לױט די טנאָים דײַנע, האָט דאָך בא דיר ערשט האיאָר הארבסט געדאַרפט זײַן די כאַסענע. װאָס האָסטו זיך געאײַלט אַרײַנקריכן אין כאָמוט?

װען די פראַגע זאָל געשטעלט װערן אין אַ פּרײַנטלעכן טאָן, װאָלט מױשע־לײב עפּשער אײַנגעגאַנגען אױף דערקלערונגען. נאָר איצטער האָט ער זיך בלױז צוזאַמענגעקאָרטשעט און אַ קנײטש געטאָן מיט די אַקסלען:

— געװען אַזאַ סיבע...

...צו דער מעכוטנעסטע זײַנען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז מױשע־לײבס טאַטע װיל ברעכן די טנאָים. העט פון זײַן שװאָגער, דעם װילקאָמירער מעלאַמעד, העט פון אַנדערע מענטשן האָט הירש דער באָנדער געקראָגן שלעכטע יעדיעס װעגן זײַן צוקינפטיקער מעכוטענעסטע: אַ פּוסטע באַלגײַװעניצע, אַ גרױסהאַלטערן, אַ באַרימערן, װאָס פּראָװעט מיט איר מאַן און זוכט אַפילע צו קאָמאַנדעװען מיט זײַן זון. אױך דאָס מײדל, זײַן קומענדיקע שנור, װאַקסט אַ פּוסטע קײלע, אָן גײַסטיקע אינטערעסן און דעריקער אָן דער פרומער צניעס, װאָס פּאַסט פאַר אַ װײַב פון אַ גײַסטיקן פירער בא ײדן. דעריבער האָט די מעכוטענעסטע געװאָלט צױַלן די כאַסענע.

— מױשע־לײבעלע, — האָט זי זיך אײנמאָל געװענדט צו אים מיט אַ זיסינקן טאָן, — ביסט שױן, גאָט צו דאַנקען, אַ גרױסער באָכער. איך זע דאָך, אַז דו ביסט שױן, קײן אײַנהאָרע, אַ פאָלנער מושטשין. איז װאָס דאַרפן מיר װאַרטן איבעראיאָר? לאָמיר שטעלן די כופּע, און זאָל זײַן מיט מאַזל!

דער פרומער מױשע־לײב האָט זיך אָפּגעזאָגט. אין די טנאָים איז אָפּגערעדט, זאָל זײַן, װי עס שטײט אין די טנאָים.

נאָר גאָר אײנגיכן האָט מיט דעם ײנגל פּאַסירט אַ נאַכט־געשעעניש. דאָס איז געװען פולשטענדיק אומפאַרשטענדלעך. דעם טאָג האָט ער, װי געװײנלעך, פאַרבראַכט אין בעס־מעדרעש באַם לערנען טױרע, פאַרן לײגן זיך שלאָפן האָט ער אָפּגעזאָגט די ערשטע פיר קאַפּיטלעך טילים מיט דעם גאַנצן „װידע האגאָדל", און דאָך האָט די שלױע לילים זיך אױסגעקלײַגט צו געפינען צו אים אַ װעג און זיך אַרײַנגעשלײַכט צו אים אין שלאָף. דאָס ײנגל איז אָפּגעשטאַנען ניט טױט, ניט לעבעדיק. דעם טאָג האָט ער געפאַסט, עפּשער װעט גאָט זען זײַן פּײַן און זיך מעראַכעם זײַן אױף אים. ער האָט איבערגעטראָגן זײַן געלעגער פון דעם ליכטיקן עסצימער אין פינצטערן אַלקערל אָן אַ פענצטער. ער האָט זיך אָפּגעפירט מיט אַ באַזונדערער אָפּגעהיטקײַט אין לערנען און אין אױספירן אַלע מיצװעס. נאָר, די שעדיכע לילים האָט אים איבערגעכיטרעװעט: זי האָט געפונען דעם װעג אױך אין

זײַן פינצטער אַלקערל, און אין צוויי וואָכן אַרום האָט זיך די נאַכט־געשעעניש באַ אים איבערגעכאַזערט.

דאַן איז ער אַליין געקומען צו דער שוויגער און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן איר געמאָלדן, אַז ער איז מאַסקים, מע זאָל שטעלן אַ כופּע.

די כאַסענע איז געווען אין צוויי וואָכן אַרום. עס זײַנען אַראָפּגעפאָרן דער טאַטע מיט דער שטיפמאַמע. באַם אָנבליק פונעם פאָטער האָט מוישע־לייבן פאַרקלעמט דאָס האַרץ. דער עטלעכע־און־פערציקיאָריקער טאַטע האָט אויסגעזען ווי אַ זאָקן: די באַקן אײַנגעפאַלן און פול מיט נײַע רונצלען, אונטער די אויגן־לעפלעך — רויטע פאַסיקלעך. בייס דער כאַסענע האָט דער טאַטע זיך נאָך געהאַלטן, נאָר אַפן אַנדערן טאָג האָט מוישע־לייב אים געזען אַ פילשטענדיק אײַנגעבראָכענעם. דאָס איז געווען ביים דער טאַטע האָט זיך געווענדט צו דער מעכוטענעסטע מיט דער באַקאָשע, זי זאָל אים געבן פופציק רובל אין כעזשבן פונעם נאַדן.

— מעכוטן! — האָט די מעכוטענעסטע אויסגעשריִען. — וואָס רעדט איר? אין די טנאָיִם איז דאָך אָפּגערעדט! דעם נאַדן גיבן מיר בעמעשעך פון די קעסט־יאָרן.

דער טאַטע האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ, זײַנע רויטע אויגן־לעפלעך האָבן נעבעכדיק געפינטלט. ער האָט געוווסט, אַז די געשעפטן באַם מעכוטן זײַנען אוועק ניט וואַזשנע, און ווער ווייסט, וואָס עס וועט זײַן אין די קומענדיקע פאָר יאָר...

צוזאַמען מיטן ראַכמאָנעס־געפיל צום טאַטן האָט מוישע־לייבן דורכגענומען אויך אַ ווייטעק. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, — אַפן צווייטן טאָג נאָך דער כאַסענע! — ווען אין זײַן מויער האָט זיך בליצאַרטיק דורכגעטראָגן דער געדאַנק, אַז עפּשער איז דער פאָריקער טאָג מיט די פיר שטענגלעך, מיט דער טפילע, וואָס דער ראָוו האָט הויך געזונגען, מיט די געסט, וואָס האָבן זיך מעסאַמייעך געווען, מיט דעם טעלער, וואָס מע האָט הילכיק צעבראָכן איבערן דיל, מיט די אופגעשריפטע מאַזלטאָוו־געשרייען — עפּשער איז דאָס אַלץ געווען אַ פעלער?

וועגן דעם אַלץ האָט ער, פאַרשטייט זיך, גאָרניט געזאָגט זײַן כאַווער. נאָר אַלטערקעס וואָרט וועגן אַנטלויפן... לעכאַטכילע האָט ער עס אָנגענומען, ווי עפּעס אויסטערליש־פרעמדס, נאָר וואָס ווײַטער, האָט דער געדאַנק אַלץ מער זיך אַרײַנגעשלײַכט אין אים און זיך פאַרפעסטיקט.

אין זײַן פאַמיליען־לעבן האָט ער געהאַט ווייניק נאַכעס. די שוויגער איז געווען אַ נישטיקער מענטש, אָן נעשאָמע און אָן סייכל, אָבער מיט אַן אומבאַגרענעצטער פּרעטענזיע זיך צו האַלטן העכער פאַר אַנדערע. לעצטנס האָט זי אַפילע געדונגען אַ לערער, וואָס איז בישטיקע געקומען צו איר און געלערנט זי לייענען. מאַשמאָעס דער כשאַד, וואָס זי האָט געקראָגן אַף מוישע־לייבן, האָט זי באַוויגן דערצו: זי האָט געוואָלט ניט נאָר האַלטן אין אויג זײַן אופירונג, נאָר אויך קאָנטראָלירן זײַן לערנען. די אַזויגערופענע פרוי זײַנע, נאָך קימאַט אַ קינד (אַפילע אין די געדאַנקען האָט ער זי גערופן „די אַזויגערופענע”), איז געווען אַ פוילבלעכע און צעבאַלעוועטע, דערצו אַ גאַנץ פּראַקטישע באַשעפעניש, אָן שום סימאָנים פון גײַסטיקײַט. דער שווער איז געווען אַ שטילער שווײַגנדיקער מענטש, אַ פאַרזונקענער אין אייביקע פּאַרנאָסע־דײַגעס און אַ באַהערשטער פון זײַן ווײַב, פאַר וועלכער אַלץ איז געווען ווייניק.

מוישע־לייב האָט, ווי פריִער, גאַנצע טעג פאַרבראַכט אין קלויז. נאָר איצטער האָט ער אויסערן לערנען זיך פאַרגונען צו לייענען אויך אַ מאַסקילישן בוך. לאָזט זיך אויס, אַז אַזעלכע זײַנען געווען אין שטאָט, זיי זײַנען אַפילע שטילערהייט אַרומגעגאַנגען צווישן די יעשיוועבאָכערים. אַ שטאַרקן אײַנדרוק האָבן אַף אים געמאַכט די ווערק פון די גאַליציִאַנער מאַסקילים, איבערהויפּט נאַכמען קראָכמאַלס „מורה נבוכי הזמן”. אין יויסעף פערלס „מגלה טמירין”[1] האָט מוישע־לייב אַנטפּלעקט פאַר זיך אַ נײַעם זשאַנער, דעם זשאַנער פון סאַטירע. ס'איז געווען טשיקאַווע, אָבער ניט פאַרכאַפּנדיק. אַלס ליטוואַק, איז ער געווען פרעמד דעם כאַסידיזם. אַף אים האָט אַ ווייע געטאָן מיטן „בערלינער” גײַסט, און ער האָט זיך ניט דערשראָקן פאַר אים.

ער האָט זיך אויך באַקאַנט מיט די ווערק פון די ליטווישע מאַסקילים. זיי זײַנען געווען ווייניק, אָבער זיי זײַנען מער דערגאַנגען צום האַרצן. פון מאַפּוס ביכער — פריִער וואָלט ער גאָרניט געפּאַטערט אַף אַזוינע פוסטע מײַסעס זײַן קלויז־צײַט — האָט ער פּאַשעט האַנאָע געהאַט: זיי האָבן אים באַצויבערט מיט זייער ציכטיקער לויטערער שפּראַך און מיט זייער שיינעם פאַרכאַפּנדיקן סוזשעט. ער האָט מיט דערשטוינונג דערזען, אַז אוי-

[1] מעגילע טאַמירין (העבר.) — דער אַנטדעקער פונעם געהיימניספולן.

סער פּילפּל- און מוסער-ספרים קאָן מען שרײַבן אױף לאַשנקוידעש אױך שײנע װעלטלעכע ספרים.

װינטער האָט זיך בא אים געשטאַרקט די פרײַנטשאַפט מיט אַלטערקען. און װאָס מער זײ האָבן זיך געטראָפן, אַלץ אָפטער האָט זיך געהערט צװישן זײ דאָס װאָרט „אַנטלױפן". פון אָט דעם פינצטערן לעבן, װאָס ציט אַרײַן אין זיך װי א בלאָטע! אַנטלױפן אין אָט יענער ליכטיקער װעלט, װאָס זײ האָבן דערשפּירט הינטער די נײַע ביכער!

נאָך מינכע, װען דער זינגעװדיקער געמאַרע-ניגן אין קלױז פלעגט זיך אײַנשטילן און אין דערװאַרטונג פון מײַרעװ האָט מען זיך פאַרנומען מיט װאָכעדיקע רײד, מיט מײַסעס-דערצײלן, פלעגן די בײדע כאַװײרים אָפּטיך אַרױסשלײַכן פון שול, און, פאַרקנײטשט-דיק דעם מײַרעװ, זיך לאָזן אױף שפּאַציר אין די הינטערגעסלעך.

— מע דאַרף אַנטלױפן, מע דאַרף אַנטלױפן, — האָט לײַדנשאַפטלעך גערעדט אַלטערקע און זײַנע אױגן האָבן געפיבערט. — װאַרטן טאָר מען ניט. אַניט װעט שױן זײַן צו שפּעט. מיר װעלן פאַרצױגן װערן אין בלאָטע, אַזױ װי די בעהײמעס פלעגן אַמאָל פאַרצױגן װערן אין די פאַנטשיקער זומפּן און די שײדים האָבן דערנאָך געטרונקען זײער בלוט... מיר דאַרפן זיך ראַטעװען, מױשע-לײב... זיך ראַטעװען...

ער האָט געבױט פּלענער, אײן פּלאַן נאָכן אַנדערן. דאָס גלײַכסטע װאָלט געװען — לױפן קײן קאָװנע, פון דאָרט איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען ביז קעניגסבערג. אין קע-ניגסבערג װױנען ײדן-מאַסקילים, דאָרט איז דאָ א ײדישע דרוקערײַ, זי לאָזט אַרױס בי-כער, צײַטשריפטן... נאָר די צאָרע איז, װאָס קײן קאָװנע דאַרף מען פאָרן דורך יאַנאָװע און אַנדערע שטעטלעך, װו עס שװױבלט און גריבלט מיט װילקאָמירער און קײדאַנער. מע װעט זײ גיך כאַפּן און צװינגען זיך אומקערן. בלײַבט דער װעג אױף װילנע. ביז מײשע-גאָלע איז בעסאַכאַקל פערציק װיאָרסט. מע קאָן זיך דערקלײַבן אין אײן טאָג, אױב מע זאָל גוט שטעלן פיס. און מײשעגאָלע איז שױן קימאַט װילנע, אינגאַנצן צװאַנציק װיאָרסט. און װילנע איז בעסער פון קאָװנע, אין װילנע זײַנען דאָ א סאַך מאַסקילים, זײ װעלן געבן אַן אײצע, זײ װעלן העלפן...

אַלטערקע האָט געשאָטן מיט װיאָרסטן, מיט מאַרשרוטן, מיט נעמען פון װילנער מאַ-סקילים, פון קעניגסבערגער געבילדעטע ײדן, מיט בערלינער כעװרעס אױף צו שטיצן פײַ-קע יונגלײַט, װאָס קומען אַהין און לעכצן נאָך װעלטלעכן װיסן. בא אים איז געװען אַלץ דורכגעטראַכט.

— װען? — האָט מױשע-לײב געפרעגט מיט א געבראָכענער שטים.

— גלײַך נאָך װינטער! נאָך שװועס... נײן, פאַר שװועס, גלײַך נאָך פּײסעך... — אַלטערקע האָט געברענט, זײַן שמאָל פּאָנעם האָט געגעבן א ציטער, דאַן איז ער װידער פאַרכאַפּט געװאָרן פון אַן אימפּעט, ס'איז שװער געװען נאָכצופּאָלגן נאָך זײַנע ענדערונ-גען — דאָ איז ער גלײַענדיק-אומרויִק, דאָ בײַסיק-אָפּשפּאָטעריש, דאָ גוטמוטיק, דאָ קאַלט ביז אַכזאָריעס.

מױשע-לײב איז געװען פיל געמאָסטענער. דער געפיל פון פליכט האָט אױף אים גע-דריקט. נאָר די קלױז איז מיט יעדן טאָג געװאָרן אַלץ פריקרער, די אַטמאָספער אין שטוב— אַלץ דושנער. ער האָט געפילט, אַז אַזא לעבן צעפרעסט די נעשאָמע, װי ראָסט צעפרעסט אײַזן.

סאָפּקאָלסאָף איז בא די פאַרשװערער געבליבן: גלײַך נאָך שװועס. זײ האָבן באַשלאָסן קײן זאַך ניט מיטצונעמען — די װעלט איז ברײט און גוטהאַרציק צו אַזעלכע יונגען, װאָס רײַסן זיך צו ליכט. זײ װעלן אַרױסגײן אינדערפרי, װי געװײנלעך, קלױמערשט צו שאַכריס. נאָר באַנאַנד מיטן טפילן-זעקעלע װעט זײַן א קלײן פּעקעלע מיט שפּײַז און אין קעשענע װעלן ליגן עטלעכע גילדנס, װאָס יעדערער פון זײ האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט. גײן װעלן זײ אױף שירװינט, נאָר אין שירװינט װעלן זײ זיך ניט פאַרהאַלטן. ביז פאַרנאַכט װעלן זײ אָנ-קומען קײן מײשעגאָלע. דאָרט קען זײ קײנער ניט. זײ װעלן איבערנעכטיקן אין בעסמע-דרעש און אױפן אַנדערן טאָג װילנע!

5

ערעװ דעם אָפּגערעדטן טאָג האָבן זײ זיך פריִער אַרױסגעשלײַכט פון קלױז. ס'איז געװען א כמאַרנער טאָג. צײַטנװײַז האָט געזיפּט א דריבנע רעגנדל, נאָר די יונגען האָט קײן זאַך ניט געאַרט. מױשע-לײב האָט זיך געשטאַרקט, געמונטערט זיך, קעדײ צו פאַר-טרײַבן די לעצטע רעשטלעך פון ספּײקעס.

אלטערקע איז געווען אופגעשרויפט, און ער האָט אַן אופהער גערעדט. ער האָט געמאָלט דאָס צוקינפטיקע לעבן, דעם עצעם ווילטאָג פון אײַנהריזען זיך אינעם נײַעם, אין מאָדערנעם הײַנטצײַטיקן וויסן, און די הערלעכע פערספעקטיוו, וואָס ווען זיך פאר זיי עפענען נאָך דעם, ווי זיי וועלן האָבן פארענדיקט דעם אוניווערסיטעט.

— דו וועסט זײַן א שרײַבער, דאָס איז קלאָר. דו ביסט א גוטער סטיליסט, האָסט א פעדער. דאָס זעט מען אפילע פון דײַן ערשטער פּאָעמע. קרעפטיקע פערזן, שיינע מעליצע. כאָטש דער אינהאַלט. דאָס באזינגען די טאריאג מיצוועס... ס'ט געמעגט אויסקלײַבן אן אנ-דער טעמע... אָבער דו ביסט נאָך דעמלט געווען א יִינגל...

— נאָך קיין בארמיצווע ניט געווען, ווען איך האָב אָנגעהויבן די פּאָעמע...

— דאָס איז פארשטענדלעך... נאָר דעם מעשוירער זעט מען שוין דאָ אפילע. און עפשער ניט אזוי דעם מעשוירער, ווי דעם מענטשן פון זוכנדיקן געדאַנק. דו וועסט ווערן א שרײַבער. א מענטש, וואָס זוכט דעם וועג און איז מעסוגל אנדערע אָנצווײַזן, צו פאר-לײַכטערן דעם וועג... א מאסקיל פון א גרויסן פארנעם, מיט דער דרייסטקײַט הויך אופ-צוהויבן זײַן שטים... ניט ווי יענע פארדריפּעטע באַכערימלעך, וואָס לייענען באהאלטענער-הייט מאפּון און ווײַזן דער וועלט א פײַג אין קעשענע...

— און דו?

— וואָס איך? איך בין ניט קיין שרײַבער. און איך בין עלטער פון דיר. איך דארף גיכער קומען צו א טאכלעס, און מײַן טאכלעס וועט מיסטאמע זײַן דאָקטערײַ. אין טאַל-מוד זײַנען דאָך דאָ א סאך יעדיִעס וועגן מעדיצין. איך האָב אָט די יעדיִעס שטענדיק גע-לערנט מיט מער האסמאָדע, ווי דעם פּילפּל צווישן צווי יידן, וואָס רײַסן דעם געפונענעם טאלעס. און דאן — ווייסטו? — ס'איז דאָ עפּעס א געוויסע שײַכעס צווישן טאלמוד און מעדיצין. אלע גרויסע טאלמודיסטן זײַנען געווען אויך גרויסע מעדיקער. נעם דעם ראמ-באם, לעמאָשל. איך בין ניט קיין ראמבאם, נאָר איך וויל גיין אפן זעלבן וועג. ווי מיינסטו? ס'וועט מיר געלינגען? אוואדע געלינגען! עטלעכע יאָר גוטע האָרעוואניע... נאָר פאר א יעשיוועבאָכער איז קאָפּ-האָרעוואניע עפּעס א כידעש? כ'וועל בײַקומען עס, בײַקומען, מוישע-לייב... און דאן... דאן... דו שטעלסט זיך עס פאָר, מוישע-לייב? דו קאָנסט זיך עס פאָרשטעלן? א הויכע דעמבענע טיר אין א סאָלידן מויער אין עפּעס א גרויסער שטאָט, און אף דער טיר א קופּערנער טאָוול מיטן אופשריפט: „דאָקטער אלטער נעמזער"! הא, מוישע-לייב, דו שטעלסט זיך עס פאָר?

— מיסטאמע, ניט „אלטער", נאָר „אלפרעד"...

— אלפרעד, זאָגסטו? — אף אלטערקעס ליפּן האָט זיך באוויזן א טריִומפירנדיקער שמייכל. — ריכטיק! ס'דארף זײַן א מעכיצע צווישן דעם הײַנטיקן נעמזער און דעם צו-קינפטיקן! א גראָבע מעכיצע!

דאָס רעגנדל האָט אופגעהערט צו זיפּן. ס'איז שוין געווען גוט פינצטער. אינעם ריס צווישן די וואָלקנס האָט זיך באוויזן א פענעץ לעוואָנע.

— מע דארף גיין אהיים זיך צוגרייטן, — האָט געזאָגט מוישע-לייב.

געזאָגט, און זיך דערשראָקן. אלטערקע האָט זיך אין איין קעהערעף-איַן געענדערט. דאָס פּאָנעם איז געוואָרן בלאס, די טרוימערישקײַט איז פארשוווּנדן, ער האָט אזש געצי-טערט פון אן איימעדיקן אומרו.

— יאָ, זיך צוגרייטן, זיך צוגרייטן... — האָט ער צעשטרייט געזאָגט. — וואַרט נאָך א ביסל...

א ווײַלע זײַנען זיי געגאַנגען שטיל.

— דיר איז לײַכטער, — אלטערקעס קאָל איז איצט געווען געדעמפּט, — גייסט אוועק פון א פרעמדער קאַלטער שטוב. דיך בינדט א פאַרמאַליטעט, וואָס מע האָט אָפּגעטאָן עפּ-שער קעגן דײַן ווילן. אָבער איך... איך דארף מיר ארויסרײַסן א שטיק הארץ איידער איך טו דאָס, וואָס איך וויל טאָן... כײַעלע... זי איז א טײַערע נעשאָמע... און דער זונעלע... ער איז שוין באלד צווי כאָדאָשים אלט... אזא טשיקאווער, אזא ליבינקער... איך האָב זיי ליב, מוישע-לייב, בעעמעס ליב... און די גאנצע מישפּאָכע... זיי באציִען זיך צו מיר מיט דער גאנצער גינציקײַט פון פּאָשעטע ערלעכע מענטשן. און איך עס זייער ברויט, עס און שטיק זיך מיט יעדן ביסן, ווײַל איך ווייס, אז איך נאַר זיי אָפּ... דאָס איז דאָך אומעגלעך... אומעגלעך, האַ? ניט אזוי?

— אלטערקע, דאָס איז דאָך נאָר אף דערווײַל. ביז מירן זיך דורכשלאָגן.

— און אויב דאָס איז אן אילוזיע? — ער האָט אופגעהויבן אף מוישע-לייבן א פּאָר

נעבעכדיקע פארלוירענע אויגן. — ביז „אלפרעד" איז נאָך וויַט. אוי, ווי וויַט! מע דאַרף זיך ניט נאַרן. און דערווײַל מוז איך אַרויסרײַסן פון זיך א שטיק האַרץ...

אלטערקעס שמאָל פּאָנעם מיטן שפּיציקן קינבאַק האָט אפילו אין דער פינצטערניש פון דעם אָנגעפאַלענעם אָוונט אויסגעזען בלאַס און אָנגעשטרענגט ביז גאָר. ווען דאָס פּאָ־נעם איז אַרײַנגעפאַלן אין ליכט פון דער לעוואָנע, האָט עס אויסגעזען נאָך בלאַסער, די באַקן אײַנגעפאַלענער, ווי געווײנלעך, און די טיפע אויגן אונטערן אַרויסשטאַרצנדיקן שטערן האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן נאָך טיפער און געפינקלט מיט א מאָדנעם גלאַנץ, א פאַר־באָרגענעם אין שאַרפן.

מוישע-לייבן איז אומהיימלעך געוואָרן.

אלטערקע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— ס'איז גאָרניט, מוישע-לייב. לייג קיין אַכט ניט אויף מײַן שטימונג. אָפּגערעדט איז אָפּגערעדט. ווײַטער אזוי לעבן טאָרן מיר ניט. מע דאַרף זיך אַנטשיידן. איין מאָל פאַר אַלע מאָל.

— גוט, אלטערקע.

— אָפּגערעדט איז אָפּגערעדט. מאָרגן באַגינען הינטער דער מיל. אָפּגעמאַכט?

— אָפּגעמאַכט!

מוישע-לייב האָט זיך אָפּגעשיידט פון זײַן כאַווער. אויפן האַרצן איז אים געווען שווער.

א פרויִשער קוויטש האָט דורכגעשניטן די באַגינענדיקע שטעטלשע לופט. אָנגע־הויבן האָט ער זיך פון א דינער נאָטע און אַריבערגעגאַנגען אין א געדיכטן, קלאָגעדיקן, איימעדיקן געשריי. דאָס שטעטל האָט זיך א רודער געטאָן.

מוישע-לייב איז אָקאָרשט אויפגעשטאַנען, זיך געגרייט צום אָפּגערעדטן און דאָך אימוואָרהאַפטיקן גאַנג אין דעם אומבאַוווּסטן. דער גערודער איז דערגאַנגען אויך צו אים. א שווערער פאָרגעפיל האָט אים אַרומגעכאַפּט.

ער איז אַוועק אַהין, וווּהין אַלע זײַנען געלאָפן. דאָס איז געווען דאָס געסל, וווּ ס'האָט געלעבט דער שמיד.

לעבן הויז איז געווען אַן אָנגעלויף. מענטשן מיט איבערגעשראָקענע פּנעמער האָבן זיך שווײַגנדיק געשטופּט אַרום אַרײַנגאַנג. אַנדערע האָבן זיך אַרײַנגעשטופּט אין פירהויז און טייקעף אַרויס פון דאָרטן טויט-בלאַסע, פאַרציטערטע.

מוישע-לייב האָט זיך אַרײַנגעשטופּט אין פירהויז. האַרט לעבן לייטער, וועלכער איז געווען אָנגעשפּאַרט צום בוידעם-ליקל, איז געלעגן א גוף. זײַן פּאָנעם איז געווען צוגע־דעקט מיט א לײַלעך.

דער שמיד מיט זײַנע דרײַ באָנים זײַנען געשטאַנען מיט אָפּגענומענע הענט און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, זייערע בליקן זײַנען געווען אײַנגעגראָבן אין דער ערד. נאָר יעדע ווײַלע האָבן זיי אויפגעהויבן די קעפּ און זייערע אויגן האָבן מיט אזא אויסדרוק, ווי זיי וואָלטן נאָך אַלץ ניט געקאָנט באַנעמען דאָס, וואָס איז געשען, געבלאָנדזשעט איבער די פּנעמער פון די מענטשן: ייִדן, וואָס טוט זיך דאָ?

כײַעלע האָט זיך געשלאָגן אין היסטעריק. דורך אירע שלוכצערײַען האָבן זיך דורכ־געריסן איינצלנע ווערטער:

— זיך אויפגעכאַפּט באַגינען. ער איז ניטאָ... דאָס האַרץ האָט מיר א טיאָכקע געגעבן... ווי כ'וואָלט עפּעס דערפילט... אַרויס אין עס-צימער, אין קיך... ניטאָ... א קוק געטאָן אין פירהויז... דער לייטער שטייט צוגעשפּאַרט צום בוידעם... דאָס האַרץ האָט זיך בא מיר אָפּגעשטעלט... פאַרנאַכט איז ער געווען אזא אומעטיקער... אזא ניט-היגער... און דאָ, אַז איך האָב דערזען דעם לייטער... ווײ איז מיר... א בראָך צו מיר... ייִדן, וואָס האָט איר דאָ אָפּגעטאָן מיט מײַן אלטערקען? פאַרוואָס קומט מיר אזא וויסט מאַזל... — זי האָט געריסן די האָר פון קאָפּ, זיך געוואָרפן אין היסטעריק.

די לעווײַע איז פאָרגעקומען דעם זעלבן טאָג. פון דער יעשיווע איז, אויסער מוישע־לייבן, קיינער ניט געווען. די גרוב איז געווען אויסגעגראָבן אין עק צווינטער, לעבן פּאַרקן.

דער שמיד מיט די זין האָבן געטראָגן דעם אָרן. כײַעלע, אונטערגעהאַלטן פון א פּאָר ווײַבער, איז געגאַנגען מיט א פאַרשטיינערט פּאָנעם. מוישע-לייב איז געגאַנגען הינטער אַלעמען און געשטיקט אין זיך די טרערן.

קיין העספּעד איז ניט געווען. דער שאַמעס האָט נאָר אויף גיך אָפּגעמירמלט דעם „אל מלא רחמים". מוישע-לייב איז געשטאַנען א צעטומלטער. אים האָט זיך געדאַכט (און

עפשער איז עס טאַקע אַזוי געווען), אַז פון אַלע זײַטן וואַרפט מען אויף אים קרומע בליקן. די דאָזיקע בליקן האָבן אים געשטאָכן ווי מעסערס, און ער האָט געפילט אַ ביטערע כאַראַטע.

6

ס'איז געווען אַ זוניקער אָנהייב מאַרט 1861 — מוישע-לייבן איז געגאַנגען דאָס אכצנטע יאָר, — ווען וועלוקע איז אַרײַנגעפאַלן אין קלויז און מיט היספּײַלעס אויסגערופן:

— כעוורע, קומט אויפן מאַרק! עס טוט זיך דאָרטן כוישעך! פּויערים אָנגעפאָרן פון אַלע דערפער אַרום! ס'ט עפּעס-וואָס זײַן! פּאָלגט מיך, איך שמעק עס פונדערווײַטן...

וועלוקע איז געווען אַ קאַלבוויניק. זײַן טאַטע, דער באַלעגאָלע, האָט פון אים אומבאַדינגט געוואָלט מאַכן אַ „מענטש" און אָפּגעגעבן אים אין דער יעשיווע. נאָר וועלוקע האָט דערפון געמאַכט אַ קנאַפּן ווען, זיך געלערנט אַבי-ווי, געווען אַ זשוואָוער יאַט, אַ לעץ, אַ מײַדים אויף צו מאַכן שפּיצלעך. דעריבער האָבן זיך ווייניק כעוורע אָפּגערופן אויף זײַן היספּײַלעס. צווישן די ווייניקע איז געווען מוישע-לייב. ער איז לעצטנס ניט שטאַרק מאַקפּיד געווען אויף זײַן „לערנען".

דער מאַרק האָט געקאָכט ווי אַ קעסל. ער איז געווען גרעסער, ווי אין אַ געוויינלעכן זונטיק. די באַכערים זײַנען געגאַנגען פּאַרזיכטיק צווישן די וועגענער: פון גרויסן אָנגעלאָף איז דער שניי צעגאַנגען, ס'איז געוואָרן אַ קאַשע, די בלאָטע האָט געקלעפּט צו די שיך. וועלוקע האָט זיך געפילט ווי אין אייגענער, געוואָרפן ווערטלעך צו די פּויערים, גערעדט מיט די פּויערטעס, וואָס זײַנען געזעסן אָנגעפּעלצטע אויף די וועגענער און שליטנס. צו איינער איז ער אַפילע אַרונטערגעקראָכן אונטער דער ראַגאָזשע אויפן שליטן און, אָנטאַפּנדיק אַ זײַטל פלייש, אַ פּינטל געטאָן צו דער פּויערטע:

— ווי טײַער, מומינקע?

— גיי, גיי, ס'איז ניט פאַר דײַן קעשענע...

וועלוקע האָט זיך ניט באַליידיקט און, ווענדנדיק זיך צו אַ יונגן פּויער, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן מיט אַ פעל פון אַ וואָלף און עטלעכע האָז-פעלכלעך, מײַסע מיוון עס אַ טאַפּ געטאָן:

— אַ, פאַרנעמסט זיך מיט יאַגד... אין האָסט אַוודע אַ ביקס.. האָסט ניט מוירע פאַרן וואָיט?

דער יונג האָט אָנגעקוקט וועלוקען מיט אַזאַ פינצטערן בליק, אַז יענער האָט זיך טייקעף אָפּגעטראָגן.

— ער איז פון יענע יונגען, — האָט וועלוקע שטיל געזאָגט מוישע-לייבן, פון די, וואָס בונטעווען קעגן די פּריצים... אַזוינע האַלטן באַהאַלטענערהייט ביקסן, און אַז ער וועט פאַרקויפן די פעלן, וועט ער קיידעמקאָל קויפן וואָס? פּולווער!

מוישע-לייב האָט מיט דערעכערעץ אָנגעקוקט דעם יונג.

פּלוצעם האָט זיך פון דער יאַנאָווער גאַס דערהערט דאָס קלאַפּן פון אַ פּויק. דאָס קלאַפּן האָט זיך דערנעענטערט, און אָט איז אויפן מאַרק-פּלאַץ אַרויס אַ גרופּע מענער: פאָרויס דער באַראַבאַנשטשיק, הינטער אים — אַ וווּקסיקער זשאַנדאַרם מיט אונטערגעדרייטע וואָנצעס און רויטע שנורן אויף דער ברוסט, ווײַטער — דער ווילקאָמירער פּריסטאַוו און נאָך עטלעכע סטראַזשניקעס און זשאַנדאַרמען. די פּראָצעסיע האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן פון דער הויפּט-גאַס, וואָס האָט געבילדעט איינע פון די זײַטן פונעם מאַרק. פון די שכיינעסדיקע גאַסן, פון אַלע זײַטן מאַרק האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַ געפילדער מענטשן. דער באַראַבאַן האָט זיך צעלאָזט אין אַ פּײַקלען, פאַרקלאַפּנדיק דעם געפילדער. פּלוצעם איז דער פּויק אַנשוויגן געוואָרן און ס'האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ שטילקײַט. דער זשאַנדאַרם מיט די רויטע שנורן איז אַרופגעקראָכן אויף אַ שליטן, קעדיי מע זאָל אים בעסער זען און הערן.

— מענטשן! שטילער! שטילער! הערט דעם מאַניפעסט פון זײַן מאַיעסטעט דעם קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן!

נאָך אַ סאַך מעליצעדיקע ווערטער וועגן גאָטס גנאָד, וועגן דעם קייסער און זײַן פאָלק איז געגאַנגען דער טאָך: די פּראָקלאַמירונג, אַז די פּויערים ווערן באַפרײַט פון זייער

לײַבײגנשאַפט צו די פּריצים. נאָכדעם זײַנען געװען אױסגערעכנט אַ סאַך פּונקטן און באַדינגונגען, װאָס זײַנען שײַך אָט דער באַפרײַונג. פאַרענדיקט האָט דער זשאַנדאַרם — זײַן שטים איז שױן געװאָרן הײזעריק פֿון לאַנג שרײַען — װידער מיט אַ װענדונג צו גאָטס בראָכע פאַר דעם קריסטלעכן פּראַװאָסלאַװנעם פֿאָלק און פאַר דעם גאָט־געזאַלבטן קײסער.

מױשע־לײב האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען. אַ ביסל האָט אים דערקלערט װעלװקע, אַ ביסל האָט ער זיך אַלײן אָנגעשטױסן. ער האָט דערשפּירט: דאָס איז געװען עפּעס גרױסעס, עפּעס אומגעהײערס, װאָס עס האָט אַ רוק געטאָן דאָס רוסלענדישע פאַרגליװערטע לעבן פֿונעם אָרט און אַ שטױס געטאָן עס' פֿאָרױס.

נו, און די פּױערים? געטאַנצט פֿון שׂימחה? נײן. די פֿון װינט און פֿראָסט פאַרגרעבטע פּנימער זײַנען געװען אומדורכדרינגלעך, די בליקן פֿינצטערע. צי האָבן זײ ניט קלאָר באַנומען די רוסישע װערטער? צי האָבן זײ דעם מאַניפעסט פאַרשטאַנען, אָבער גלײַכצײַטיק אױך פאַרשטאַנען, אַז די באַפרײַונג פֿון לײַבײגנשאַפט אָן אַ ברעקל ערד איז ניט די געגאַרטע באַפרײַונג, װעגן װעלכער מע האָט לעצטנס אַזױ פֿיל גערעדט?

װעלװקע האָט אַ שמאָרע געטאָן מיט זײַן לאַנגער בײנערדיקער נאָז און פאַרסאַכאַקלט:

— אַזױ צי אַזױ, איז עס באַפרײַונג. אַ קאָץ, אָדער אַן אינדיק — אַבי אַן אָף שאַבעס.

מױשע־לײב האָט עס פאַרשטאַנען אַנדערש. ס'איז אַזױ גרױס די יױרונג אין דער טיפֿעניש פֿון דעם רוסישן פֿאָלק, אַז דער צאַר איז געצװוּנגען געװען צו טאָן אַזאַ שריט, און קלײן איז אָט דער שריט לעגאַבע די װירקלעכע באַדערפֿענישן פֿונעם פֿראָסטן פֿאָלק. אומעטום קומט פֿאָר אַ קאַמף און אומעטום דאַרף דאָס נײַע מיט שװעריקײַטן זיך דורכשלאָגן דורכן אַלטן.

ער האָט באַשלאָסן, אַז מע דאַרף זיך אױסלערנען רוסיש. אַן אַלעפבײס־ביכל איז ניט שװער געװען צו דערקאַזשען. און װען ער האָט דאָס געטאָן, האָט ער זיך פאַרװוּנדערט: דעם פּױלישן אַלעפבײס האָט ער געקענט און ער האָט טמימעסדיק געמײנט, אַז דאָס איז אױך דער רוסישער אַלעפבײס. לאָזט זיך אױס, אַז דער רוסישער איז גאָר אַן אַנדערער. עמעס, ענלעך, אָבער ניט דער זעלבער. װען אין פּױלישן אַלעפבײס װערט דער אָס געלײענט „ב", װערט ער אין רוסישן גאָר געלײענט „װ". מײלע, דאַרף מען, הײסט עס, אָנהײבן פֿונסנײַ. װאָס פאַר אַ װערט האָט עס פאַר אַ יעשיװעבאָכער אַן אילױ?

אַ ײנגערער ברודער פֿון זײַנעם אַ יעשיװע־כאַװער האָט זיך געלערנט אין גימנאַזיע. יענער האָט אים געהאָלפֿן אין רוסיש, געגעבן אים אױך ביכער. מיט יעדן אָפּרײַסן זיך פֿון דער בלאַט געמאָרע האָבן זיך פאַר מױשע־לײבן געעפֿנט נײַע האָריזאָנטן און די בענקשאַפט האָט זיך געשטאַרקט.

דערװײַל זײַנען די געשעענישן געגאַנגען מיט זײער גאַנג. קרױן־פּױלן האָט געשטורעמט. קײן ליטע האָבן זיך די דאָזיקע כװאַליעס דערטראָגן באַדײַטנד אָפּגעשװאַכטע. אין דער אומגעגנט פֿון װילקאָמיר האָבן די אָפּגעגאַרטע כאַלאָפּעס אַלץ אָפטער געבונטעװעט קעגן די פּריצים, און די פּריצים־פּאַליאַקן האָבן קעסײדער גערופֿן די דראַגונישע עסקאַדראָנען צו „באַרוּיקן" די װידערשפּעניקע. די געשרײען פֿון די געשמיסענע כאַלאָפּעס האָבן פאַרטױבט די זיסינקע רײד פֿון די פּאַנעס, אַז אין „באַפרײַטן פּױלן" װעט די פּױערים זײַן װױל און גוט.

די ײדישע באַפעלקערונג אין ליטע האָט זיך געטומלט, אָבער אין די געשעענישן זיך ניט געמישט. אין קלױז לעבן לעזשאַנקע — ס'האָט זיך שױן אָנגעהױבן װינטער — צװישן מינכע און מײַרעװ האָט מען הײס אַרומגערעדט דעם ענין. דער הױפּט־רעדנער איז געװען סראָעל־װיגדער. ער האָט געהאַט אַ קלײן בערדל, װאָס איז געװען קורץ, װײַל ס'איז ניט געװאַקסן, און דאָס האָט פאַרשאַפֿט אַגמעסנפּעש סראָעל־װיגדערן. האָט ער שטענדיק מיט זײַנע לאַנגע הענט געצופּט באַם רײדן דאָס בערדל, װי ער זאָל װעלן עס אױסציִען.

— כאַסװעכאָלילע, מיר זאָלן זיך שטעקן אין דעם ענין. באַ די פּױלישע פּאַנעס קאָכט די יױכע. זײ בענקען נאָך די נאַפּאָלעאָנישע צײַטן, װען זײ זײַנען געװען די באַלעבאַטים איבער דער מעדינע. נישקאָשע, זײ װעלן זיך איבערבעטן. די קאָזאַקישע פּיקעס װעלן זײ באַרוּיקן. און דער איקער איז דאָך באַ זײ ניט צו זײַן באַלעבאַטים איבער דער מעדינע, נאָר באַלעבאַטים איבער די כאַלאָפּעס. און אין דעם װעלן זײ דאַפֿקע די קאָזאַקישע פּיקעס און די דראַגונישע סאַבליעס העלפֿן. די כאַלאָפּעס װערן געשמיסן? אָף דעם

איז אַ כאַלאַפּ אַ כאַלאַפּ, און אַ פּאַרעץ אַ פּאַרעץ. און מיר האָבן דאָ ניט וואָס צו קריכן. מיט אַ געזונטן קאָפּ קריכט מען ניט אין אַ קראַנקער בעט. ייִדן דאַרפֿן וויסן פֿון איין קלאַל: מע טשעפּעט אונדז ניט, דאַרפֿן מיר זיך ניט רוקן...

— און אין וואַרשע פֿאַרשרײַבן זיך ייִדן אַלס פֿרײַוויליקע אין פּוילישן מיליטער, — האָט עמעצער אומדרייסט באַמערקט.

— מיר זײַנען ניט אין וואַרשע. מיר זײַנען אין ליטע! — איז סראָעל-וויגדער אַזש רויט געוואָרן פֿון קאַס.

דאָ איז פֿלוצלינג וועלוועקע — ווו מע זייט אים ניט, וואַקסט ער אויס — דערשינען פֿאַר דער לעזשאַנקע.

— און בערעק יאָסעלעוויטש, האַ? דער, וואָס האָט אָנגעפֿירט באַ די פּאָליאַקן מיט אַ פּאָלק ייִדישע פֿרײַוויליקע? ער איז ניט געווען קיין ליטווישער? ניט קיין געבאָרענער אין קרעטינגע?

— ווען איז דאָס געווען? — האָט סראָעל-וויגדער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט זיך אָפּגעשטופּט פֿון בערעק יאָסעלעוויטשן.

— און טאָמער איז דאָס נאָך ווייניק, — האָט וועלוועקע ווײַטער געפֿײַערט, — האָט זײַן זון, יויסעף בערקאָוויטש, אויך זיך באַטייליקט אין פּוילישן אופשטאַנד אין 1930-טן יאָר און אויך אָנגעפֿירט מיט ייִדישע פֿרײַוויליקע...

באַם נאָמען „בערעק יאָסעלעוויטש” האָט מוישע-לייב אָנגעשפּיצט די אויערן און איז צוגעגאַנגען צו דער לעזשאַנקע. ער האָט אויך געהאַט וואָס צו זאָגן וועגן ייִדישע העלדן. נאָר אַפֿן טומל באַ דער לעזשאַנקע איז שוין געגאַנגען מיט זײַן מעיושעוודיקן געוואַגל שמועל-לייזער. ער האָט אַט-אַט געהאַלטן באַם ווערן אַ ראָוו אין אַ שטעטל, און זײַן האַלטונג איז געוואָרן נאָך זעלבסטזיכערער.

— שאַ, ייִדן, קאָכט זיך ניט! ס'איז דאָ אַ בעפֿיירעשע האַלאָכע. דינאַ דמלכותא — דינאַ[1]. ווען עס רופֿט די מאַלכעס אין מיליטער, דאַרף מען גיין און ערלעך אויספֿילן די פֿליכט פֿונעם זעלנער, זיך שלאָגן. דינאַ דמלכותא — דינאַ! אָבער גיין פֿרײַוויליק זיך שלאָגן אין אַ געפֿעכט, וואָס די גויִים האָבן צווישן זיך געמאַכט, דאָס הייסט באַגיין שפּיחת דמים[2]. דאָס איז ניט ייִדישלעך. דאָס טאָר מען ניט לויט דער טוירע. גערעכט איז רעב סראָעל-וויגדער. מע טאָר ניט קריכן אין אַזאַ אייסעק.

— אַהאַ! וואָס האָב איך געזאָגט? — איז סראָעל-וויגדער אַזש אופגעשפּרונגען פֿון אָרט. — און דו, וועלוועקע, שפּרינג ניט ווי אַ האָן אין בניי-אָדאָם, ווען עלטערע ריידן.

מוישע-לייב האָט זיך קיינמאָל ניט באַטייליקט אין די לעזשאַנקע-וויקוכים. נאָר דאָ האָט אין אים אופגעקאָכט, ער האָט ניט ליב געהאַט שמועל-לייזערן ביכלאַל און ביפֿראַט איז ער אַף אים געווען אָנגעשטויסן, ווײַל יענער האָט זיך מיעס אופגעפֿירט אין דער טראַגישער מײַסע מיט אַלטערקען.

— אַז איר וועט זײַן דער ראָוו אין שניפּישאָק, — האָט מוישע-לייב, סטאַרענדיק זיך אײַנצוהאַלטן, געזאָגט, — וועט איר דאָרט זײַן דער מומכע. דערווײַל איז אָבער באַ מיר אַ גרעסערע מומכע דער ראָוו האַקוילעל פֿון וואַרשע. האַראָוו בעריש מײַזעלס. ער רופֿט די ייִדישע יונגעלײַט אַרײַנצוטרעטן אין פּוילישן מיליטער.

— אין פּוילישן מיליטער?.. דאָס איז דאָך ניט קיין מיליטער! דאָס זײַנען מוירדים! אַן אופשטאַנד קעגן מעלוכע איז עס! אַן אופשטאַנד!

— און רעב אקיווע? רעב אקיווע האָט זיך ניט באַטייליקט אין אַן אופשטאַנד? ער איז דאָך געווען די רעכטע האַנט פֿון באַר-קאָכבאַ, וואָס האָט אופגעהויבן אַן אופשטאַנד קעגן רוים! — די דאָזיקע ווערטער האָבן זיך באַ מוישע-לייבן אַרויסגעריסן צוליב זײַן אַנטיפּאַטיע צו שמועל-לייזערן. נאָר טייקעף, ווי נאָר זיי זײַנען געפֿאַלן, האָט ער כאַראָטע געהאַט: זיי זײַנען געווען לאָגיש, אָבער ניט טאַקטיש. טייקעף האָבן זיך אַף מוישע-לייבן אַ שאָט געטאָן פֿאָרווורפֿן און זידלערײַען.

— שייגעץ! — פֿאַרגליכן רעב אקיווען צו עפּעס אַ וואַרשעווער רעבל...

— אַפּיקוירעס! אַ יונגאַטש געוואָרן...

שמועל-לייזער האָט אַ פּאָכע געטאָן מיט זײַן ווייכער האַנט, קעדיי צו באַרויִקן דעם אוילעם:

— מוישע-לייב, דו האָסט אָנגעהויבן צו לייענען טרייפֿענע ביכלעך און ביסט שוין, דאַכט זיך, אַ ביסל געכאַפּט אין דער מײַסע. די מילכאָמע, וועלכע ס'האָט געפֿירט באַר-

[1] דינאָ דעמאַלכוסאָ — דינאָ (אַראַמ.) — דער געזעץ פֿון דער מעלוכע איז געזעץ.
[2] שפּיכאַס־דאָמים (העבר.) — בלוטפֿאַרגיסונג.

קאָכבא און רעב אקיווע, דאָס איז געווען א מילכאָמעס-מיצווע און דאָ האַנדלט זיך וועגן א קאַמף פֿון גויִים קעגן גויִים. אז זיי ווילן גאָר ניט, ייִדן זאָלן זיך באַטייליקן. דער קריגס-מיניסטער זײַערער האָט געזאָגט: ער וויל ניט, אז בא דער באַפרײַונג פֿין פּוילן זאָל ייִדיש בלוט זיך אויסמישן מיטן איידעלן פּוילישן בלוט...

— איר פּוטעוועט, שמועל-לייזער! — איז מוישע-לייב אקשאָנעסדיק באַשטאַנען אַף זײַנס. — דאָס איז געווען מיט דרײַסיק יאָר צוריק, באַם אופשטאַנד פֿון 1830. און איצטער איז גאָר אַן אַנדער זאַך. דער גײַסטיקער פירער פֿון די פּאָליאַקן לעלעוועל האָט ניט לאַנג אַרויסגעלאָזט אַן אופרוף, מע זאָל באַטראַכטן אַלס ברידער די ייִדן, מיט וועלכע די פּאָליאַקן לעבן אכט הונדערט יאָר זײַט בא זײַט. אין באַפרײַטן פּוילן וועלן ייִדן האָבן אַלע רעכט.

— ווו האָסטו עס איבערגעלייענט? אין דײַנע טרייפענע ביכלעך? גיי גלייב זיי...

מוישע-לייב האָט פאַרלאָזט די קלויז מיטן געפּיל, אז ער האָט געליטן א מאַפּאָלע. אין זײַנע אויערן האָט נאָך געקלונגען דער געמורמל פֿון די ייִדן בא דער לעזשאַנקע: „אַזא טײַערער באָכער געווען... אַראָפּ פֿון דערעך...” ניט באַדאַרפט צוגיין צו דער לעזשאַנקע און פאַרפירן מיט אָט די לײַט א וויקועך.

נאָר שטאַרקער פֿון אָט דעם געמורמל איז אין אים אופגעשטאַנען דאָס געשטאַלט פונעם הויפּט-ראָוו פֿון וואַרשע, בעריש מײַזעלס. איידער יענער איז געוואָרן הויפּט-ראָוו פֿון וואַרשע, איז ער געווען ראָוו אין קראָקע. אין 1848, ווען אונטער דער ווירקונג פֿון דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע איז אין עסטרײַך צוזאַמענגערופֿן געוואָרן א פּאַרלאַמענט, האָבן די גאַליציאַנער ייִדן געשיקט דעם ראָוו בעריש מײַזעלס אַלס דעפּוטאַט אין עסטרײַכישן פּאַרלאַמענט. דאָרט האָט דער קראָקעווער ראָוו זיך געזעצט אַף די בענק פֿון די לינקע. ווען עמעצער פֿון די רעכטע דעפּוטאַטן האָט אים מיט פאַרווונדערונג פאָרגעוואָרפֿן, האַלעמײַ ער, א ראָוו, זיצט צווישן די לינקע, האָט בעריש מײַזעלס קורץ געענטפערט: „ייִדן האָבן קײַנע רעכטע”.

הייסט עס, מע קאָן זײַן א ראָוו, א רעליגיעז-דענקענדיקער מענטש, און גלײַכצײַטיק קעמפֿן פאַר דאָס נײַע!

פֿין דעם דאָזיקן געדאַנק איז איין שריט געווען צו דער אידיי: די ייִדישע געזעצגעבונג, דער טאַלמוד, איז ניט קיין פאַרגליווערטע זאַך, וואָס האָט זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויסגעגאָסן און פאַרשטאַרט געוואָרן. זי איז באַשאַפֿן געוואָרן בעמעשעך פֿון עטלעכע יאָרהונדערטער און יעדער „תנא רבא” (טאַנע ראַבאָ) האָט אַרײַנגעטראָגן זײַן כיילעק אין דער דאָזיקער געזעצגעבונג, געהאַנדלט לויט זײַן צײַט, לויט זײַן סוויווע און לויט זײַן לאַנד. די דאָזיקע אידיי האָט פאַרכאַפּט מוישע-לייבן. ער וועט מיט א קריטיש אויג דורכאַרבעטן דעם גאַנצן טאַלמוד, זיך אָפּשטעלן אַף יעדער אַרויסזאָגונג פֿון יעדן טאַנע און אַמוירע, אַף יעדן פּשאַט פֿון די קאָמענטאַטאָרן און וועט באַווײַזן דעם צופּאַסינגס-פּראָצעס, מיט וועלכן דער טאַלמוד איז געגאַנגען. דאָס וועט באַוועגן די איצטיקע רעליגיעזע מאַנהיגים קריטיש צוגיין צו דער געזעצגעבונג, ווײַטער זי רעפאָרמירן און צופּאַסן צו דער הײַנטיקער ווירקלעכקײַט. דאָס איז אַן אַרבעט ניט אַף איין כוידעש, אָבער — די אַרבעט איז א פאַרכאַפּנדיקע און דער ציל א דערהויבענער.

7

דאָס איז געווען א שווערע אַרבעט. יעדן טעזיס פֿון דער ברייט-פאַרצווײַגטער האַלאָכע האָט מען געדאַרפֿט דורכקוקן פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון זײַן היסטאָרישער צוועקמעסיקײַט, יעדן אָס פֿון דער טוירע האָט ער געדאַרפֿט אָפּשיילן פֿונעם פאַרגליווערטן שאָלעכץ, ער זאָל דערשײַנען אין זײַן אורשפּרינגלעכער — און דעריבער אייך פאַר זײַן צײַט באַרעכטיקטער — קאַוואָנע. נאָכדעם ווי ער וועט האָבן אָפּגעטאָן אָט די ריזיקע אַרבעט, וועט ער קריגן א ריין פעלד, אויסגעיעטעט פֿון ווילדגראָזן און פֿון מעשונעדיק-אָפּגעלעבטע, זינלאָזע געוויקסן. אַפֿן דאָזיקן זויבערן פעלד וועט ער קאָנען פאַרפּלאַנצן — אין *העסקעם מיט די פּאַרנופטיקע געבאָטן — א נײַע ייִדישקייט*, וואָס זאָל זײַן צוגעפּאַסט צו די פּראַקטישע פּאָדערונגען פֿון דער הײַנטיקער צײַט און צו דער מאָדערנער וויסנשאַפֿט.

ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט גרויס באַגײַסטערונג און מיט נאָך גרעסערע האָפֿענונגען.

דערווײַל איז אינדערהיים בא אים געגאַנגען פון שלעכט צו ערגער. מיט זעלדען האָט ער קיין שום גײַסטיקן קאָנטאַקט ניט געהאַט. אין דעם פּראַט איז זי געווען פאַר אים א פולשטענדיק פרעמדער מענטש. די שוויגער איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ מער אָנגעשטייסן אף איר „גאַנײַדעמל" — אַנדערש האָט זי אים איצטער ניט גערופן. זי האָט געזען, אַז אירע שענסטע כאַלוימעס ווערן אַנטרונען. פון גרויס אַנטוישונג האָט זי אָנגעהויבן צו פּילן כאַלאַסן. דאָ שפּירט זי עפּעס אין אייבערשטן מאָגן, דאָ קוועטשט איר עפּעס דער אונטערשטער מאָגן און דאָ שטעכט איר אין לינקן אייער. אין שטוב האָבן אָנגעהויבן אַרײַנקומען פאַרדעכטיקע פאַרשוינען: אָפּשפּרעכערנס פון אײַנהאָרעס, זנאַכאַרס מיט גראָזן, באָבעשעס מיט קאַמייעס. זי פלעגט זיך פאַרשפּאַרן מיט זיי אף גאַנצע שאָען אין שלאָפצימער און נאָך זייער אוועקגיין פלעגט זי אויך ליגן אין בעט אין קרעכצן. זי האָט געהאַט טײַנעס צום „גאַנײַדעמל", צו דער גאַנצער וועלט, נאָר ניט צו זיך אַליין. דער שווער איז אַרומגעגאַנגען פינצטער, ווי א וואָלקן. די געשעפטן זײַנען בא אים אויך געגאַנגען שלעכט. אַז דאָס ווײַב פלעגט זיך פאַרמאַכן אין שלאָפצימער, האָט ער געציטערט אַרײַנצוגיין צו איר. דאַן פלעגט ער אַרומגיין א מאָרעשכוירעדיקער איבער דער שטוב און מורמלען:

— פּינוואָנען קאָן קלעקן אף פּאַרנאָסע, אַז אַלץ ציִען אַרויס די זנאַכאַרס, די גראָזן, די קאַמייעס... אָן אומגליק... אָן אומגליק...

עפּעס ניט ווילנדיק, ווי פון זיך אַליין, האָט זיך בא מוישע-לייבן און זעלדען באַוויזן א קינד, א ייִנגל. אין אָנדערהאַלבן יאָר אַרום איז ווידער, ניט ווילנדיק און עפּעס ווי פון זיך אַליין, געקומען נאָך א קינד, אויך א ייִנגל. איצטער איז מוישע-לייב שוין געווען א טאַטע פון צוויי קינדער. די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, ווי א שווערער שטיין, האָט זיך געלייגט אף זײַן נאַקן.

ער האָט געעפנט א קליינע יעשיווע. ווילקאָמיר איז געווען א היפּשע קעהילע, אין איר האָבן זיך אײַנגעפונען עטלעכע דרייסטע באַלעבאַטים, וואָס האָבן ריזיקירט אָפּצוגעבן זייערע קינדער דעם געוועזענעם אילוי און הײַנטיקן אופגעקלערטן מאַסקיל. א שטיקל פּאַרנאָסע איז געווען. און נאָך וויכטיקער איז פאַר אים געווען, וואָס זײַנע געציילטע טאַלמידים האָט ער געפירט ניט מיטן סקאַרבאָווען וועג פון יעשיוועבאָכערײַ, נאָר אף א נײַעם וועג, אפן וועג פון האַסקאָלע. אין זײַן „יעשיווע" זײַנען די „טרייפענע" ביכער געווען ניט נאָר דערלויבט, נאָר רעקאָמענדירט. ער האָט אָפט געפירט מיט זײַנע שילער פרײַע שמועסן וועגן די געלייענטע ביכער. עס וואַקסט א דאָר נײַע מענטשן, קליין אין צאָל, נאָר ס'איז וויכטיק, דער וואָגן זאָל זיך א רוק טאָן פון דער בלאָטע.

די פרײַע צײַט האָט ער אָפּגעגעבן זײַן ווערק. וואָס מער ער איז אַרײַנגעדרונגען, אַלץ מער איז זיך עס צעוואַקסן. ער האָט פאַרכאַפּט אין זײַנע פאָרשונגען ניט נאָר דעם טאַלמוד באַוולי און טאַלמוד ירושאַלמי מיט זייערע מעפאַרשים, נאָר אויך די אַגאָדעס, די קאַבאָלע, די מוסער-ספאָרים אַאוו. ער האָט געאַרבעט מיט אייפער, מיט האַסמאָדע. עס וועט זײַן אַן איבערצײַגעוודיק ווערק, א צעשמעטערנדיקער קלאַפּ דער אַלטער ייִדישער וועלט.

די אַרבעט האָט זיך באַוועגט לאַנגזאַם פאָרויס. אָבער סאָפּקאַלסאָף איז געקומען דער מאָמענט, ווען ער האָט געשטעלט דעם לעצטן פּונקט. אַוועקגעשיקט עס אין „המליץ". און געוואַרט, געוואַרט מיט א זשעדנער שמאַכטונג, מיט א לעכצנדיקן פלאַטער. ווי וועלן זיך אָפּרופן די אָדעסער מאַסקילים? צי וועלן זיי עס דרוקן, צי ניט?

זיי האָבן עס אָפּגעדרוקט. אין דרײַ כאָדאָשים אַרום איז מוישע-לייב געגאַנגען פון דער פּאָטשט מיטן לעצטן נומער „המליץ", וואָס מע האָט אים ספּעציעל צוגעשיקט. אינעם דאָזיקן נומער איז געווען אָפּגעדרוקט זײַן אַרבעט „אורחות התלמיד"[1]. געקומען אַהיים, האָט ער מיט א באַהאַלטענעם שטאָלץ אַוועקגעלייגט דעם בוך אפן טיש.

די שוויגער האָט א קיק געטאָן אפן אײדעם, עפּעס פאַרשטאַנען און זיך א צי געטאָן צום בוך.

— אָט דאָס איז עס, זונעלע? — האָט זי צערטלעך געפרעגט.

מיישע-לייב האָט אופגעמישט די נייטיקע זײַט. די שוויגער האָט קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען, נאָר זיך אָפּגעשטעלט אף דעם אונטערשריפט.

— פאַרוואָס עפּעס „הערליכטזאָן"?

— אָט דאָס וועט זײַן מײַן פאַמיליע. איך וועל דאָך איינגיכן אַרויסנעמען א פּאַס.

---

[1] אוירכויס האַטאַלמוד (העבר.) — די וועגן פון טאַלמוד.

— און דאָס וועט מען לייענען אומעטום?

— אומעטום!

— זאָג, זונעלע, און פאר דעם צאָלט מען אויך?

— אוודאי. מיסטאמע עטלעכע צענדליק רובל.

דער פריִערדיקער כאָלעם, וואָס האָט אמאָל א בליץ געטאָן אין איינעם אן עלעל־טאָג אין קיידאן, האָט ווידער א שעמעריר געטאָן. דער נומער „המליץ" איז געלעגן אויבנאָן אפן טיש. יעדערער, ווער עס איז אריַינגעקומען, האָט געהאט די מעגלעכקייט אים צו זען און באוווּנדערן. אין ליַיקן אויער האָט אויפגעהערט צו שטעכן.

דאָס אָבער האָט אָנגעהאלטן געציילטע טעג. אין שטאָט זיַינען געווען א צענדליק אבאָנענטן פונעם זשורנאַל. מע האָט זיך אריַינגעלייענט אינעם ארטיקל, געעפנט גרויסע אייגן. קלייקוידעש, יוסטע באַלעבאַטים, אויסגעבונדענע אין די שווארצע פינטעלער, און נאָך זיי אויך ייִדן פון א גאנץ יאָר האָבן איפגעהויבן א טומל.

— אפיקורס! ווו איז עס געהערט געוואָרן?!

— ייִדן, ער איז דאָך א קויפער בעיקר! וואָס שוויַיגט מען?

— א שטילינקער, א פרומינקער, און זעט, וואָס פאר א טומע עס ליגט אין אים! טרעט ארויס קעגן די הייליקע געבאָטן פונעם ווילנער גאָען!

אייניקע באַלעבאַטים, דאפקע פון די מער פארמעגלעכע, האָבן טייקעף צוגענומען פון אים זייערע קינדער. אנדערע האָבן זיך נאָך געקווענקלט. בלויז וויַיניקע זיַינען אים געבליבן טריַי. איינער פון זיי, אָשער־בער, א סייכלדיקער יונגערמאן, איז דאפקע געווען אנציקט:

— ס'איז דאָך גאָלד און זילבער! אלץ, וואָס דו זאָגסט, איז קולע עמעס! היַינט א שפראך, א דיקדוק! וואָס פארשטייען זיי, די כאמוקעס!...

— יאָ, אָבער איך בליַיב אָן טאַלמידים.

— ניט געדיַיגעט! מיַין אזריִעלקען וועל איך ניט צונעמען. אין ס'וועלן זיך איַינגע־פינען צו מיר נאָך אייניקע... אין די איבעריקע? זיי וועלן בילן, בילן און אופהערן. סאָף־קאָלסאָף ווייסן זיי דאָך אלע, אז דו ביסט דער בעסטער לערנער אין שטאָט. ניט גע־דיַיגעט! ס'וועט זיך איבערקאָכן! דער עמעס וועט זיך סאָפקאָלסאָף דורכשלאָגן!

נאָר ס'האָט זיך ניט איבערגעקאָכט. אין קעגנטייל, דער פלאַם האָט זיך נאָך מער פאנאנדערגעפלאקערט.

איינער א ווילקאָמירער באַלעבאָס, וועלכער איז געווען אין ווילנע, האָט זיך אומגע־קערט פון דאָרט און דערציילט שרעקלעכע זאכן. ער איז געווען אין דער גרויסער קלויז, ווו מע האָט גראָד גערעדט וועגן מוישע־לייבס ארטיקל אין „המליץ". זיי האָבן עס בא־טראכט אלס געפערלעכע אונטערגראָבונג אונטער דער רעליגיע, שיִר ניט אלס רוף צום שמאד. ווען מע האָט זיך אין קלויז דערוווּסט, אז דאָ געפינט זיך א באַלעבאָס פון וויל־קאָמיר, איז מען ארופגעפאלן אף אים מיט טיַינעס און זידלעריַיען, האַלעמיַי זיי דולדן אזא מענטשן צווישן זיך. א פארשיווע שעפס קאָן אָנשטעקן א גאנצע סטאדע. און אויב דער דאָזיקער מענטש איז נאָך א לערער פון טוירע, איז עס דאָך א הימלשריַיענדיקע זאך, וואָס טאָר בעשום־אויפן ניט געדולדעט ווערן.

איצטער האָט זיך דער שיַיטער פאנאנדערגעפלאקערט נאָך מיט א גרעסערער קראפט. ס'האָט זיך פארקאָכט א געדיכטע קאשע.

— אויקער ווערדוירעס דארף מען אים, דעם מעשומעד!

— אָפּגעבן אים אין סאָלדאטן, אין פארטיק!

— ארויסטראָגן א „פריגאָוואָר". נישקאָשע, מיט א „פריגאָוואָר" פון קאָהאָל רעכנט מען זיך נאָך און מע וועט אים מעשאַלייעך זיַין.

— געבן אים, דעם מעשומעד, א פופציקער, און לאָז ער זיך אָפּטראָגן מיט גוטן, — האָבן געטיַינעט די מער מעסיקע.

אין שטוב האָט זיך געטאָן כוישעך. דער שלימאזלדיקער נומער פון „המליץ" איז פארשווּנדן פון טיש. די שוויגער האָט געקרעכצט.

— שריַיבן האָט זיך אים פארוואָלט, מיַין „גאנײדעמל"... ער וועט זיך נאָך דער־שריַיבן... — זי האָט זיך ווידער פארשפארט אין שלאָפצימער, ווידער האָבן אָנגעהויבן גיין זנאכארס און אָפּשפרעכערנס צו ראטעווען איר גוף און איר נעשאָמע.

דער שווער איז ארומגעגאנגען פינצטער, ווי די נאכט.

ערגער פון אלעמען איז געווען זעלדען. די גאנצע באַלעבאַטישקיַיט האָט זיך געלייגט

אַף אירע פּלייצעס. א פֿאַרשמײַעטע, א פֿאַרזאָרגטע, איז זי געוואָרן נאָך מער שלומפּער, ווי פֿריִער. אין שטילע מינוטן האָט זי געטײַנעט צו מוישע-לייבן:

— לייבעלע, וואָס רײַסטו זיך דעם פּעלץ? פֿאַרוואָס קאָנסטו ניט זײַן, ווי אַלע? געדענק, ביסט א טאַטע פֿון קינדער! גאָטעניו, פֿאַרוואָס קומט עס אונדז? זײַ, ווי אַלע!

זעלדע האָט געוועקט אין אים א טיפֿן געפֿיל פֿון ראַכמאָנעס, נאָר פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאַר איר האָט ער ניט געקאָנט.

שוועס נאָך מיטיק איז מוישע-לייב געזעסן בא אַשער-בערן אין שטוב און מע האָט געשמועסט. פּלוצעם איז עמעצער ארײַן אין שטוב און, זיך קאָסיענדיק אַף מוישע-לייבן, ארײַנגעשושקעט דעם באַלעבאָס, אז דער ראָוו רופֿט אים ארויס צו זיך.

— פֿריקרע, — האָט א זיפֿץ געטאָן אַשער-בער, ווען דער שאַליעך איז ארויס, — אָבער מע דאַרף גיין. פֿאַרשטייסט דאָך אַליין, צוליב וואָס מע רופֿט מיך.

אַפֿן אַנדערן טאָג איז מוישע-לייב אַוועק צום קאַזיאָנע ראַבינער. אָט דער אמט איז ניט לאַנג צוריק געגרינדעט געוואָרן און האָט עקזיסטירט בלויז אין די גרעסערע קעהילעס. דער קאַזיאָנער ראַבינער אין ווילקאָמיר איז געווען איינער פֿון די ערשטע ארויסלאָזניקעס פֿון דעם ווילנער קאַזיאָנעם ראַבינער-סעמינאַר, א מאַן פֿון די אָנהייב דרײַסיקער, א וווקסיקער, פּאָלבאַלעכער, א צעקראַכענער. מוישע-לייב האָט זיך שוין פֿריִער מיט אים געטראָפֿן. דער ראַבינער איז צו אים געווען פֿרײַנטלעך. נאָר צום צאַד שעקנעגעד איז ער געווען ניט ווייניקער פֿרײַנטלעך. מיט מוישע-לייבן האָט ער זיך אין שמועסן ניט ארײַנגעלאָזט, נאָר זאָרגעוודיק געוואָרנט אים, ער זאָל זײַן מעסיקער אין זײַנע ארויסזאָגונגען, ניט אײַנרײַסן מיט א וועלט. מוישע-לייב האָט געגלייבט אין זײַן איפֿריכטיקײַט, נאָר עפּעס איז געווען א ווידעראַנאַנד צווישן זײַנע גראָבע גוטמוטיקע געזיכט-שטריכן און זײַנע העל-גרויע, אָפּגעבליאַקעוועטע קאַלטע אויגן.

בייס מוישע-לייב איז ארײַנגעקומען, האָט זיך דער ראַבינער איפֿגעהויבן אים אנטקעגן. מוישע-לייב האָט אָפּגעמערקט, אז דער ראַבינער איז נאָך שלאַבעריקער געוואָרן. באַזונדערס האָט זיך געוואָפֿן אין די אויגן זײַן ברייט פֿאַנאַנדערגעוואַקסענער געזעס. „דאָס איז א „דבר בעצמו"[1] — האָט מיט דערעכערעץ א קלער געטאָן וועגן אָט דעם געזעס מוישע-לייב.

דער ראַבינער האָט זיך געזעצט באַם שרײַבטיש אַף זײַן גרויסן שטול מיטן הויכן אָנשפּאַר. פּונקט הינטערן שטול איז אַף דער וואַנט געהאַנגען דאָס בילד פֿונעם צאַר אין פֿולן וווקס. ס'האָט אויסגעזען, אז דער צאַר שטייט מיט זײַנע פֿיס אָנגעלענט אַף די שלאַבעריקע פּלייצעס פֿונעם ווילקאָמירער קאַזיאָנעם ראַבינער.

— מ-מ-מ-יאָ... פֿאַרקאָכט א קאַשע... כ'האָב אײַך געוואָרנט. מע דאַרף אַלץ, פֿאַרשטייט איר מיך, טאָן פּאַוואָליע. זיך אומקוקנדיק אַף די מענטשן. און איצטער, פֿאַרשטייט איר מיך...

— יאָ, אָבער די גרונט-טעזיסן פֿון מײַן אָפּהאַנדלונג לייקנט איר דאָך ניט אָפּ?

— מאַסקים, מאַסקים, — האָט מיט אַן אומדערוואַרטער לעבעדיקײַט זיך אָפּגערופֿן דער ראַבינער. — סטיל, לאָשן — אַלץ אַף דער העכסטער מאַדרייגע. בא אונדז אין סעמינאַר האָט מען געלערנט סטיליסטיק. זאָג איך אײַך בענעמאָנעס, אז איר וואָלט דאָרט געווען איינער פֿון די בעסטע סטיליסטן. אָבער... צו שאַרף, צו ארויסרופֿעריש... מע דאַרף זיך רעכענען מיט מענטשן, מיטן אײַנגעפֿונדעוועטן לעבנסשטייגער.

— די אָדעסער מאַסקילים זײַנען מאַסקים מיט מײַנע טעזיסן. א סימען האָט איר, זיי האָבן אָפּגעדרוקט מײַן אָפּהאַנדלונג אָן שום באַוואָרענישן.

— אָדעס איז גאָר אַן אַנדער זאַך. אָדעס איז א נײַע שטאָט. דאָרט לעבן מענטשן, אָנגעלאָפֿענע פֿון אַלע קאַנטן פֿון דער מעדינע. א שטאָט אָן טראַדיציעס, אָן אײַנגעוואָרצלטקייט. זיי קאָנען דאָרט בוכצעווען, וואָס זיי ווילן, קיינעם וועט עס ניט אַרן... אָבער בא אונדז, פֿאַרשטייט איר מיך, בא אונדז איז אַן אײַנגעפֿונדעוועטע קעהילע מיט א ייִדישקייט, וואָס ציט זיך פֿון דוירעס... בא אונדז דאַרף מען האַנדלען פּאַוואָלינקע, פּאַוואָלינקע...

— הער ראַבינער, — מוישע-לייב האָט ניט געוווסט, ווי מע ווענדט זיך צו אַזאַ מענטשן, נאָר דער באַזונדערער קאַבינעט, די דינסט מיטן ווײַסן טשעפּטשיקל, וואָס האָט אים געעפֿנט די טיר, האָבן אונטערגעזאָגט די ריכטיקע ווענדונג, — הער ראַבינער, אז דער

[1] דאָוואָר בעאַצמוי (העבר.) — א זאַך פֿאַר זיך.

וואָגן איז פאַרזונקען אין א טיפער בלאָטע, דארף די ערשטע אָנשטרענגונג אַף ארויסצושלעפן אים זײַן א מעכטיקע. שפּעטער וועט דער וואָגן זיך שוין לײַכטער קײַקלען.

— עמעס, — האָט דער ראבינער אופגעהויבן די שיטערע ברעמען אַף זײַן מילכיקן פּאָנעם און פילבאדײַטנדיק א קוק געטאָן אַף זײַן מיטשמועסער, — אָבער ס'פּאסירט אויך אָפּט, אז דער, וואָס מאכט די ריזיקע אָנשטרענגונג, רײַסט זיך אונטער...

— הער ראבינער, איר זײַט אויך בארופן צו באוועגן פאָרויס דעם וואָגן.

— ריכטיק, ריכטיק, — האָט דער ראבינער קלוימערשט זיך דערפרייט אפילע מיט די דאָזיקע ווערטער, — און דעריבער וועל איך טאָן אלץ, וואָס אין מײַנע קויכעס, קעדיי דער אינצידענט מיט אײַך זאָל זיך ענדיקן בעשאָלעם.

ער האָט זיך נערוועז א רוק געטאָן אַף זײַן ברייטן שטול. אלעקסאנדער דער צווייטער האָט זיך צוזאמען מיט אים אויך נערוועז א שאָקל געטאָן.

א קלעפּיקע שטימונג האָט מוישע-לייב ארויסגעטראָגן פונעם געשפּרעך מיטן ראבינער. אָבער ווי נאָר ער איז ארויס אַף דער גאס, האָט זיך די שטימונג בא אים געענדערט. ער האָט זיך פּלוצעם דערמאָנט א געשעעניש פון זײַן טיפער קינדהײַט. אין איינער א שפּעטער ווינטער-שאָ איז ער געגאנגען פון קלויז אהיים. ס'איז געווען א פּאסקודנער וועטער. ס'האָט געבלאָזן א זאווערוכע מיט א נאסן שניי. דער ווינט איז געווען אזוי שטארק, אז עס איז שווער געווען זיך האלטן אַף די פיס. גוט, וואָס ער בלאָזט פון הינטן און יאָגט אונטער. אָט איז שוין מוישע-לייב נאָענט צו דער שטוב. ער וועט זיך שוין באלד ארײַנכאפּן אין שטוב, אין דער ווארעמקײַט, און אָפּכאפּן דעם אָטעם. און דאָ פאלט אַף דעם ייִנגל אָן אן אקשאָנעסדיקע קאמפּס-לוסט. עס קאָן דאָך אויסקומען אמאָל צו גיין קעגן דער זאווערוכע. וועט ער קאָנען? ער האָט זיך אויסגעדרייט אנטקעגן ווינט און איז אוועק אין דער פאַרקערטער ריכטונג. דער ווינט האָט געשמיסן אין פּאָנעם מיט נאסן שניי, געוואָרפן פון די פיס, ניט געלאָזט שטעלן א טראָט. און דאָך האָט דער צעניאָריקער באָכערעץ געשטעלט איין טראָט נאָכן אנדערן אנטקעגן דער צעיושעטער סטיכיי און געגאנגען פאָרויס, פאָרויס. יעדער שפּאן איז געווען אן אָנשטרענגונג, און יעדע אָנשטרענגונג — א פרייד. אזוי איז ער אָפּגעגאנגען א פּאָר צענדליק טריט און א טריומפירנדיקער זיך אומגעקערט. אין שטוב איז ער ארײַנגעפאלן א פריילעכער, פיטש-נאס, אָבער מיט צעפלאמטע אייגעלעך און רויטע בעקעלעך. די מאמע איז געווען א צעפּלאָשעטע, נאָר ער האָט גליקלעך אויסגעשריִען:

— מאמע! איך קאָן גיין קעגן ווינט!

די דאָזיקע דערמאָנונג האָט געווירקט ווי אן אופמונטערונג. נאָר באנאנד מיט דעם האָט ווי א מעסער א שטאָך געטאָן די דערינערונג וועגן אלטערקען... ניין, דאָס זײַנען געווען קינדערשע פאנטאזיעס, איצטער איז ער ארײַנגעטראָטן אין פּעריאָד פון רײַפקײַט.

דערווײַל האָט ער באקומען א בריוו פון עפּעס א קליין שטעטל אין ליטע פון אן אומבאקאנטן יונגנמאן. יענער האָט מיט באגײַסטערטע ווערטער גערעדט וועגן זײַן ארטיקל אין „המליץ“, געזאָגט, אז ס'איז געווען פאר אים אן אנטפּלעקונג, א מין „ליכטיקער שטראל אינעם קיניגרײַך פון פינצטערניש“, און באדאנקט דעם מעכאבער פאר זײַן „גרויסן איפּטער“.

אזעלכע בריוו זײַנען אָנגעקומען נאָך עטלעכע. באזונדערס וויכטיק איז פאר אים געווען דער בריוו פון איינעם עזראָ קאהאן פון ווילנע. דאָס איז געווען אן אויספירלעכער בריוו, אָנגעשריבן אין א שיינעם העברעיִש. אין דעם דאָזיקן בריוו האָט דער מעכאבער מיטגעטיילט, אז אין זייער שטאָט איז דאָ א מין „קאָמיטעט“ פון פאָרגעשריטענע מענטשן, בעראָש פון וועלכן עס שטייט א דאָקטער. זיי אלעמען האָט פריידיק איבערראשט, וואָס אין א פארוואָרפן שטעטל אין ליטע האָט זיך אײַנגעפונען א יונגערמאן מיט א דרייסטן סייכל, וואָס האָט געוואָרפן א הענטשקע דער קאָהאָלשער פינצטערקײַט. זיי פארשטייען זייער גוט, אז דאָס וועט אופוועקן קעגן אים דעם פאנאטיזם פון דער קעהילע און אַף אים וועלן זיך א שאָט טאָן שטיינער. זאָל ער זיך ניט שרעקן: אין נייטיקן פאל וועלן זיי אים העלפן.

אין דעם דאָזיקן בריוו האָט זיך מוישע-לייב אָנגעכאפּט. די פארפאָלגונגען קעגן אים האָבן זיך ווירקלעך געשטארקט פון טאָג צו טאָג. שוין ניט ריידנדיק דערפון, וואָס ער האָט פארלאָרן קימאט אלע זײַנע שילער, האָבן די רעדלפירער פון דער קעהילע ניט גערוט. איינע האָבן געשריִען, אז מע דארף אים אָפּגעבן אין סאָלדאטן, די אנדערע האָבן געפאָדערט, דער קאָהאָל זאָל ארויסטראָגן א „פריגאָוואָר“, ער זאָל פארלאָזן די שטאָט. די

מעסיקע האָבן געהאַלטן, אַז מע דאַרף אים געבן אַ געוויסע סומע, ער זאָל פּריוואַטליך זיך אָפּטראָגן פון דער שטאָט. די פאַרביסענע האָבן געפאָדערט, מע זאָל אים אַרײַנלייגן אין כיירעם.

מוישע-לייב האָט וועגן דעם אָנגעשריבן עזרא קאַהאַנען, און אין עטלעכע טעג אַרום זײַנען אָנגעקומען אין ווילקאָמיר צוויי טעלעגראַמעס, איינע אויפן נאָמען פון דעם קאַזיאָנע ראַבינער, די אַנדערע אויפן נאָמען פונעם רַאָוו, מע זאָל צורו לאָזן דעם מעכאַבער פון דעם אַרטיקל צוליבן „שאָלעם און קאָוועד פון דעם פאָלק יִיסראָעל". אין עטלעכע טעג אַרום זײַנען אָנגעקומען בריוו צום רַאָוו און ראַבינער, אין וועלכע דער קאָמיטעט, אין העסקעם מיטן ווילנער רַאָוו און ראַבינער, האָבן געפאָדערט אָפּצושטעלן די רעדיפעס קעגן דעם פרײַדענקערישן פּעיִקן יונגנמאַן.

די פאַרפאָלגונגען און דראָונגען האָבן אויפגעהערט.

איצטער האָט זיך מיט דער גאַנצער שאַרפקײַט געשטעלט די פראַגע: וואָס טוט מען ווײַטער?

— טײַערער שוועך, — האָט מוישע-לייב לײַדנשאַפטלעך געטײַנעט, — איר מוזט מיר אַרויסהעלפן נאָר מיט איין זאַך: נעמט איבער אויף זיך אויסצוהאַלטן מײַן פרוי און די קינדער בעמעשעך פון אַ דרײַ-פיר יאָר. בלויז דרײַ-פיר יאָר! איך גאַראַנטיר אײַך, און איר ווייסט, אַז איך קאָן עס. פאַר דרײַ-פיר יאָר וועל איך דערגרייכן דאָס, אויף וואָס אַנדערע דאַרפן זעקס-זיבן יאָר. איך וועל אָפּגעבן די עקזאַמענעס פאַר דער מיטלשול, כ'וועל אָנקומען אין אוניווערסיטעט אָדער אין דער הויכשול. כ'וועל זיך אויסלערנען אויף דאָקטער, אָדער אינזשעניער... ניין, בעסער, אינזשעניער. כ'וועל זיך שטעלן פעסט אויף די פיס. און דאַן וועל איך אײַך אָפּצאָלן קיפלײַ-קיפלאַיִם פאַר אַלץ, וואָס איר וועט טאָן פאַר מיר און פאַר מײַן מישפּאָכע. טײַערער שוועך, איר זעט דאָך, דער כאַלעף ליגט אויפן גאַרגל, און דאָס איז דער איינציקער אויסוועג. דער איינציקער... האָט ראַכמאָנעס אויף מיר, אויף אײַער טאָכטער, אויף אײַערע אייניקלעך... העלפט אַרויס! כ'וועל אײַך געבן אַ וועקסל...

דער שוועך האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— זעסט דען אַליין ניט, אַז איך קאָן דאָס ניט טאָן? פריִער וואָלט איך יאָ געקאָנט. נאָר הײַנט... זעסט דען ניט, אַז מיר זײַנען אַרומגערינגלט מיט אַ וואַנט פון סינע, שיִר ניט אין כיירעם? קיינער וויל ניט האָבן מיט מיר צו טאָן, מע האַנדלט ניט מיט מיר, מע מײַדט מיך אויס אין מיסכער. אויס קנאַקער. איך ווייס ניט, פונוואַנען כ'וועל נעמען מאָרגן פאַר זיך דאָס שטיקל ברויט. טאָ ווי קאָן איך נעמען אויף זיך פאַרפליכטונגען? האָסט פאַרקאָכט אַ קאַשע, זון מײַנער, אײַנגעריסן זיך מיט דער גאַנצער וועלט... — דער שוועך איז פאַר דער לעצטער צײַט געוואָרן עלטער, אײַנגעבויגן, אויפן שטערן האָבן זיך געלייגט נײַע טיפע קנייטשן.

מיסטאַמע האָט ער איבערגעגעבן וועגן דעם געשפּרעך דער פלוינעסטע. אויף מאָרגן איז זי אויפגעשטאַנען פון איר בעט, פאַרגעסן אַלע אירע שלאָפקײַטן. אין איר האָט זיך אויפגעוועקט די לייבעכע.

— אַנטלויפן זיך פאַרוואָלט? אָנגעפּלאַדעוועט קינדער, אומגליקלעך געמאַכט אַ מיש-פּאָכע און — אַנטלויפן! ניין! כ'וועל ניט לאָזן! קאָנסט ניט שפּײַזן דײַן מישפּאָכע מיט טוירע, וועסטו זי שפּײַזן מיט מיסכער! יאָ, מיט מיסכער! מירן אײַנקויפן בא די ווילנער הורטאָווני-קעס סכוירע צו ביליקע פרײַזן און זיי פאַרקויפן לאַאַכאָדים! יאָ, לאַאַכאָדים! וואָס מיינסטו, צו מיסכער דאַרף מען ניט האָבן קיין קאָפּ? אוי, דאַרף מען האָבן אַ קאָפּ! ניט אַזאַ, ווי בא מײַן שלימאַזל... אַז דו וועסט אַרײַנלייגן דײַן גאַנצן קאָפּ אין מיסכער — אַ קעפּעלע האָסטו דאָך, דאָס ווייס איך, — וועסטו אַלעמען אויסשאָקלען פון אַרבל... צו מיסכער — און פאַרטיק!

— מאַמע, — האָט זעלדע זיך אַרײַנגעמישט, — ווער וועט עס בא אונדז קויפן סכוי-רע... אַלע מײַדן דאָך אונדז אויס. גיטע שיינעס פלעגט אַלעמאָל קומען צו אונדז לײַען די מעדניצע, איצט קומט זי שוין ניט, לויפט אין אַן אַנדער עק שטאָט, אַבי ניט אָנקומען צו אונדז. און אַז דווירע-דוואָשע האָט געוואָלט אַרײַנגיין צו אונדז לײַען אַ ביסל אײַנגעמאַכטס פאַר איר קראַנקער טאָכטער, האָט זאַלמען בודילע זי אָפּגעשטעלט, זיך אויסגעשפּיגן און געזאָגט, ס'איז טרייף-פּאָסל. וואָס פאַר אַ מיסכער קאָן דאָ זײַן?

— שווײַג, נאַרעלע! ווער דאַרף עס האָבן די שלעפּערס, די דווירע-דוואָשעס, די גיטעס. פון זיי וועסטו אַ קרענק עפּעס באַקומען. מוישע-לייב וועט האָבן צו טאָן מיט פּריצים! מיט שליאַכטיטשן! ער קען זייער לאַשן! ער ווייסט, וויאַזוי מיט זיי צו ריידן! ער קען זייער האָסאַ-גע! כ'האָב אַנומלטן געהערט, ווי ער האָט גערעדט אויף זייער לאַשן מיטן אַקציזניק, איז דאָך יענער אַ קאַפּאַרע געוואָרן פאַר זײַן באַנעם. איך האָב אַליין געהערט, ווי יענער האָט געזאָגט:

„ביסט א געבילדעטער מענטש, מוישע-לייב. האַלעווײַ וואָלטן מער זשידקעס געקלערט אזוי, ווי דו". פאַרוואָס איז בונים פרידמאַן געוואָרן אזא אָשיר? ווײַל ער קאָן ריידן מיט פּריצים, קויפט בא זיי וועלדער, קויפט אָף בא זיי בעזיל-העזל, ווײַל זיי גייען אויס פאַר א גראָשן. ער דערקאַזשעט פאַר זיי די טײַערסטע כפייצים, וואָס נאָר זיי פאַרווילט זיך, און מאַכט א לעבן, האַלעווײַ אָף אונדז געזאָגט געוואָרן! ער האָט עס אזא גוואַלדאָוונעם קאָפּ? איין קלייניקײַט: שמערקע דעם בינדיוזשניקס זון! אָף נעמאָנעס זאָג איך דיר: דו האָסט א צען מאָל בעסערן קאָפּ פאַר אים. אָפּגערעדט: מיר נעמען זיך צו מיסכער!

זי האָט זיך צעפלאַמט און אנטוויקלט פּלענער, איינער שענער פאַרן אנדערן.

דער שווער איז געזעסן א פאַרזאָרגטער און געעגבערט מיטן בליק דעם דיל. זעלדע האָט געווישט מיטן פאַרטעך דאָס נעזל באַם יינגל און געפּינטלט מיט די אויגן צו פאַרטרײַבן די לעצטע טרערן. די רייד פון דער מאַמען האָבן אין איר אופגעוועקט ניט קלאָרע האָפענונגען, אין וועלכע זי האָט ניט געגלייבט, נאָר ס'האָט זיך אזוי געוואָלט גלייבן. מוישע-לייב איז געזעסן א דערדריקטער פון דער לאַסט פון זײַן פאַראַנטוואָרטלעכקײַט און א נידערגעשלאָגענער פון זײַן שולד, וואָס איז קיין שולד ניט.

די שוויגער האָט זיך ענערגיש גענומען צו דער זאַך. זי האָט צוזאַמענגעקראַצט זיבעציק רובל, געליִען אָף פּראָצענט פופציק רובל (אויסצוצאָלן וועכנטלעך מיט א רובל פּראָצענט פאַר א וואָך) און אוועקגעפאָרן מיטן איידעם אין שטאָט. בא די ווילנער הורטאָווניקעס האָבן זיי אײַנגעקויפט סכוירע און אין דרײַ טעג אַרום זײַנען זיי שוין געפאָרן צוריק. די שוויגער איז געזעסן אָפן געזעס פון היי, וואָס דער באַלעגאָלע האָט געמאַכט פאַר איר צווישן די פּעק מיט סכוירע. מוישע-לייב איז געזעסן אָף א זאַק און געטאַפּט אין זײַן בוזעם-קעשענע דעם בוך „שירי יהודה"[1], פונעם יונגן מעשוירער יעהודע-לייב גאָרדאָן. זײַענדיק אין ווילנע, האָט מוישע-לייב זיך ארײַנגעכאַפּט צו זײַן פרײַנט יויעל מיצלמאַכער, און יענער האָט אים געגעבן אן עקזעמפּליאַר פון דעם אָקאָרשט דערשינענעם בוך, וואָס דער מעכאַבער האָט באַשטימט ספּעציעל פאַר אים, מוישע-לייבן, מיט א געהעריקער אופשריפט פאַרן יונגן מאַסקיל. טרייסלענדיק זיך אָף דער פור מיט סכוירע, האָט מוישע-לייב שוין פאָרויס געסמאַקעוועט די לידער פון דעם נײַ-אופגייענדיקן פּאָעט.

8

בעסאַכאַקל עטלעכע וואָכן האָט געדויערט דאָס האַנדלען. צום סאָף פון אָט דער צײַט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז ניט קיין געלט האָט ער און ניט קיין סכוירע. ס'איז געבליבן בלויז העגנען א כיווו, וואָס ער דאַרף אויסצאָלן מיט פּראָצענטן.

איצטער איז שוין קלאָר געוואָרן, אז מע וועט דאַרפן פאָרן. ער איז אוועק אין דער קעהילע בעטן א פּאַס. דאָ האָבן די קעהילע-לײַט געקראָגן די מעגלעכקײַט אויסצוגיסן אָף אים די באַהאַלטענע סינע.

— ביסט ניט קיין היגער. ביסט א געבאָרענער אין קיידאַן. פאָר אהין, זאָלן זיי דיר געבן א פּאַס.

— אָבער איך לעב שוין דאָ איבער צען יאָר. אַלע קענען מיך...

— אָט טאַקע דערפאַר, וואָס מיר קענען דיך!.. פאָר קיין קיידאַן. דו ביסט זייערער א טאַכשיט.

אין איינעם א שיינעם פרימאָרגן איז ער אוועק צו דער קרעטשמע, פונוואַנען עס גייט די בויד אָף קיידאַן. ער האָט פאַרנומען דאָס עקסטע אָרט אין דער בויד, באַם פענצטערל, קעדיי צו זײַן אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע פאַרשוינען.

די פּאָר פערד זײַנען מונטער געלאָפן אונטער'ן האָפערדיקן נוקענען פונעם באַלעגאָלע. די בויד האָט זיך געקײַקלט, אונטערשפּרינגענדיק איבערן הויקערדיקן וועג. אין דרויסן איז געווען א קלאָרער שפּעט-זומערדיקער טאָג, די פעלדער זײַנען געשטאַנען נאַקעטע, דאָ און דאָרט האָבן זיך געזען קאָפּנעס היי און טווּע. די וועלדער זײַנען געשטאַנען שטילע, דורכזיכטיקע. די שטאַמען פון די סאָסנעס האָבן ערטערווײַז אָפּגעגעבן מיט א געל-גאָלדענעם גלאַנץ.

---

[1] שיריי יעהודאָ (העבר.) — לידער פון יעהודע.

הארט לעבן מוישע-לייבן איז געזעסן א גראָבע ייִדענע, וואָס האָט געהאַלטן אין דרעמלען און אָפּט זיך אָנגעוואַלגערט אַף מוישע-לייבן. מוישע-לייב האָט זי לייַכט אָפּגעשטופּט, זי האָט געשטערט זייַנע מאכשאָוועס.

און מאכשאָוועס האָט ער געהאַט געהויבענע. ניט לאַנג צוריק איז ארויס א בראָשור פון ייִצכאָק מארגאָליס, וועלכער איז ארויסגעטראָטן קעגן מוישע-לייבס „אורחות חתלמוד". אויך אין זעלבן „המליץ" האָבן זיך באַוויזן א ריי ארטיקלען, וועלכע פאַרורטיילן דעם צו שאַרפן וועג פון רעפאָרמעס, וואָס מוישע-לייב האָט פאָרגעלייגט. פון די דאָזיקע ארטיקלען האָט געשמעקט מיטן רייעך פון שיימעס און אוראַלטן שימל. איצטער האָבן אין מוישע-לייבס מויעך געווירבלט און געריַיפט לייַדנשאַפטלעכע ארגומענטן קעגן זייַנע אָפּאָנענטן. ער וועט אָנשרייַבן, אומבאַדינגט אָנשרייַבן נאָך א שאַרפער ארטיקל אלס ענטפער זייַנע קריטיקער. דעם וועג, זייַן וועג, וועלכן ער האָט אָנגעהויבן אין נאָמען פון פּראָגרעס, וועט ער ניט אופּגעבן, ניט קוקנדיק אַף אַלע שוועריקייַטן און מעניִעס. דער עמעס איז אַף זייַן זייַט, ער פילט אין זיך יוגנטלעכע קויכעס צו גיין קעגן ווינט, קעגן שטראָם.

אין קיידאַן האָט זיך די בויד אָפּגעשטעלט לעבן דער קרעטשמע. צו זייַן שטוב האָט ער געדאַרפט גיין קימאַט דורך דער גאַנצער שטאָט. אייַן גליק, וואָס ס'איז שוין אָוונט און די גאַסן זייַנען קימאַט פּוסט. ער האָט ניט געוואָלט מיט קיינעם זיך טרעפן. ער איז געגאַנגען איבער די פּוסטע, אין טונקלקייַט זינקענדיקע גאַסן, געקוקט אַף די באַקאַנטע הייַזער. אין אייניקע האָט זיך שוין אָנגעצונדן שייַן, נאָר אין די מערסטע איז נאָך געווען פינצטער. ער האָט געוווּסט אַף אויסווייניק, וואָס עס קומט פאָר אין יעדן פון אָט די בידנע הייַזלעך, און א שטשעמענדיק געפיל פון אויסזיכטלאָזיקייַט האָט אים אדורכגענומען פון קאָפּ ביז די פיס.

אָט גייט אַף דער גאַס אַן אַלטער ייִד און שלעפּט נאָך זיך א ציג. דאָס איז רעב שמועל, אַן ערלעכער ייִד, אַן אָרעמאַן אין זיבן פאָלעס. די ציג שפּאַרט זיך אייַן מיט די קאָפּיטעס, זי וויל ניט גיין. די אַלטע שמוליכע שטופּט זי אונטער פון הינטן. רעב שמועל איז א פרומער ייִד, א מיטגליד פון דער כעוורע „עין יעקב", מיט וועלכער עס פירט אָן זייַן, מוישע-לייבס, פאָטער. מאָרגן וועט רעב שמועל לייענען „עין יעקב" מיט א דאָפּלטער קאוואָנע, דאַנקענדיק גאָט, וואָס ער האָט אים אַף דער עלטער געבענטשט מיט א ציג.

מוישע-לייב גייט פאַרבייַ דער אַלטער קלויז, וואָס ליגט היפּש אָפּגערוקט פון דער הויפּט-גאַס. אין די פענצטער פון דער קלויז שעמערירן שוואַכע שייַנען. דאָס זיצן מאַסמידים מיט ליכטלעך אַף זייערע שטענדערס און זופן אריַין דעם זויערן ווייַן, וואָס פאַר זיי איז ער דער איינציקער אינהאַלט פון ייִדישקייַט. פון קלויז ביז צו זייַן שטוב ליגט דער וועג, מיט וועלכן ער איז הונדערטער, טויזנטער מאָל געגאַנגען מיט דעם רויִקן און שטאָלצן באַוווּסטזייַן, אַז ער טוט געוויסנהאַפט אָפּ זייַן פליכט. געגאַנגען ביז צו יענעם טאָג, ווען דער טאַטע האָט אים פאַרקויפט, באַרויבנדיק דערמיט זייַן יוגנט מיט אירע פריידן, כאַלוימעס, שטרעבונגען. פאַרקויפט אים צו פרעמדע מענטשן, ווי מע פאַרקויפט א קנעכט אַף אייביקער קנעכטשאַפט. יויסעפס ברידער האָבן פאַרקויפט יויסעפן פאַר א קנעכט אויס קינע, ווייַל דער טאַטע האָט אים געליבט און געבאַלעוועט מער פון זיי. אָבער דעמלט האָבן עס דאָך געטאָן ברידער, און דאָ איז עס געווען דער אייגענער טאַטע, וועלכער האָט פאַרקויפט זייַן זון פאַר א קנעכט.

ער צוימט זייַנע טריט, קעדיי דערמיט אויך אייַנצוימען דעם צאָרן, וואָס ברויזט אין אים. אָט איז שוין דער זאַווולעק, ווו ס'געפינט זיך דעם טאַטנס שטוב. זי זעט אויס נידעריקער און געפאַלענער, איידער זי איז געווען. זי איז אָפּגערוקט פון דער גאַס, ווי אַלע שטיבלעך ארום. נאָר בייס בא די איבעריקע שטיבלעך זייַנען דאָ פאַליסאַדניקעס, ארומגעצוימט מיט שטאַכעטניקעס, איז באַם טאַטנס שטוב דאָ א גרויסע לוזשע, איבער וועלכער מע דאַרף אריבערשפּאַנען אַף א ברעט, וואָס ליגט אַף צוויי ציגל. פון דער דאָזיקער גראָבער, האַלבפאַרפוילטער ברעט, וועלכע ער געדענקט נאָך פון די קינדער-יאָרן, פאַרשטשעמעט אים דאָס האַרץ.

די מישפּאָכע — דער פאָטער, די שטיפמוטער און זייערע צוויי קינדערלעך — א כיידער-ייִנגל און א מיידעלע פון א יאָר פינף — איז געזעסן באַם טיש און געגעסן וועטשערע. מוישע-לייבס פלוצלעמדיק דערשייַנען רופט ארויס א פריידיקע דערשטוינונג. מע קושט זיך, מע האַלדזט זיך און מע זעצט אים סאָפּקאָלסאָף אוועק צום טיש. מוישע-לייב שיילט צוזאַמען מיט אַלעמען די בולבעס, טונקט זיי אין הערינג-ראָסל און פאַרבייַסט מיט א שטיקל הערינג. נאָכדעם קוקט ער זיך ארום אין שטוב. אַלץ, ווי אַמאָל, נאָר עפּעס מער אייַנגעזונקען, פאַרעלטערט. ער שטעלט זיך אָפּ פאַר דעם שמאָלינקן שעטעך צווישן דעם גרויסן

איוון און דער וואנט. דאָ האָט ער זיך אמאָל געלערנט גיין. דאָ איז געווען זײַן גאנצע וועלט, דאָ האָט ער זיך געשפּילט מיט שפּענדלעך און פלעקלעך, וואָס דער טאטע פלעגט אים אונטערוואַרפן פון דער באַנדערײַ. דאָ איז ער געווען עפּשער אינדערעמעסן גליקלעך.

ווען די קינדער האָבן זיך געלייגט שלאָפן און די שטיפמאמע האָט זיך געוואָזגעט אין קיך, האָט זיך מוישע-לייב צוגעזעצט צום טאטן, און אז ער האָט זיך צוגעקוקט צו אים, צו זײַן פּריצײַטיק אַלט געוואָרן געזיכט מיט די טיפע קנייטשן, צו זײַנע שולדיק-פינטלענדיקע אויגן מיט די רויטע קאַנטן אף די אויגן-לעפלעך, איז דאָס הארץ בא אים אָפּגעגאַנגען און אַלע ברויזנדיקע ווערטער זײַנען געבליבן הענגען אף די ליפּן. ניין, דאָס איז ניט קיין קוילער, דאָס איז א געקוילעטער.

— וואָס מאכסטו, טאטע? — האָט ער געפרעגט מיט א געבראָכענער שטים.

— וואָס זאָל איך מאכן? די הענט, זעסט? — ער האָט געוויזן זײַנע מאָזאָליסטע אויס-געהאָרעוועטע הענט. — די הענט טויגן נאָך. נאָר מיט פּאַרנאָסע איז שווער. און די קויכעס זײַנען שוין אויך ניט די... וואָס הערט זיך בא דיר, זונעלע? וואָס איז מיט דיר געוואָרן? געווען אזא געראָטענער, אַלע האָבן זיך געבענטשט מיט דיר... און איצטער שעלט מען זיך... מע זאָל זיך אָנהערן אַלץ, וואָס מע רעדט וועגן דיר...

— דו הער זיך ניט צו, טאטע, — האָט שטרענג געזאָגט דער זון, — איך גיי מיט מײַן אייגענעם דערעך און וועל זיך ניט אראָפּשלאָגן פון מײַן וועג. א סאַך פעלערן גע-מאכט... דו... איך... אָבער נישקאָשע, מירן נאָך אויספּאַריכטן די פעלערן. איך פיל אין זיך נײַע קויכעס, טאטע.

פון דעם טאטנס אויגן האָבן אָנגעהויבן רינען טרערן. זיי זײַנען גערונען, שטילע, האַכ-נאָעדיקע, אין די צאָלרײַכע קנייטשן פונעם אויסגעצערטן פּאָנעם.

מוישע-לייב האָט זיך צוגערוקט צום טאטן. א גוואַלדיק ראכמאָנעס-געפיל האָט אים ארומגעכאַפּט. דאָס נאַפט-לעמפּל האָט פון אויבן געוואָרפן צוויי גרויסע שאָטנס אפן דיל. די שאָטנס האָבן זיך צוזאמענגעגאָסן אינײנעם.

אויסגעבעט האָט מען מוישע-לייבן אין זעלבן זאַקוטעק צווישן איוון און דער וואנט — דאָרט איז אמאָל געווען זײַן וועלט. דער טאטע האָט פארלאָשן דאָס נאַפט-לעמפּל און זיך אויך געלייגט שלאָפן. ער האָט אָבער ניט באוויזן זיך צולייגן, ווי פון דרויסן האָט זיך דער-הערט דאָס אָנקומען פון א פור, און טייקעף האָט זיך דערהערט א קלאַפּן אין טיר. דער טאטע איז אין הוילע גאַטקעס צו צו דער טיר און געפרעגט, ווער איז עס? עס האָט זיך דערהערט אַן אופגערעגטע שטים: „לאָזט ארײַן! לאָזט ארײַן!" מוישע-לייב האָט אופגעציטערט: דאָס איז געווען די שטים פון זײַן שוויגער. אינגיכן איז זי ארײַן אין צימער, א הויכע, אַן אָנגעפּעלצטע ניט לויטן סעזאָן, אַן אופגערעגטע, מיט בלאָנדזשנדיקע אויגן.

— ווּ איז ער, דער יִמאַך-שמוֹיניק?! ווּ איז ער, דער שלימאזל מײַנער? — האָט זי זיך צעשריִען.

— באַרוִקט זיך, מעכוטענעסטע! וואָס איז מיט אײַך? זעצט זיך, טוט זיך אויס דעם מאַנטל!

מוישע-לייב האָט אראָפּגעצויגן די הויזן און איז ארויס פון זײַן קאַמערל.

— שוויגער, וואָס קומט דאָ פאָר? וואָס מאכט איר דאָ פאַר א שטיק? — האָט שטרענג געפרעגט מוישע-לייב.

דאָס דערשײַנען פונעם איידעם און דעריקער דער שטרענגער טאָן זײַנער, צו וועלכן די שוויגער איז ניט געווינט געווען, האָט געהאַט א ווירקונג. זי האָט זיך שלוכצנדיק אראָפּגעלאָזט אף דער באַנק.

די ארײַנגאַנג-טיר האָט זיך פּאַוואָליע געעפנט. אין שפּאַלט האָט זיך באוויזן וועלוועלס לאַנגע נאָז. וועלוועלע האָט שוין צו יענער צײַט אוועקגעוואָרפן דאָס טוירע-לערנען, פון וועלכן, ווי ער האָט געזען, ס'וועט סײַווי קיין טאָלק ניט ארויסקומען, און זיך גענומען צו דער בײַטש. איצט איז ער אף דער מעהומע ארײַנגעקומען אין שטוב מיט דער בײַטש אין האַנט, א שמאַרע געטאָן מיט דער נאָז און דערקלערט דעם איניען:

— פאַרשטייסט, מוישע-לייב, אז דו ביסט אוועקגעפאָרן, האָט זיך פאַרשפּרייט אין ווילקאָמיר דער קלאַנג, אז דו ביסט אוועקגעפאָרן קיין קיידאַן זיך שמאדן. איז דײַן שווי-גער צעפּלאָשעט געוואָרן, זיך געוואָרפן צו מיר, געהייסן שפּאַנען פערד-און-וואָגן. וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? אז זי צאָלט, פאָר איך...

— זיך שמאדן? ווער האָט עס אויסגעקלערט אזעלכע שטוסערײַען?

— שטוסערײַען? אוואַדע שטוסערײַען! כ'האָב דאָס אויך איר געזאָגט, נאָר זי האָט

קיין זאַך ניט געוואָלט הערן... פּאַר, און פּאַרטיק! נו, אז מע צאָלט, פּאַר איך... איך בין איצטער א שמײַסער.

— בייזע צינגער... זאָלן זיי אָפּגעדאַרט ווערן...

— פאַרשטייסט, מוישע-לייב, — וועלוועקע האָט פּאוואָליע אוועקגעשטעלט די בײַטש אין ווינקל און זיך אויסגעדרייט צום אוילעם. פון זײַן לאַנגער נאָז האָט אַראָפּגעשײַנט די איראָניע. — ביסט אליין אויך א ביסל שולדיק אין דער מײַסע. אנומלטן, געדענקסט, ווען עמעצער האָט פאַרפירט אין קלויז א שמועס וועגן מיסיאָנערן, האָסטו דערקלערט דעם אויפן, ווי זיי טײַטשן אויס דאָס וואָרט „גאָט", אַף לאַשנקוידעש „יהוה" — דו האָסט געזאָגט, זיי טײַטשן עס אויס: „ישוע הנוצרי ומלך המשיח"[1]. געזאָגט, הא?

— איך האָב דאָך געזאָגט, אז דאָס טײַטשן אזוי אויס זיי, און ניט איך.

— זיי, דו... א נאַפּקעמינע. דו האָסט עס באַדאַרפט בלויז זאָגן, ווי עס האָבן זיך שוין פאַרשפּרייט קלאַנגען... און דו נעמסט און פּאָרסט אוועק. איז עס אוועק כאַדאָראָם... אז מע ווייסט צו פיל, איז אויך ניט גוט. שוין בעסער זיך האַלטן בא דער בײַטש.

— טפו, ניט געדאַכט זאָל עס ווערן! — האָט אויסגעשפּיגן דער טאַטע, הירש דער באָנדער.

פונעם דערבײַיִקן כיידער האָט זיך דערהערט א געוויין. דאָס האָט זיך פאַנאַנדערגע-וויינט דאָס ייִנגסטע שוועסטערל.

מוישע-לייב איז אזש בלייך געוואָרן פון צאָרן.

— שוויגער! אַלץ האָב איך געקאָנט וואַרטן פון אײַך, נאָר ניט דאָס. כ'וועל קיינמאָל ניט אוועקוואַרפן מײַן ווײַב און מײַנע קינדער. און מײַן ייִדישקײַט אוואַדע ניט. ווען ס'איז איצטער ניט נאַכט, וואָלט איך אײַך געהייסן טייקעף אוועקפאָרן צוריק.

אזעלכע האַרבע ווערטער האָט די שוויגער געהערט פון איר איידעם צום ערשטן מאָל. זי האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

— נו, גוט. מירן שוין ווי-עס-איז זיך אײַנמאַסטען דאָ. איבערנעכטיקן און מאָרגן אינדערפרי אוועקפאָרן. אָבער...

— ניט אינדערפרי, נאָר טאַקע באַגינען, קעדיי אויסצומײַדן איבעריקע כאַרפּע...

— באַגינען איז באַגינען. אָבער וואָס טו איך מיטן פערד? מײַן פערד דאַרף אויך זיך אויסרוען, איבערשלאָפן, און דאָ איז דאָך אפילע קיין שטאַל ניטאָ.

— קום, איך וועל אַרײַנפירן דײַן פערד אין מײַן באָנדאַרניע.

מע האָט זיך ווי-עס-איז אײַנגענאַזשעט אין שטוב און איבערגעשלאָפן די נאַכט. אינדער-פרי, שוין גאַנץ שפּעטלעך, איז די פור מיט דער שוויגער אונטער וועלוועקעס א פריילעכן „ניאָ" אָפּגעפאָרן צוריק קיין ווילקאָמיר.

דרײַ פּאָר פײַנטלעך-נײַגעריקע אויגן האָבן באַגעגנט מוישע-לייבן בייס ער איז אַרײַנ-געטראָטן אין בעסדין-שטיבל. דאָס זײַנען געווען דיביידע גאַבאָיִם — שמואל דער שניטקרע-מער און כאַנטשע-פײַוויש דער קאַצעוו — און יאָסל דער ווּכערניק, אָדער יאָשקע-הויטשינ-דער, ווי מע האָט אים גערופן. דער לעצטער איז ניט געווען קיין גאַבע, נאָר ער האָט האָלט געהאַט זיך אַרומצודרייען אַרום קאָהאָלשע זאַכן.

אין בעסדין-צימער איז געווען א פאַרשטיקטע לופט. דעם איינציקן ניט-גרויסן פענצ-טער האָט מען, קענטיק, קיינמאָל ניט געעפנט, קעדיי אויסצולופטערן דעם צימער. עס האָט געשמעקט מיט כיילעוונע ליכט, מיט פאַרלעגענע ספאָרים און טוכלע בגאָדים.

אַלע דרײַ האָבן אויסגעצייכנט געוווּסט, נאָך וואָס דער אָנגעפאָרענער יונגערמאַן איז געקומען אַהער, נאָר קיינער האָט ניט געשפּאָלטן דאָס מויל — מע האָט געקוקט מיט א פײַנטלעכן בליק און געוואַרט.

מוישע-לייב האָט קורץ פאָרמולירט זײַן באַקאָשע.

— אזוי גאָר? א מעטריקע אַף צו קריגן א פּאַס האָט זיך דיר פאַרוואָלט... און פאַרוואָס האָסטו ניט געקאָנט נעמען אין ווילקאָמיר? — האָט א שטאָך געטאָן דער שניטקרעמער.

— ווײַל איך בין א געבוירענער אין קיידאַן און צוגעשריבן צו דער קיידאַנער קעהילע.

— אָנגעדאָסט אין ווילקאָמיר און געקומען זיך אָפּווישן דעם אָכער אין קיידאַן, — האָט מיט אן אומדערוואַרט דינינקער שטים בא זײַן מעגושמעדיקן גוף געזאָגט יאָסל דער ווּכערניק.

---

[1] יעשוא האַנויצרי אומעלעך האַמאָשיִאַך (העבר.) — יעשוע דער נאַזאַרעטער און דער קיניג מאָשיִעך.

— שאַ, רעב יאָסל, דאָ איז אַ בעסדין־שטיבל, ניט קיין מאַרק, — האָט דער שניטקרע־מער מעיושעוודיק אַ גלעט געטאָן זײַן שיטער בערדל. און צו מוישע־לייבן: — און אַ פאַ־מיליע־נאָמען האָסטו נאָך אויך ניט. דאַרף מען דיר, הייסט עס, געבן אַ פאַמיליע. איז וואָס פאַר אַ פאַמיליע זאָלן מיר דיר געבן?

מוישע־לייב האָט די לעצטע שירים זײַנע אין „המליץ" אונטערגעשריבן מיט דער פאַמי־ליע „הערליכטזאָן". ער האָט דאָס שוין געהאַלטן פאַר זײַן פאַמיליע־נאָמען, דערפאַר האָט ער רויִק געענטפערט:

— הערליכטזאָן.

דאָס איז געווען, ווי אַ באָמבע. אַלע האָבן זיך אויפגעקאָכט.

— אַזוי גאָר? הערליכטזאָן!.. ניט אַנדערש, ווי הערליכטזאָן ווילט זיך אים... אָנגע־מאַכט אונדז ביזיוינעס און וויל דאַפקע זײַן הערליכטזאָן...

— שטונקמאַן!

— איפּעשזאָן!

— שאַ, — האָט דער שניטקרעמער זיך קלוימערשט אָנגעבייזערט אויף זײַנע מיט־זיצערס, — פאַרגעסט ניט, וווּ איר געפינט זיך. דאָ איז ניט קיין מערכעץ.

ער האָט אָנגעקנייטשט דעם שטערן און ווידער אַ גלעט געטאָן זײַן שיטער בערדל.

— די שמאַד־שטיק דײַנע לאָז אָפּ. ביסט דער זון פון אַ באָנדער. דאַרף מען דיר געבן די פאַמיליע באָנדערזאָן. מאַסקים?

— ניין. כ'וועל גיין צום ראָוו.

9

דער קיידאַנער ראָוו איז געווען דער זעלבער, בײַ וועלכן מוישע־לייב, דעמלט נאָך אַן אָנהייבער, האָט געלערנט געמאַרע. דאַן איז ער געווען ניט נאָר זײַן טאַלמיד, ער איז געווען זײַן עווען־טויוו, זײַן ליבלינג, אין וועלכן דער ראָוו האָט זיך געשפּיגלט.

די רעבעצן האָט אין קיך אָנגעקוקט דעם אומגעריכטן גאַסט מיט אַ לאַנגן באַדויערנ־דיקן בליק. דאַן איז זי אַוועק אין הינטערצימער אים אָנצומעלדן. אינגיכן האָט זי זיך אומגעקערט און געזאָגט דעם יונגנמאַן, אַז ער מעג אַרײַנגיין צום ראָוו.

דער ראָוו האָט זיך שטאַרק פאַרעלטערט פאַר דער צײַט, וואָס מוישע־לייב האָט אים ניט געזען. די געדיכטע ברעמען זײַנען איצטער געווען גראָוו, די קנייטשן אויפן פּאָנעם — צאָלרײַכער און טיפער. נאָר די שוואַרצע אויגן, קלוגע און לעבעדיקע, זײַנען געווען די זעלבע, ווי אַמאָל. קיידאַן איז געווען ניט פון די גרעסטע שטעט אין ליטע, נאָר דער קיסיי־האַראַבאָנעס אין קיידאַן האָט זיך הויך געשעצט. פון דורעס אָן זײַנען דאָרט געזעסן אויפן קיסיי־האַראַבאָנעס אָנגעזעענע ראַבאָנים מיט אַ היפּשער ייִכעס־קייט.

דער ראָוו האָט מיט אַ קורצן שאָקל פונעם קאָפּ געענטפערט אויף דער באַגריסונג פונעם יונגנמאַן, געבעטן אים זיצן און אָנגעקוקט אים מיט אַ פאָרשנדיקן בליק. ער האָט געזוכט אין דעם שטאַלטנעם יונגנמאַן מיטן שיינעם פּאָנעם, אַרומגעצוימט מיט אַ פריש שוואַרץ בערדל, די שטריכן פון יענעם ייִנגל, וועלכער איז אים געווען אַזוי ליב און טײַער אין אויף וועלכן ער האָט געלייגט אַזוי פיל האָפענונגען. קענטיק, ער האָט זיי געפונען, אָט די שטריכן, ווײַל זײַן פּאָנעם האָט זיך אָנגעכמורעט, די גראָווע ברעמען האָבן זיך צוזאַמענגעצויגן, ער האָט אַ טיפן קרעכץ געטאָן און אַרויסגערעדט:

— פון וועמען, פון וועמען, נאָר פון דיר האָב איך עס ניט דערוואַרט. ניט אומזיסט איז געזאָגט געוואָרן: מהרסיך ומחריבך ממך יצאו[1].

— רעבע...

— שווײַג, אַז אַן עלטערער רעדט צו דיר! איך ווייס, וואָס דו ווילסט זאָגן. אַז דו ביסט ניט קיין מעהאַרעס און ניט קיין מעכאַרעוו, נאָר אַ מעכאַדעש! זײַ וויסן, אַז די ייִדישקײַט דאָס איז איין פולקומענע גאַנצע געבײַדע. נעמסט אַרויס פון איר איין ציגל, איז אַ סאַקאָנע, אַז די גאַנצע וואַנט וועט אײַנפאַלן און מיר וועלן, כאָלילע, אַלע באַגראָבן;

---

[1] מעהאַרסייך אומאַכריוווייך מימייך יעיצו (העבר.) — דײַנע צעשטערער און פאַרדאַרבער וועלן פון דיר אַרויסגיין.

ווערן אינטער אירע כורוועס. עס זײַנען מעגלעך מעפאַרשים, קאָמענטאַטאָרן, נאָר ניט קיין מעכאַדשים!

— אויב מיר וועלן די ייִדישקײַט באַטראַכטן, ווי אַ פאַרגליווערטע זאַך, וועט די יוגנט ביסלעכווײַז אָפּפאַלן פון איר. די טאַנאָים און אַמוראָים האָבן געהאַלטן אין איין צופּאַסן די טוירע צו דער צײַט, וואָס שטייט ניט אויף איין אָרט, זי האַלט אין איין ענדערן זיך.

— און אויב זי וועט דיך פאָלגן, וועט די יוגנט נאָך גיכער אָפּפאַלן, ווײַל זי פאַרלירט דעם גלויבן, אַז ייִדישקײַט איז אַ הייליקײַט, אין וועלכער קיין אָס טאָר ניט גערירט ווערן. איך ווייס: דו רייכערסט נאָך ניט אום שאַבעס און דאַוונסט דרײַ מאָל אַ טאָג. זיי, די יונגע, אויב זיי וועלן גיין אויף דײַנע דראָכים, וועלן זיי שוין זײַן אַפּיקאָרסים גמירים. ניט איטלעכער איז דאָס מעסוגל אַרײַנצולאָזן זיך אין טיפע כקירעס, און זיי וועלן גיך פאַרבלאָנדזשעט ווערן, אויב זיי וועלן ניט זײַן גלויביק. זיי וועלן שוין רייכערן אום שאַבעס און ניט דאַוונען צום אייבערשטן.

דער ראָוו האָט שווער אָפּגעזיפצט און איז אַריבער פונעם פּאָלעמישן טאָן אויף זײַן געוויינלעכן, מאַגידישן:

— דו ווייסט דאָך די מײַסע פון טאַלמוד וועגן די פיר, וואָס זײַנען אַרײַן אין פאַרדעס, און ווייסט דאָך, וואָס דאָס מיינט. פיר טאַנאָים האָבן זיך אַרײַנגעלאָזט אין די דאָזיקע לימודים, וואָס גרייכן אין הימל-גאָרטן אַרײַן: בען אַזאַי, בען זומאַ, עלישע בען אַבויע און רעב אַקיווע. בען אַזאַי האָט אַ קוק געטאָן און איז געשטאָרבן, בען זומאַ האָט אַ קוק געטאָן און איז אַראָפּ פון זינען, עלישע בען אַבויע איז פאַרדאָרבן געוואָרן, שלעכט פאַרשטאַנען און אָפּטריניק געוואָרן פונעם גלויבן. דער איינציקער — רעב אַקיווע איז אַרײַן און אַרויס בעשאָלעם. דער איינציקער! פאַרשטייסט? און דו? דו ביסט געגליכן צו עלישע בען אַבויען, וועלכער איז אָפּטריניק געוואָרן פונעם גלויבן, און דערפאַר האָט מען אים אָנגערופן „אַכער", אַ פרעמדער, אַן אַנדערער.

— פאַרגעסט ניט, אַז רעב מייער האָט געלערנט טוירע בײַ עלישע בען אַבויען אַפילע נאָך דעם, ווען ער, זײַן לערער, איז שוין געווען אַן אַכער!

— וואָס עמעס, איז עמעס, טוירע קענסטו.

— און רעב אַקיווע, דער גרויסער אַקיווע, וואָס איז אַרויס פון פאַרדעס בעשאָלעם, איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער לערנער, נאָר אויך אַ גרויסער קלאַל-טוער. בײַ דאָס ייִדישע פאָלק איז אויפגעשטאַנען קעגן דעם יאָך פון די רוימער, איז אַקיווע געווען דער גײַסטיקער אָנפירער פונעם אויפשטאַנד, ער האָט זיך געשטעלט בײַ דער זײַט פון באַר-קאָכבאַ, געווען זײַן פּאָליטישער יויעץ, דער באַגײַסטערער פון זײַנע סאָלדאַטן, דער פּאָליטישער אָנפירער פון די מאַסן. און ס'איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, מיט וואָס רעב אַקיווע איז אַרײַן אין דער ייִדישער געשיכטע אַלס אַזאַ ליכטיקע פיגור: מיט זײַן לערנען טוירע, אָדער מיט זײַן אַקטיווער ראָליע אינעם אויפשטאַנד קעגן דעם רוימישן יאָך.

— נעמסט אַן אויסנאַם-פאַל, מײַן זון, — דעם ראָווס שטים האָט געקלונגען אומדערוואַרט ווייך. מיר לעבן אין גאָלעס, און מיר האָבן אַן איינהײַטלעכע ייִדישקײַט, אַן איינציקע! און דו, מוישע-לייב, מײַן אַמאָליקער בעסטער טאַלמיד, האָסט געוואָגט אויפצוהייבן אַ האַנט קעגן אָט דער ייִדישקײַט!

מוישע-לייב האָט געשוויגן. ער האָט געוווּסט, אַז ס'איז ניט אַזוי. ס'זײַנען דאָ צוויי ייִדישקײַטן. איינס אַ קויהאַנישע, אַ דאָגמאַטישע און די אַנדערע — אַ נעוויִישע, אַ יוישערדיקע. פאַר די אָנהענגער פון דער קויהאַנישער ליניע איז אָפּהיטן קאַשרעס מער מיצווע, ווי לעבן פון אייגענער פראַצע, און רייכערן אום שאַבעס איז אַ גרעסערע אַווירע, איידער גנייווע און גזיילע. אַנטקעגן אָט דער ליניע שטייט אָבער די נעוויִישע ליניע, וועלכע שפּראָצט אַרויס אומיטלבאַר, אָן געקינצלטע פּירושים און אָן דרייעלנישן מיטן גראָבן פינגער, פון די ספאָרים פון די נעוויִים און וואָס שטעלט יוישער און גערעכטיקײַט העכער פאַר אַלע אויסערלעכע (און אָפט אָפּגעלעבטע) סימאָנים פון דער רעליגיע.

ווער איז דער מענטש, וואָס זיצט אַנטקעגן אים? אַ „נאָווי"? אַ „קויהען"? מוישע-לייב האָט אים גוט געקענט אַלס יוישערדיקן און גערעכטן מענטשן. אָבער דער אמת זײַנער אַלס פאַסטעך פון אַ געמיינדע צווינגט אים אָפטמאָל צו זײַן אומבייגזאַם „קויהעניש". „אויף איין פּערטל אַ „נאָווי" און אויף דרײַ פּערטל אַ „קויהען" — האָט באַשלאָסן מוישע-לייב. אַרויסזאָגן דאָס אַלץ האָט ער ניט געטאָרט: דאָס וואָלט באַטײַט באַגראָבן דעם איניען, צוליב וועלכן ער איז געקומען אַהער. נאָר דער שווײַגן אין אים האָט אים געשטופּט אַרײַנצוזאָגן דעם „איינפּערטלדיקן":

— אין וואָס שײַעך בען אזאי, איז די לעגענדע ניט גערעכט. בען אזאי איז ניט געשטאָרבן, ווען ער איז ארויס פון פּאַרדעס. ער האָט ווײַטער געלעבט, זיך באַטייליקט צוזאמען מיט רעב אקיווען אין באַר־קאָכבאס אופשטאנד און אין א געוויסער מאָס אפילע אריבערגעשפּיגן רעב אקיווען.

— דעהײַנע? — האָט דער ראָוו אופגעהויבן זײַנע געדיכטע ברעמען.

— רעב אקיוועס ארויסזאָג איז געווען: ואהבת לרעך כמוך — זה כלל גדול בתירה. זאָלסט ליב האָבן דײַן פרײַנט, ווי זיך אליין — דאָס איז דער גרעסטער קלאַל אין דער טוירע. דאקעגן האָט בען אזאי דעם זעלבן קלאַל ארויסגעזאָגט ברייטער: ואהבת לרעך כמוך — זה ספר תולדות אדם. זאָלסט ליב האָבן דײַן פרײַנט, ווי זיך אליין — דאָס איז דער איקער פון דער מענטשלעכער געשיכטע. אקיווע האָט פאַרשפּרייט זײַן דאָגמע נאָר אף יידן, בען אזאי האָט דעם פרינציפּ ציגעגעבן אן אלגעמיין מענטשלעכן כאראקטער.

דער ראָוו האָט אראָפּגעלאָזט די ברעמען, א לײַכטער שמייכל האָט באַרירט די ווינקלען פון זײַן מויל אונטער די וואָנצעס.

— איך מיין, אז דאָ איז גערעכט רעב אקיווע. ער האָט געזאָרגט פאַר די יידן. און פאַר ניט־יידן איז געווען, ווער ס'זאָל זאָרגן. צום בײַשפּיל, דער זעלבער שאָול פון טאַרשיס, דער ייד, וואָס איז באַקאַנט אין דער קריסטלעכער וועלט אלס אפּאָסטאָל פּאָול.

ער האָט מיט פרייליכע אויגן א קיק געטאָן אף זײַן מיטשמועסער:

— אײַ, מוישע־לייב, האָסט דאָך א גאָלדענעם קאָפּ. וואָלסט געקאָנט ווערן א ראָוו בא יידן אין א גרויסער קעהילע, א ראָוו א מעפורסעם...

„א ראָוו א מעפורסעם"... מוישע־לייב האָט ניט איין מאָל געקלערט וועגן דעם. ווייטעקלעך איבערלעבט דעם געדאַנק און יעדעס מאָל געקומען צום אימפּאַרמײַדלעכן אויספיר: דאָס איז אימעגלעך פאַר אים. א ראָוו אין דער קעהילע איז ניט נאָר דער לערנער, וואָס ווייסט דעם דין פון דער טוירע, נאָר אויך דער, וואָס סאַנקציאָנירט מיט זײַן מאָראַלישן אויטאָריטעט די פירונג אין דער קעהילע. און די דאָזיקע פירונג איז ווײַט ניט קיין גערעכטע — די רײַכע, די „מיזרעך"־יידן, די טאַקיפים האָבן פאַרכאַפּט די אָנפירונג אין דער קעהילע און פירן זי לויט זייער ווילקיר, באַאוולענדיק, באַרויבנדיק און אונטערדריקנדיק די מאַסע. דער ראָוו, מעג ער זײַן ווי פרום אין יוישערדיק ער וויל, איז מער ניט, ווי א שפּילצײַג אין זייערע הענט, א שירמע, הינטער וועלכער זיי טוען אָפּ זייערע מיִעסע זאַכן. אניט — איז אָך־און־ווײ צו אים: זיי וועלן אים אײַנברעכן, אָדער פּאָטער ווערן פון אים.

— ניט קיין ראָוו און ניט קיין מעפורסעם, — האָט מוישע־לייב מיט א שטילן אין פּעסטן טאָן געענטפערט. — דאָס איז פאַר מיר אן אומעגלעכע זאַך. רעבע, איר געדענקט, ווי איך האָב אמאָל זיך פאַנאַנדערגעוויינט, געשלוכצט און ניט געקאָנט זאָגן דעם שיִור?

— יאָ, כ'געדענק. דאָס איז געווען, ווען דײַן מאַמע איז געשטאָרבן.

— ניין. ווען מײַן מוטער איז געשטאָרבן, איז דאָס געשען איין מאָל. איך בין דעמאָלט געווען צען יאָר אלט. אָבער דער פאַל, וועגן וועלכן איך רייד איצט, איז פאָרגעקומען מיט א יאָר שפּעטער, ווען ס'איז אָנגעגאַנגען די גרויסע רעקרוטשינע. דאַן האָט מען בא דער אָרעמער אלמאָנע גיטל צוגענומען איר איינציקן זון, קעדיי די קעהילע זאָל געבן די געהעריקע צאָל רעקרוטן. און די בײַבאַקעס פון די גווירים, פון די קאָהאָלשע רעדלפירער, זײַנען ארומגעגאַנגען פראַנק און פרײַ. די אלמאָנע האָט דעמאָלט געקערט וועלטן, זיך אריפגעריסן אף דער בימע, געשריִען, געיאָמערט, ניט געלאָזט לייענען די טוירע. איז מען געזעסן מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ און געשוויגן. און קיינעם איז ניט אײַנגעפאַלן אופצוהייבן זײַן שטים קעגן דער אומגערעכטיקײַט, וואָס די קעהילע איז באַגאַנגען. קיינעם ניט, אין דעם ראָוו אויך ניט! זײַנען די שיינע יידן געזעסן מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ א גוטע שאָ, ביז די אומגליקלעכע אלמאָנע איז אָנמעכטיק געוואָרן און דאַן האָט מען זיך גענומען לייענען די טוירע.

— איך געדענק ניט אזא פאַל.

— רעבע, וואָס רעקרוטשינע איז, דאַרף איך אײַך ניט זאָגן. און דעמאָלט, מיט א פופצן יאָר צוריק, איז זי געווען נאָך שרעקלעכער. קיינער, אָבער טאַקע קיינער פון די רעקרוטן, וואָס זײַנען דעמאָלט גענומען געוואָרן, האָט זיך ניט אומגעקערט אהיים.

— יאָ, די רעקרוטשינע איז דעמאָלט געווען א שרעקלעכע גזיירע...

— אָבער די גזיירע האָט קימאַט ניט אָנגערירט די טאַקיפים, די רעדלפירער פון דער קעהילע. זייערע זינדלעך זײַנען אלע געווען „בעניאָכידס", אָדער בִיכלאַל ניט געווען פאַרשריבן. „נעעלאָמס" (פאַרבאָרגענע) — און פאַרטיק! און אז עס קומט די צײַט, קריגט

מען פאַר די „נעעלאַמס" פאַר געלט אַרויס אַ פּאַס. אַזוי קינציק פירן זיי די קעהילע-רעיעסטערס. און די רעקריטשינע איז ניט די איינציקע אומגערעכטיקייט, וואָס די „זייַדענע זשופּיצעס" באַגייען. נעמט די פּאַרטיילונג פון דער קאַראָבקע, פון די אימציילקע טאַקסעס, וואָס לייגן זיך אויף די יידן, — די גאַנצע שווערקייט פון זיי ליגט אויף די פּלייצעס פון די אָרעמע, פון די יעגיאַס-קאַפּאימניקעס. און דאָס אַלץ ווערט געטאָן אויב ניט לויטן באַפעל, איז מיט דער שווייַגנדיקער האַסקאָמע פונעם ראַוו.

— די אורטיילסט צו האַרב, מייַן זון.

— ניין, רעבע. דערמאָנט זיך די שוידערלעכע צייַט פון די כאַפּערס. זיי זייַנען פראַנק און פרייַ אַרומגעפאָרן אין בריטשקעס איבער די וועגן, און אַז זיי פלעגן זען אַ יידן, אַלציינס וועלכן: אַ יינגערן, אַן עלטערן, אַ כאַסענע-געהאַטן, אָדער אַ באָכער, פלעגן זיי אים בינדן די הענט און די פיס, צושטעלן אים אין שטאָט און קריגן פון דער קעהילע פאַר אים דעם אייַנגעשטעלטן סכאַר. און די זייַדענע „מיזרעך"-יידן האָבן געצאָלט, אַבי אויסציהיטן זייערע אייגענע זינדלעך. די פאַראָרדענונג פון דער רעגירונג איז נעגייע געווען בלויז יידן אָן פּעסער, אָבער די פלעגן כאַפּן אַלעמען. און טאָמער האָט דער געכאַפּטער געהאַט אַ פּאַס, פלעגן זיי אים צונעמען, צערייַסן, און פאַרטיק — דער ייד איז אַ פּאַספאַרטלאָזער.

— די גזירע איז שוין, גאָט צו דאַנקען, אָפּגעשאַפט געוואָרן.

— אָבער בייס די דאָזיקע כאַפּערס האָבן געבושעוועט, האָט זיך ניט אייַנגעפינען קיין איין ראַוו, אָבער טאַקע קיין איינער ניט, ניט אין ליטע און ניט אויסער ליטע, וואָס זאָל אָט די אייסוורפן אַרייַנלייגן אין כיירעם! איך האָב ספּעציעל געפאָרשט דעם איניען, רעבע, און איך ווייס עס גענוי. דער כיירעם איז נאָך דעמלט געווען אַ מעכטיק געווער. מע האָט אויסגערופן כיירעמס קעגן קאָנטראַבאַנדיסטן, קעגן מענטשן, וואָס זייַנען באַגאַנגען נישטיקע רעליגיעזע פאַרברעכנס, אָבער ניט קעגן אָט די אויסוורפן, קעגן די כאַפּערס.

— דעם כיירעם קעגן די קאָנטראַבאַנדיסטן האָט געפאָדערט די רעגירונג. צופיל יידן האָבן זיך אין אונדזערע קאַנטן פאַרנומען מיט קאָנטראַבאַנדע און די קאַזנאַ האָט דער-פון געליטן גרייסע שאָדנס...

— די רעגירונג האָט געפאָדערט, און דער געוויסן האָט ניט געפאָדערט... ניין, רעבע, איך האָב וועגן דעם אַ סאַך געטראַכט. אַ ראַוו וואָלט איך ניט געקאָנט זייַן. מיר איז אַ סאַך ליבער די אַרויסזאָגונג פונעם ערלעכן פראַנקפורטער ראַוו רעב שמואל-רעפאָעל הירש, וועלכער האָט געזאָגט אין זייַן סייפער, אַז דער טאַנאַך הייסט לערנען כאָכמע בא דער מורעשקע, וואָס שלעפּט מאַסעס, גרעסערע, ווי זי אַליין. לעבן פון מעלאָכע איז ערלעכער, ווי פון ראַבאָנעס. די געמאָרע גופע שטעלט מעלאָכע העכער. און אין טילים שטייט: „יגיע כפך כי תאכל, אשריך וטוב לך"[1].

די דאָזיקע ווערטער האָבן געהאַט אַן אומדערוואַרטע ווירקונג. די אַקסלען בא דעם ראַוו האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, איבערן פּאָנעם איז אַדורך אַ וואָלקן און זייַנע גרויסע אויגן אונטער די שווערע אייגן-לעפּלעך האָבן זיך געבעטן ראַכמים: שאָנעווע מיך, שאָנעווע... מיישע-לייב האָט שוין כאַראָטע געהאַט אויף זייַנע ווערטער. דער דאָזיקער מענטש איז געווען זייַן ערשטער מאַדריך, צו וועלכן ער האָט געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי און יירעס-האַקאָוועד.

דער געפיל פון מיטלייַד האָט אַרויסגערופן בא אים נאָך שטאַרקערע אָפּהאַרציקייַט.

— רעבע, בייס איך בין אוועקגעפאָרן פון אייַך, בין איך געווען פרום, וואָס פרומער קאָן שוין גאָר ניט זייַן. מייַן באַליבטער סייפער איז געווען מיישע קאָרדאָוועדס „ראשית חכמה"[2]. איך האָב זיך געפּירט, ווי ער האָט אָנגעוויזן. אַרומגעגאַנגען אויף איינזאַמע וועגן, געסטאַרעט זיך צו קוקן ניט ווייַטער פון די דאַלעדאַמעס. קאָנצענטרירט מייַנע געדאַנקען אויף איין זאַך: אַרויסרופן אין געדאַנק עלייאָהו האַנאָווי. עפּשער וועל איך זוכע זייַן אים צו זען, וועל איך כאַטש אויף איין רעגע דערנעענטערן דעם ביאַס-מאָשיאַך... נאָר איך האָב אים ניט געטראָפן. בלויז איינמאָל געטראָפן אַן אַלטן פייער, אַ בינענציכטלער. אָבער יענער איז ניט געווען עלייאָהו האַנאָווי. און שפּעטער... שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז הייַנט-צו-טאָג טאָר מען זיך ניט אויפירן לויט די אָנווייַזונגען פון יענעם שפּאַנישן

[1] יאַגיאַ קאַפּעכאַ קי טויכאַל, אשרעכאַ וועטויוו לכאַ (העבר.) — האָרעווע מיט דייַנע הענט, קעדיי צו עסן, וועסטו גליקלעך זייַן און דיר וועט זייַן גוט.

[2] ריישיס כאָכמאָ (העבר.) — די גרונט-האַנאָכעס פון דער כאָכמע.

מעקובל, וואָס האָט געלעבט מיט עטלעכע יאָרהונדערט צוריק און איז געשטאָרבן אין ערעץ־יִסראָעל אין צפאַט, אין דער שטאָט פון קאַבאָלע.

— זון מײַנער, קאַבאָלע־ספאָרים זײַנען ניט פאַר דיר. זאָלן מיט דעם וועג גיין די צע־האָצקעטע כאַסידים. איך קען דיך פון קינדווײַז אָן. דו ביסט א ניכטערער ליטווישער מויעך. דו דאַרפסט גיין מיטן וועג, וואָס עס האָט אונדז אָנגעצייכנט דער ווילנער גאָען, זיכרוינאָ צאַדיק ליווראָכאָ, מיטן וועג פון לערנען טוירע, און נאָר טוירע. דו האָסט זיך אָבער אַרײַנ־געלאָזן אין ספאָרים כיצוינים, ביסט געוואָרן אן אכער!

— אן אכער?

— יאָ, אן אכער.

— ניין, רעבע, איך בין ניט קיין אכער. איך בין פרום, ווי יעדער פרומער ייִד. און וואָס שײַעך די וועלטלעכע וויסנשאַפטן, איז דאָך דער ווילנער גאָען אויך ניט געווען פרעמד צו זיי. לויט זײַן אָנרעגונג זײַנען געשאַפן געוואָרן אָפּ לאָשנקוידעש ביכער וועגן נאַטורוויסנ־שאַפט, מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע.

— יאָ, אָבער ער איז ניט אַריבערגעטראָטן, כאָלילע, די גרענעצן פון דער טוירע.

— רעבע, איך וועל אויך קיינמאָל ניט אַריבערטרעטן אָט די גרענעצן. די מאָדערנע וויסנשאַפט לערנט, אַז די וועלט האַלט זיך אין קעסיידערדיקן אַנטוויקלען פון נידעריקע פאָרמען צו העכערע. און דער מענטש, וואָס איז די העכסטע פאָרם פון לעבן אָפּ דער וועלט, אַנטוויקלט זיך אויך קעסיידער, ביז ער וועט דערגרייכן זײַן העכסטע שליימעסדיקע פאָרם. און דאָס פאַלט צונויף מיט דער נעווועע פון אונדזערע נעוויִים, וועלכע פריידיקן די פאַרפול־קומונג פון דער וועלט און פון דעם מענטשן ביז צום שליימעסדיקן „והיה באחרית הימים"[1].

דער ראָוו האָט אן אויפמערקזאַמען בליק געטאָן אפן יונגנמאַן.

— דאָס שמעקט שוין ניט מיט אכערן, נאָר מיט עפּעס ערגערס. שאָול פון טאַרשיס האָט געוואָלט צופּאַסן די ייִדישקײַט צו ניט־ייִדן און געענדיקט דערמיט, וואָס ער איז גע־וואָרן פּאָול דער אַפּאָסטאָל, דער גרינדער פונעם קריסטנטום.

— דאָס דראָעט מיר ניט, — האָט מיט א שטילער אַקשאָנעס געזאָגט מוישע־לייב, — איך בין געבוירן געוואָרן דער ייִד מוישע־לייב און וועל בלײַבן דער ייִד מוישע־לייב.

— נאָר דו זוכסט א פאַמיליע און צוליב דעם ביסטו געקומען צו מיר.

עס האָט זיך אײַנגעשטעלט א שטילקײַט. מוישע־לייב איז געווען אומצופרידן פון זיך. שטענדיק איז עס אַזוי בא אים. ער איז צו גראָדליניק און אָפנהאַרציק, קאָן ניט אָנקומען צו שפּיצלעך און דריידלעך. דערפאַר האָט ער געליטן א מיִעסן דורכפאַל בייס ער האָט זיך אָוועקגעלאָזט, לויט דער אייצע פון זײַן שוויגער, האַנדלען. און אויך דאָ, אַז ער איז געקומען אויסצופּויעלן באַם ראָוו אן אָנשטענדיקן פאַמיליע־נאָמען, האָט ער זיך אַרײַנגעלאָזן אין אומ־נייטיקער פּאָלעמיק אָנשטאָט צו כאַנפענען און ריידן זיסע רייד.

צו זײַן גרויסער פאַרוווּנדערונג האָט דער ראָוו געקוקט אָפּ אים מיט גוטע מילדע אויגן. דאָס זײַנען געווען די זעלבע אויגן, מיט וועלכע דער ראָוו האָט געקוקט אָפּ אים אַמאָל, בייס ער איז געווען זײַן טאַלמיד.

— גוט, — האָט ער ענדלעך געזאָגט, — כ'וועל ריידן מיטן גאַבע, ער זאָל דיר געבן די פאַמיליע, וואָס דו ווילסט. אָבער מיט איין טנײַ.

— וואָסער טנײַ?

— זאָלסט א יאָר צײַט נישט שרײַבן ניט אין די גאַזעטן, ניט אין די זשורנאַלן.

— מאַסקים! — האָט מוישע־לייב טייקעף געזאָגט. אים שטייט פאָר איצטער אַרויס־צופאָרן, זוכן פּאַרנאָסע, זיך אײַנאָרדענען. ער וועט סײַווי־סײַ ניט האָבן די מעגלעכקײַט צו שרײַבן.

ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיטן ראָוו און איז אַוועק צום אַרויסגאַנג. שוין האַלטנדיק די האַנט אָפּ דער קליאַמקע, האָט ער זיך א קער געטאָן צום ראָוו.

— רעבע, פאַרוואָס עפּעס א יאָר?

— ווײַל דו האָסט זיך צוגעכאַפּט צו פרעמדשפּראַכיקע ביכער און ביסט פאַרשיקערט געוואָרן. איך האַלט, אַז אין א יאָר צײַט וועט די שיקרעס בא דיר פאַרבײַגיין. דו ביסט א ניכטערער קלאָרער מויעך, א ליטווישער מויעך. און א טאַטע ביסטו דאָך, דאַכט זיך, אויך?

— איך האָב צוויי זינדלעך, זאָלן לעבן.

— זעסטו דאָך! שוין צײַט, זאָלסט מעיושעוו ווערן. איך האַלט, אַז א יאָר צײַט איז גענוג פאַר דיר, זאָלסט זיך אויסניכטערן.

---

[1] וועהאָיאָ בעאַכריס האַיאָמים (העבר.) — און עס וועט זײַן אין דער ענד־צײַט פון די יאָרן.

אין א פּאָר שאָ אַרום איז מוישע-לייב אַרײַן אין בעסדין-שטיבל. אויסער די ביידע גאַ-באַים און דעם אומפאַרמײַדלעכן יאַשקע-הויטשינדער זײַנען דאָרט געווען נאָך עטלעכע ייִדן. קענטיק, מע איז געקומען אָנקוקן דעם בייזוואונדער.

נאָר קיין בייזוואונדער איז ניט געשען. שמועל דער שניטקרעמער האָט קורץ געזאָגט:

— הערליכטזאָן דאָס איז ניט קיין פאַמיליע-נאָמען. דאָס איז א צונעמעניש אונטער-צושרײַבן א פּאַסעלן שיר אין א בלאַט. מיר וואָלטן דיר געקאָנט געבן „ראָזענבלום" — א שיינע פאַמיליע. נאָר מיר האָבן שוין לעצטנס עטלעכע „ראָזענבלומס". איז קלײַב זיך אויס עפּעס ענלעכס.

— לילִיענבלום, — האָט מוישע-לייב געזאָגט נאָך א קליינער טראַכטעניש.

— זאָל זײַן לילִיענבלום.

10

צוריק איז ער געפאָרן מיט אַן אומגעוויינלעך לײַכטן געמיט. דער ייִנגלשער אומגליק-לעכער פּרוּוו צו אַנטלויפן, וואָס האָט זיך אַזוי טראַגיש געענדיקט, איז שוין אין ווײַטן אָוואַר. איצטער האָט ער א פּאַס. ער קאָן פאָרן פראַנק און פרײַ, וווּהין ער וויל. די וועלט איז אָפן פאַר אים. און ער איז נאָך ניט אַזוי אַלט, ער זאָל ניט קאָנען אָניאָגן די אין ניוועץ פאַרגאַנ-גענע יאָרן.

דער פרימאָרגן איז געווען א ליכטיקער, א זוניקער. דער וועג א גלאַטער, ערטערווײַז באַשטאַט מיט זשוויר. דאָס פערדל האָט מונטער געשפּאַנט, די פור האָט זיך פריילעך גע-קײַקלט פאַרויס מיט א סקריפּערײַ און בראַזגערײַ פון אירע הילצערנע און אײַזערנע איינורים. אַרום זײַנען געלעגן פעלדער, דערווײַל נאָך שווארצע, נאָר שוין שוואַנגערע מיט גרינע זוי-מען, וואָס וועלן אָט-אָט אַרויסשפּריצן פון זייער אינגעווייד.

פּאַרנט, ווי א טונקלע טאַשמע, איז געשטאַנען א וואַלד און איבער אים זײַנען אומבאַ-וועגלעך געהאַנגען העל-גרויע וואָלקנדלעך. די פור איז געפאָרן און געפאָרן, און די טאַשמע איז אַלץ נעענטער געוואָרן, און די וואָלקנדלעך זײַנען אַלץ געשטאַנען איבער איר, ווי זיי וואָלטן זי אָפּגעהיט פון פײַנטלעכע קויכעס.

אין מוישע-לייבס מויעך האָבן זיך וואָגיק א באַוועג געטאָן געדאַנקען. וואָס האָט דער ראָוו געזאָגט? אַז ער, מוישע-לייב, איז אַן אַכער. גוט, ער איז טאַקע אַן אַכער, אַן עלישע בען אבויע. ער וועט אָנשרײַבן א „משנה אלישא בן אבויה"! ער וועט עס אָנשרײַבן מיט אַלע פישטשעוקעס, ווי אַן עכטע געמאָרע, אַזוי אַז א מענטש, וואָס איז ווייניק באַהאַוונט, וועט עס ניט אונטערשיידן פון אַן עמעסער געמאָרע. עס וועט דאָרט זײַן דער הויפּט-טעקסט, גע-דרוקט מיט גרויסע העברעיִשע אויסיִעס און אַרום אים די געהעריקע קאָמענטאַרן פון מע-פאַרשים, געדרוקטע, ווי אין יעדער געמאָרע, מיט ראַשע-שריפט. דאָס וועט זײַן א געמאָרע-פּאַראָדיע, א געמאָרע-סאַטירע, א כויזעק-געמאָרע. ער וועט אין איר אַרײַנלייגן זײַנע פאַר-הוילענע, פאַרבאָרגענע געדאַנקען. דאָס וועט זײַן א שאַרפזיניק-סאַרקאַסטיש ווערק, אין וועלכן ער וועט אָדאָם-נאַקעט אַרויסשטעלן די פּילפּל-מעקענע, וועלכע דוירעס טמימעסדיקע מענטשן האָבן געקײַט און מאַלעגיירעט.

די פור האָט זיך געקײַקלט, נאָר מוישע-לייבס (איצט שוין לילִיענבלומס) געדאַנקען זײַנען געפלויגן ווי א ווינטער. איין שאַרפזיניקער געדאַנק האָט אַרויסגערופן א צווייטן, נאָך שפּיציקערן, און יענער האָט פאַרטשעפּעט א נײַעם, א נאָך טיפערן און מער סאַרקאַסטישן. זײַנע געדאַנקען זײַנען ענלעך געווען צו א טשאַטע פייגל, וועלכע זײַנען געווען פאַרשפּאַרט אין א שטײַג, און דאָ האָט עמעצער אַן עפן געטאָן די שטײַג און די פייגל, פּאָכענדיק מיט די פליגל און שרײַענדיק פון פרייד, האָבן זיך א לאָז געטאָן אין פרײַען זון-באַלויכטענעם הימל.

מוישע-לייב איז געווען ניט קיין מעלופן-קינד אין שרײַבערײַ. אָבער אַזאַ צושטאַנד פון שעפערישער דערהויבונג האָט ער נאָך קיינמאָל ניט איבערגעלעבט. דאָס, וואָס ער האָט ביז איצט געטאָן, איז געווען די אַרבעט פון אַן אַקערער, וועלכער גראָבט טיף אין דער ערד, איבערקערנדיק פּלאַסטן, קעדיי אַרויסצוהייבן דאָס נייטיקע, דאָס איינציקע, וואָס איז מעסוגל צו פרוכפּערן. איצטער איז ער ענלעך געווען צו א גערטנער, וועלכער ציכטעט אויס בלומען לויט זײַן פאַנטאַזיע, איינע שענער פאַר די אַנדערע, און זאַמלט זיי צונויף אין אַן איינציקן פּרעכטיקן בוקעט.

שיקרעס? יאָ. אָבער דאָס איז געווען שיקרעס פון שעפערישקייט, די סאַמע זיסע שיקרעס, וועלכע דערהייבט דעם מענטשן אַף די פליגלען פון דער שכינע.

די פור האָט געקייקלט, און מוישע-לייב האָט „געשריבן“ זײַן בוך. זײַט נאָך זײַט האָט ער געבלעטערט זײַן ווערק, אַזוי ווי עס וואָלט שוין בעעמעס געווען אָפּגעדרוקט. ער האָט בוילעט געזען יעדן דאַף מיט דער העברעיִשער מישנע אינמיטן, אַן ארומגעזוימטע מיט די מעפאַרשים אין ראַשע-שריפט אַף העברעיִש און אַראַמעיִש, און געשעפּט האַנאָע פון די שאַרפזיניקע האַמצאָעס און סאַטירישע אײַנפאַלן.

ער האָט געגעבן א וואָרט ניט צו שרײַבן בעמעשעך פון א יאָר? יאָ, אָבער דאָס איז דאָך געמיינט געווען ניט צו דרוקן בעמעשעך פון א יאָר. שרײַבן מעג ער. ביז ער וועט עס אָנשרײַבן און אָפּדרוקן, וועט אַריבערגיין א יאָר, אויב ניט מער[1].

אופגעכאַפּט זיך פון זײַן שעפערישן עקסטאַז, האָט ער זיך אַרומגעקוקט. די טונקלע טאַשמע, וואָס האָט זיך פריִער געזען אַפן האָריזאָנט, איז שוין געווען נאָענט. ס'איז געווען א געדיכטער סאָסנאָווער וואַלד. די וואָלקנדלעך איבער אים זײַנען געווען ניט העל-גרויע, נאָר טונקלע, אָבער זיי האָבן אַלץ געהאַלטן זייער וואַכטע איבערן וואַלד. דאָס פערדל איז געלאָפן מונטער, דער וואָגן האָט זיך פריילעך געקייקלט.

— א גוטע יאַזדעטשקע, הא, רעב פיניע? — האָט מוישע-לייב געזאָגט דעם באַלעגאָלע.

דער האַלב-דרעמלענדיקער באַלעגאָלע האָט זיך אויסגעטשוכעט און צופרידן באַקוקט דעם פּאַסאַזשיר.

— פון סאָקע פּאַסאָקע האָט דאָס פערד א מאַקע[2], — האָט דער באַלעגאָלע געזאָגט אַף זײַן ליטווישן דיִאַלעקט. — נאָר אַז איך האָב אים גוט אָנגעהאָדעוועט און געגעבן א טאָרבע האָבער, איז טאַקע א מעכײַע צו זען, ווי ער שטעלט די ראַגלאַיִם.

פיניע דעם באַלעגאָלע האָט מוישע-לייב נאָך געדענקט פון אַמאָל. פיניע האָט זיך קימאַט ניט געענדערט פאַר די לעצטע צען יאָר. ער איז נאָר א ביסל נאָך אײַנגעשרומפּענטער געוואָרן און דאָס קליין פּענעמל איז נאָך מער ענלעך אַף אַן אויסגעטריקנט עפּעלע, די אויגן — קליינע, ביסטרע, שאַלקהאַפטע.

דער וועג האָט שוין געהאַלטן באַם אַרײַנציִען זיך אין וואַלד. פיניעס כיטרע אייגעלעך האָבן באַטאַפּט דעם פּאַסאַזשיר.

— אָט דאָ אין וואַלד איז מיט א פּאָר יאָר צוריק נאָך געווען געפערלעך צו פאָרן. עס האָבן זיך נאָך דאָ ארומגעדרייט אָטריאַדן פון די „מיאַטיעזשניקעס“, און זיי האָבן געטאָן מאַמזערישע שטיק. א סאַקאָנעס-נעפאָשעס געווען מיט זיי זיך צו טרעפן. אָבער הײַנט איז שוין אָן געפאַר. אָבער פון די פריִערדיקע צײַטן נאָך איז בא מיר פאַרבליבן די געוווינהײַט... אופמינטערן זיך א ביסל, ווען מע פאָרט אַרײַן אין וואַלד... האָט ניט קיין פאַריבל...

ער האָט א שאַר געטאָן מיט דער האַנט אונטערן געזעס און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט א פלעשל, וואָס איז אײַנגעוויקלט אין א שמאַטע. דאָס לינקע אייגל האָט א קאָסיע געטאָן אַף מוישע-לייבן.

— איז עפשער וועט איר מיטהעלפן?

די ערשטע באַוועגונג פון מוישע-לייבן איז געווען זיך אָפּצוזאָגן. נאָר דאָס שרעטעלע אין אים האָט פלוצעם גענומען ס'לאָשן: „און פאַרוואָס טאַקע ניט? דו האָסט דאָך אָקאָרשט פאַרפאַסט א בוך! א גאַנצן בוך... א יאָכיד-בעמינדיקע מישנע! ס'איז דאָך א סיִום בא דיר... א סיִום!

— פאַרוואָס ניט? גיסט אַרײַן א קאַפּעטשקע.

— אָט דאָס איז דיבורים, — האָט זיך דערפרייט פיניע, — ביסט דאָך אַן אונדזעריקער, א קיידאַנער...

ער האָט אָנגעגאָסן אין א קווערטל פאַר מוישע-לייבן און אַליין זיך גענומען די פלאַש.

— לעכאַיִם!

— לעכאַיִם!

---

[1] ליליִענבלום האָטווירקלעך אָנגעשריבן שפּעטער זײַן „משנה אלישא בן אבויה“ און עס אָפּגעדרוקט אין „המאסיף“ אין 1878.

[2] סאָקע פּאַסאָקע (ליטוו.) — דיבורים און גערייַדערײַען.

11

אינדערהיים האָט אַף אים געוואַרט אַ בסורע: בונים פרידמאַן, דער האַלץ-סויכער, דער גרעסטער גוויר אין שטאָט, האָט אים געלאָזט רופֿן. טײַקעף, ווי ער וועט זיך יאַווען פֿון קיידאַן, זאָל ער קומען צו אים.

די ערשטע האָט אָנגעזאָגט די בסורע די שוויגער. דערבײַ האָבן אירע אויגן מאָדנע געגלאַנצט און אַף אירע ליפּן האָט געבלאָנדזשעט אַ סוידעספּולער שמייכל, ווי זי וואָלט עפּעס ניט דערעדט, קעדיי ניט צוויילן די סימכע.

דער דאָזיקער שמייכל האָט צערייצט מוישע-לייבן:

— שוויגער, עפּשער מיינט איר, אַז ער רופֿט מיך צו ווערן זײַן שוטעף?

— און פֿאַרוואָס ניט? — האָט אַרויסגעפּלאַצט די פֿאַרבאַרגענע האָפֿענונג פֿון איר מויל. — בונקע-זשלאָב האָט דאָך צו טאָן מיט פּריצים. ער קוקט אַף זיי, ווי אַ האָן אַף בניי-אָדאָם. און דו קענסט זייער לאַשן, ביסט באַלעזן און באַהאַוונט אין זייער וויסן, קאָנסט זיך באַנעמען מיט זיי, קאָנסט מיט זיי ריידן, ווי אַן עמעסער געבילדעטער מענטש... און ער? ער איז דאָך אַ פּראָסטער כײַוועקײַעם, קוים וואָס ער קאָן זיך אונטערשרײַבן... און רוסיש — קיין וואָרט ניט! פֿריִער, אַז די פּריצים זײַנען געווען פּאָליאַקן, האָט ער נאָך געקאָנט דרייען, אָבער איצטער... דו ווייסט דאָך, נאָכן אופֿשטאַנד זײַנען די גרעסטע אימעניעס אַריבער צו די רוסן...

זעלדע, וואָס האָט געהאַלטן אין איבערוויקלען די וויקעלעך באַם קינד, האָט אויך אָפּ-געשטעלט איר אַרבעט, לאָזנדיק איר זונעלע מיטן נאַקעטן געזעסעלע. זי האָט שוין לאַנג ניט געהאַלטן פֿון איר מאַמעס כאַלוימעס, נאָר די לעצטע ווערטער אירע האָבן אופֿגעוועקט אין איר אַ שוואַכע האָפֿענונג.

מוישע-לייב האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַף די ביידע פֿרויען.

— נאַרישקײַטן! ער וויל מיסטאַמע מיך נעמען פֿאַר אַ לערער צו זײַן נאָכעמקען. איז פּאַסט ניט, וואָס נאָכעמקע גייט אין כיידער צוזאַמען מיט אַלע ייִנגלעך פֿון שטאָט. אויב אַזוי, וועל איך זיך נאָך מעיאַשעוו זײַן...

אויפֿן אַנדערן טאָג אינדערפֿרי איז מוישע-לייב אַרײַן צו פרידמאַנען. דער גוויר איז גע-זעסן אין עסצימער באַם זודיקן סאַמאָוואַר און געטרונקען טיי. ער האָט אופֿגענומען מוישע-לייבן מיט אַ ברייטן שאָלעם-אַלייכעם, מעכאַבעד געווען אים מיט אַ גלאָז טיי און פֿאַרפֿירט אַ שמועס.

בונים פרידמאַן האָט זיך געהאַלטן פֿאַר אַן אופֿגעקלערטן מענטש, געווען אַ טאַקיף אין שטאָט-איניאָנים און האַלט געהאַט עס צו באַווײַזן, אָפּטוענדיק אָפּט זאַכן אָפּצולאָכעס „דער שטאָט". זײַן נאָכעמקען האָט ער געקלערט אָפּצוגעבן ניט אַנדערש ווי אין דער רוסישער גימנאַזיע, וועלכע איז ניט לאַנג צוריק דערעפֿנט געוואָרן. נאָר צוגרייטן צו די עקזאַמענעס אין ערשטן קלאַס דאַרף מען אים, און דעריקער: מע דאַרף אים געבן דעם נייטיקן סכום ייִדיש וויסן, וואָס עס דאַרף פֿאַרמאָגן אַ הײַנטצײַטיקער ייִדישער יונגערמאַן.

— און דאָס, — האָט פֿילבאַדײַטנדיק געזאָגט בונים פרידמאַן, — קאָן איך נאָר אײַך פֿאַרטרויען... דאַפֿקע אײַך... ניט פּישלען און ניט קיין אַנדער מעלאַמעד.

מוישע-לייב האָט זיך פֿאַרטראַכט. דער פֿאָרשלאָג האָט אים אָפּגעווענדט פֿון זײַנע פּלענער, וועלכע האָבן אים פֿון איין זײַט געלאָקט און פֿון דער אַנדערער זײַט געשראָקן.

דער סויכער האָט אַנדערש פֿאַרשטאַנען זײַן וואַקלעניש.

— און פֿאַרן מעקעך מעגט איר זײַן רויִק. כ'וועל אײַך היפּש באַצאָלן. — ער האָט אָנגערופֿן אַ פּרײַז, וועלכע איז ניט פֿיל קלענער געווען פֿאַר דעם סכאַרלימעד, וואָס ער האָט געהאַט פֿון זײַן גאַנצער פֿריִערדיקער „יעשיווע".

מוישע-לייב האָט צוגעשטימט.

שוין דעם ערשטן טאָג, באַם אָנהייב פֿונעם לימעד, האָט זיך די טיר פֿון דער זאַלע, אין וועלכער מוישע-לייב האָט געלערנט מיט נאָכעמקען, פֿאַמעלעך געעפֿנט און אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ מיידל פֿון אַ יאָר אַכצן-נײַנצן. אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ העפֿטונג.

— איך וועל ניט שטערן? — זי האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער מער באַלעבאַטיש-זיכער, ווי פֿרעגעריש.

— ניין! ניין! אַדרבא! — האָט מוישע־לייב זיך אָפּגערופֿן אין פֿאַרלעגנהייט.

דאָס איז געווען נאָכעמקעס עלטערע שוועסטער. מוישע־לייב האָט געוווּסט, אַז מע רופֿט זי פֿרידע, זי האָט עטלעכע יאָר פֿאַרבראַכט אין ריגע, ווו זי האָט זיך געלערנט אין אַ דײַטשישן פּאַנסיאָן פֿאַר ייִדישע מיידלעך. ניט לאַנג צוריק האָט זי פֿאַרענדיקט דעם פּאַנסיאָן, געקומען אַהיים און זי לעבט דאָ, ביז די עלטערן וועלן ניט געפֿינען פֿאַר איר אַ פּאַסיקן שידוך.

דאָס מיידל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איינעם פֿון די זעסלען, באַדעקטע מיט ווײַסע טשעכאָלן, באַשיידן אַראָפּגעלאָזט איר גלאַט פֿאַרקעמטן קאַשטאַן־פֿאַרביקן קאָפּ האָר און זיך פֿאַרנומען מיט איר אויסנייעכץ. נאָר מוישע־לייב האָט מיטן זײַטיקן בליק געפֿילט, אַז זי הערט זיך צו צום לימעד, און דאָס האָט אים אַ ביסל געשטערט.

אַז מוישע־לייב האָט פֿאַרענדיקט מיט זײַן שילער דעם פּיירעק כומעש פֿאַרן הײַנטיקן טאָג און זיך געקליבן איבערגיין צו אַריפֿמעטיק, האָט דאָס מיידל פּלוצלינג אויפֿגעהויבן אויף אים די אויגן — זיי זײַנען אויך געווען באַ איר העל־ברוינע, ווייכע — און געזאָגט:

— מיר געפֿעלט, ווי איר לערנט כומעש. אָן דריידלעך, אָן פּשעטלעך, מיט אַ קלאָרער אויסטײַטשונג פֿון די ווערטער און מיטן פֿאַנאַנדערקלײַבן זיך אין דער גראַמאַטיק פֿון דער שפּראַך.

— איר קענט העברעיִש?

— ווי דען? די הויפּט־שפּראַך איז באַ אונדז אין פּאַנסיאָן געווען דײַטש. נאָר אַ ייִדישע טאָכטער דאַרף קענען אויך העברעיִש.

מוישע־לייב האָט אַ קלער געטאָן, אַז אַ מענטש פֿון זײַן סוויווע וואָלט געזאָגט ניט „גראַמאַטיק", ניט „העברעיִש", נאָר „דיקדוק" און „לאָשנקוידעש". דאָס האָט אויסגעטיילט זײַן נײַע באַקאַנטע און איז מיט עפּעס־וואָס געווען אָנגענעם.

אויפֿן אַנדערן טאָג האָט שוין מוישע־לייב מיט אומגעדולד געוואַרט, די טיר פֿון דעם אינווייניקסטן צימער זאָל זיך עפֿענען. און ווירקלעך, ס'איז ניט אַריבער קיין פֿינף מינוטן זינט דער לימעד האָט זיך אָנגעהויבן, און דאָס מיידל מיט איר אומפֿאַרמײַדלעכער אויסנייעכץ אין דער האַנט איז אַרײַנגעקומען אין צימער. ניט געפֿרעגט קיין דערלויבעניש, נאָר באַגריסט זיך מיט אַ שאָקל פֿון קאָפּ און זיך אַוועקגעזעצט, אָבער ניט אויפֿן נעכטיקן זעקל קימאַט הינטער מוישע־לייבן, נאָר אויף אַן אַנדער זעסל, לעבן פֿענצטער. ווו מוישע־לייב האָט זי געקאָנט באַטראַכטן, וואָרפֿנדיק אַ זײַטיקן בליק.

נעכטן איז זי, די אַרויסלאָזיציע פֿונעם דײַטשישן פּאַנסיאָן אין ריגע, געווען פֿאַר אים דער שאַליעד פֿון יענער וועלט, פֿאַר וועמענס טיר ער, מוישע־לייב, שטייט אַן אומבאַהאָלפֿענער און ניט אַנטשלאָסענער, מיט אַ לײַדנשאַפֿטלעך־אויסמאַטערנדיקן באַגער אַריבערצוטרעטן די שוועל. הײַנט איז זי פֿאַר אים געווען אַ מיידל מיט אַ שלאַנקער פֿיגור, אײַנגעפּרעסט אין אַן ענגער געבלימלטער קלייד, פֿון וועלכער עס האָבן בוילעט אַרויסגעשפּאַרט צוויי עלאַסטיש־פֿעסטע בריסטן. אירע טונקל־קאַשטאַנאַווע האָר זײַנען געווען פֿאַרבונדן אויף הינטן אין אַ שווערן קנויל, וואָס האָט אַזוי־ווי געצויגן דעם קאָפּ אין דער הויך, און אין מינוטן, ווען זי האָט זיך צוגעהערט צום לימעד, אַוועקלייגנדיק דאָס אויסנייעכץ אויף די קני, האָט איר קאָפּ געקראָגן אַ שטאָלצע, קימאַט גײַוועדיקע האַלטונג. אירע אויגן האָבן דעמלט זיך אָנגעצונדן מיט אינטערעס און זייער ברוינער קאָליר האָט אָפּגעגלאַנצט מיט אַ האָניקגאָלדיקן אָפּשײַן. העל־ברוינע אָפּבליקן זײַנען אויך געפֿאַלן דורך די פֿענצטער־גאַרדינען אויף איר טונקל־הויטיק פּאָנעם, אויסטיילנדיק קוים מערקבאַרע שאָטנס אויף איר מאָגער, ענערגיש פּאָנעם.

נאָכן לימעד, בייס ער האָט שוין געהאַלטן באַם געזעגענען זיך, האָט דאָס מיידל געוואָרפֿן אויף אים אַ פֿרײַנטלעכן בליק. אײַנהאַלטנדיק זײַן רעגונג, האָט מוישע־לייב געפֿרעגט:

— איר לייענט העברעיִשע ביכער?

— יאָ, אין ריגע האָב איך לויט דער אייצע פֿון מײַן כאַווערטעס ברודער איבערגעלייענט מאַפּוס „אַשמת שומרון"[1].

— דאָס איז מאַפּוס צווייטער ראָמאַן. ער איז אַ היסטאָרישער. און זײַן ערשטן ראָמאַן „אַהבת ציון"[2] האָט איר ניט געלייענט?

— ניין. — האָט צו זײַן גרויסער פֿרייד געענטפֿערט דאָס מיידל.

---

[1] אשמאס שוימרוין (העבר.) — שוימרוינס שולד.
[2] אהאוואס ציאָן (העבר.) — ליבע אין ציאָן.

— אויב אַזוי, וועל איך אײַך געבן. דאָס איז אַ דערהויבענע זאַך. אַ ראָמאַנטישע שיל־דערונג פֿון אַ ריטערלעכער ליבע. איר וועט עס געפֿעלן. איר וועט זען...
— כ׳האָב גאַראַנטירט געוווּסט, אַז אין אונדזער שטעטל זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע ביכער.
איצט, גייענדיק צו זײַנע „לעקציעס" (אַזוי האָט פֿרידע גערופֿן זײַנע לימודים מיט נאָכמיטאָגן, און די דאָזיקע באַצייכענונג איז איר דאַפֿקע געפֿעלן), האָט מוישע־לייב געטראַכט מער וועגן זײַן טאַלמידס שוועסטער, ווי וועגן טאַלמיד גופֿא. ער האָט זי געזען בלויז אויף די לעקציעס, און דאָס איז ניט געווען גינסטיק אויף אַרײַנצולאָזן זיך אין אַ ברייטערן שמועס, ער האָט געפֿילט, אַז זי וואָלט אויך ניט געווען קעגן אַזעלכע געשפּרעכן, און לויט אַלע סימנים, איז דאָס געווען ניט אַ פֿאַרלאַנג פֿון אַ זיך לאַנגווײַלנדיקער פֿרײַלין, וועלכע איז געצוווּנגען צו לעבן אין קלײנשטעטלשן עלטערן־הויז, נאָר ווײַל ער אינטערעסירט זי.
דערווײַל האָבן זיי זיך באַגרענעצט מיט קורצע שמועסן.
קענטיק, זי האָט שוואַך געלייענט העברעיִש, און דאָס האָט דאַפֿקע דערפֿרייט מוישע־לייבן. פֿון צײַט צו צײַט האָט ער זי געפֿרעגט, ווי זי האַלט אינעם בוך, וועלכן ער האָט איר געגעבן צו לייענען. זי האָט ווי אַ געוויסנהאַפֿטע שילערן דערקלערט ווי זי האַלט, באַהאַנדלט דעם עפּיזאָד, וועלכן זי האָט געלייענט, אָפּטמאָל געמאַכט פֿאַרגלײַכונגען מיט אַ דײַטשישן אָדער פֿראַנצויזישן ראָמאַן. ער האָט אויסגעהערט, געמאַכט זײַנע באַמערקונגען וועגן סטיל, שפּראַך. מיט אַ באַזונדערער האַנאָע האָט ער געזמאַקעוועט די סצענעס, ווו דער יונגער אַמנאָן אויף זײַן הייסן פֿערד באַווײַזט העלדישקײַטן פֿאַר זײַן געליבטער טאַמאַר און ווי עס אַנטשטייט און צעפֿלאַקערט זיך די ליבע צווישן די צוויי יונגע איידעלע הערצער.

אין איינעם אַ טאָג האָט מוישע־לייב געלערנט אַ קאָמפּליצירטן גראַמאַטישן אויסדרוק פֿון טאַנאַך. וועלנדיק אילוסטרירן די אַנווענדונג פֿון דער פֿאָרם, האָט ער ריזיקירט צו ברענגען אַ בײַשפּיל פֿון „שיר־השירים" און אים קאָמענטירט ריין גראַמאַטיקאַליש. דער יונג האָט אויסגעהערט דעם קאָמענטאַר, זיך פֿאַרטראַכט אַ ביסל און דערנאָך געפֿרעגט:
— רעבע, אין כּיידער האָבן מיר עס געלערנט אַנדערש. דער „ער" און די „זי" איז מער ניט ווי אַ מאָשל. די ליבע, וואָס קומט פֿאָר צווישן זיי, דאָס איז די ליבע צווישן גאָט און זײַן פֿאָלק.
— אַזאַ טײַטשונג רופֿט זיך אַלעגאָריע. דאָס איז אַן אָנגענומענער שטייגער אין דער ליטעראַטור. אָבער אין דעם פֿאַל איז עס ניט קיין אַלעגאָריע. דאָס איז טאַקע די ליבע צווישן אַן „ער" און אַ „זי". אין בוכשטעבלעכן ערדישן זין פֿונעם וואָרט. און אויב „שיר־השירים" איז אַרײַנגעפֿאַלן צווישן די הייליקע שריפֿטן, איז עס צוליב זײַנע הויכע פּאָעטישע מײַלעס, וועלכע דערהייבן די ערדישע ליבע צו אַ הימלשער.
דאָס מיידל האָט אופֿגעהויבן די ברעמען. אין אירע גרויסע קאַרע אויגן האָט אַ בליץ געטאָן איראָניע.
— אין קיידאַן וואַקסן עס אויס אַזעלכע העלדן, וועלכע גייען קעגן אַלע אָנגענומענע מיינונגען?
— קיידאַן איז ניט ווײַט פֿון ווילקאָמיר, און אויב אין ווילקאָמיר זײַנען פֿאַראַן מענטשן, — ער האָט איפּדרינגלעך אַ קוק געטאָן אויף איר, — וועלכע האַלטן זיך בײַ דער זעלבער מיינונג, פֿאַרוואָס קאָנען זיי ניט זײַן אין קיידאַן?
— רעבע, — האָט זי שטיפֿעריש אַ זאָג געטאָן, — פֿונוואַנען ווייסט איר, אַז איך האַלט זיך בײַ אײַער מיינונג?
— אײַערע אויגן מאָסערן, — האָט מוישע־לייב געזאָגט און זיך אַליין דערשראָקן פֿאַר זײַן געוואַגטקײַט.
— דאַרף מען ניט קוקן אין די אויגן. — אַ לײַכטע רויטקײַט האָט באַדעקט אירע באַקן. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אַ טרויעריקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אין זיי. באַ מוישע־לייבן האָט פֿריידיק אַ טיאַכקע געטאָן דאָס האַרץ. ער האָט דערשפּירט, אַז אָט די טרויעריקע פֿאַרלעגנהײַט האָט אַ שײַכעס צו אים, מוישע־לייבן.
אין הויף האָט עטלעכע מאָל אַ ביל געטאָן ווילקאָס.
— רעבע, כ׳וועל גיין זען, וואָס עס האָט זיך צעבילט דער הונט.
„גיי! גיי!" — האָט אינעווייניק אין מוישע־לייבן אַלץ געשריגן.
— גיי, גיי, — האָט דערלויבט די שוועסטער.
דאָס ייִנגל איז אַרויסגעלאָפֿן.
— ס׳איז אַן אונטערשייד צווישן מיר און אײַך. איך האָב געלערנט אין אַ ריגער פּאַנסיאָן פֿאַר מיידלעך און איר, דאַכט זיך, אין אַ ישיווע.

— ס'איז ניט דער כילעק, ווו ווער עס האָט זיך געלערנט. ס'איז וויכטיק די קרויווע-שאפט פון די נעשאָמעס.

— פאר דער קרויוועשאפט פון נעשאָמעס זייַנען אויך דאָ באריערן. — אירע אויגן האָבן געקוקט ערנסט, נאָר אָף די ליפּן האָט געבלאָנדזשעט א שאלקהאפטער שמייכל, א שמייכל פון א טאָכטער פון א רייַכן האָלץ-סויכער, וועלכע ווייסט, אז איר גוירל באשטימט די סאָציאַלע לאגע פון איר מישפּאָכע.

ס'האָט זיך אייַנגעשטעלט א שטילקייַט. דאָס איז געווען ניט קיין שטילקייַט פון רו, נאָר אן אָנגעשטרענגטע שטילקייַט, אין וועלכער ס'האָט זיך געלאָזט הערן דאָס קלאפּן פון צוויי הערצער, וועלכע זייַנען געווען אָנגעשטרענגט ווי צוויי סטרונעס: אָט-אָט לאָזן זיי ארויס א קלאנג.

ביידע האָבן לייַכטער אָפּגעזיפצט, ווען נאָכעמקע איז צוריקגעקומען פון הויף.

— ס'איז גאָרניט. א בעטלערקע האָט זיך באוויזן אין הויף.

— א בעטלערקע? — האָט זיך אָנגעכאפּט פרידע. — כ'וועל גיין איר עפּעס געבן.

אין א פּאָר וואָכן ארום האָט מוישע-לייב געבראכט פרידען א ליד. דאָס איז געווען אן עלעגיע, אָנגעשריבן אָף א שיינעם העברעיִש, אין זעקסשורעדיקע סטראָפן, יעדע סטראָפע געגראַמט אָף א באשטימטן אויפן לויט אלע קלאסישע קלאָלים. די ליד האָט געהייסן „אנקת אסיר"[1] און אָנגעשריבן איז זי צום 10-טן יאָרטאָג פון זייַן כאסענע.

די ליד איז געווען ווירקלעך א וויגעשריי. א וויגעשריי קעגן דעם, וואָס מע האָט אים צו דרייַצן יאָר פארקויפט ווילד-פרעמדע מענטשן און צו פופצן יאָר אים כאסענע געמאכט מיט א קינד-מיידל, צו וועלכער ער האָט קיין שום געפיל ניט געהאט און ניט געקאָנט האָבן. דערמיט האָט מען בארויבט זייַן יוגנט, געטויט אין אים די הארץ-פלאטערנישן, כאלוימעס און ראָמאנטישע שטרעבונגען, גענומען דאָס שענסטע, דאָס איידלסטע אינעם יוגנטלעכן, וואָס אלע פּאָעטן, אָנהייבנדיק פון שלוימע-האמיילעכן און ענדיקנדיק מיטן ייִנגסטן הייַנט-צייַטיקן פּאָעט, האָבן באזונגען אין די הערלעכסטע לידער, גענומען עס און דעגראדירט צו א פּאָשעטן פיזיִאָלאָגישן פּראָצעס. און דאָס אלץ, קעדיי צו „באפרייַען" זייַן מויעך און גע-דאנק אָף צו מאלעגיירען די טויטע איסיִעס.

די ליד-עלעגיע איז געווען א באשולדיקונג קעגן דעם גאנצן פארשימלטן לעבנסשטיי-גער. באם סאָף פון דער ליד איז געווען א סטראָפע, וואָס, ער האָט געוווסט, דארף אָנרירן פרידען (און עפשער האָט ער טאקע צוליב אָט דער סטראָפע אָנגעשריבן די גאנצע ליד):

המת כל רגש גם בל הוש יחד
טרם אל לב אחר הם יובילוך...
טרם אל לב זר — הוי, יאחזני פחד! —
מדי עפם חבלי משים יקשרוך...
טרם תמצא בו מה הגות דורשת
ומבלי מפלט תלכד ברשת...

(טויט אָף יעדע רעגונג צוזאמען מיט יעדן געפיל,
איידער זיי וועלן דיך אוועקפירן צו אן אנדער הארץ...
צו א הארץ פון א פרעמדער — אוי, ווי איז מיר! —
און וועט דיך אין פלי אומבעקיוונדיק צובינדן...
איידער וועסט אנטפלעקן דאָרט דאָס געגארטע געמיט
און רעטונגסלאָז געפאנגען ווערן אין זייַן נעץ...)

און ווירקלעך, ווען זי האָט איבערגעלייענט די ליד, האָט איר געזיכט שאלקהאפטיק אופגעשמייכלט:

— רעבעלע, איר זייַט פארליבט!

מוישע-לייב האָט שעמעוודיק ארָאפּגעלאָזט די אויגן. פרידע האָט דאָס מאָל געטראָגן ניט קיין ענג קליידל, נאָר א פרייַע שטוב-קלייד. פון דעם ברייטן ארבל האָט ארויסגעקוקט די האנט, אין וועלכער זי האָט געהאלטן די בלעטלעך פון דער ליד. די האנט איז געווען באדעקט מיט א שוואכינקן גילדענעם פוך, און מוישע-לייב האָט פון איר ניט געקאָנט אָפּ-רייַסן זייַן בליק.

---

[1] ענקאס אָסיר (העבר.) — דער וויגעשריי פון א טפיסעניק.

12

„רעבעלע, איר זײַט פאַרליבט!" — די דאָזיקע ווערטער האָבן געקלונגען אין זײַנע אויערן טאָג און נאַכט: ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס און געזעסן אין שטוב, ווען ער האָט אַרײַנגעקוקט אין א סייפער, אָדער געטאָן עפּעס א שטוב-אַרבעט. זיי האָבן געוועקט אין אים א מאָדנעם געפיל, וואָס אויב ער וואָלט געקאָנט אים פאַנאַנדערלייגן, וואָלט ער געקאָנט געפינען דאָרט אי בענקשאַפט נאָך עפּעס אומדערגרייכבאַרס, אי צערטלעכקײַט, אי לײַדנשאַפט, אי באַגער.

בייס זי האָט דורכגעלייענט די ליד, האָט זי געזאָגט, אז זי וועט עס איבערזעצן אויף דײַטש. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער געלייענט זײַן ליד אויף דער שפּראַך פון גטעטע און שילער. א סאַך ווערטער האָט ער פאַרשטאַנען, א סאַך ניט. און — מאָדנע! — דאַפקע די אומבאַקאַנטע ווערטער האָבן אויף אים געווירקט מיט זייער פײַערלעכקײַט און האַלב-פאַרשטענדלעכקײַט. אינגאַנצן איז עס געווען דאָס, וואָס ער האָט געמיינט: א וויגעשריי פון א מענטשן, וואָס איז באַשאַנקען געוואָרן פון דער נאַטור מיט אַלע מעגלעכקײַטן צו ווערן א פולווערטיקער מענטש, נאָר איז דורך דער אומגעלומפּערטער סוויווע אַרײַנגעפאַלן אין אַן אויסגאַנגסלאָזן קלעם.

דאָס מיידל האָט מיט אופמערקזאַם-נײַגעריקע אויגן געקוקט אויף אים, בייס ער האָט פאַנאַנדערגעקליבן אירע דײַטשישע שורעס.

— ווי געפעלט אײַך די איבערזעצונג?

— גוט! אויף וויפל איך פאַרשטיי, איז עס אפילע אויסגעצייכנט!

— איך האָב אַזאַ מענטשן ניט געקלערט צו געפינען אין אַזאַ קליין ליטוויש שטעטל. איך קלער, ווער זײַט איר אַזוינער?

— ווער איך בין? — האָט מוישע-לייב א קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען. — איך ווייס ניט. נאָר איך פיל אין זיך עפּעס א סטיכיישע קראַפט. זי ווירקט אויסער מײַן ווילן. אָפּטמאָל אפילע קעגן מײַן ווילן. איך פאַרשטיי, אז איך טאָר ניט לאָזן ווירקן די קראַפט, עס שאַט מײַנע אינטערעסן. אָבער איך בין ניט בעקויעך זי צו צוימען. איך בין דער יעניקער, וואָס קריכט אויפן שפּיץ באַרג, קעדיי אויסצוטרעטן א וועג פאַר אַנדערע...

— און עפּשער קעדיי אַראָפּצוטראָגן דעם באַרג? אויסגלײַכן דעם וועג?

— עוקר הרים?[1] ניין. דאָס בין איך ניט. איך בין מער שריפטשטעלער, ווי רעוואָליוציאָנער.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען זי איז געזעסן אויף איר געוויינלעך אָרט און עפּעס געשטריקט, איז דער קנויל וואָל אַראָפּגעפאַלן פון אירע קני און זיך א קײַקל געטאָן אין דער ריכטונג פון מוישע-לייבן. בײדע זײַנען גלײַך אופגעשפּרונגען און גלײַכצײַטיק זיך אײַנגעבויגן נאָכן קנויל. דערבײַ האָבן זיך זייערע פּנעמער צוזאַמענגעשטויסן, און מוישע-לייב האָט געקאָנט שווערן, אז זײַנע ליפּן האָבן באַרירט איר באַק.

דעם גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען ווי אין א נעפּל. וואָס מער ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַלץ מער איז ער געווען זיכער, אז יאָ, ס'איז טאַקע אַזוי געווען: זייערע ליפּן האָבן זיך באַגעגנט, ס'איז געווען א קוש!

באַנאַכט, ליגנדיק אין בעט, האָט ער מיט א ברוינזנדיקן ייִעש, וועלכער גיסט זיך אַריבער די ברעגן און ווייסט ניט קיין אײַנהאַלט, זיך אַרופגעוואָרפן אויפן קערפּער נעבן אים. נאָכדעם ווי זייער אָטעם האָט זיך אײַנגעשטילט, האָט ער געזען, ווי זעלדע דרייט זיך אָפּ פון אים. אינגיכן האָט ער דערשפּירט, ווי אירע אַקסלען צוקן. ער האָט אָנגעטאַפּט אין דער פינצטער איר געזיכט: עס איז געווען נאַס פון טרערן.

— דו מיינסט, איך ווייס ניט, פאַרוואָס דו ביסט אַזוי געווען מיט מיר? דו קלערסט וועגן איר, דער כצופּע...

מוישע-לייב האָט געגלעט די נאַסע באַקן און זי באַרויִקט. ער האָט געוווּסט, אז ער איז צוגעשמידט צו איר מיט אײַזערנע קייטן, ווי א שקלאַף צו זײַן באַנק אויף דער רודער-שיף.

א ביטערער שמייכל באַווײַזט זיך בא אים אויף די ליפּן. ער האָט א פּאָר מאָל געזען, ווי זי לייענט, שעפּטשענדיק און באַוועגנדיק מיט די ליפּן, די ביכער, וואָס ער לייענט. פאַרשטייט זיך, אז זי באַנעמט גאָרניט פון דאָרטן. זי טוט עס, קעדיי צו באַהעפטן זיך אַזויאַרום צו זײַן, מוישע-לייבס, נײַער ייִדישקײַט. נאַיִוו? אָבער דאָס האָבן דאָך געטאָן און טוען ביז

---

[1] אויקער האָרים (העבר.) — א מענטש, וואָס טראָגט אַראָפּ בערג.

איצט דוירעס ייִדישע פּרויעז, וואָס שפּעטשען פון די פרעמדע לאַשנקוידעשדיקע ווערטער און גלייבן טמימעסדיק, פון פולן הארצן, אז זיי באהעפטן זיך דערמיט צו דער ייִדישקייט.

און פּלוצלינג האָט אַלץ געפּלאַצט.

דאָס מיידל איז ניט געקומען אף איין לעקציע, אף דער צווייטער. דאַן האָט נאָכעמקע דערקלערט, אז מע קלייַבט זיך קיין קיין ווילנע: דער פאָטער, די מוטער און זי, פרידע. דאָ ניט לאַנג צוריק איז געקומען צו זיי פון ווילנע א שאדכן, איינער פון די גרעסטע שאדכאָנים, א לאַנד-שאדכן. ער וויל דורכפירן א פאסיקע זאך, צוזאמענפירן צווייַ בעקאַוועדיקע מיש-פּאָכעס. פּאָרט מען עס קיין ווילנע זיך צו זען און עפשער אויך שליסן טנאָים.

אין א וואָך ארום איז מען צוריקגעקומען פון ווילנע און גלייַך אפן אנדערן טאָג איז דער האַלץ-סויכער אריין צו דער לעקציע און געמאָלדן מוישע-לייבן, אז ער זאָגט אים אָפּ.

דאָס איז געווען א פּאטש אין פּאָנעם. ער האָט געוווּסט: פריער אָדער שפּעטער וועלן די לעקציעס זיך ענדיקן, אָבער איצטער...

— ס׳איז נאָך א האלב יאָר ביז צו די עקזאמענעס, — האָט ער פארלוירן געמורמלט, — דאָס קינד איז נאָך ניט גענוג צוגעגרייט...

— נישקאָשע. דער עקזאמען וועט דורכגיין. אויב ניט מיט אייַער הילף, איז מיט מייַנער. וויפל קום איך אייַך?

אהיים איז מוישע-לייב געגאנגען מיט א פארשטשעמעט הארץ. ס׳איז געווען ווייטעק-לעך ביז גאָר. שיר ניט אזא ווייטעק, וואָס האָט דערפירט אלטערקען ביז צום בוידעם. וווהין זועט ער אים פארפירן?

אין דער שטאָט איז זייַן לאַגע געוואָרן נאָך ערגער. נאָכדעם ווי מע האָט זיך דערוווּסט, אז מע האָט אים אָפּגעזאָגט פון בונים פרידמאנס הויז, איז צו דער סינע צוגעקומען שאָדנ-פרייד. ווען ער פלעגט גיין אין גאס, האָט ער אָפּט געזען, ווי מע שפּייַט אים נאָך. איינמאָל האָט ער דערהערט הינטער זיך:

— קישקע-צימעס האָט זיך אים פארוואָלט, דעם מעשומעד... און א קרענק ווילסטו ניט?

די ווייניקע באָכערים און יונגלייַט, וואָס האָבן אין געהיים אים סימפּאטיזירט, האָבן מוירע געהאט זיך צו טרעפן מיט אים אין גאס. בלויז הינטער דער שטאָט, ווען מע איז גע-גאנגען אמאָל שפּאצירן, האָט מען זיך געטראָפן, גערעדט, דיסקוטירט, ארויסגעוויזן אים מיטגעפיל. אָבער אין שטאָט האָבן זיי אים אויסגעמייַדט.

אין דער שטוב האָט זיך געטאָן כוישעך. דער שווער איז שטארק פארעלטערט געוואָרן, אף זייַן פּאָנעם האָבן זיך באוויזן נייַע קנייטשן, דער קערפּער האָט אויסגעזען קלענער, אייַנ-געשרומפּן. דאקעגן, די שוויגער, וועלכע האָט זיך ווידער פארמאכט אין שלאָפצימער און זיך ארומגערינגלט מיט זנאכארס און אָפּשפּרעכערנס, איז געוואָרן גראָבער, שלאָבעריקער. זי האָט געשאָלטן מיט ווילדע קלאָלעס פריידקען (דאָס האָט זי געמיינט פרידען), איר טאטן, די שטאָט-באלעבאטים און וועמען ניט...

אף זעלדען איז געפאלן די גאנצע באלעבאטישקייַט. זי האָט געפּאדעט פון באגינען ביז שפּעט באנאכט ארום די קינדער, אין דער ווירטשאפט. ווי א וויכער האָט זי זיך גע-טראָגן איבער דער שטוב. נאָר אָפטמאָל פלעגט זי זיך אינמיטן דער יאָגעניש צוזעצן, און דאַן האָט אירע אקסלען דורכגענומען א ציטער, ווי פון קעלט. שפּעטער פלעגט זי פּלוצעם אופשפּרינגען, זיך דרייען צוועקלאָז אף איין אָרט אזוי, אז דאָס ברייטע קלייד האָט געשמיסן איבער אירע פיס און מע האָט געזען, אז זי איז גרייט א ליאדע מינוט אויסברעכן אין שלוכצן. אמאָל פלעגט זי זיך אָפּשטעלן אנטקעגן מוישע-לייבן און מיט א ווייַנענדיק-בעטנדיק קאָל טייַנען:

— פארוואָס, נו, זאָג, פארוואָס קאָנסטו ניט זייַן ווי אלע? פארוואָס דארפסטו יעדן איינעם טייַטלען מיט די פינגער, ווי ער דארף לעבן? פארוואָס דארפסטו זיך שטעלן העכער פאר אַלעמען? דו דערנידעריקסט דאָך דערמיט דעם מענטשן, וועקסט סינע צו זיך... מאכסט דאָך אומגליקלעך דייַן מישפּאָכע... נו, זאָג, פארוואָס?

מוישע-לייב האָט פיבערדיק געשריבן בריוו צו די באקאנטע, וואָס ער האָט געהאט אין ווילנע. פון עזראַ קאהאנען האָט ער באקומען א בריוו מיט א פארלדיקן קסאוו, אין א מע-ליצעדיקן העברעיִש. ער פּילט מיט זייַן יונגן כאווער, דעם „הויכגעשעצטן מאסקיל”. וויבאלד

עס האָט זיך געשאַפֿן פֿאַר אים אַזאַ לאַגע אין זײַן שטאָט, זאָל ער קומען קיין ווילנע. מע וועט זען... מע וועט זיך מעיאשעוו זײַן... מע וועט אונטערנעמען די געהעריקע מיטלען אים צו העלפֿן. דאַקעגן האָט ער געקראָגן אַן אָפּמונטערנדיקן בריוו פֿון יודל מיצלמאַכער. דאָס איז געווען דער באַכער, וועלכער האָט אים מיט אַ געוויסער צײַט צוריק איבערגעגעבן „שירי יהודה", וואָס דער מעכאַבער יעהודע־לייב גאָרדאָן האָט געשאָנקען מיט אַ ווידמונג אים, מוישע־לייבן. אין דאָזיקן בריוו האָט יודל געשריבן, אַז ער קען אַ יונגנמאַן, זייער אַ פֿאַר־מעגלעכן, וועלכער זוכט אַ לערער, אַ מאַסקיל, פֿאַר זײַן ייִנגערן ברודער. דאָס וועט זײַן אַ „פּעטשאַטעק", און ביכלאַל וועלן זײַן לעקציעס. זאָל ער נאָר קומען קיין ווילנע, ער וועט ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן.

מוישע־לייב האָט זיך אָנגעהויבן קלײַבן אין וועג. נאָר ווי גיך ער האָט זיך ניט געקליבן, זײַנען די געשעענישן באַם האָלץ־סוחר צוגעגאַנגען נאָך גיכער. אין איינעם אַ שאַבעס־נאָכמיטיק האָט גאַנץ שטאָט געקאָנט זען שפּאַצירן אויף דער הויפּט־גאַס פֿרי־דען מיט איר באַשערטן. ער האָט געטראָגן אַ שליאַפּע, געווען גוט אָנגעטאָן, נאָר דער גרויסשטאָטישער הוילעך זײַנער האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטעלן זײַן קורצזיכטיקייט, זײַן ניט־אָנגעזעעוודיקייט, די נישטיקייט פֿון זײַן קליין געל קעפּל. מוישע־לייב האָט פֿונווײַטן געזען דאָס פּאָרל. ער האָט גיך פֿאַרקערעוועט אין אַ זײַטיק געסל.

אין אַ וואָך אַרום איז געווען די כאַסענע. מע האָט זי געמאַכט מיט אַ ברייטער האַנט. פֿון ווילנע זײַנען געקומען די מעכוטאָנים און אַ ריי כאַשעווע געסט. פּלוצעם האָט זיך מוישע־לייב דערוווּסט, אַז צווישן די געקומענע איז דאָ אויך לעוו אָסיפּאָוויטש לעוואַנדאַ, דער „אוטשאַני יעווריי" באַם ווילנער גובערנאַטאָר, אַ זשורנאַליסט און שרײַבער (אין רוסיש). דאָס האָט פֿאַרינטערעסירט מוישע־לייבן, און ער האָט באַשלאָסן אים צו באַזוכן אין דער אַכסאַניע.

די עצעם ביאָגראַפֿיע פֿון לעוואַנדאַן איז געווען טשיקאַווע. ער איז געווען אַ זון פֿון זייער אָרעמע עלטערן אין מינסק. די פּערספּעקטיוו פֿון אַזאַ אָרעמאַנסקן קינד איז געווען צו לערנען אַ זמאַן, אָדער צוויי אין טאַלמעטוירע און אַרויסגיין פֿין דאָרטן אַן אַמהאָרעץ. וואָס טוט גאָט? גראָד עפֿנט די רוסישע רעגירונג אַ קאַזיאָנע שול מיט דער אונטעריכט־שפּראַך אויף רוסיש און מיט וועלטלעכע לימודים פֿאַר ייִדישע קינדער. די באַלעבאַטים האָבן עס באַטראַכט אַלס גזיירע, שיר ניט אַלס פּרווו צו שמאַדן ייִדישע קינדער. נאָר יויצע זײַן פֿאַר דער קאַזנאַ מוז מען דאָך: האָט מען גענומען די קינדער פֿון די סאַמע אָרעמסטע מישפּאָכעס און געשיקט אַהין. אַזוי־אַרום האָט לעוואַנדאַ באַקומען די עלעמענטאַרע בילדונג אויף רוסיש, און שפּעטער האָט ער אין ווילנער ראַבינער־סעמי־נאַר אַנטוויקלט זײַנע זשורנאַליסטישע און שרײַבערישע פֿעיִקייטן.

לעוואַנדאַ האָט אויפֿגענומען דעם יונגנמאַן אין זײַן אַכסאַניע־צימער זייער פֿרײַנטלעך. דאָס איז געווען אַ מענטש אין די מיטן דרײַסיקער, מיט אַ קײַלעכדיק סימפּאַטיש פּאָנעם. זײַנע טונקל־קאַרע אויגן האָבן געקוקט דורך די פּענסנע אַ ביסל טרויעריק. יאָ, ער האָט געהערט וועגן אים, דעם יונגן ווילקאָמירער מאַסקיל, וועלכער טרעט אַרויס אַזוי דרייסט אין דער עפֿנטלעכקייט, אָבער ער איז ניט אינגאַנצן מאַסקים מיט אים.

— דעהײַנע? — האָט מוישע־לייב אָנגעשפּיצט די אייערן.

— איר האָט זיך געלאָזן אויפֿן וועג צו רעפֿאָרמירן די רעליגיע. דאָס איז אָבער ווײַ־ניק. מע דאַרף שטרעבן צו פֿאַרשפּרייטן די אַלגעמיינע בילדונג בײַ די ייִדן און בײַטראָגן דערצו, אַז דער רוסישער ייִד זאָל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ רוסישן בירגער, אײַנהאַלטנ־דיק דערבײַ זײַן קולטור, זײַן שפּראַך, זײַן היסטאָרישע טראַדיציע.

מוישע־לייב האָט זיך פֿאַרטראַכט. צי ווײַט איז געשטאַנען אָט דער „איטשאָני יעוו־ריי" פֿון דעם ייִדן פֿון אַ גאַנץ יאָר, ער זאָל קאָנען ערנסט אָנעמען זײַנע אַרגומענטן.

לעוואַנדאַ האָט אָנגענומען דאָס שווײַגן פֿונעם יונגנמאַן אַלס האַסקאָמע. ער האָט אַראָפּגענומען זײַן פּענסנע, אײַסגעווישט די גלעזלעך מיט אַ באַטיסטן טיכעלע און איז אַריבער צו זײַן באַליבטער טעמע.

— די טאַקטיק פֿין אונדז, מאַסקילים, איז אַ קלאָרע און דײַטלעכע. האַנדלען דעפֿענ־סיוו, דאָס הייסט, זיך פֿאַרטיידיקן קעגן אַלע אָנפֿאַלן אויף אונדז פֿון דרויסן, וווּ עס גייט די רייד וועגן שיצן אונדזערע מענטשלעכע און פּראָפֿעסיאָנעלע אינטערעסן. דאַקעגן דאַרפֿן מיר זײַן אָפֿענסיוו, דאָס הייסט, אָנגרײַפֿעריש קעגן אינערלעכן פֿײַנט: דעם קלעריקאַליזם, דעם אָפּגעלעבטן שטייגער, די פֿאַרקריפֿלונגען אין קעהילע־לעבן און אַזוי ווײַטער. איר פֿאַרשטייט? — האָט ער אַ בלינץ געטאָן אויף זײַן מיטשמועסער מיט די גלעזלעך פֿון די פּענסנע.

מוישע-לייב האָט זיך, דעם עמעס געזאָגט, פאַרגעשטעלט די ייִדישע פּראָבלעם אַלס עפּעס גאַנצעס, איינהייטלעכס אין דעם ייִדישן רענעסאַנס אַלס אַן אינערלעכן פּראָצעס פון די ייִדישע פאָלקס-קוויכעס. אַ וואָלקנדל האָט זיך דורכגעגליטשט איבער זיין פּאָנעם. באַמערקנדיק דאָס, איז לעוואַנדאָ אַריבערגעגאַנגען צום שילדערן די אַכזאָריעסדיקייט און ווילקיר פון די פּוילישע פּאַנעס קעגן זייערע ייִדישע אַרענדאַטאָרן און פאַקטערס. וועגן דעם האָט ער לעצטנס געשריבן דערציילונגען אין דער רוסישער און ייִדישער פּרעסע. די דאָזיקע רעאַליסטישע שילדערונגען זיינען געווען לײַדנשאַפטלעך און צאָרנדיק. אויך איצטער, ריידנדיק וועגן דעם, האָבן זיינע אויגן פאַרלאָרן זייער טרויעריקע מעלאַנכאָליע און געפינקלט פון צאָרן. מיט די דאָזיקע אַרגומענטן האָט מוישע-לייב נישט געקאָנט ניט מאַסקים זיין.

טייקעף נאָך דעם איז לעוואַנדאָ אַריבער צו דעם הייַנטיקן צושטאַנד פון דער רוסישער קולטור. זי, די רוסישע קולטור, מאַכט איצט אַדורך אַ ריזיקן אויפשוווּנג. ער האָט דערמאָנט די יונגע רוסישע שרייבער, ווי דאָסטאָיעווסקי, טורגענעוו, טאָלסטאָי, וועלכע זאָגן אָן אַ נייַע ערע ניט נאָר אין דער רוסישער, נאָר אויך אין דער וועלט-ליטעראַטור. באַזונדערס האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף די גייַסטיקע פירער פונעם הייַנטיקן רוסלענדישן דאָר. די דאָזיקע טעמע איז געווען אויך נאָענט מוישע-לייבן. די נעמען בעלינסקי, טשערנישעווסקי, פּיסאַרעוו זייַנען אים אויך געווען נאָענט און טייַער. באַזונדערס איז אים אייגן געווען פּיסאַרעוו מיט זיין „אוטיליטאַרן רעאַליזם“. ער האָט געפונען עפּעס געמיינזאַמס צווישן דעם אָפּשפּראָצלינג פון רוסישע פּריצים, וועלכער איז בונטאַריש אַרויסגעטראָטן קעגן זיין קלאַס, און זיך, דעם אָפּשפּראָצלינג פון אַן אַלט פאָלק, וואָס האָט זיך אויך צעבונטעוועט קעגן זיין קלאַן.

אויף דער טעמע האָט ער געקאָנט ריידן און ריידן. נאָר דער ווילנער גאַסט האָט זיך עפּעס געאײַלט. ער האָט צעשטרייט אַ קוק געטאָן אויף זיין מיטשמועסער און געזאָגט:

— דאָס איז אַ זייער גרויסע און אינטערעסאַנטע טעמע. מיר איז געווען אָנגענעם זיך צו באַקענען מיט אייַך. נו, מירן נאָך ריידן וועגן דעם מאָרגן, ווען מיר וועלן זיך טרעפן אויף דער כאַסענע.

— ניין, — האָט מוישע-לייב קורץ אָפּגעשניטן, — אויף דער כאַסענע וועל איך ניט זיין.

לעוואַנדאָ האָט זיך פאַרוווּנדערט. ער האָט פאַריכט זיינע פּענסנע און אויפמערקזאַם באַקוקט דעם יונגנמאַן. קענטיק, ער האָט עפּעס-וואָס פאַרשטאַנען.

מוישע-לייב האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַרויס.

13

קיין ווילנע איז מוישע-לייב אָנגעקומען שפּעט אין אָוונט און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער אַכסאַניע, וווּהין די בויד איז פאַרפאָרן. איבערגענעכטיקט דאָרטן, איז ער גלייַך אינדערפרי אַוועק צו זיין באַקאַנטן באָכער, יודל מיצלמאַכער.

דער באָכער איז געווען אַ נידעריקער, אַן אומגעלומפּערטער, מיט אַ קאָפּנע געדיכטע רויטע האָר, נאָר מיט אַ פּאָר גרויסע ליכטיקע אויגן, וואָס האָבן באַשייַנט זיין ברייט פּאָנעם מיט די גראָבע ליפּן. ער האָט געלעבט אין אַן ענגער נידעריקער סאַלקע, אין וועלכער זיין אומגעלומפּערטקייַט האָט זיך נאָך מער געוואָרפן אין די אויגן.

יודל האָט זיך זייער דערפרייט מיטן גאַסט, אַוועקגעזעצט אים אויפן אייַנציקן טאַבורעטל און אָנגעהויבן צו פּאַדען אַרום אים:

— אַ גלאָז טיי? מיר וועלן אָפּפרישטיקן... איך לויף מיטן טשייַניק אונטן צו די באַלעבאַטים נאָך הייס וואַסער... מירן עפּעס כאַפּן אין מויל...

— אַ דאַנק. כ'האָב שוין געכאַפּט אַ ביסן אין דער אַכסאַניע. נאָר דו גיי. כ'וועל אָפּוואַרטן. זאָג בלייז, ווי האַלט עס מיט מייַן איניען?

דער באָכער האָט זיך צעטומלט, אומגעלומפּערט זיך אַ דריי געטאָן אין דער ענגער סאַלקע, אָנגעבלאָזן זייַנע גראָבע ליפּן, ווי אַ באַליידיקט קינד, און סאָפּקאָלסאָף אַרויסגעשטאַמלט:

— פאַרשטייסט, מוישע-לייב, כ'האָב דאַפקע נעכטן גערעדט מיט אים. געזאָגט, אַז דו דאַרפסט ניט היינט-מאָרגן קומען... געלויבט דיך... און ער אַליין האַלט אויך פון דיר, געלייענט דייַנע זאַכן, האַלט פון דיר אַ וועלט. אָבער...

— אָבער וואָס? — האָט מוישע-לייב געפרעגט, אײַנהאַלטנדיק דעם אָטעם.

— פּאַרשטייסט, ער האַלט פון בילדונג, אָבער נאָר פון דײַטשישער בילדונג, פון דער רוסישער האַלט ער ניט. „מנאָזשעניִע", „דעלעניִע" — וואָס זײַנען דאָס פאַר א וואָרטער, זאָגט ער. אָט „מולטיפּליקאַציִאָן", „דיוויזיִאָן" — דאָס זײַנען די עמעסע קולטורעלע ווערטער. מיט איין וואָרט: ער וויל, מע זאָל אונטעריכטן זײַן ברודער אַף דײַטש. דאָס קאָנסטו דאָך ניט...

— דאָס קען איך ניט, און אויב איך וואָלט עס געקענט, וואָלט איך עס אייך ניט געטאָן. שוין צײַט זיך צוגעוווינען, אַז מיר לעבן אין רוסלאַנד און די רוסישע קולטור האַלט אין איין שטײַגן און אנטוויקלען זיך, — האָט מיישע-לייב קאַטעגאָריש געזאָגט, כאָטש ער האָט געפילט, ווי יאַשטשערקעס הייבן אָן צו דראַפּען זײַן האַרץ.

ניט וואַרטנדיק ביז דער באַכער וועט לויפן מיט זײַן בלעכענעם טשײַניק צו די באַלעבאַטים נאָך זודיק וואַסער, איז מוישע-לייב אַוועק צו עזרא קאַהאַנען, צו דעם, וואָס האָט אים געשריבן מיט א פּערלדיקן קסאַו אין א מעליצעדיקן העברעיִש אָפּמונטערנדיקע בריוו.

עזרא קאַהאַן האָט געהאַלטן א סקלאַד פון מעל. דער סקלאַד, אַף איינער פון די נײַע גאַסן אין דער אַלטער שטאָט, איז געווען א פינצטערלעכע געבײַדע מיט קליינטשינקע פענצטערלעך. דער באַלעבאָס, א הויכער דאַרער ייִד, האָט זיך אַרומגעטראָגן איבערן סקלאַד, דאָ אופנעמענדיק סכוירע, דאָ אָפּלאָזנדיק. בא איינעם פון די קליינע פענצטערלעך איז געשטאַנען א הויך, ווי א שטענדער, טישל, אַף וועלכן ס'איז געלעגן אַן אָפענער קאָנטאָרסקער בוך. נאָך יעדן קויף-פאַרקויף האָט דער באַלעבאָס געאײַלט צום שטענדערל און אַרײַנגעטראָגן מיט זײַן פּערלדיקן קסאַו אין „גראָסבוך" די אָפּעראַציע. די ברילן זײַנען בא אים געלעגן אַף דער נאָז, אָדער געווען איפגעהויבן אַפן הויכן שמאָלן שטערן.

מוישע-לייבס פּלוצעמדיק דערשײַנען האָט אים דערפרייט, אָבער אויך א ביסל צעמישט. מוישע-לייב האָט אים אַפגיך איבערגעגעבן די רעזולטאַטן פון זײַן באַזוך בא יודל מיצלמאַכערן. עזרא קאַהאַן האָט זיך פאַרקרימט אין א מירמל געטאָן:

— יאָ, מיט פּאַרנאָסע איז הײַנטיקע צײַטן אין ווילנע שווער. איר זעט דאָך אַליין, ווי מע דרייט זיך... נאָר נישקאָשע, פאַר אײַך וועלן מיר שוין עפּעס-וואָס געפינען. קומט צו מיר הײַנט אָוונט אַהיים. מירן זיך צונויפזאַמלען עטלעכע מענטשן, באַשמועסן דעם איניען. — זײַן הויכער שטערן האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אין זאַרגפולע קנייטשן, די שמאָלע אַקסלען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט. נאָר דאָ האָבן זיי זיך טייקעף אויסגעגלײַכט, ער האָט א געשריי געטאָן צום טרעגער, וואָס האָט זיך געקליבן נעמען א זאַק מעל: — ניט דעם! ניט דעם! נעם אָט יענעם, וואָס שטייט אין ווינקל! — און צו מוישע-לייבן: — יאָ, יאָ, קומט אין אָוונט צו מיר אַהיים, מירן וואַרטן.

מוישע-לייב איז אַרויס א פאַרטראַכטער, און די פיס האָבן אים פון זיך אַליין געטראָגן צו דער גרויסער שול.

אַפן גרויסן שול-הויף, וועלכער האָט פאַרנומען א היפּשן שטעטך אין דער סאַמע מיט פון דער אַלט-שטאָט, האָט אין די דאָזיקע פרימאָרגן-שאָען געשווירבלט און געווירבלט פון מענטשן. א טייל זײַנען געגאַנגען דאַוונען, אָדער זאָגן טילים אין פּאָליש פון דער גרויסער קלויז, אַנדערע זײַנען געגאַנגען „לערנען" אין די קלויזן, און באַזונדערס האָבן זיי זיך געצויגן צום „ווילנער גאָענס קלויז", וועלכע איז געווען אויפגעבויט אַף דעם אָרט, וווּ ס'איז פריער געשטאַנען דאָס קליינע שטיבל, אין וועלכן דער גאָען האָט געלעבט און געדאַוונט. לינקס פון דעם גאָענס קלויז, באַדעקט מיט א שפּיציק געצאַצקעט דעכל און באַצירט מיט א שיין גאַנעקל, איז געשטאַנען א קליין נידעריק הײַזל. דאָ איז געווען דער בעסדין, וווּהין מענטשן האָבן זיך געצייגן מיט זייערע סיכסוכים, דינטוירעס און מאַכלויקעס. אין דעם ריזיקן מיזרעכדיקן שול-הויף, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט די צוויי קלויזן — דער גרויסער און קליינער, ווי אויך מיט דער קאַבראָנישער און אַנדערע ביניאָנים, איז געשטאַנען אַן אומופהערלעכער געפּילדער. פון די אַלע קלויזן האָבן זיך געטראָגן קולעס: קוויטשיקע ייִנגלשע קעלעכלעך, הייזעריק-באַסאָווע קולעס פון עלטערע מענטשן, קולעס ברומענדיקע, זינגענדיקע, שרײַענדיקע, ווייטעקדיקע.

אַפן הויף האָבן זיך אויסגעטיילט די געשרייען פון די הענדלערקעס, אָדער מאַרקווײַבער מיט זייערע קאָשעקעס, געבעקס און פריכט, טעפּ מיט קאַשע, אַרבעס, בעבלעך, רײַז און „זיסן ווײַן" (אַזוי האָבן זיי געריכט די האַלב-צעפוילטע זיסע עפּל).

אין א באַזונדערער ריי זײַנען געווען אויסגעשטעלט בעטלער, קאַליקעס, שנאָרער,

וועלכע האָבן מיט א מאָנאָטאָן-אײַנגעכאַזערטן ניגן געמאָנט בא די פאַרבײַגייער זייער „צינש“.

מוישע-לייב איז צוגעגאַנגען צום פאָליש פון דער גרויסער שיל. ער איז געווען ריזיק, געקאָנט אַרײַנעמען הונדערטער מיספּאַלעלים, טילים-זאָגער, לערנער און סטאם באטלאָנים. מוישע-לייב האָט זיך דערנעענטערט צו דער לינקער זײַט פונעם אײַזערנעם טויער פון פאָליש און ניט אָן נײַגער זיך צוגעקוקט צום ווינקל בא דער סאמע ערד. דאָרט איז נאָך געלעגן דער רעשט פון דער קייט, וואָס האָט אמאָל געבילדעט די „קונע“. דאָס איז די זעלבע „קונע“, מיט וועלכער ס'זײַנען באשטראָפט געוואָרן מענטשן, וואָס זײַנען באגאנגען א כעט קעגן דער קעהילע. די „קונע“ איז אָפּגעשאפט, אָבער דער קניפ, מיט וועלכן די רעליגיע פאַרבינדט דעם געוויסן, די מאָראל און דעם שטייגער פונעם ייִדן, איז פאַרבליבן. ווו נעמט מען די ריזיקע דאמאָקל-שווערד אף איבערצוהאקן דעם דאָזיקן קנופ...

בײַם מוישע-לייב איז געשטאנען א פאַרזונקענער אין די דאָזיקע מאכשאָוועס, איז צו אים ציגעקימען א יונגערמאן, פון יענע, וואָס דרייען זיך ליידיקערהייט אַרום איבער די קאָהאָלשע ערטער. יענער האָט דערקענט אין מוישע-לייבן א פרעמדן, וועלכער איז געקומען פון א קליין שטעטל, און ער האָט זיך דערפרייט, וואָס ער קאָן פאַר אים אַרויסווײַזן זײַן בקיעס. געווען איז ער אַן אויסגעדאַרטער, געהאט א בלאַס פאָנעם מיט א יונג קוטשעראַוו בערדל און אייגן טיפזיצנדיקע, שווארצע, וואָס האָבן געברענט צי פון הונגער, צי פון אינערלעכער לײַדנשאַפט.

זיי זײַנען אַריבער צו דער מײַרעוודיקער זײַט פון דער גרויסער שול. דאָרט האָט דער יונגערמאַן אופגעהויבן די אויגן צום סאמע שפּיץ פונעם דאך און מיט א פײַערלעך קאָל געמאָלדן:

— אָט דאָ, אפן שפּיץ דאך, איז דער גרעסטער ווונדער פונעם ווילנער שול-הויף. בײַס נאפּאָלעאָן האָט באשאָסן ווילנע מיט זײַנע האַרמאטן, זײַנען אלע ייִדן געקומען צו לויפן אין דער שול זוכן שוץ. דער ווילנער גאָען איז דאָ אויך געוועזן, ער איז געשטאנען אף זײַן אָרט און געדאַוונט מיט אלעמען. פלוצלינג האָט דער גאָען דערזען, אז א האַרמאטן-קויל פליט גלײַך אף דער שול. ער האָט געהייסן איר זיך אָפּשטעלן, און ס'איז געשען דער גרעסטער נעס: די קויל איז געבליבן הענגען דירעקט איבערן דאך. שפּעטער האָט מען לעשעם זיכערקײַט אונטערגעמויערט די קויל און איצטער ליגט זי אן אײַנגעמויערטע אין ציגל.

מוישע-לייב האָט א קלער געטאָן. נאפּאָלעאָן איז געגאנגען אף רוסלאנד אין 1812, דער ווילנער גאָען איז געשטאָרבן מיט א יאָר 15 פריִער. ער האָט א קוק געטאָן אפן יונגגמאַן. זײַן בלאַס אויסגעצערט פאָנעם, באזוימט מיט א שיטער קוטשעראַוו בערדל, האָט געאָטעמט מיט באגײַסטערונג, די אויגן האָבן געשײַנט. צי מעג ער בארויבן אָט דעם מענטשן פון זײַן טמימעסדיקער פרייד, וואָס איז עפשער די איינציקע פרייד אין זײַן לעבן? ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זײַן פרײַוויליקן גיד און איז אוועק בלאָנדזשען איבער די גאסן.

די ענגע געסלעך האָבן געהודזשעט ווי א בינשטאָק. מע האָט געטומלט, געררוישט, געליאַרעמט, געפילדערט. פריקאַסטשיקעס האָבן געצויגן פאַר די פאָלעס די קוינים, ווײַבער האָבן אויסגעשריִען מיט קוויטשענדיקע קולעס זייערע סכוירעס.

עס זײַנען געשטאנען די „פּאַרכטיקע טעג“ פאַר ראָשעשאָנע. נאָר די פּאַרכטיקײַט איז ניט געווען צו זען אף קיין איינעם פון די שרײַענדיקע, האווענדיקע מענטשן. מע האָט געהאַנדלט, געוואַנדלט, געסטאַרעט זיך אָפּצונאַרן, ניט צו דערמעסטן, ניט צו דערוועגן, אבי אַרויספּרעסן דאָס ביסעלע אָרעמע פּאַרנאָסע. נישקאָשע, באלד וועט קומען דער פּאַרכטיקסטער פון אלע פּאַרכטיקע טעג, דאַן וועט מען מיט ברען, מיט פײַער, מיט היץ אויסבעטן, אויסוויינען באם אייבערשטן מעכילע, אַרויסקליאַנטשען און — ווײַטער טאָן דאָס זעלבע.

מוישע-לייבן איז פריקרע געוואָרן אָט די וועלט פון האַנדל און געשעפטסמאַכערײַ, ער האָט פאַרקערעוועט אף רעכטס. דאָ איז ער מיטאמאָל אַרײַנגעפאַלן אין נאָך ענגערע גאסן, אין א וועלט פון אכסאַניעס, אַרײַנפאָר-הײַזער, בעקערײַען, קעלערס, שטאלן און שטעלעכלעך. דאָס איז געווען די לינקע, די איבערגעניצעוועטע זײַט פון יענער געשעפטסמאַכערישער גאַס. דאָ האָט געשמעקט מיט רויך, אייל, פאַרדומפּענע מײַכאָלים, עס האָט געאַווערט מיט פערדישער מיסט און האשטאָנע. און אין דער דאָזיקער פאַרפעסטעטער לופט, צווישן אויסגעשפאַנטע וועגענער, צווישן מאָרעשכוירעדיק-קײַענדיקע פערד האָבן זיך געשפּילט קינדער — בלאַסע, דאַרע, אויסגעצערטע, נאָר מיט בלינצנדיקע שווארצע אייגעלעך.

מוישע-לייבן האָט פאַרשטשעמעט דאָס האַרץ פונעם אָנזען פון די קינדער און עס האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם פון אוועדיקער לופט. ער איז אַרויס אף א ברייטער גאַס

און זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַן אָפענעם אײַזערנעם טויער, וואָס האָט געפירט אין אַ גרויסן ציכטיקן קוואַדראַטן הויף. פון דרײַ זײַטן איז דער הויף געווען אַרומגעבויט מיט דרײַגאָרנדיקע סאָלידע געבײַדעס, וועלכע האָבן געבילדעט אין אונטערשטן עטאַזש אַ לאַנגע דורכויסיקע אַרקאַדע. פון דער פאָרטער זײַט איז געשטאַנען אַ פּרעכטיקע וואַנט פון אַ קאָסטיאָל מיט קאָלאָנעס, קאַפּיטעלן און געזימסן אין באַראָקאָ-סטיל. דער הויף איז געווען קימאַט פּוסט. מוישע-לייב איז אַרײַן אין הויף, דורכגעגאַנגען אים און דורך אַ נידעריקער אַרקע אַרײַן אין אַ צווייטן הויף, אויך אַ קוואַדראַטן, אָבער אַ סאַך אַ קלענערן. דאָ האָט ער זיך אַ פאַרגאַפטער אָפּגעשטעלט אַנטקעגן אַ וואַנט. זי איז באַשטאַנען פון גראָבע קאָלאָנעס מיט געזימסן און ברייטע פענצטער. אויף די גלאַטע טיילן פון דער וואַנט זײַנען געווען אויסגעמאָלט מיט איידעלע פאַרבן די צייכנס פון זאָדיאַק. אויבן האָט זי געקרוינט אַ טורעמל, וואָס איז, קענטיק, געווען באַשטימט פאַר אַסטראָנאָמישע באַאָבאַכטונגען.

מוישע-לייב האָט געקוקט אויף די אויסגעמאָלטע זאָדיאַק-צייכנס. ער האָט געוווּסט: די דאָזיקע געבײַדע איז אַמאָל אויפגעבויט געוואָרן מצד די יעזויִטן, און דאָ איז געווען אַ סעמינאַר פאַר גײַסטלעכע. שפּעטער איז דאָ געווען דער ווילנער אוניווערסיטעט. נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד איז דער אוניווערסיטעט געשלאָסן געוואָרן, און איצטער געפינט זיך דאָ די רוסישע גימנאַזיע. די דאָזיקע זאָדיאַק-צייכנס זײַנען אויך אַן איבערבלײַבעניש פון דער אַמאָליקער, אָפּגעלעבטער וויסנשאַפט. נאָר דאָ זײַנען זיי בלויז אַ סימבאָל, אַ צירונג. די וויסנשאַפטן, וואָס ווערן אין דער גימנאַזיע געלערנט, האָבן קיין געמיינזאַמס ניט מיט דער אַלטער אַסטראָלאָגיע — זיי זײַנען ניט געבונדן דורך רעליגיעזע פּענטעס פון צוואַקעס מיט פאַרגלייזטע אויגן. דאָס איז די וויסנשאַפט, צו וועלכער ער שטרעבט.

פּלוצלינג האָבן זיך פאַנאַנדערגעטרילערט אין די געבײַדעס גלעקלעך. דער גרויסער הויף איז טייקעף פאַרפולט געוואָרן מיט אַ לעבעדיקן, שטיפערישן יונגוואַרג. מוישע-לייב האָט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. ער איז געגאַנגען דורך דער מאַכנע יונגען אין העלגרויע מונדירן מיט זילבערנע קנעפּלעך, און אין זײַן מויעך האָבן געווירבלט האַפּערדיקע געדאַנקען. ער איז ניט געווען אַזוי נאַיִוו נישט צו וויסן, אַז דער דאָזיקער לערן-אַנשטאַלט איז געגרינדעט געוואָרן פון דער צאַרישער רעגירונג, קעדיי צו דערציִען אין אים טשינאָווניקעס, זשאַנדאַרמען, הויכע באַאַמטע — פאַר איר אַדמיניסטראַציע. נאָר ער האָט, אויסער דעם, געוווּסט, אַז פון אָט דער יוגנט וועלן אויך אַרויסקומען בעלינסקיס, פּיסאַרעווס און נאָך אַנדערע, וואָס וועלן זייען „דאָס גוטע, דאָס פאַרנונפטיקע, אייביקע". און יענע פון זיי, וואָס וועלן גיין מיטן פאָלק, וועלן זיך אויפהייבן מיט דער שפּיץ פון דער כוואַליע פון פאָלקסצאָרן און פאָלקס-מוט און וועלן ווערן זײַנע וואָרטזאָגערס און פירער. מוישע-לייב האָט ניט געקאָנט וויסן, אַז אין קנאַפּע צוואַנציק יאָר אַרום וועט צווישן די גימנאַזיסטן מיט די זילבערנע קנעפּ זיך געפינען אַ הויכער דאַרער יונגערמאַן מיט גרויסע ערנסטע אויגן, וואָס זײַן נאָמען איז פעליקס דזערזשינסקי. אָבער ענלעכע געדאַנקען האָבן דאָך געבראַנדזשעט אין זײַן ניכטערן מויעך.

14

אין אָוונט איז מוישע-לייב געקומען אין שטוב צו עזרא קאַהאַנען. אין גרויסן צימער זײַנען שוין געווען פאַרזאַמלט אַ זעקס-זיבן מענטשן, אַלע מיטליאָריקע און סאָלידע. דער טיש איז געווען פאַרשפּרייט מיט אַ יאַמטעוודיקן טישטעך, בעראָש פון אים איז געזעסן דער באַלעבאָס. לעבן אים, אויפן ווינקל טיש, — אַ זודיקער סאַמאָוואַר, פון וועלכן ער האָט אָנגעגאָסן די געסט צו גלעזלעך טיי. אויפן טיש איז געשטאַנען קיבעד: פרישע קיכעלעך פון פאַרשיידענער פאָרם און טעצלעך מיט אײַנגעמאַכטס.

אויסער דעם באַלעבאָס האָט מוישע-לייב דאָרט קיינעם ניט געקענט. ער האָט זיך באַגריסט מיט אַלעמען, געבנדיק יעדערן די האַנט. דער באַלעבאָס האָט אים אָוועקגעזעצט לעבן זיך און טייקעף מעכאַבעד געווען אים מיט אַ גלאָז טיי און מיט אַ טעצעלע אײַנגעמאַכטס.

בײַם מוישע-לייב איז אַרײַנגעקומען האָט מען געהאַלטן אין שמועסן. איצט האָט זיך דער געשפּרעך באַנײַט. קענטיק, דער באַלעבאָס האָט איבערגעגעבן, אַז פון לייענען לעקציעס דעם גווירישן יונגנמאַן, אויף וועלכע מע האָט געלייגט אַזוי פיל האָפענונגען, איז גאָרניט אַרויסגעקומען, ווײַל יענער פאַרלאַנגט דאַפקע דײַטש. דאָס האָט אַלעמען אויפגעבראַכט.

— דײַטש האָט זיך אים פאַרוואָלט! — האָט מיט קאַס געזאָגט מוישע-לייבס שאָכן, אַ מיטליאָריקער מענטש מיט אַ דאַר פּאָנעם, מיט ניט קיין געזונטער הויט און מיט אַן אָנגע-שטרענגטן בליק דורך די דיקע אויגן-גלעזער. ער האָט גאַליק און הייזעריק אַ לאַך געטאָן, אַנטבלויזנדיק דערבײַ גרויסע געלע ציינער. — דײַטש האָט זיך אים פאַרוואָלט! שוין צײַט צו צוגעווינען זיך, אַז מע לעבט אין רוסלאַנד און ניט אין דײַטשלאַנד, און די רוסן באַציִען זיך צו ייִדן פּונקט קאַפּויער, ווי די דײַטשן. זיי, די דײַטשן, ווילן, די ייִדן זאָלן זיך דאַפקע אויסצייכענען פון זיי מיט זייער קליידונג, און די רוסן פאָדערן פאַרקערט, ייִדן זאָלן אַוועק-וואַרפן זייערע קאַפּאָטעס און זיך אָנטאָן ווי אַלע בירגער.

— פֿי, — האָט זיך אָפּגערופן דער שאָכן פון דער אַנדערער זײַט, אַ בעקאָוועדיקער ייִד מיט אַ קורץ בערדל. — רייכערט ניט אַזוי פיל, רעב קאַלמען! ס'איז דאָך ניט גע-זונט! פאַר אײַך אַוודע! און וואָס שײַעך דער קליידונג, איז עס ניט קיין סימען.

— אַ סימען! — האָט זיך קאַלמען הייס אָפּגערופן, זיך נאָך מער פאַרצויגן מיטן פּאַפּי-ראָס און זיך פאַרהוסט. — אַ סימען, רעב טאָדרעס! די דײַטשן האָבן פײַנט דעם ייִדן טאַכ-לעס סינע און ווילן ניט לײַדן, ער זאָל קריכן אין זייער געזעלשאַפט. איר וועט זען, עס וועט נאָך קומען אַ צײַט, ווען מע וועט דאָרט פאַרווערן, אַז דווירע זאָל זיך רופן דאָראָטעאַ און לייע — ליזאַ! און בײַ די רוסן איז דאָס ניט מעגלעך. זיי זאָגן: אַדעראַבע וועאַדעראַבע: מענטשלט זיך אויס!

— איך האַלט אויך אַזוי, — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די געסט, אַ ייִד מיט קײַלעכדיקע רויטע בעקלעך און מיט אַ שפּיציק שיטער בערדל. — די רוסישע ייִדן וועלן איבערנעמען די האַסקאָלע גרינטלעכער, און דעריקער ייִדישלעכער, איידער די דײַטשע ייִדן. אַן שמאַד-שטיק. טאַקע איבערנעמענדיק די הײַנטצײַטיקע בילדונג און בלײַבנדיק אַ ייִד. — און ער האָט אָנגעהויבן זיך צו פאַרשפּרייטן וועגן די מײַלעס פון דער האַסקאָלע און וועגן די זיסע פּרוכטן, וואָס זי וועט געבן פאַר די ייִדן. זײַנע פינגער האָבן זיך אַראָפּ-געגליטשט אַף אונטן ביז צו דעם דינינקן שפּיץ פון דער באָרד, געבנדיק דערמיט אָנצו-הערן, וואָס פאַר אַ פײַנע זאַך דאָס איז די האַסקאָלע.

— יאָ, אָבער דאָס פאָדערט צײַט און צײַט, — האָט עמעצער אַ זיפץ געטאָן. — דערווײַל דאַרף מען עפּעס טאָן פאַר מוישע-לייבן.

אַלע אויגן האָבן זיך געווענדט אַף רעב טאָדרעסן. קענטיק, ער איז דאָ געווען דער סאַמע אויטאָריטעטער מענטש.

רעב טאָדרעס האָט געהאַט אַ פּאָנעם אַ ברייטס און אַ קורצס. דאָס שוואַרצע בערדל מיט איינצלנע זילבערנע פעדעם איז בײַ אים געווען קורץ און ברייט פאַנאַנדערגעוואַקסן. דער שטערן איז געווען ניט קיין הויכער, נאָר די טיפע אויגן אונטער די געדיכטע ברעמען האָבן געקוקט קלוג און דורכדרינגלעך. גערעדט האָט ער פּאַמעלעך, קימאַט אָן זשעסטן, נאָר יעדעס וואָרט איז געווען וואָגיק.

אָנגעהויבן האָט ער פון דער שענדלעכער ראָל פון דער גײַסטיקער טראַדיציע, וועלכע האָט בײַ די ייִדן אַ באַזונדערן קויעך, ווײַל זי איז פאַרוואָרצלט אין דער טיפער פאַרגאַנגענ-הײַט. באַזונדערס איז עס נעגייע ליטע, וואָס, ניט קוקנדיק אַף איר נאָענטקײַט צו דער פרײַסישער גרענעץ, איז דער „בערלינער גײַסט" אין איר אַרײַנגעדרונגען ווייניקער, ווי אין גאַליציע און אַפילע דאָרעם-אוקראַיִנע. אַזעלכע מענטשן, ווי אַווראָם מאַפּו, אַווראָם-בער לעבנסאָן, אַווראָם-אורי קאָוונער, יעהודע-לייב גאָרדאָן זײַנען איינצלנע דערשײַנונגען, און מע קאָן זיי מער באַטראַכטן אַלס מענטשן, וואָס האָבן אויסגעבעסערט, פאַרפולקומט די העברעיִשע שפּראַך, באַפרײַענדיק זי פון דער מעליצע און פאַרוואַנדלענדיק זי אין אַ מאָ-דערנער שפּראַך, אָבער ניט אַלס אַזעלכע, וואָס ברענגען ליכט אין די פאָלקסמאַסן און טראָגן בײַ צו זייער גײַסטיקן און מאַטעריעלן פּראָגרעס. ווילנע איז געווען און געבליבן די באַסטי-ליע פונעם ווילנער גאָען, די ציטאַדעל פון אומבייגזאַמען, קאָמפּראָמיסלאָזן ראַבאָניזם, די פעסטונג פון רעליגיִעזע אָבערגלויבענישן און פינצטערניש.

מוישע-לייב האָט דאָ געוואָלט אַרײַנגיין מיט דער געשיכטע, וואָס ער האָט הײַנט גע-הערט, וועגן האַרמאַטן-קויל, וואָס איז געבליבן הענגען איבער דער גרויסער קלויז, נאָר ער האָט דערשפּירט, אַז דאָ איז ניט דאָס אָרט פאַר דעם: ווילנע האָט שוין גענוג געקראָגן פונעם הויפּט-רעדנער און אַלע אָנוועזנדע זײַנען מאַסקים געווען, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ.

רעב טאָדרעס האָט אַ זופּ געטאָן פון דער אָפּגעקילטער גלאָז טיי. די באַלעבאָסטע, וועלכע איז געזעסן מיט צוזאַמענגעלייגטע אָפּן שויס הענט אין ווינקל צימער, איז גיך אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום טיש, אָנגעגאָסן נײַע גלעזער טיי פון סאַמאָוואַר און אָנגע-פילט די טעצלעך מיט אײַנגעמאַכטס.

רעב טאָדרעס האָט אָפּגעזופּט טיי, געוואָרפֿן א דאנקבארן בליק אַף דער באַלעבאָסטע און איז פֿלוצלינג ווי איבערגעביטן געוואָרן. ער האָט ענערגיש א פֿאָך געטאָן מיט דער האנט איבערן פלאכן טיש און אויסגעשריִען:

א גלאַט אָרט דארפֿן מיר האָבן! א גלאַט אָרט אַף אופצובויען דאָרט, אויסצוכאָווען אונדזער נײַע הײַנטצײַטיקע קולטור! און אלס אזא אָרט זע איך די אײנציקע שטאָט: אָדעס! אָדעס איז א נײַע שטאָט. אָקאָרשט אופגעבויט געוואָרן. א האנדלס־שטאָט, וואָס האָט פֿאַר־בינדונגען מיט אויסלאַנד. א נײַע שטאָט, וועלכע אנטוויקלט זיך מיט שטורמישע טעמפּן. אהין זײַנען אָנגעפֿאָרן, מאמעש זיך צונויפגעלאָפֿן, ייִדן פֿון דעם גאנצן טכום. ייִדן, וואָס זײַנען געקומען דאָרט צו פארלייגן א נײַ לעבן און וואָס זײַנען ווייניק פארוואָרצלט אינעם אלטן. זיי זײַנען ווייניק באַאײַנפֿלוסט פֿון די היסטאָרישע געשעענישן, וואָס האָבן אופגע־רודערט די ייִדישע ייִשוּווים. דער קאמף, צום בײַשפּיל, וואָס מיר, ליטוואקעס, האָבן געפֿירט קעגן כאסידיזם, און דער גאנצער כאסידיזם גופֿע, אָרט זיי, ווי דער פֿאַראיאָריקער שניי.

— דער כאסידיזם דאָס איז געווען דער לעצטער אריערגארד פֿון דער מיטלאַלטער־לעכער רעאקציע, — האָט זיך אָפּגערופֿן א יונגערמאן, וואָס האָט ביז איצט געשוויגן. ארויס־געזאָגט דאָס און זיך פֿארויטלט: ער איז געווען קענטיק, א שעמעוודיקער.

— הײַנט זײַנען שוין ניטאָ די כאסידים פֿון אמאָל. פֿאַראן אָדער כאָסיד־גאנעוו, אָדער כאָסיד־שויטע, — האָט שטרענג געזאָגט רעב טאָדרעס און האָט ווידער גענומען ריידן וועגן דער נײַער שטאָט אפֿן שווארצן יאם, וואָס וואקסט ווי אַף הייוון. לויט זײַנע רייד איז אויס־געקומען, אז אפֿילע דאָס, וואָס עס לויפֿן זיך צונויף אהין ייִדן פֿונעם האמוין, אָן ערעוו־ראָוו, איז אויך א מײַלע: דאָס באטײַט, אז מע וועט קאָנען דאָרט פארלייגן א ייִדיש לעבן אָן די פֿאָרורטיילן און אָבערגלויבנס פֿון די אלטע טראַדיציאָנעלע ייִשוּווים.

מוישע־לייב האָט געהערט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. ער האָט פֿארשטאנען, אז אָט די אלע רייד זײַנען נעגייע אים און באלד וועט קומען פֿון רעב טאָדרעסעס מויל דער „און", וואָס האָט א דירעקטע שײַכעס צו אים. נאָר דער „און" איז ניט געקומען. רעב טאָדרעס האָט אפֿילע ניט געקוקט אין זײַן זײַט. דאָס, וואָס דאָס מויל האָט ניט דערעדט, האָבן דע־רעדט די קלוגע אויגן, און מוישע־לייב האָט פֿארשטאנען: די ווילנער מאסקילים ווילן פּאָטער ווערן פֿון אים און ראטן אים צו פֿאָרן אין אָט דער געבענטשטער שטאָט.

ער האָט א קוק געטאָן אפֿן באַלעבאָס. אַף די אלע רייד פֿונעם קלוגן רעב טאָדרעסן האָט יענער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און אין אלע קנייטשעלעך פֿון זײַן פֿארזאָרגטן, פֿארזונ־קענעם אין פּאַרנאָסע־האָווענישן פּאָנעם איז געלעגן א פארגעניגן־שמייכל. מיט דעם זעלבן שמייכעלע האָט ער צוגערוקט צו יעדן גאסט דעם קיבעד, מיט וועלכן דער טיש איז געווען אויסגעשטאט, און מוישע־לייב האָט פֿארשטאנען, אז מיט יעדער גלאָז טיי, מיט יעדן שטיקעלע געבעקס און טעצעלע אײַנגעמאכטס קויפֿט דער באַלעבאָס אויס זײַן „כעט", וועלכן ער איז באגאנגען מיט זײַנע צאָלרײַכע יעדידי־אהוּווי־בריוועלעך, וואָס ער האָט געשיקט דעם יונגן מאסקיל אין ווילקאָמיר. יעדער בריוו זײַנער, געשריבן מיט א פֿערלדיקן קסאוו אין א מעליצעדיקן העברעיִש, איז געווען פֿאַר אים ניט מער, ווי א פֿרישער אָטעם לופֿט, וואָס איז פֿאַר אים געווען א באדערפֿעניש נאָכן טאָג האָרעוואַניע אין זײַן שטוּביקן, פֿינצטערן מעל־סקלאד. א דערקוויקעניש, און ניט מער.

ס'איז געוואָרן שטיל. מיטאמאָל האָט זיך קאַלמען א שארפֿן קער געטאָן צו מוישע־לייבן און ווי אויסגעשאָסן:

— אין אָדעס לעבט איצט אווראָם־אורי קאָוונער... אויך אָן אונדזעריקער, א ווילנער... א מענטש, וואָס לייקנט שטיין און ביין... דער ייִדישער פּיסארעוו, ווי מע רופֿט אים...

מוישע־לייב האָט זיך אופגעכאפּט פֿון זײַנע שווערע מאכשאָוועס. דער ייִדישער פּיסא־רעוו? דאָס איז דאָך דער מענטש, וואָס איז אים נעשאָמעדיק נאָענט! ניט לאנג צוריק האָט ער געלייענט אוורָאָם־אורי קאָוונערס אָן ארטיקל, וואָס האָט געמאכט אַף אים א רוישעם. אין דעם ארטיקל שרײַבט קאָוונער, אז דער פּראָגרעס פֿון דער מענטשהײַט, די פֿארבעסע־רונג פֿון די לעבנס־באדינגונגען, צו וועלכער מיר שטרעבן, וועט קומען ניט מיצאַד די פֿילאָסאָפֿן, נאָר מיט דער הילף פֿון יענע געלערנטע און פֿאָרשער, וועלכע ארבעטן פֿאנאנ־דער די נאטורוויסנשאפֿטן און דערקלערן די געזעצן פֿון דער נאטור. זיי, און נאָר זיי, זײַנען מעסוגל צו ברענגען די מענטשן צום וווילשטאנד. אינעם קאמף פֿאַר פּיסארעוון, וועלכער שטעלט די „רעאליסטן" אנטקעגן די „עסטעטיקער" און „אידעאליסטן", האָט מוישע־לייב, אָן איבערגעזעטיקטער מיטן פּילפּל, זיך אנטשיידן געשטעלט אַף דער זײַט פֿונעם „אוטילי־טארן רעאליזם". ווען ער האָט זיך באקאנט מיט פּיסארעווס (און שפּעטער מיט קאָוונערס) ווערק, איז אים נעפֿלהאפֿט אופגעקומען דער געדאנק, אז אויב אים וועט געלינגען זיך דורכ־

רײַסן צו הויכבילדונג, וועט ער שטודירן ניט מעדיצין, ניט יוריספּרודענץ, נאָר טאַקע אינזשעניעריע! ער, דער אילוי, דער בעסטער קענער פֿון טאַלמוד, וועט ווערן דאַפֿקע אַן אינזשעניער! דער ערשטער ייִדישער אינזשעניער אין רוסלאַנד! איצט, זיצנדיק באַם טיש פּונעם מעל-הענדלער, וועלכער שלינגט זיך אַן אַ גאַנצן טאָג מיט מעליקן שטויב און דערקוויקט אין אָוונט זײַן נעשאָמע מיט בריוו מיט אַ פּערלדיקן קסאַוו, אין אַ מעליצעדיקן העברעיִש, האָט דער באַשלוס זײַנער פּלוצעם געקראָגן אַ פֿעסטן אָנשפּאַר. יאָ, גענוג פּשאַט, דרוש, פּילפּל — ער וועט ווערן אַן אינזשעניער!

מיסטאָמע האָבן די אָנווועזנדיקע עפּעס-וואָס באַמערקט אויף מוישע-לייבס פּאָנעם. עמעצער האָט ניט דרייסט אים אַ פֿרעג געטאָן:

— איז פֿאָרסטו, הייסט עס, קיין אָדעס?

— יאָ, איך פֿאָר קיין אָדעס, — האָט מוישע-לייב געענטפֿערט און אַליין ניט דערקענט זײַן שטים.

אויף מאָרגן, שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן, איז מוישע-לייב געזעסן אין זײַן קעמערל אין אַכסאַניע באַם טישל און געשריבן. דאָס נאַפֿט-לעמפּל האָט אָפּגעוואָרפֿן אויפֿן דיל און אויף דער וואַנט זײַן אײַנגעהויקערטן שאָטן. אַרום איז געווען שטיל. אַלע זײַנען שוין געשלאָפֿן.

דער אײַזנבאַן-בילעט איז געלעגן אין זײַן קעשענע. באַגינען פֿאָרט ער אָפּ. מיט אַלעמען, מיט וועמען ער האָט געדאַרפֿט, האָט ער זיך שוין געזעגנט. איצטער האָט ער געדאַרפֿט בלויז אָנשרײַבן צוויי בריוו.

דער ערשטער בריוו איז געווען קורץ.

„פֿרוי מײַנע!

דו ווייסט זיך בעליסאָפֿעק פֿאַרוווּנדערן איבערן דאָזיקן בריוו, ווײַל לויט דײַן כעזשבן האָב איך אַליין געדאַרפֿט קומען. אָבער איך וועל זיך מער ניט אומקערן קיין ווילקאָמיר. איך וועל אויך ניט בלײַבן דאָ און אויך ניט פֿאָרן צו גאָרדאָנען. איך זעץ זיך מאָרגן באַגינען אויף דער אײַזנבאַן און פֿאָר קיין אָדעס.

ווען דו וואָלסט געוווּסט, ווי איך בין פֿאַרזאָרגט וועגן דיר און וועגן אונדזערע זין, וואָלסטו ניט געצווייפֿלט, אַז איך וועל דיך ניט איבערלאָזן צו דער כאַרפּע פֿון הונגער. האָב קיין מוירע ניט, איך וועל דיר שיקן, ווי אָפֿט איך וועל קאָנען, גענוג געלט אויף דורכצולעבן.

דײַן מאַן".

אויפֿן אַנדערן בריוו האָט ער לאַנג געהאָרעוועט. עטלעכע מאָל האָט ער אָנגעהויבן, צעריסן, געשריבן, געמעקט. און פּלוצעם האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס, וואָס ער וויל זאָגן, קאָן מען ניט אויסדריקן אין אַ בריוו. פֿון די טיפֿעניִשן פֿון דער נעשאָמע האָבן זיך אויפֿגעהויבן ווערטער, ער האָט זיי געשליפֿן, געטאָקט די שורעס. פֿון זיך אַליין האָבן זיך געבילדעט גראַמען, און ער האָט פּערז נאָך פּערז געשריבן אַ שיר, אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט זײַן בענקשאַפֿט, זײַן באַגער, זײַנע פֿאַרבאָרגנסטע כאַלוימעס, וועלכע וואָלטן געקאָנט ווערן וואָר, ווען ניט דאָס אומגעלומפּערטע לעבן אַרום. ער האָט געזעגנט זיך אויף שטענדיק מיט איר:

וירחים אלה נצח יסתרו
יום יום תמיד ממני רק ירחקו.
אך עמוק בלבבי שם יזכרו
שמה לוח לעד הוחקו!

(יענע כאָדאָשים וועלן אויף אייביק באַ מיר זײַן באַהאַלטן, מיט יעדן טאָג וועלן זיי זיך אַלץ מער פֿון מיר דערווײַטערן, נאָר אין האַרצן וועלן זיי פֿאַרבלײַבן, דאָרט ווי אויף אַ לועך וועלן זיי שטענדיק זײַן אויסגעקריצט!).

צו וועמען וועט ער שיקן אָט דעם „בריוו", האָט ער ניט געוווּסט[1]. נאָר שטעלנדיק דעם לעצטן פּונקט אין דער ליד, האָט ער דערשפּירט, אַז ער האָט זיך אַראָפּגערעדט פֿון דער נעשאָמע, אויף אייביק זיך געזעגנט מיט אַ טרוים.

ס'איז געווען גאָר שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן. דאָס נאַפֿט-לעמפּל האָט געטשאַדעט, עס האָט שוין געהאַלטן באַם אַרויסזויגן די לעצטע טראָפּנס נאַפֿט. נאָר לייגן זיך שלאָפֿן איז שוין ניט געווען קעדײַ. באַלד איז שוין צײַט צו גיין אויפֿן וואָקזאַל.

[1] אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט די ליד אין אָדעסער „המליץ".

מענדל ליפשיץ

פון דער שעפערישער ירושע

פון רעדאַקציע. מיר דרוקן דאָ די לידער, וועלכע דער באַוווּסטער סאָוועטישער יידישער דיכטער מענדל ליפשיץ האָט איבערגעגעבן פאַר „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט עטלעכע טעג פאַר זיין טויט.

* * *

ס'איז פול מיין קאָפּ מיט ליכטיקע געדאַנקען,
פון דעם מיין גוטמוטיקער שמייכל שטאַמט,
פון דעם אַפילו ווערט מיין קערפּער שלאַנקער,
מיין גייסט ווערט פילבאַר ווי אין פעלד אַ זאַנג,
און קוקנדיק אויף דיר, כ'בין פול מיט דאַנק.

ס'איז זייער גוט, וואָס דו ביסט דאָ אַצינד
און וואָס פאַרשאַפסט מיר פרייד, מיין טייער קינד!

* * *

קיין אויצרעס גרעסער איז בא אונדז ניטאָ מער —
די פריינטשאַפט, זי איז אונדזער גרעסטער גאָב,
און דער, וואָס וואַגט אויף אונדז גיין מיט מילכאָמע,
דער וועט פון קריג אַרויסגיין אָן אַ קאָפּ.

יאָ, באַקומען וועט דער פיינט זיין גרויסע שטראָף,
און דאַן זאָל שוין די ענדע זיין — דער סאָף.

אַז ס'זאָל דער מענטש פאַרבלייבן, ניט געמינערט גאָר,
באַדאַרף איך אויף די אַקסלען דורכטראָגן מיין דאָר.

* * *

ווערן דאַרף דאָס לעבן וווּנדער-פּראָסט,
אַז דורכן האַרץ זאָל דורכגיין הייס אַ פּראָסט,
אַז דאָס אַלץ, וואָס לעבט מיט יאָ און ניט,
בלייבן לעבן זאָל אויף אייביק אין דער ליד.

* * *

ווילסטו, ווײַטע הימל-שטערן
זאָלן נעענטער דיר ווערן,
פלי! און סעדער-פּרוכט און קווייטן
וועלן דיך אין וועלט באַגלייטן,
ליכט פון אומענד, זונען-רעגן,
וועלן יאָגן דיר אנטקעגן,
אין דער כּאַלעל, ווי אן אָגער,
וועט געצוימט דײַן נאָמען טראָגן,
וועט זיך גרויסן מיט דײַן קראַפט,
קאָסמאָנאַווט!

• • •

ניט קיין אײפּערזוכט און ניט קיין לײדן
האָט קיינעם ניט געבראַכט עס אויסער מיר.
און איך האָב שטערן ניט געוואָלט זיי ביידן
אין יוגנטס ערשטן דראַנג — ניט אים, ניט איר.

פון זייער פרייד האָב איך פאַר זיך גענומען
ס׳אייניציקע, וואָס בלײַבט פאַר מיר, —
די טרייסט,
און ווען די פײַן געטריקנט האָט מײַן גומען,
וואָס טוט בא יענעם זיך אין האַרץ —
ווער ווייסט?

ס׳האָט קיינער ניט געוווסט,
בלויז נאָר די מאַמע,
זי, וועמעס אויג ניט קוקנדיק עס זעט,
זי האָט געוווסט, זי האָט שוין
אַלץ פאַרשטאַנען,
נאָר זי פון דעם האָט אויכעט ניט גערעדט.

כ׳האָב פײַן געהאַט, נאָר דעמלט ניט געוווסט,
אַז ס׳איז גאָר פרייד געווען
און גליק און לוסט.

* * *

אָרעמע, איינזאַמע, ייִדישע הײַזער
שטייען באַם וועג, ווי די זייגערס
אָן ווײַזערס.
ווו זײַנען אײַערע טוישווים אַצינדער?
אַף די בעסוילעמס די טאַטעס און קינדער.
קנאַפּ פּין זיי האָבן צו אײַך אומגעקערט זיך.
ייִדישע הײַזער, צעוואַקסט און פאַרמערט זיך!

* * *

ווער וואָלט געטראַכט און ווער
וואָלט געגלייבט —
דאָס אַלץ וועט צוזויבן דער גאַזלען מיטן וואָפן,
נאָר ס׳איז מײַן גײַסט געבליבן ניט באַרויבט
און פאָדערט שטרענג דעם מערדער צו
באַשטראָפן.

פון אַלע פײַניקונגען בלײַבט אַף לאַנג
גערעכטיקײַט, געלײַטערטע אין פײַער.
פון אַלע מענטשלעכע פאַרלאַנגען —
איין פאַרלאַנג:
די שענדער, די פאַרברעכער ניט פאַרצײַען.

* * *

וואָס ריכטיק, איז ריכטיק.
אויב ליבע איז גליק,
כ׳בין גליקלעך געווען.
אויב גליק נאָר הייסט ווילטיק, —
דאַן האָב איך קיין ליבע נאָך קיינמאָל געזען.

וואָס ריכטיק, איז ריכטיק.
אויב ליבע הייסט שוועבן אַף בערג,
איז קיינער פון מיר ניט געווען דאַן
נאָך העכער.

נאָר אויב ליבע הייסט ווײַן,
וואָס פרייט און וואָס נערט, —
אינגאַנצן איז פּוסט נאָך מײַן בעכער.

וואָס ריכטיק, איז ריכטיק.
איך זינג און איך וויין.
א לעבן געגאַנגען מיט דיר כ׳בין צוזאַמען,
און איצט מײַנע טרערן פון פרייד
זאָלסט פאַרשטיין...

■ ■ ■

איבערזעצונגען

יעווגעניא מאלאכאָווסקאיא

דער געזעגענונגס־וויזיט

ער איז ניט אויוער געווען אף זײַן שטענדיקן קלאַל אויך הײַנט: גאנצפרי, פאר דער ארבעט, האָט ער פאַרגענומען א שפאציר.

און אנדערש מאָל פלעגט ער גיין שפאצירן צופוס. דאָס איז געווען אין יענע טעג, ווען ער האָט זיך געפילט ניט מיט אלעמען, אָדער דער וועטער איז געווען אזא, אז דאָס פאָרן רײַטנדיק וועט קיין פארגעניגן ניט פארשאפן, צי... ס'איז געווען נאָך איין זייער וויכטיקע סיבע, וועגן וועלכער ער האָט קיינעם קיין כיישעק ניט געהאט צו דערציילן, סײַדן דערעכאגעוו א זאָג טאָן וועגן דעם זײַן באדינער, איליאן: ער האָט ראכמאָנעס אפן פערד.

טאָלסטאָי האָט אין דער לאנגיאָריקײַט פון זײַן גרויס לעבן געהאלטן, אז דער מענטש, וועלכער האָט זיך דערהויבן איבער דער נאטור, האָט אופגעהערט זי אָפּהיטן, שוינען, און, נעמענדיק בא איר דאָס בעסטע, מיט וואָס זי איז רײַך, האָט ער פארלוירן די גאָטספאָרכטיקײַט און אפילע דעם אינטערעס. דעם דאָזיקן געדאנק פלעגט ער אָפּהארציק פארטרויען זײַנע שטוב־לײַט, וועגן דעם האָט ער אָנגעשריבן א בריוו מעטשניקאָוון, ער איז מאסקים געווען פארעפנטלעכן דעם בריוו אין טשערטקאָווס זשורנאל, וועלכער איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין ענגלאנד, ער האָט אייך מיטגעטיילט וועגן דעם בייס א שמועס מיט זײַן טולער בען־איר וויקענטי וויקענטיעוויטש ווערעסאיעוון:

— ער, דער פּראָפעסאָר מעטשניקאָוו, וויל... ענדערן צום בעסטן די נאטור... ער ווייסט קלוימערשט בעסער פון דער נאטור אליין, וואָס מיר דארפן, און וואָס מיר דארפן ניט! בא די כינעזער איז פאראן א וואָרט „שו“, — לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט א ווײַלע געשוויגן און אופמערקזאם א קוק געטאָן זײַן גאסט אין די אויגן: קאָנצענטרירט, אופמערקזאם, אָנגעשטרענגט. ער האָט האנאָעדיק א הוסט געטאָן. איר הערט? שו... דער טײַטש איז: דערעכערעך... דערעכערעך ניט צו עמעצן, ניט פאר עפּעס — פּאָשעט דערעכערעך — דערעכערעך צו אלץ און צו אלעמען. דערעכערעך צום גרויסבלעטערדיקן לאָפּוך באם פארקן דערפאר, וואָס ער וואקסט, צו דעם בלויען כמארעלע אינעם הימל, צו דער קויטיקער וואסער אין דער קאליוזשע באם וועג... ווען וועלן מיר סאָפקאָלסאָף זיך אויסלערנען אמאָל אכטן דאָס לעבן? ער, אן אלטער מענטש, א זאָקן, האָט געאכטעט. ער האָט געאכטעט די גוואלדיק שווערע מי פונעם קאָניוך, דעם פערד־יונג, זײַן גרייטקײַט צו באדינען דאָס לעבעדיקע באשעפעניש — דעם סוס.

עפשער איז אין דעם געווען עפּעס פון קאָנפוציאנער, צי ער האָט אראָפּגעבראכט די מינהאָגים פון זײַן ווערק וועגן קריסטנטום, צי פּראָטים פונעם בודאיסטישן קאטעכיזיס, נאָר גיכער פון אלץ איז עס געווען פיאָדאָראָווס אומיטלבארע ווירקונג. געווען פרעמד — געוואָרן אייגן.

טאָלסטאָי האָט געזאָרגט וועגן זײַן פערד. אמאָל, בייס אן איבערײַס אין דער ארבעט, פלעגט ער קומען אין שטאל און אליין האָדעווען עס, ארומגיין ארום דעם, געכאָליעט, פאנאנדערגעפרעגט דעם פערד־יונג וועגן דעם פערדס אופירונג, וועגן זײַן שטימונג, וועגן די טנועס, ווי עס וואָלט געגאנגען א רייד וועגן א לעבעדיקן מענטשן.

גענומען אַ ריפּטל ברויט, וועלכן דער באַדינער האָט באַצײַטנס אָנגעגרייט, איז טאָלסטאָי אַרויס פון שטוב און איז אוועק אַף דער לאָנקע, ווו אין אַ פרײדיקן וואַרטן איז געשטאַנען דאָס פערד אין זאָטל-רימען. לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט העפלעך זיך באַגריסט מיטן שטאַל-דינער, מיט זײַצעוון, דערנאָך מיטן פערד, אַ שויבער געטאָן דעם סוס פאַר דער הריווע, אַ גלעט געטאָן זײַן מאָרדע און געהאַט עמעסע האַנאָע, ווען דאָס פערד האָט מיט זײַנע פײַכטע גראָבע ליפּן צאַרט גענומען פונעם שרײַבערס האַנט אַ געזאַלצן ריפּטל ברויט, און לויט דער פאַרהיטער ביז הײַנטיקן טאָג אָפּיצערישער געוווינהײַט, אופמערקזאַם באַטראַכט די פעסטקײַט פון די רימענס: צי זײַנען זיי גוט אָנגעצויגן, צי ס'איז גוט באַזאָטלט דאָס פערד, איבערגעגעבן דעם דינער זײַן באַליבטן בענקל-שטעקן און אָן קיינעמס הילף אַרײַן אין זאָטל. ווען לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט זיך באַקוועם אײַנגעאָרדנט, האָט ער פון דער הייך, וווהין ער האָט זיך פאַרקליבן, זיך שטאָלץ אַרומגעקוקט. דאָס פערד האָט געדולדיק איבערגעוואַרט, ביז די דאָזיקע פּראָצעדור וועט פאַרענדיקט ווערן, און אַליין, אָן אַ באַפעל, זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, ווי וועלנדיק וואָס גיכער ברענגען זײַן באַלעבאָס אין יענער ווײַט, ווו עס ציט זיך זײַן באַליבט שטעגל, אין אָרטער, וועלכע עס זײַנען אַזוי צום האַרצן זײַן באַלעבאָס. לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט פון דאַנקבאַרקײַט געגלעט דאָס פערד און אַ שמייכל געטאָן צו זײַן אייגענעם, טיף פאַרבאַהאַלטענעם געדאַנק: לעבעדיקע באַשעפענישן זײַנען ניט קיין זינלאָזע ברוים. ער איז זיכער געווען אינעם פערדס באַוווּסטזיניקן טאַט.

פאַרלאַנגזאַמענדיק דעם געלויף, האָט דאָס פערד געבראַכט זײַן רײַטער צום וואַלד, זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער אונטערשטער לאָנקע, אַ באַוואַקסענער מיט געדיכטן זאַפטיקן גראָז, און ווי ס'וואָלט געוווּסט די גרויסע ווערט פון זײַן רײַטער, אוועק ניט געײַלט, מיט שטאָלצע טריט.

אין אַזעלכע שפּאַציר-שאָען, פלעגט טאָלסטאָי געווייגלעך אַרומטראַכטן זײַן ווײַטערדיקע אַרבעט — די כאַראַקטערן פון די העלדן, וועלכע ער האָט געשאַפן צוליב זייער ליטעראַרישן לעבן, באַקלערט די סוזשעטישע גענג, געזוכט אַ וואָרט, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרבײַטן, ווען ער האָט דאָס צווייטע מאָל געלייענט דעם מאַנוסקריפּט, צוגעטראַכט ענטפערס אַף דערהאַלטענע בריוו. און פונדעסטוועגן, ניט געקוקט אַף דער גוואַלדאָוונער אַרבעט, וועלכע עס פלעג בײַס דעם פרימאָרגעדיקן שפּאַציר דורכמאַכן זײַן מויער, האָט ער פּאָרט געהאַלטן, אַז עס איז זײַן רו-צײַט.

ווי פאַרגעסנדיק די אייגענע יאָרן, האָט טאָלסטאָי אַ צי געטאָן דאָס צײַמל, צווינגענדיק דערמיט דעם סוס גיין גיכער, נאָר דאָס פערד האָט ניט געקוקט אַף דער הויכער לאַגע, וואָס זײַן רײַטער באַזיצט, ניט געוואָלט אויספּילן זײַן באַפעלערישן זשעסט, ווי בעטנדיק דעם רײַטער אַ קלער טאָן, צי ס'איז ווינטשנסווערט אין אַזאַ עלטער אַ גיכער פאָר... יענע וואָך, לויט אַ סיבע, וועלכע דאָס פערד ווייסט אפילו ניט, איז זײַן באַלעבאָס אַראָפּגעפאַלן, זיך צעקלאַפּט. דער פערד-יונג זײַצעוו, אַ פאַכדאָנישער, גאָר ניט קיין קלוגער מענטש, האָט גענומען שרײַען אַפן פערד, געוואָלט אפילו שלאָגן, ווי עס זאָל זײַן דער שולדיקער, אָבער דער באַלעבאָס האָט פאַרהאַלטן זײַצעווס האַנט מיט דער בײַטש און זיך אָפּגעהאַרציק מוידע געווען, אַז ער איז געפאַלן כאַלאָשעס, פאַרלאָרן דעם באַוווּסטזײַן, און שולדיק איז ער אַליין, און ניט דאָס פערד.

טאָלסטאָי איז געווען דאַנקבאַר דעם פערד דערפאַר, וואָס עס פאַרשטייט אים, זײַן באַלעבאָס, אַזוי גוט, ער האָט אַ גלעט געטאָן זײַן הריווע, ווי אומקערנדיק אים דערמיט דעם פריערדיקן צוטרוי, נאָר זיך צובייגן צו אים, אַרומנעמען זײַן געטרײַען וועג-באַגלייטער האָט ער זיך ניט אײַנגעשטעלט: ער האָט דאָך פאַרלאָרן דעם גלײַכגעוויכט און איז געפאַלן, וועלנדיק אַ צערטל טאָן דאָס פערד.

— אַ דאַנק דיר, בוראַן.

דאָס איז שוין עפּעס די ווערט.

איצט קאָן מען פאָרן ווײַטער. אַ וואָרף טוענדיק מיט דער לינקער קאָפּיטע אַ שטיק ערד, איז בוראַן וואַזשנע אוועק ווײַטער. מער וועט דער באַלעבאָס אים ניט טשעפּען.

דער סאָף אויגוסט איז געווען אַ וואַרעמער און אַ טרוקענער. ס'איז געווען שטיל, אָנווינטיק, די לינדנבוים- און טאָפּאָל-בלעטער, וועלכע האָבן זייערס שוין אָפּגעלעבט, האָבן פאַרשפּרייט די ערד מיט אַ באַגילדעטן טעפּיך. אין וואַלד האָט זיך געשפּרייט דער גערוך פון שוואָמען, פון ניס, און אונטער די פיס האָבן געשורשעט בלעטער.

טאָלסטאָי האָט פרײַ געלאָזט דאָס צײַמל, און בוראַן איז לאַנגזאַם אַרײַן אין וואַלד-קאָרידאָר, אַ דורכגעוועבטן מיט זונען-שײַן. פּלוצעם האָט ער זיך צעווײנט. די טרערן זײַנען

גערונען איבער די זקיינישע-ווייכע באַקן, זיך פֿאַנאַנדערגעגאָסן איבער די פּילצאַלֿיקע קאַרבן אַף זײַן פּנים, זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער גראָווער, שיטער-געוואָרענער באָרד, וועלֿכע איז שוין מער ניט געווען זײַן צירונג און שטאָלֿץ: זי איז אָפּגעבלֿיאַקעוועט און קירצער געוואָרן. די אויגן האָבן אָנגעוואָרן די גוטע ריִע, די נאָז האָט באַקומען אַ בורעק-פאַרב, און דער שטערן איז עפּעס קלֿענער און ענלֿער געוואָרן אַף אַ געבראָטענעם עפּל.

די ווידערשפּעניקײַט, אין וועלֿכער טאָלֿסטאָי האָט לֿעצטנס געלֿעבט, איז אים געוואָרן אומדערטרעגלֿעך. צוויי פּאַראַלֿעלֿע לֿעבנס-לֿיניעס האָבן געדאַרפֿט, אויוועך זײַענדיק אַף די געזעצן פֿון געאָמעטריע, זיך פֿאַרייניקן. דער דאָזיקער טאָג און די דאָזיקע שאָ האָבן זיך דערנעענטערט, טראָגנדיק אין זיך פֿאַטאַלֿע, שרעקלֿעכע פֿאָלֿגן, מעגלֿעך אַפֿילֿע אַן אומפֿאַרמײַדלֿעכע געפֿאַר. וועגן דעם האָט טאָלֿסטאָי געטראַכט ניט דעם ערשטן טאָג. די אינדערפֿרײַקע שפּאַציר-גענג און פֿאַרענישן זײַנען געוואָרן דער געריכט איבערן אייגענעם געוויסן. ווי אַ ניט קיין דערפֿאַרענער לֿייענער, האָט ער איצט אָנגעהויבן זיך פֿאַנאַנדערקלֿײַבן אין די גוירהאָלֿעס פֿון זײַנע העלֿדן, זיך פֿאַרטראַכט, טיפֿער אַרײַנגעדרונגען אין זייערע לֿעבנס-אומשטענדן, אָפּגעשאַצט זייערע מײַסים, טאַטן, וועלֿכע עס האָט זיי דיקטירט די ווירקלֿעכקײַט אָדער זיי זײַנען געבוירן געוואָרן אונטער דער ווירקונג פֿונעם מעכאַבערס סוביעקטיוון ווילֿן, און עס האָבן זיך אַנטפּלֿעקט פֿאַר אים זייערע ווידערשפּעניקײַטן. אַלֿס לֿייענער האָט ער נישט געוואָלֿט ניט פֿאַרשטיין און ניט מויכל זײַן דעם מעכאַבער.

אַפֿן וואַלֿד-ראַנד האָט ער דערזען פֿילֿ אומגעוואַלֿגערטע ביימער. אין אַן אַנדער צײַט וואָלֿט ער אומבאַדינגט געמאַכט אַן אויסרייד פֿאַר דער אומבאַלֿעבאַטישקײַט, פֿאַר דער נאַכלֿעסיקײַט, פֿאַר דער ניט אויפֿמערקזאַמקײַט צו די געפֿאַלֿענע ביימער. ער וואָלֿט געזאָגט וועגן דעם סאָניען, נאָר אַצינד האָט ער אָן ראַכמאָנעס און ווייטעק, ווי עס קומט לֿעצטנס פֿאַר מיט אים אין אַנאַלֿאָגישע סיטואַציעס, געקוקט אַף די מעכטיקע וואָרצלֿען און צווײַגן, וואָס הייבן אָן צו וועלֿקן. די נאַטור האָט זיי געצוווּנגען צו שטאַרבן, אומקומען, קעדיי דעראָבערן פֿאַר זיך אומשטערבלֿעכקײַט. צולֿיב דעם איז דאָך דער נאַטירלֿעכער אָפּקלֿײַב פֿון מינים, קעדיי צו געבן לֿעבן די בעסטע און די שטאַרקסטע.

זיך אַלֿיין האָט ער שוין לֿאַנג געגרייט צום טויט, נאָר זײַן דערנעענטערונג האָט ער ערשט ניט לֿאַנג דערפֿילֿט: ער האָט אויפֿגעהערט אַרבעטן, אַלֿץ שטרענגער, אָן פּשאָרעס, אָנגעהויבן אורטיילֿן וועגן זײַן לֿעבן. ער האָט זיך דערמאָנט וועגן ניט קיין אויסגעפֿילֿטע צוזאָגן.

זײַנע פֿאַרדינסטן פֿאַרן פֿאָטערלֿאַנד, אַזוי רעכנט ער, זײַנען ביז גאָר באַשיידענע. פֿאַראַ-יאָרן, וועלֿנדיק זיך מיט אַ בריוו צו זײַנע פֿאַרערער, וועלֿכע האָבן אים באַגריסט מיט זײַן 80-טן געבוירנטאָג, האָט ער גענומען דיקטירן אַ בריוו.

„ווען איך האָב נאָר דערהערט וועגן דעם באַגער מיצאַד אייניקע מענטשן צו פּײַערן מײַן אַכציקיאָריקן יויוול, האָב איך געבעטן דאָס ניט טאָן... ס'איז מיר זייער ניט אָנגענעם אין מײַן איצטיקער לֿאַגע ריידן וועגן דעם, ווײַלֿ מײַנע ווערטער קאָנען נאָך אויסגעטײַטשט ווערן, ווי אַ פֿאַלֿשע באַשיידנקײַט, נאָר געבעטן האָב איך וועגן דעם דעריקער דערפֿאַר, ווײַלֿ איך פֿילֿ אין זיך ניט קיין פֿאַרדינסטן, וועלֿכע זאָלֿן אַנטשפּרעכן דעם באַגער צו לֿויבן מיך... גאַנץ אופֿריכטיק קאָן איך זאָגן, אַז די לֿעצטע צײַט האָב איך געהאָפֿט, אַז מע וועט פֿאַרשטיין, אַז איך בין אינגאַנצן אָפּנהאַרציק מיט דעם, וואָס איך שטרײַך אונטער, אַז איך פֿאַרדין ניט קיין שום לֿויב-געזאַנגען. איך בין איינער פֿון די סאַמע געוויינלֿעכע מענטשן, וועלֿכער האָט דורכגעלֿעבט דעם גרעסטן טיילֿ פֿון זײַן לֿעבן נוצלֿאָז און אומטויגלֿעך...”

איצט, אין אַ יאָר אַרום, האָט ער געדענקט יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט דיקטירט דעם סעקרעטאַר זײַנעם — ניקאָלֿײַ ניקאָלֿײַעוויטש גוסיעוון.

אין מאַרט האָט די היגע מאַכט געפּאָדערט אַרויסשיקן פֿון דער טולֿער גובערניע טשערטקאָוון, אין אויגוסט האָט מען פֿאַרשיקט אויך גוסיעוון און אין סענטיאַבער פֿאַרלֿאָזט זייער שטוב דער לֿיבער דושאַן פּעטראָוויטש מאַקאָוויצקי.

וויאַזוי זשע קען מען לֿעבן אָן פֿרײַנט, אָן מיטהעלֿפֿער? סאָפֿיע אַנדרייעוונאַ האָט זיך אײַנגעשטעלֿט פֿאַר טשערטקאָוון, אים פֿאַרטיידיקט, כאָטש לֿאַנגע יאָרן האָט זי זיך צו אים באַצויגן גלֿײַכגילֿטיק, קאַלֿט, אָפֿט פֿלֿעגט ער אַפֿילֿע דערוועקן אין איר נערוועזע אויפֿגעבראַכטקײַט. טאָלֿסטאָי האָט געפּרוּווט ראַטעווען פֿון אַרעסט ניקאָלֿײַ ניקאָלֿײַעוויטשן און האָט זיך געווענדט מיט אַ בריוו אין צײַטונג. נאָר ס'האָט גאָרנישט ניט געהאָלֿפֿן.

בוראַן איז געגאַנגען אַף גוט באַקאַנטע שטעגלֿעך און זיך געסטאַרעט ניט באַאומרויִקן דעם רײַטער. דער רײַטער, פֿון זײַן זײַט, האָט ניט אײַנגעמידט דאָס פֿערד. ער איז שטילֿ

אין געהאַרכזאַם געזעסן אין זאָטל, ניט געצויגן דאָס צײַמל, ניט צוגעריירט זיך צום פערדס זײַטן.

די לעצטע צײַט האָט דאָס לעבן דערלאַנגט דעם שרײַבער איין קלאַפּ נאָכן אַנדערן. און געטאָן האָט עס דאָס מיט עפּעס אַן אײַנגעשפּאַרטער, אַן אקשאָנעסדיקער קאָנסעקווענטקײַט.

אָט איז פונעם לעבן אוועק דער געערטער און געאַכטעטער פילאָסאָף און סאָציאַליסט מיכאַיל מיכײַלאָוויטש פּיליפּאָוו, וועלכער האָט געוואָלט, אַז טאָלסטאָי זאָל ווערן אַ סאָציאַליסט. אין דער אייביקער רו איז אוועק זײַן פרײַנט און ריכטער, דער שרײַבער ניקאָלײַ פיאָדאָראָוויטש פיאָדאָראָוו. לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט אים זייער ליב געהאַט. מיט אַ גימנאַזיסטישן אָפּשײַ און אונטערטעניקײַט פלעגט טאָלסטאָי אין מעשעך פון קימאַט צוואַנציק יאָר אַריבערטרעטן די שוועל פון ניקאָלײַ פיאָדאָראָווס שטוב, זיך זעצן אויפן אײנציקן שטול, וועלכן עס האָט דעם פילאָסאָף געשענקט זײַנער אַ פאַרערער און נאָכפאָלגער, און מיט האַנאָע געהערט זײַנע רייד, ניט קאָנענדיק אָפּרײַסן דעם בליק פון יענעמס באַגײַסטערטן געזיכט.

לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט נאָך דעם ערשטן באַזוך באַשריבן אינעם טאָגבוך:

„ניקאָלײַ פיאָדאָראָוו איז אַ הייליקער. אַ קעמערל... קיין געהאַלט וויל ער ניט. קיין גרעט און קיין געלעגער האָט ער ניט".

צו פיאָדאָראָוון אין זאַטשאַטיעווער ליקל אויף אָסטאָזשענקע פלעגט טאָלסטאָי, זײַענדיק אין מאָסקווע, אָפטלעך אַרײַנקומען. עס האָט אים אַהין געצויגן אַ געוואַלדיקע קראַפט, וועלכע ס'איז אוממעגלעך געווען צו האַמעווען.

די דרייסטקײַט, מיט וועלכער פיאָדאָראָוו האָט געבויט זײַנע היפּאָטעזעס וועגן דעם מענטשן, וועגן די אוממענדלעכע קאָסמאָס־ראַכוועסן, האָבן איבעראַשט טאָלסטאָיען, די באַגרינדעטקײַט פון יענעמס דערווײַזן און באַהויפּטונגען איז פּאָשעט געווען אַן אומרודערנדיקע.

דעמאָנסטרירנדיק זײַנע קענטענישן אין פיל געביטן פון דער הײַנטצײַטיקער וויסנשאַפט, האָט פיאָדאָראָוו גערעדט וועגן דער אייניקײַט פונעם גאַנצן, וועגן אייביקער, נאָכאַנאַנדיקער באַוועגונג, וועגן דער אוממעגלעכקײַט צו באַנעמען דעם אָנהייב און דעם סאָף פון דער אַלוועלט. „און דו ביסט איינער, אין דער געהיימניס פון דײַן יעכידישקײַט ווערן פאַרלוירן די קליגסטע צווישן מענטשן". די דאָזיקע ווערטער פיאָדאָראָווס זײַנען פיל יאָרן געווען אַ סאָד־זאַך, געדינט אַלס פאָרמול אין געביט פון דערלערנען אַסטראָנאָמיע. זיי זײַנען געוואָרן דער שיפר פון דער ניט־דערלערנטער וויסנשאַפט וועגן גאַלאַקטיק.

טאָלסטאָי שטרעבט זיך דערנעענטערן צו פיאָדאָראָווס לערע, אַרײַנדרינגען אין אירע טיפענישן. ער לייענט אַ סאַך, באַזוכט די רומיאַנצעווער ביבליאָטעק, ווו עס אַרבעט פיאָדאָראָוו. זיי שפּאַצירן צוזאַמען.

אינדערהיים, אין יאַסנע פּאָליאַנע, באַטראַכטנדיק ניקאָלײַ פיאָדאָראָוויטשעס אַרויסזאָגונגען, האָט ער זיי געפּרוּווט אַריבערטראָגן אויף פּאַפּיר.

„דאָס לעבן איז דער באַוווסטזײַן פונעם אומפאַרמײַדלעכן, — האָט געשריבן טאָלסטאָי, — פונעם גײַסטלעכן אָנהייב, וועלכער איז מערקבאַר אין די גרענעצן, וועלכע שיידן אָפּ דעם אָנהייב פון דעם אַלעם איבעריקן".

דערווײַל זײַנען עס בלויז אָנגעוואָרפענע פאַרנאָטירונגען, באַמערקונגען, וועלכע וועלן, גאַנץ מעגלעך, קיינמאָל ניט ווערן קיין פאַרענדיקטער מאַנוסקריפּט, זיי וועלן ניט זײַן פּובליקירט. ער וועט עס אַלץ באַהאַלטן אינעם טישקעסטל, ער וועט עס ניט געבן די איבערשרײַבער, ניט איבערלייענען עס די היימישע באַם טיש. צוליב וואָס? ליטעראַרישע סודעס דאַרף זײַן ניט ווייניקער, ווי ליבע־סודעס.

בוראַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און, אויסציִענדיק דעם האַלדז, זיך אַ צי געטאָן צום גראָז. טאָלסטאָי איז אַראָפּ אויף דער ערד, לײַכט אַ פּאַטש געטאָן דאָס פערד, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין דער ווײַט — גיי, הייסט עס, שפּאַציר! לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט זיך אַרומגעקוקט און אָנגעהויבן שפּאַנען צו אַ געל־גרינעם בערגל. דאָס לײַב האָט געבראָכן, אויפן האַרצן איז געווען אומעטיק. ער האָט אַ טאַפּ געטאָן דעם קאָפּ און דערפילט אונטער די פינגער אַ פײַכטקײַט, און הינטער איר, דורך דער נאַסער גליטשיקײַט — אַ היץ. די היץ, די געהעכערטע טעמפּעראַטור, דאַרף ניט זײַן קיין סימען פון קרענק. ס'איז אַלץ קלייניקײַטן. טאָלסטאָי האָט זיך געלאָזט גיין צו דער הערבליע. אים האָט זיך געוואָלט זײַן לעבן דער וואַסער, הערן די ריידערײַ אירע, דעם צאָרנדיקן הילך, דאָס לאָשן פון דער נאַטור, דאָס קלאָגן זיך אויף דער מידקײַט פונעם אומופהערלעכן געלויף.

„עס זײַנען נישטאָ באַנאַנד ניט טורגעניעוו, ניט דאָסטאָיעווסקי, ניט טשעכאָוו. ערגעץ איז נעלעם געוואָרן גאָרקי, פאַרגעסן דעם אַלטן. און ער האָט דאָך צוגעזאָגט?!"

טאָלסטאָי האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם שרעקלעכן 1903 יאָר, וועלכער האָט אָפּגעטראָגן אין דער ברעגלאָזער אומענדלעכקייט זײַנע פּרײַנט. אַ ביטערע דערשײַנונג, וועלכע עס איז אוממעגלעך צו ענדערן. אָבער ס'איז דאָך פֿאַראַן אין לעבן עפּעס האָפֿענונגפֿולס, פֿריידיקס, וואָס האָט אַ פּערספּעקטיוו. פֿיליפּאָוו האָט דאָך גערעדט וועגן נאָכפֿאָלגער פֿון פּיאָדאָראָווס אידייען. ווער זשע זײַנען זיי? דער שרעקלאָזער עקספּערימענטאַטאָר? ער וויל אים ניט דערמאָנען, און דערמאָנען איז ניטאָ וואָס, פֿיליפּאָוו האָט יענעמס פֿאַמיליע ניט אָנגערופֿן און געווייצעט לייענען דעם זשורנאַל „וויסנשאַפֿטלעכער איבערזיכט". אָן אומזין! אַ נײַע פּראָגראַם פֿון באַהערשן דעם קאָסמישן רוים אין אַ באַשרײַבונג. מע דאַרף זיך דערמאָנען, אויפֿשטעלן אין זיקאָרן דעם נאָמען פֿונעם אַרטיקל. נאָר וויאַזוי? און דאָ האָט זיך אײַנגעשלאָסן דער פּראָפֿעסיאָנעלער זיקאָרן: „פֿאָרשונג פֿונעם וועלט-כאַלל מיט דער הילף פֿון רעאַקטיווע מאַכשירים". טראַקטירט איז די טעמע נײַ און אָריגינעל, און דער נאָמען איז אויך ניט קיין געוויינלעכער, אַזאַ נאָמען האָט ער פֿריִער ניט באַגעגנט: „פֿאָרשונג פֿונעם וועלט-כאַלל מיט דער הילף פֿון רעאַקטיווע מאַכשירים".

טאָלסטאָי האָט זיך פֿאַרטראַכט וועגן דעם וואָרט „רעאַקטיווע". עפּעס האָט עס אַ שײַכעס צו כימישע וויסנשאַפֿטן, אָבער מער, אַפּאַנעם, צו דער פֿיזישער אומגעבונג.

דעם אויטאָרס פֿאַמיליע-נאָמען האָט ער טאַקע ניט געקאָנט זיך דערמאָנען.

נאָכן שפּאַציר איז טאָלסטאָי אַרײַן אין זײַן צימער, זיך צוגעלייגט, ניט אויסטוענדיק דאָס רעקל און די שטיוול. דער דינער, וועלכער איז שטילערהייט פּוסטריט נאָכגעגאַנגען דעם גראַף, האָט אים, אַ דורכגענומענעם פֿון קעלט, אײַנגעדעקט מיט אַ גרויסער וואַרעמער וואָלענער שאַל.

— זײַ מיר מוחל, איליאַ וואַסיליעוויטש, כ'וועל אַ קאַפּל ליגן, — האָט זיך אַנטשולדיקט טאָלסטאָי און פֿאַרמאַכט די אויגן.

איליאַ וואַסילייעוויטש איז געהאָרכזאַם אַרויסגעגאַנגען.

און ס'האָבן זיך גענומען פּלאָנטערן כאַלוימעס.

אָט איז ער יונג, ענערגיש, ער לייזט זייער וויכטיקע לעבנס-פֿראַגן, ער איז פֿלינק און געניט און נעמט זיך אַלעמאָל פֿאַר נײַע, שווערע אַרבעטן. דעמלט האָט ער נאָך ניט אויסגערעכנט די קייכעס זײַנע, ער האָט געוווּסט, אַז ער האָט זיי אין דער פּולער מאָס, גענוג פֿאַר אַ באַליביקן אָנהייב, אַפֿילו מער — ער איז זיכער געווען, אַז, אָנהייבנדיק אַן אַרבעט, וועט ער זי אומבאַדינגט פֿאַרענדיקן. אַזוי איז געווען מיט דער ביבל, מיטן פּאַליאַנט ווישנו פּוראַנאַ, מיטן קאָראַן.

קעדײַ איבערלייענען די ביבל אין אָריגינאַל, האָט טאָלסטאָי דערלערנט העברעיִש, באַם מאָסקווער ראָוו שלוימע מינאָר האָט ער גענומען שטונדן, און באַם שטרענגן, דעם קאַרגן אַף ווערטער לערער האָט ער פֿאַרדינט אַ לויב פֿאַר זײַן פֿלײַסיקייט.

איבערלייענענדיק די דרײַ הייליקע ביכער פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער — פֿונעם אינדישן, ייִדישן, כינעזישן, — איז ער איבעראַשט געוואָרן, ווי ניט ענלעך, ווי פֿאַרשיידן עס זײַנען די רעליגיִעזע קוואַלן, און אָפּגעקילט געוואָרן צו זיי. נאָר איצטער, באַטאָג, נאָכן שפּאַציר, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער לייענט טילים, דאָוויד האַמעלעכס הונדערט אַכט-און-דרײַסיקסטע ליד. ווען ער איז צוגעקומען צו די ווערטער: „הייב איך זיך אויף אַפֿן הימל — ביסטו דאָרטן; גיי איך אַראָפּ אינעם גענעם — ביסטו אויך דאָרט", — האָט ער געעפֿנט די אויגן.

לעוו ניקאָלײַעוויטשן האָט אויפֿגעוועקט אַ רויש אינעם צימער. סאָפֿיע אַנדרייעווונאַ האָט מיט דער אייגנטימלעכער פֿאַר איר ענערגיע געמאַכט אָרדענונג אינעם צימער. עס האָבן זי באַאומרויִקט די שטיוול מיט אָנגעקלעפּטע שטיקער בלאָטע, וועלכע זײַנען געלעגן אַפֿן יערושע-דיוואַן.

— וואָס איז, סאָניושקע? — האָט געפֿרעגט לעוו ניקאָלײַעוויטש, דערזעענדיק איר ניט-צופֿרידענעם געזיכט.

— מיך באַאומרויִקט דײַן געזונט, ליאָוושקע.

— עס מאַטערן מיך געדאַנקען, און מײַן געזונט אַנטשפּרעכט דעם עלטער. — לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט פֿאַרמאַכט די אויגן. — כ'וואָלט געדאַרפֿט דרינגענדיק פֿאָרן צו וולאַדימיר גריגאָריעוויטשן.

סאָפיע אַנדרייעוונא איז אַנמעכטיק א פאַל געטאָן אינעם פאָטעל: וואָס פּלוצעם איז באַ אים אופגעקומען אזא פאַרלאַנג? ס'איז דען מעגלעך אין זיַין עלטער, אין זיַין געזונט-צושטאַנד זיך לאָזן אין אזא וויַטער און שווערער נסיעה?

— דו טראַכטסט: וויאַזוי שטעל איך זיך איַין אף אזוינס? — האָט לעוו ניקאָלאַיעוויטש געהאָלפן פאַרזעצן דעם געשפרעך.

סאָפיע אַנדרייעוונא האָט א ציטער געטאָן: זי האָט גראָד וועגן דעם געטראַכט.

— עפשער צוווארטן? — האָט זי נִיט דרייסט, ווײסנדיק, ווי לײַכט איר מאַן ווערט נערווירט, אופגערעגט געפרעגט, — לאָמיר זאָגן, איבעראיאָר זומער וואָלטן מיר איניינעם געפאָרן.

— ווארטן קאָן איך ניט. ס'זיַינען פאַראַן איניאַנים, וועלכע מע קאָן ניט אָפּלייגן אף שפּעטער. כ'האָב ניט אויסגעפילט די ביטע פונעם הייליקסטן ניקאָלאַי פּיאַדאָראַוויטש. און אליין, אָפּאַנעם, וועל איך שוין זי אויספילן ניט קאָנעז. כ'בין קראַנק. און דערצו נאָך איבער-געגוג אַלט, ביז זומער — איז מיר ניט באַוווּסט, צי וועל איך דערלעבן. אָט אזוי, סאָניושקע, האָב אף מיר ניט קיין פאַריבל: איך פאָר — לייג צונויף מיַינע זאַכן.

סאָפיע אַנדרייעוונא האָט געהאָרכזאַם אופגענומען אויך די דאָזיקע טשודאַקעריַי פונעם מאַן. זי האָט געשוויגן. זי האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין די עמעסע סיבע פון אזא דרינגענ-דיקן פאָר.

פאַר איר לאַנג לעבן מיטן גראַף האָט זי פאַרשיידנס געזען.

עס זיַינען געווען טעג און כאָדאָשים פון אויסערגעוויינלעכער נאָענטקיַיט און פרייד, עס פלעגט טרעפן א פּלוצעמדיקע, אומדערווארטע פרעמדקיַיט, קאַלטקיַיט, פאַרדראָסן, אומזיסטע, אָן קיין שום סיבעס קריגעריַיען. ווענדיק פאַרשטיין זייער סיבע, פלעגט זי סקרופּולעז און גענוי אַנאַליזירן די אייגענע טאטן, ווערטער, סטאַרענדיק זיך דערביַי ניט דערלאָזן צו קיין קאָנפליקטן, פאַרלויפן זיי דעם וועג, נאָר אפילע די אויסערגעוויינלעכע אָפּגעהיטקיַיט האָט ניט געראַטעוועט פון פּלוצעמדיקע אומדערווארטע סיכסוכים. שפּעטער, יוען עס וועלן דורכגיין צוואַנציק יאָר פונעם פאַמיליען-לעבן, וועט זי פאַרשטיין דעם מאַן און מיט א מער אָדער ווייניקער באַשטימטער פּינקטלעכקיַיט, מיט דער הילף פון איר פרויִשער אינטויציע, זיך דערגרונטעווען צו די אורקוואַלן פון די כלוקעדייעס און זיך סטאַרען זיי אויסמיַידן. זי וועט וויסן, אז די גרונט-סיבע פונעם גראַפס ניט-צופרידנקיַיט שטעקט אין זיַין ארבעט, אין זיַין שווערער, אויסמאַטערנדיקער פּראָפּעסיע.

טאָלסטאָי האָט געלעבט אין דער וועלט פון זיַינע העלדן, געבוירענע אין זיַין פאַנטאַ-זיע, און די אויסגעדיכטעטע וועלט און די רעאַלע זיַינען געווען זייער פאַרשיידן.

סאָפיע אַנדרייעוונא, זיַיענדיק אין אַן אויסגאַנגלאָזער לאַגע, האָט געווארט, וואָס פאַרא פאַראָרדענונגען וועט געבן דער מאַן פאַר זיַין נסיעה צו טשערטקאָוון.

דעם דינער האָט זי געבעטן איַינהיטן דעם גראַף פון באַזוכער, באַגרענעצן אים אין דער ארבעט, נעמען אין וועג ווארעם גרעט. זי האָט געבעטן די טאָכטער אַלעקסאַנדרע, וועלכע טאָלסטאָי האָט איַינגעלאָדן מיטפאָרן, ניט האָבנדיק דערוף איר, סאָפיע אַנדרייעוו-נעס, האַסקאָמע, — מיטנעמען מיט זיך אין קרעקשינאָ אַלע טאָגביכער און די ארבעטס-פאַרנאָטירונגען.

— איך האָב מוירע, סאַשע, — איז סאָפיע אַנדרייעוונא זיך מוידע געווען פאַר דער טאָכטער, — אז איצט וועט אונדז ניט לאָזן צורו דער פּאָליציי-אַמט.

— באַ דיר, מאַמע, איז א נערוון-צערודערונג, — האָט געענטפערט די טאָכטער, — ווער וועט נעמען אף זיך אזא פאַראַנטוואָרטלעכקיַיט — מאַכן אַן אונטערזוכונג באַם שריַי-בער טאָלסטאָי אין שטוב?

סאָפיע אַנדרייעוונא האָט ניט פאַרפירט קיין לאַנגע שמועס מיט דער טאָכטער, זי האָט זיך באַליידיקט אף אזא קאַטעגאָרישקיַיט, נאָר זי האָט איר נאָכגעגעבן:

— עפשער ביסטו גערעכט, — און מיט ניט קיין פאַרבאָרגענער אָפּגעפרעמדטקיַיט א קוק געטאָן אף דער טאָכטער. „א שאָד, וואָס דו פאַרשטייסט ניט, צוליב וואָס מע דאַרף אַלץ נעמען מיט זיך".

לעוו ניקאָלאַיעוויטש האָט פאַראָרדנט אַלע לעצטע ניט פאַרענדיקטע און ניט פּובליקיר-טע ארבעטן, און אויך די טאָגביכער און בריוו, אף וועלכע עס זיַינען נאָך ניט צוגעגרייט די ענטפערס, מיטנעמען אין קרעקשינאָ. וועגן דער סיבע פון אזא באַשלוס האָט ער קיינעם ניט געזאָגט.

דעם זעלבן טאָג, שוין אין אָוונט, האָט ער געבעטן זיַינע שטוביקע פאָרלייענען אים גאָגאָלן.

דעם ערשטן סענטיאַבער האָט טאָלסטאָי פאַרשריבן אינעם טאָגבוך: „אויפגעשטאַנען פרי, א סאַך מונטערער, נאָר ניט געאַרבעט. דאַכט זיך, געלייענט. ביטער אַף דער נעשאָמע. דער אָוונט איז, ווי שטענדיק, א שווערער...

...באַנאַכט און אינדערפרי בין איך באַהערשט געוואָרן פון קיינמאָל ביז אַהער, דאַכט זיך, ניט געוועזענעם געפיל: די קעלט פון סאָפעק, פון צווייפל אין אַלץ, איבערהויפּט אין גאָט, אין דער ריכטיקייט פון פאַרשטיין דעם זין פונעם לעבן.

מאָרגן קלייב איך זיך פאָרן צו די טשערטקאָווס..."

אַפן קורסקער וואָקזאַל, ווּהין לעוו ניקאָלייעוויטש און די באַגלייטנדיקע אים פּערזאָנען זיינען אָנגעקומען אינאָוונט, האָבן אים באַגעגנט טשערטקאָוו, די פאַרשטייער פונעם פאַרלאַג „פּאָסרעדניק", די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער וועגעטאַריאַנער גאָרקיך, וועלכע עפנט זיך אין מאָסקווע, צייטונגס-קאָרעספּאָנדענטן.

טאָלסטאָי האָט וואַרעם זיך באַגריסט מיט וולאַדימיר גריגאָריעוויטשן, זיך באַגריסט מיט די קאָרעספּאָנדענטן, מיט אַלעמען, ווער ס'איז געקומען אים באַגעגענען.

אַף דער פראַגע פונעם קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג „רוסקאָיע סלאָוואָ" סערגיי פּעטראָוויטש ספּיראַ: „ווי איז אייער געזונט?" — האָט לעוו ניקאָלייעוויטש, פאַרלאַנגזאַמערנדיק די טריט, געענטפערט: „נישקאָשע, גוט... אַלץ נעענטער צום טויט". ספּיראָ, א געפלעפטער פון אזא ענטפער, איז אָפּגעגאַנגען אין א זייט.

וולאַדימיר גריגאָריעוויטש, געפינענדיק די נייטיקע ווייַלע, האָט פאָרגעלייגט זיין פּראָגראַם אַף דער צייט פון זייער זיין אין מאָסקווע. טאָלסטאָי, ניט צוגעבנדיק איר קיין גרויסע באַדייטונג, האָט אין אַלגעמיין די פּראָגראַם באַוויליקט, געבעטן בלויז אומבאַדינגט דערגאַנצן זי — גיין צום גאָגאָל-דענקמאָל.

די לעצטע כאַדאָשים האָט טאָלסטאָי פּלייַסיק, צום ווייפלטן מאָל געלייענט גאָגאָלן, זיך געפרייט, דערוויסנדיק זיך פון צייטונגען, אַז עס איז געעפנט געוואָרן א דענקמאָל ניקאָלײַ וואַסיליעוויטשן אין מאָסקווע, און ער האָט זייער געוואָלט אים זען.

אַפן אַנדערן טאָג פון זיין קומען אין מאָסקווע, נאָך דעם ווי ער האָט געזען דעם דענקמאָל, האָט טאָלסטאָי איינגעשטימט פאָרן אָוונט-צייט קיין קרעקשינאָ.

זיין מיינונג וועגן דעם גאָגאָל-דענקמאָל האָט ער קיינעם ניט געזאָגט.

אין וועג, טראַכטנדיק וועגן דעם געזעענעם, האָט ער געלאָזט פאַלן עטלעכע ווערטער: „ניט ענלעך... אינגאַנצן ניט ענלעך, און ער קאָן ניט זיין ענלעך..."

אַפן בריאַנסקער וואָקזאַל, ווּהין טאָלסטאָי און די פּילצאָליקע פאַרערער זיינע, וועלכע האָבן אים באַגלייט, זיינען אָנגעקומען, האָבן זיי געדאַרפט א שטיקל צייט וואַרטן. לעוו ניקאָלייעוויטשן האָבן טייקעף ארומגערינגלט זשורנאַליסטן, און ער האָט ניט גערן געענטפערט אַף זייערע פראַגן. דערזעענדיק אינעם האַמוין דעם זשורנאַליסט וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש פּאָסע, האָט ער זיך דערפרייט, איז אָפּגעלעבט געוואָרן, אויסגעשטרעקט אים די האַנט, באַגריסנדיק זיין קומען אַהער, און געזאָגט:

— כ'בין זייער צופרידן. — טאָלסטאָי איז אים דאַנקבאַר געווען, וואָס ער איז געקומען צו פאָרן אַפן וואָקזאַל, און אויך פאַר דער באַקאַנטשאַפט מיט גאָרקין, וועלכע איז לויט דער איניציאַטיוו פון פּאָסע פאָרגעקומען אין 1900 יאָר. — העלפט מיר געפינען דעם נעלעם געוואָרענעם אַלעקסיי מאַקסימאָוויטשן. נייטיק לויט זייער א וויכטיקן איניען.

— כ'וועל דרינגענדיק אָפּזוכן, — דער פינף-און-פערציקיאָריקער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „זשיזן דליא וסיעך" איז געווען פול מיט יוגנטלעכן ברויז. — און וואָס איז מיט מיין ביטע, לעוו ניקאָלייעוויטש?

— כ'וועל אויספילן, — טאָלסטאָי האָט בלויז אַף א רעגע זיך פאַרטראַכט, דערמאָנענדיק זיך, און גלייך, וועלנדיק באַשטעטיקן די עמעסדיקייט פון זיינע ווערטער, געזאָגט: — כ'לייען. כ'בין זייער צופרידן, וואָס כ'לייען ווידער גאָגאָלן. היינט האָב איך זיך געזען מיט אים. באַקוקט דעם דענקמאָל.

אינעם גרויסן וואָקזאַל איז געווען זייער א סאַך מענטשן.

— גאַטעניו טייַערער, — האָט אינעם דאַזיקן טומלדיקן ארום זיך דערהערט דאָס קאָל פון א דאַרלעכן באַגאַזש-טרעגער, — גראַ-א-פ!

א דיקע פרוי, א רייך-אָנגעטאָנענע, איז באַאומרויקט געוואָרן פון דער רעאַקציע פונעם באַגאַזש-טרעגער אַף אַן אומבאַוווּסטן איר גראַף, און זי האָט אויסגעקערעוועט איר גרויסן קאָפּ, א באַקרוינטן מיט א הויך היטעלע, אין יענער זייַט, אַף רעכטס, ווּהין עס איז געווען געווענדט דער היספּײַלעסדיקער בליק פונעם פויער.

טאָלסטאָי, וועלכער איז געווען אינגאנצן פאַרטאָן אינעם געשפּרעך מיט טשערטקאָוון, האָט ניט דערהערט דעם אויסרוף פון זײַן פאַרערער, און אינעם וואַקזאַל-געווימל איז בײַכלאַל אומעגלעך געווען עפּעס פאַרשטיין. ער האָט א צאַפּל געטאָן ערשט דעמלט, ווען ער האָט דערזען, ווי עס קניט פאַר אים א מענטש און בוקט זיך די גאנצע צײַט ביז דער ערד.

— א דאנק אײַך, גראַף, פונעם רוסישן פאָלק, — האָט טאָלסטאָי פאַנאַנדערגעקליבן, וואָס עס זאָגט דער מענטש, — לעבט הונדערט יאָר, זײַט געזונט און האָט האצלאָכע.

טאָלסטאָי איז דערשטוינט געבליבן.

ער איז געווינט צו קאָוועד, געווינט צו אַלגעמיינער פאַרערונג, און צווישן דעם עקס-פּאַנסיון אוילעם פלעגן זיך טרעפן אומגעצוימטע פאַנאַטיקער, עמאָציִאָנעלע מענטשן מיט ביז גאָר פרײַע געפילן, אָבער צום ערשטן מאָל האָט ער געזען א מענטשן פון פּראָסטן גראַד, אָן וועלטלעכע מאַנירן, א פּראָסטן פויער, וועלכער איז געפאַלן אף די קני ניט געצוווּנגע-נערהייט, נאָר אַלס אַן אויסדרוק פון זײַן אײדעלן, גוטן געפיל.

— נו, וואָס טוט איר, וואָס טוט איר? — ער האָט זיך אָנגעבויגן צום באַגאַזש-טרעגער און עפּעס גערעדט, נאָר די שטים האָט אים ניט געפאָלגט, — איך בעט אײַך, שטייט אוף. איר זײַט דאָך א רוסישער מענטש.

— שטייט אוף, שטייט אוף, טײַערער! — טשערטקאָווס קאָל האָט געקלונגען שטרענג, באַפעלעריש. דער באַגאַזש-טרעגער האָט, אָפּרײַסנדיק דעם קאָפּ זײַנעם פונעם דיל, א קוק געטאָן אף טשערטקאָוון און איז לאַנגזאַם אופגעשטאַנען, — נאַ, נעם, און גיי געזונטערהייט.

אין טשערטקאָווס אויסגעשטרעקטער האַנט האָט א גלאַנץ געטאָן א מאַטבייע.

— ער, פּאַרעץ, — האָט מיט פאָרוואָרף געזאָגט דער באַגאַזש-טרעגער, אַרופגעשלעפּט זײַן היטל אפן קאָפּ, און איז אוועק.

— וויאַזוי האָט איר געקאָנט, וולאַדימיר גריגאָריעוויטש... — טאָלסטאָי האָט אָפּגע-שטויסן טשערטקאָווס האַנט, זיך דורכגעלייגט א וועג אין דער מענטשן-אַרומרינגלונג און איז אוועק צום אַרויסגאַנג.

אין וואַגאָן האָט לעוו ניקאָלײַעוויטש געשוויגן, ס'האָט זיך געדאַכט, אַז גאָרנישט אינ-טערעסירט אים ניט. דעם שרײַבער האָבן נישט שאָקירט ניט די פּאַסאַזשירן פונעם וואַגאָן דריטער קלאַס, ניט זייער פלעבעיִער אָפּשטאַם, ניט די פּילצאָליקײַט זייערע, ניט די הויכע שטימען זייערע, ניט דאָס קלאָגן זיך פון די פּוירים אף זייער וויסט לעבן, ניט די זידלווער-טער פון שיקערע פּויערים, וועלכע האָבן זיך געאַמפּערט איבער א זיץ-אָרט אף א באַנק, ניט דער שלעכטער גערוך, וועלכער האָט בליצשנעל זיך געשפּרייט פון באַנק צו באַנק.

מענטשן זײַנען אַרײַנגעקומען אין וואַגאָן און אַרויסגעגאַנגען, ניט באַמערקנדיק דעם שרײַבער, ניט ווענדנדיק קיין אכט אף דעם געזימל פײַן-אָנגעטאָנענע מענטשן, וועלכע האָבן באַצײַטנס פאַרנומען די דריטע באַנק.

זוכנדיק א פרײַ אָרט, האָט אינעם דורכגאַנג פונעם שטאַרק וויגנדיקן זיך וואַגאָן באַ-וויזן א מענטש מיט אײדעלע מאַנירן, וועלכער האָט אופמערקזאַם באַקוקט די פּאַסאַזשירן. דערזעענדיק לעוו ניקאָלײַעוויטשן, איז ער געבליבן שטיין א געפּלעפטער, ניט פאַרשטייענ-דיק, וויאַזוי האָט געקאָנט א שרײַבער פון אַזא גוואַלדיק-גרויסן פאַרנעם זיך געפינען צווישן דעם פּאָשעטן אוילעם. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, געגלאָצט מיט די אויגן און אַראָפּגענומען דעם הוט.

— זײַט געגריסט, לעוו ניקאָלײַעוויטש, — האָט ער זיך פאַרנייגט.

טאָלסטאָי האָט לאַנג באַטראַכט דעם אומבאַקאַנטן מענטשן, געוואָלט זיך דערמאָנען, צי האָט ער זיך פריִער געזען מיט אים, און ווען ער האָט זיך איבערצײַגט, אַז זיי זײַנען ניט באַקאַנט, האָט ער אים באַגריסט, זיך א רוק געטאָן און אײַנגעלאַדן זיך זעצן לעבן אים אף דער באַנק.

ניט אײַלנדיק זיך צו פאַרנעמען אַן אָרט, האָט דער אומבאַקאַנטער זיך פאָרגעשטעלט.

— דאָצענט-אַקושער טשערניכאָווסקי, — גערירט פונעם שרײַבערס אופמערקזאַמקײַט, האָט ער שעמעוודיק זיך צוגעזעצט אפן ראַנד פון דער באַנק.

נאָך עטלעכע קאָמפּלימענטן, וועלכע עס האָט געפונען פאַר נייטיק צו זאָגן דער דאָ-צענט-אַקושער, האָט ער גענומען ריידן וועגן דער צוועקמעסיקײַט פון אײַנאָרדענען גערטע-נער אף די הינטערמאָסקווע-ערדן ווי א פּולווערטיק מיטל אינעם קאַמף מיט הונגער.

— איך בין זיכער, אַז די צײַטונגען „רוסקיִע וועדאָמאָסטי" און „רוסקאַיִע סלאָוואָ" וועלן ניט וואַגן זיך קעגנשטעלן דעם קאַמף מיט די פאַרווײַלונגס-צענטרען, — האָט זיך צעהיצט טשערניכאָווסקי, זײַענדיק איבערצײַגט, אַז די טעמע רעגט אויף דעם גרויסן שריפט-שטעלער. — כ'וואָלט געקאָנט זיך ווענדן צו די דאַטשניקעס, פאַרשטייט זיך, אין א שריפט-

לעבער פֿאָרם, צו די אייגנטימער און אַרענדאַטאָרן פֿון די זומער־וווינונגען און ערד־שטעטאָכים מיט אַ רוף זיך פֿאַרנעמען מיט ערדאַרבעט.

לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט אויפֿמערקזאַם געקוקט אויף זײַן צײַטווײַליקן מיטפֿאָרער און שווײַגנדיק באַוווּנדערט זײַנע גוטע נוצלעכע קאַוואָנעס. אַרויסזאָגן אָבער זײַנע האַשאָרעס וועגן דעם אַקישער־דאָצענטס רעפֿאָרמאַטאָרשאַפֿט האָט טאָלסטאָי ניט באַוויזן.

אין קרעקשינאָ איז מען געקומען צו פֿאַרן אײַנאָוונט. די אײַזנבאַן־וועג־אָנגעשטעלטע האָבן געגעבן צו וויסן וועגן טאָלסטאָיען, און בײַ זײַן וואַגאָן האָט מען אים באַגעגנט מיט ערנסטע, זעלבסטווירדיקע פּנעמער.

אויף דער סטאַנציע, אין בופֿעט, איז, לויטן מינהעג, צוגעגרייט געווען טיי. לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט באַדאַנקט פֿאַרן אויפֿנאַם, אָפּגעזאָגט זיך פֿון קיבעד, זאָגנדיק, אַז ער וואָלט ניט וועלן קיינעם באַלעסטיקן, און פֿאַרגעלייגט טשערטקאָוון פֿאָרן אײנעם גוט.

דער וועג האָט ניט אײַנגעמידט דעם שרײַבער. ער איז געווען מונטער, אָן זײַטיקער הילף זיך אויפֿגעהויבן אינעם עקיפּאַזש, געבעטן טשערטקאָוון זיך זעצן באַנאַנד, און ניט טראָגנדיק קיין פֿאַרדראָס אויפֿן צופֿאַל אין מאָסקווע אויפֿן וואָקזאַל, אַרויסגעזאָגט אַ ווילן הערן עפּעס וועגן דעם פּעטערל.

וולאַדימיר גריגאָריעוויטש האָט גערן אויסגעפּילט דעם גאַסטס ביטע.

— און איך ווייס וועגן דעם ביז גאָר אינטערעסאַנטן גוירל פֿון פּיאָטער פּאָליקאַרפּאָוויטש קרעקשינען — דעם ערשטן באַלעבאָס איבער די דאָזיקע ערדן, — האָט געזאָגט טאָלסטאָי, אויסרעכענענדיק אויף טשערטקאָווס אינטערעס.

— מײַן פּעטער האָט מיר גאָרנישט ניט דערציילט וועגן אים, און עפּשער איז פּאַשעט ניט געקומען צו רייד.

זײַענדיק פֿאַרכאַפּט מיט רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע, מיט שאַפֿן אַ נײַע קריסטנטום־טעאָריע, האָט דער פּעטער פֿאַרנאַכלעסיקט אַלע זײַנע איניאָנים, פֿאַרלאָזט די מיליטערישע דינסט, אָנגעוואָרן דעם גענעראַל־טיטל, איבערגעריסן די אַמאָליקע, זייער לעבעדיקע פֿאַרבינדונגען מיט קרובֿים און פֿרײַנט. און דעריבער איז אים אין קאָפּ ניט געלעגן דער ליבער פּלעמעניק.

טשערטקאָוו האָט מיט אומגעדולדיקער איפֿרעגונג אַ קוק געטאָן אויף לעוו ניקאָלײַעוויטשן.

— פּיאָטער פּאָליקאַרפּאָוויטשן גופֿע האָב איך פּערזענלעך ניט געקענט, — האָט פֿאָרגעזעצט טאָלסטאָי, — דערלערנענדיק די דאָקומענטן פֿונעם פּעטראָווסקער פּעריאָד, רעכענענדיק אָנשרײַבן וועגן יענער צײַט אַ ראָמאַן, בין איך געצוווּנגען געווען זיך ווענדן צו קרעקשינס ווערק און מאַנוסקריפּטן.

געפֿאָרן איז מען לאַנגזאַם. ס'איז געווען אַ וואַרעמער, האַרבסטיקער אָוונט. די לופֿט איז יעדער ווײַלע געוואָרן געדיכטער און האָט אײַנגעהילט די פּאַסאַזשירן אין איר צאַרטער דורכזיכטיקייט. ס'איז געווען דאָרפֿיש־שטיל, אויפֿן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן, ווי אַ מײַסעדיק־אָנגעמאָלטער, דער גוט. אין דער אָוונטיקער, ציטערדיקער טונקלקייט האָט דאָס דאָרף זיך געזען אַ באַוועגלעכס, ווי פֿון אַ מײַסעלע.

— פּיאָטער פּאָליקאַרפּאָוויטש איז פֿון די נאָווגאָראָדער אדעליקע, — לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט באַשטימט אָנזעטיקן טשערטקאָווס אינטערעס צו זײַן לאַנדסמאַן, — ער האָט געדינט אין פֿלאָט, דערנאָך, אינעם אָפֿיציערישן ראַנג, האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט איניאָנים פֿון זײַן אימפּעראַטאָרישן מאַיעסטעט. פֿאַרשטייענדיק די ראָל פֿון פּיאָטער דעם גרויסן פֿאַר דער געשיכטע פֿונעם פֿאָטערלאַנד, איז קרעקשין אַרויס אין דעמיסיע און האָט געווידמעט זײַן לעבן דער זאַמלונג פֿון מאַטעריאַלן וועגן דעם גרויסן זעלבסטהערשער. וועגן דעם האָט זיך דערוווּסט יעקאַטערינע די גרויסע. זי האָט באַטראַכט די פּאַפּירן, געפֿונען, אַז זיי זײַנען גאַנץ נוצלעכע און דערלויבט פּיאָטער פּאָליקאַרפּאָוויטשן זיך באַקענען מיטן זעלבסטהערשערס קסאוויאַדן, וועלכע דער מעכאַבער, פּיאָטר דער גרויסער, האָט געהאַלטן אין דער פּעטראָפּאַוולאָווער פֿעסטונג. קעדיי ווי־עס־איז פֿאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פֿון פּיאָטערס ביאָגראַף — זײַן אַרבעט האָט געפֿאָדערט היפּשע הויצאָעס, — האָט דער הויף באַגנעדיקט אים מיט ערד פֿון מאָזשײַסק ביז טישינאָ. ערדן, דאַרף איך אײַך זאָגן, ניט קיין קליינע. דאָס געלט, וועלכע קרעקשין האָט ניט געקאַרגט, געצאָלט, אײַנהאַנדלענדיק פּיאָטערס פּאַפּירן, האָט זיך אויסגעלאָזט פֿריער, ווי די געשענקטע ערד־שטעטאָכים האָבן באַוויזן פֿאַרהאַלטן זײַן פֿולן קראַך. איך מיין, וולאַדימיר גריגאָריעוויטש, אַז קרעקשין איז געווען אַ מענטש אָן אײַנגעשפּאַרטער, אין בעסטן זין פֿון וואָרט, אַ טאַלאַנטפֿולער, און אַ פּאַטריאָט, קאָן איך אײַך זאָגן, אָן אויסגעצייכנטער.

— לעוו ניקאָלײַעוויטש, — האָט באַמערקט טשערטקאָוו, — צי דען איז דער פּיאָטער פּאַליקאַרפּאָוויטש געווען דער גרונטליגער פון אונדזערע ערדן? צי זײַנען דען ווייניקער פאַראַן מענטשן מיט אַזעלכע פאַמיליעס?

טאָלסטאָי האָט אומצופרידן זיך אָפּגערוקט פון טשערטקאָוון, מיט פאַרוואָרף א קוק געטאָן אים אין פּנים און אומעטיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן. א געוויסע צײַט איז מען געפאָרן שווײַגנדיק. סאשע, פאַרשטייענדיק דעם טאַטנס גרימצאָרן און זײַענדיק פולשטענדיק אײַנשטימיק מיט אים, האָט געהאַלטן איר האַנט אויפן טאַטערס קני.

דער עקיפּאַזש האָט זיך געגעבן א בייג, אַנטרעפנדיק אויף א טיפער, טרוקענער קאַלייע, די פערד זײַנען אויף א רגע שטיין געבליבן, זיך אַראָפּגעשלאָגן פונעם גאַנג, אַנגעצויגן די פּאַסטראַמקעס.

ווען דער עקיפּאַזש האָט זיך ווידער געלאָזט אין וועג, האָט טאָלסטאָי זיך אומגעקערט צום איבערגעריסענעם געשפּרעך.

— דאָס אָפּטע שיידן זיך אײַערס מיטן היימלאַנד איז שעדלעך, — האָט ער האַרב געזאָגט. — די לופט פונעם קאַלטן ענגלאַנד האָט אויסגעקילט אין אײַער נעשאָמע די באַציבערטקײַט מיט רוסלאַנד, וולאַדימיר גריגאָריעוויטש.

טשערטקאָוו, דערוואָרטנדיק די באַשולדיקונג, האָט טייקעף געענטפערט:

— נאָך אַנדערהאַלבן וויאָרסט, און עס וועט זײַן די האַרעבליע. אפשר וועלן מיר א ביסל בלײַבן שטיין בא דער וואַסער?

טשערטקאָווס פאָרשלאָג, ניט געקוקט אויף דער דיפּלאָמאַטישער דורכקומעניש, איז ניט אָנגענומען געוואָרן.

— מאָרגן, מאָרגן וועלן מיר א קוק טאָן אויף דער האַרעבליע, אויב, פאַרשטייט זיך, מיר וועלן לעבן. ניט אַלץ איינעם, און ניט אַלץ פאַר איין טאָג.

אין א מינוט אַרום האָט ווידער זיך באַנײַט דער שמועס.

— די דאָקומענטן, וועלכע כ׳האָב געהאַט דאָס גליק צו לייענען, — האָט פאַרגעזעצט טאָלסטאָי, — זײַנען אונטערגעקליבן ניט אַזוי וויסנשאַפטלעך, ווי געוויסנהאַפט. איך זע פּיאָטער ערשטן רעאַל, קימאַט עמפּינדלעך, כאָטש זעץ זיך און שרײַב. פינף און פערציק פּאַליאַנטן האָט צונויפגעשטעלט קרעקשין, זיבן און צוואַנציק פון זיי האָט ער געווידמעט פּיאָטער דעם ערשטן. די האַרעוואַניע, וועל איך אײַך זאָגן, איז אַן אויסערגעוויינלעך גרויסע. מיר דוכט, אַז די פּאַטערלענדישע היסטאָריקער וואָלטן אָן קרעקשינס מי געבלאָנדזשעט אין דער פינצטער. הערט אויס, וועגן וואָס ער האָט געשריבן: „דער אָפּשטאַם פון די גרויסע פירשטן און קייסאָרים רוסישע״, „די צײַטשריפט פון איוואַן וואַסיליעוויטשס הערשאַפט״, „די געשיכטע וועגן דעם קייסער באָריס גאָדונאָוו״. וואָס איר זאָלט ניט זאָגן, נאָר א האַרעפּאַשניק איז ער געווען פון די גרעסטע...

— מיר איז עפּעס ניט אויסגעקומען צו לייענען פּיאָטער פּאַליקאַרפּאָוויטשס שריפטן, — האָט ניט דרייסט געזאָגט טשערטקאָוו, — צום באַדויערן, איז עס דער גורל פון פיל היסטאָריקער — מע פאַרגעסט זיי.

א קוק טוענדיק פאַרויס, האָט טשערטקאָוו ברייטזעליק געגעבן צו וויסן:

— אָט זײַנען מיר געקומען.

— טאַטע, איך וועל דיר העלפן, — האָט אַלעקסאַנדרע געזאָגט, זעענדיק, אַז טאָלסטאָי קלײַבט זיך אַליין אַראָפּשטײַגן פונעם פאַעטאָן. טשערטקאָוו איז אַרויס דער ערשטער און האָט געהאָלפן לעוו ניקאָלײַעוויטשן אַראָפּגיין. — א דאַנק, — האָט זי געזאָגט טשערטקאָוון, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זײַן האַנט.

לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט זיך באַזעצט אויפן ערשטן שטאָק, וועלכער האָט געהאַט א באַזונדערן אַרויסגאַנג. דער דינער איליאַ האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין א שכיינישן כיידער — א פינצטערן, א נאַסן, מע האָט אים אײַנגערעדט פאַרנעמען א צימער אויפן צווייטן שטאָק, א מער באַקוועמען, א ליכטיקערן, נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפן:

— איך קאָן נייטיק זײַן דעם גראַף.

נאָך דער קורצער וועטשערע, בייס וועלכער אַלע האָבן געשוויגן, איז לעוו ניקאָלײַעוויטש, ווינטשנדיק א גוטע נאַכט אַלע בײַזײַענדע, אוועק צו זיך אין צימער.

טאָלסטאָי האָט זיך אויפגעכאַפּט פרי, מיט א פאַרגעפיל פון א גוטער פּאַסירונג. ער איז לאַנג געלעגן מיט אָפענע אויגן, פאַנאַנדערגעקוקט דעם הויכן טאַפּעטן-סופיט, די ווענט, באַצויגענע מיט געקווייטלטן קרעפּ, און דאָס מעבל פונעם אכצנטן יאָרהונדערט.

דער גרויסער צימער איז מעבלירט געווען לויט א געשמאַק פון א פאַראַרעמטן אַדלמאַן, אינעם סטיל „לויט טאָלסטאָיען״, קיין איבעריקע זאַכן זײַנען דאָ ניט געווען, ניט גע-

וועגן קיין שרײַענדיקע באַפוצונגען. דער אויפמערקזאַמער טשערטקאָוו האָט גענומען אין אַכט דעם שרײַבערס עלטער און פאַרביטן דעם שרײַבטיש אויף אַן אַרבעטס-ביוראָ, ס׳זײַנען דאָ אויך געשטאַנען אַ דיוואַן, אַ וואַש-טישל, אַ הענגער און דרײַ שטולן לענגאויס די ווענט.

טאָלסטאָי האָט געטראַכט וועגן אַרבעט, ער האָט זיך געפרייט, וואָס ער האָט מיטגענומען מיט זיך די ניט פאַרענדיקטע, אַפגיך אָנגעוואָרפענע ענטפערס אויף בריוו און ווענדונגען, טאָגביכער. דאָ, אין דעם צימער, וועלכן ער האָט אַזוי אויפמערקזאַם באַקוקט, האָט זיך אים געוואָלט שרײַבן. אַ האַרעוואַניע, פון וועלכער ער פלעגט ניט ווערן מיד.

דער טאָג איז געווען אַ זוניקער, און טאָלסטאָי, אַן אומגעדולדיקער, האָט געוואָלט אַרויסגיין אין סאָד. זומער-צײַט האָט ער נאָך ניט געזען טשערטקאָווס גוט און זיך געפרוווט פאָרשטעלן די פלאַנצונגען, אַלייען, קרעקשינס געבײַען, נאָר אויספאַנטאַזירן עס האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן: פאַר די אויגן זײַנען אויפגעקומען די ווינטערדיקע בילדער.

וויאַזוי זשע זעט אויס קרעקשינאָ זומער? און זײַענדיק אין רעשוס פון דער דאָזיקער פאַרינטריגירטקייט, האָט ער אָנגעטאָן זײַן באַשטענדיקן אָנצוג, אַרויס אין סאָד.

די ערד איז געווען באַדעקט מיטן רײַכן בלעטערפאַל, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט זיך אײַנגעדעקט מיט אַ גאָלדיק-בורשטינענער קאָלדרע. די זון האָט אַרײַנגעשטאָכן אירע לאַנגע ווייצענע זאַנגען אין דיביימער, דורכלײַכטנדיק זיי אויף דורך און דורך, אויסשפרייטנדיק אויף דער ערד אַ וווּנדערבאַר שיינעם געמעל.

טאָלסטאָי איז אוועק באַרג-אַראָפּ צו דער אָזערע. ער האָט געוואָלט זײַן אַליין, עס האָט זיך ניט געוואָלט ריידן, צעשטערן די שטילקײַט, דעם וווּנדערלעכן דרעמל פון דער נאַטור. טשערטקאָווס זיידע, פּאַשקאָוו, האָט אינעם סאָד אַלץ אײַנגעאָרדנט לויטן ענגלישן מוסטער. ער האָט אַהער איבערגעטראָגן אַלדאָס אויסלענדישע, פונקט ווי ער וואָלט וועלן אַפּן פּיצינקן שטעטל רוסישער ערד פאַרהיטן זײַנע קאָסמאָפּאָליטישע נייגונגען.

די זון האָט געשײַנט לעוו ניקאָלײַעוויטשן אין פּאָנעם, ער האָט געזשמורעט די אויגן, זיי פאַרשטעלט מיט דער האַנט, געטריבן פון זיך די בינען, זיך אָפּגעשטעלט און לאַנג געקוקט אויף די הויכע לינדנביימער.

דערנאָך, אַן אויפגערעגטער פון דעם געזעענעם און פון די אייגענע מאַכשאָוועס, איז ער געגאַנגען ווײַטער, געשטאַנען בײַ די צעצווײַגטע דעמבעס, פּאַמעלעך און געהיט אַרומגייענדיק די געפאַלענע זשאָלודיעס, און בעהאַדראָגעדיק זיך דערנעענטערט צו דער אָזערע. ער איז שטיין געבליבן בײַ דער סאַמע אָזערע און לאַנג געקוקט אויף דער וואַסער, ניט פאַרשטייענדיק, פאַרוואָס איז זי אין אָט דער צײַט פון יאָר אַ בלויע, האַרבסט צוויטעט געוויינלעך שטייענדיק וואַסער, באַדעקט זיך מיט גרינע וואַסער-געוויקסן.

צום פרישטיק האָט טאָלסטאָי זיך אומגעקערט. ער האָט דערלויבט דעם דינער צעקעמען די באָרד, אַרומווישן די טרערנדיקע אויגן, אָפּרייניקן די שטיוול פון בלאָטע.

באַם טיש האָט לעוו ניקאָלײַעוויטש אַ סאַך געשפּאַסט, געלויבט טשערטקאָוון, געזאָגט, אַז די געשיכטע האָט אים אויסגעטיילט אַ באַזונדערס וויכטיקע ראָל, אויב ער וועט ווידער ניט פאַרלאָזן דאָס היימלאַנד.

טאָלסטאָי האָט געזאָגט, אַז סײַ דער סאָד, סײַ דער פּאַרק געפעלן אים. ווײַזט אויס, צוליב דעם דאַרף מען האָבן גרויסע מײַסטערס פון פּאַרק- און סאָד-קונסט, נאָר אַ וואַלד האָט ער ליב אַ נאַטירלעכן, דעם יאַסנעפּאָליאַנער וואַלד, און קיין בעסערן קינסטלער, ווי די נאַטור, ווייסט ער ניט. דער מענטש דאַרף אָפּהיטן די נאַטור, אויפנעמען זי אַזאַ, ווי זי איז, און ניט איבערמאַכן.

טשערטקאָוו האָט באַקאַנט די געסט מיט זײַנע שטוביקע, ער האָט געזאָגט, אַז די אייגנטימערן פונעם גוט פּעטעלינאָ, די אַלמאָנע אַלעקסאַנדרע וואַסיליעוונאַ קאַראָליאָוואַ, לאַדט אײַן די געקומענע צוגאַסט, און אַז צימערמאַן בעט אַ דערלויבעניש אוועקשטעלן אין קרעקשינאָ אַ מעכאַנישע פּיאַנע „מיניאָן” און געבן אין פּרעסע אַ מיטיילונג און אַ פּאָטאָגראַפיע וועגן דעם, אַז זײַן קלייט האָט באַזוכט דער גרויסער שרײַבער.

לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט אַ קוק געטאָן אויף אַלעקסאַנדרען, אויפגעכאַפּט איר האַסקאָמע-שאָקל מיטן קאָפּ און אָפּגעשוויגן. וולאַדימיר גריגאָריעוויטש האָט געזאָגט, אַז אַלעקסאַנדער באָריסאָוויטש גאָלדענווייזער און אויך אַרטיסטן און זשורנאַליסטן האָבן צוגעזאָגט קומען צום וואַרמעס.

די פּראָגראַם פונעם אָפּנאַם — שמועסן, באַזוכונגען איז געווען זייער אַ גרויסע.

— אַ דאַנק, וולאַדימיר גריגאָריעוויטש, — האָט שטיל געזאָגט טאָלסטאָי, — מע דאַרף אַרבעטן.

מע האָט ווידער אָנגעהויבן ריידן וועגן דער געשיכטע פון קרעקשינאַ. פון דער גע-שיכטע, וואָס עס האָט דערציילט לעוו ניקאָלײַעוויטש. טשערטקאָוו האָט העפלעך אינפאָר-מירט די בײַוועזנדע:

— אינעם פינף-און-צוואַנציקטן באַנד פונעם ענציקלאָפּעדישן ווערטערבוך פון די ברידער גראַנאַט איז פאַראַן די פאַמיליע קרעקשין פּיאָטער ניקאָלײַעוויטש, וועמענס גורל עס איז ביז גאָר ענלעך צום גורל פון יענעם קרעקשינען, וועגן וועלכן איר האָט דערציילט. אין עסצימער איז געוואָרן שטיל.

אַלעקסאַנדרע לוואָוונאַ האָט מיט א בייזן, פאַרניכטנדיקן בליק א קוק געטאָן אַפן הויכן, מעגושעמדיקן טשערטקאָוון, מאַקאָוויצקי האָט אײַליק געזוכט א טנײַ איבערפירן דעם געשפּרעך אין אן אנדער ריכטונג, נאָר טאָלסטאָי, דערזעענדיק די אָנשטרענגונג אַף די פּענעמער פון די מיטעסער, האָט א שמייכל געטאָן און צאַרט, מיט דער אַמאָליקער באַצוי-בערטקײַט א קוק געטאָן אַפן שטוב-באַלעבאָס.

— גלייבט מיר, וולאַדימיר גריגאָריעוויטש, אײַערע פאַרפינקטלעכקײַטן דערמאָנען א סאַטיספאַקציע.

— געפונען א צײַט, — האָט געזאָגט אַלעקסאַנדרע לוואָוונאַ.

— און וואָס איז שײַך מיך, ליבער וולאַדימיר גריגאָריעוויטש, — טאָלסטאָי האָט אין די ווײַטע אָפּיצערישע יאָרן געשעצט אין זיך די אייגנשאַפט זײַנע צו זאָגן אַלץ, וואָס ער מיינט, גלײַך אין די אויגן, האָט אויך איצט געזאָגט מיט דער דעמאָלטיקער גראָדליניקײַט: — מיט דעם זײַט איר ווערטפול, וואָס איר האָט ליב דעם עמעס, און סטאַרעט זיך אים אײַנ-פעסטיקן אינעם לעבן. איך האָב געגלייבט, אז איר וועט ניט בלײַבן גלײַכגילטיק צום גורל פון אזא אינטערעסאַנטן לאַנדסמאַן. ווירקלעך, קרעקשינען האָט מען גערופן פּיאָטער ניקי-פאָראָוויטש, און ניט פּיאָטער פּאָליקאַרפּאָוויטש, ווי איך האָב נעכטן אומיסטן פאַרקריפּלט.

דאָס איז געווען א פשרה. לעוו ניקאָלײַעוויטש איז געווען צופרידן מיט טשערטקאָווס אופטו, מיט זײַן פלאַמיקן דראַנג זיך דערגרייבלען צום עצעם, און זאָגן וועגן דעם, אויב אפילע עס דראָעט עפעס גאָר ניט קיין אָנגענעמס, מיט איין וואָרט — זײַן אָפּפערדיקײַט, און טאָלסטאָי האָט אים פרײַנטלעך אויסגעשטרעקט די האַנט, אויסדריקנדיק אזויאַרום א פולן צוטרוי צו אים.

פונעם שלאַל גוטע ווערטער האָט טשערטקאָוו זיך פאַרלוירן, ניט געקאָנט אַרויסברענ-גען קיין וואָרט, ניט דערוואַרטנדיק אזא רעאַקציע מיצאַד דעם גראַף. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פאַרשעמט געזעסן בא דער ניט דערטרונקענער טיי.

טאָלסטאָי האָט דערמאָנט די באַגעגעניש אַף דער פּלאַטפאָרם פון דער סטאַנציע קרעק-שינאַ , זי קאָמענטירט, אַרויסווײַזנדיק א גרויסע באַאָבאַכטערישקײַט און גוטסקײַט.

— מיר וועלן צונויפרופן די יוגנט, — טאָלסטאָי האָט זיך געטיילט מיט זײַנע פּלענער אַף דער צײַט, וואָס ער רעכנט פאַרברענגען אין קרעקשינאַ, — מיר וועלן שמועסן וועגן לעבן, איך וועל איבערלייענען נײַע מײַסעס, דערציילן, וועלכע טפילעס איך האָב צוגעטראַכט. איאָ? — ער האָט זיך געווענדט צו טשערטקאָווס זון, צו דימען. — מיר וועלן דערמאָנען אײַער ווילן בען-איר קרעקשינען פּיאָטער ניקיפאָראָוויטש, זײַן אַרבעט וועגן די קאָמעטן, וועלכע האָט אַרויסגערופן א גרימצאָרן בא די געלערנטע לײַט פון דער וויסנשאַפט-אַקאַ-דעמיע. מיר וועלן דערמאָנען דעם פירשט גאַגאַרין — דעם נאָווגאָראָדער גובערנאַטאָר, וועל-כער האָט דערלויבט זײַן פּראָסטן אוילעם, אַף פּאַסכע, זיך אופהייבן אַפן הימל, אָנהאַלטנדיק זיך אין א פּענכער מיט גרינגער לופט, מיט וואָס ער האָט אַרויסגערופן אומצופרידנקײַט מיצאַד דעם הויף און פאַרדינט דערמיט פיל צאָרעס. דער ליבער פּיאָטער ניקיפאָראָוויטש, דערוויסנדיק זיך וועגן אזא „אזעספּאָנעמדיקן” אופטו פונעם גובערנאַטאָר, האָט אים גלײַך אָנגעהויבן פאַרטיידיקן, דערקלערנדיק די פלוגן אַלס וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען, וועל-כע דערהויבן רוסלאַנד. אָט דאָ, אין דעם הויז, האָט פּיאָטער ניקיפאָראָוויטש אופגענומען דעם פירשט גאַגאַרין, גוט מעכאַבעד געווען אים קעיאַד האַמעלעך און אָנגערופן זײַן אופטו אַלס העלדנטאַט, וואָס ברענגט רום דעם רוסישן פאָלק... אגעוו... אגעוו, האָב איך אײַך אַלעמען אײַנגעמידט, לאָמיר רעכענען, אז דער מאָלצײַט איז געענדיקט.

טשערטקאָוו, אַלס באַלעבאָס פונעם הויז, האָט זיך אופגעהויבן דער לעצטער. די נײַ-טיקע פאַראָרדענונגען, וועלכע פאָדערן זיך אַף אויסצופילן אַלע ווונטשן און באַגערן פונעם גראַף, זײַנען געגעבן געוואָרן. זײַן הויפּט-דעוויז האָט טאָלסטאָי באַשטימט: אַרבעטן. צי וועט ער אָנהייבן אַרבעטן טייקעף, צי לויטן יאַסנעפּאָליאַנער מוסטער — פרײַער דורכמאַכן א שפּאַציר און ערשט דערנאָך, באַטראַכטנדיק זײַנע איניאָנים, בלײַבן אַליין, — האָט טשערט-

קאָוו ניט געוווסט. טאָלסטאָי האָט אויך אין די טעג, באַ זײַנע איין און אכציק יאָר, קישעפנדיק איבער די בייגלעך פּאַפּיר, מיט יוגנטלעכן ברען און באַגײַסטערונג אָנגעהויבן שרײַבן אַ נײַ ווערק.

ער האָט געוואָלט אַרבעטן, דערשרײַבן דאָס ניט דערשריבענע, פאַרווירקלעכן דאָס פאַרטראַכטע, ענטפערן פרײַנט, פאָרן אין אייראָפּע, זײַן אַזאַ, ווי ער איז געווען פריִער.

— אַרבעטן!

ער האָט עס אויסגערופן מיטן היספּײַלעס פון אַ יאַם-מאַן, וועלכער האָט דערזען די ערד:

— אַרבעטן!

ער האָט געוואָלט, אַז אַלץ זאָל זײַן, ווי פריִער: די שפּאַציר-גענג, די אַרבעט, דער שלאָף, דאָס לייענען און אויך די אָוונטיקע קאָנצערטן, ער האָט גאָרנישט ניט געהאַט קעגן די באַזוכער, ניט דערווידערט קעגן די געשפּרעכן מיט זיי.

זײַענדיק אינעם דאָזיקן געמיט-צושטאַנד, האָט ער אָנגענומען די אײַנלאַדונג דורכמאַכן אַ רײַטער-שפּאַציר.

טשערטקאָוו, וועלכער האָט סײַ געקענט, סײַ ליב געהאַט די היגע ערטער, האָט גערן דערציילט וועגן דעם אָרטיקן לעבן, וועגן די היגע זיטן, וועגן דער פּויערישער געהאַרכזאַמקײַט, וועגן דער שיינקײַט פון די פּרויען פונעם דאָזיקן קאַנט, וועגן דער אומבאַשטרײַטבאַרקײַט פון האַנטווערקער-מײַסטערס פון הילצערנעם שפּילצײַג. ער האָט געבעטן לעוו ניקאָלײַעוויטשן אומבאַדינגט אַ קוק טאָן אויף זייערע אַרבעטן.

טאָלסטאָי איז מאַסקים געווען. ער איז וווּליִונגעריש געזעסן אינעם זאָטל, מיט גרויס אינטערעס באַטראַכט דעם אַרום, געווען באַגײַסטערט פון דער נאַטור. עס האָט אים געפרייט, וואָס דער טאָג איז אַ שיינער, און די זון — אַ מילדע.

אין פעלד האָט מען געגראָבן קאַרטאָפל, פּרויען און קינדער האָבן פלינק, אײַלנדיק זיך ביז די האַרבסטיקע רעגנס גוט באַוואָרענען די גערעטעניש אויף ווינטער, האָבן געהאָרעוועט ביזן זיבעטן שווייס.

טאָלסטאָי האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד, און פון אונטער זײַנע געדיכטע ברעמען לאַנג, אָנגעשטרענגט-אומרויִק געקוקט אויף די אַרבעטנדיקע מענטשן. עפּעס האָט אים געערגערט, ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן אומרו, אַ ניטזיכערקײַט. ער האָט אַלץ געקוקט און געקוקט, באַגרײַפנדיק סײַ דאָס דערזעענע און סײַ זיך אַליין, וואָס עס האָט אים ניט געלאָזט בלײַבן רויִק.

ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דאָס טראַכטן איז געווען שווער פאַר לעוו ניקאָלײַעוויטשן, און ער האָט זיך געווענדט צו טשערטקאָוון, ווי ער האָט עס ניט איין מאָל ביז אַהער געטאָן אינעם לעבן:

— די קינדער טאַסקען אַזעלכע שווערע קוישן.

טשערטקאָוו האָט ניט געקאָנט געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס צווינגט מען קינדער טאָן אַזאַ אויסערסט שווערע אַרבעט. זעענדיק לעוו ניקאָלײַעוויטשעס צושטאַנד, האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק איבערלעבן פאַרן גאַסט און זיך ניט געקאָנט מוחל זײַן, וואָס ער האָט פאַרן שפּאַציר אויסגעקליבן גראָד אָט דעם וועג. ער האָט צוגעזאָגט זיך אַרײַנמישן.

— אַ מיידעלע האָט מיר נעכטן אונטערגעטראָגן קוויטן, — האָט שטיל, ניט אָפּרײַסנדיק דעם בליק פון די אַרבעטנדיקע אין פעלד, געזאָגט טאָלסטאָי. — לאָדט זי אײַן אויף אַ קינדערישער שפּיל. כ'האָב צוגעזאָגט לייענען מעשׂים.

— כ'וועל עס אומבאַדינגט טאָן, לעוו ניקאָלײַעוויטש.

מע האָט אויסגעמיטן די הויכקײַט און אַרײַנגעפאָרן אין וואַלד. טאָלסטאָי האָט מיט ניט קיין געהאַמעוועטער השגחה־נעקײַט אײַנגעאָטעמט דעם כוואָיע-גערוך, מיט ברייט-צעעפנטע אויגן געקוקט אויף דער האַרבסטיקער פילפאַרביקײַט פונעם געמישטן וואַלד, און אין אים האָט אויפגעוואַכט די ראָמאַנטיק פון אַ יוגנטלעכן. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, אָנגעצויגן דאָס צײַמל. דאָס פערד איז פאָלגנדיק געבליבן שטיין, אונטערוואַרפנדיק זיך דעם ווילן פונעם רײַטער, און אומרויִק געקלאַפּט מיט די פיס.

טשערטקאָוו האָט אָפּגעשטעלט זײַן פערד אויף אַ היפּשן מעהאַלעך.

— אַ דאַנק, וולאַדימיר גריגאָריעוויטש, — טאָלסטאָי האָט מילד אַ קוק געטאָן אויף טשערטקאָוון. ער האָט געטראַכט וועגן דעם, ווי טיף יענער פאַרשטייט אים, און באַשטימט זאָגן וועגן דעם איקערדיקן ציל פון זײַן קומען אַהער:

— איך האָב געוווּסט, אַז אײַער נעשאָמע וועט פילבאַר און צאַרט אויפנעמען דעם ווייטעק פון אַ נאָענטן מענטשן, קיין סאַך פרײַנט האָב איך ניט, און אויף דער עלטער איז

געוואָרן נאָך ווייניקער. דעראָבערן פּרײַנט איז א גרויסע קונסט. איך האָב געהאַט זייער א כאַשעוון מענטש, א גרויסן כאָכעם, און קעגנטעניש האָט ער באַהערשט אַנבערעגיקע. ניקאָלײַ פּיאַדאַראַוויטש פּיאַדאַראַוו. א סויפּערניק, ביכער האָט ער איבערגעלייענט א יאַם. — טאָלס-טאָי האָט צוגעשפּאַרעט דאָס פּערד, פּרײַ געלאָזט דעם האַלדז-רימען, די הענט געלייגט אויפן זאָטל. — אויפן גרונט פונעם געלייענטן האָט ער געשאַפן א לערע וועגן דער אַלוועלט. עמעץ איז גענייגט צו מיינען, אז ניקאָלײַ פּיאַדאַראַוויטש איז געווען באַווירקט פון דער רעליגיע. עפשער האָט ער אינעם לעבן אנערקענט גאָט, נאָר זײַן לערע איז קעגן דעם קלויסטער, זייער אטעיִסטיש. אזוי ווי איך האָב ניט קיין ספּעציעלע קענטעניש אינעם דאָזיקן געביט, קאָן איך אורטיילן בלויז אויבערפלעכלעך, פונעם אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט. ניקאָלײַ פּיאַ-דאַראַוויטשעס ארבעטן האָבן א גרויסע וויסנשאַפטלעכע ווערט, און זיי זײַנען גאַנץ פּאַט-ריִאָטיש.

טשערטקאָוו איז געפאָרן הינטער לעוו ניקאָלײַעוויטשן, זיך געהאַלטן אויף א געוויסן מעהאַלעך פון אים, זיך אײַנגעהערט אינעם שרײַבערס קאָל, פון צײַט צו צײַט אויפכאַפּנדיק דעם זין פונעם ארויסגעזאָגטן, קאָנצענטרירנדיק די גאַנצע אויפמערקזאַמקײַט זײַנע אויפן וועג.

— דאָס לעבן, וולאַדימיר גריגאָריעוויטש, פּליט האַסטיק, זייער שנעל. ווען איך בין אַלט געווען צוואַנציק יאָר, האָב איך געמיינט, אז פופציק איז א טערמין, וואָס לאָזט זיך אפילע ניט מעסטן, און אז אָפּלעבנדיק אזא טערמין, ווערט דער מענטש מיד און טרוימט וועגן טויט ווי וועגן אן אויסלייזונג. — בא די ווערטער איז טאָלסטאָי אַנשוויגן געוואָרן, ער האָט זיך פאַרטראַכט, דערמאָנענדיק דאָס פאַרגאַנגענע, די אויגן, וועלכע האָבן שוין געהאַט זיך באַפאַרבט מיט א העלן, לעבעדיקן גלאַנץ, זײַנען פאַרלאָשן דערטרונקען געוואָרן אונטער די געדיכטע ברעמען. אומדערוואַרט האָט ער זיך אומגעקערט צום פריִערדיקן געדאַנק, ווען דאָס פּערד איז אין גאַלאָפּירנדיקן גאַנג אריבער א ניט קיין טיפן ריוו. — איך בראַוויר דאָך בלויז, וואָס כ'וואַרט אומגעדולדיק אויפן טויט. פאַרן טויט האָב איך מוירע. איך וויל זייער לעבן, צום ספּירא ספּעראַ — קאָלזמאַן איך אָטעם — האָף איך. א מענטש דאַרף לעבן אייביק. ניקאָלײַ פּיאַדאַראַוויטש האָט באַהויפּטעט, אז דאָס איז מעגלעך, אז מיט דער צײַט וועט אזוי טאַקע זײַן, און דערפאַר שעץ איך אזוי זײַנע ארבעטן.

טשערטקאָווס פּערד, וועלכן עס האָט איבערגעשראָקן א רויש אין די קוסטעס, האָט זיך א ריס געטאָן פאָרויס, שיר ניט אראָפּגעוואָרפן דעם רײַטער און איבערגעיאָגט לעוו ניקאָלײַעוויטשן.

וולאַדימיר גריגאָריעוויטש האָט, אײַנהאַלטנדיק זײַן פּערד, באַרויִקט און צאַרט א גלעט געטאָן זײַן גלאַנציקע פעל, זײַן הריוועס און ארומגעדרייט אויף די פינגער דעם לעדערנעם צײַמל-רימענדל.

— אָט א שעד, ער ווייסט בלויז איינס: האַלט אים פעסט, און טוט ער א יאָג — קאָן ער אראָפּוואַרפן, — האָט זיך געקלאָגט טשערטקאָוו.

עטלעכע מעטער איז מען געפאָרן שווײַגנדיק.

— נאָר צום באַדויערן, שטאַרבן מענטשן. — וועלנדיק באַפרידיקן טשערטקאָווס נײַ-גער, וועלכן דער גראַף האָט אין אים פאַרויסגעזען, האָט לעוו ניקאָלײַעוויטש פאָרגעזעצט דעם געשפּרעך וועגן פּיאַדאַראָוון. — ווי עס זאָגן די פראַנצויזן: „די ערד דעקט צו די פע-לערן פון דאָקטוירים”. ניקאָלײַ פּיאַדאַראַוויטש, וועלנדיק ראַטעווען זייער אווטאָריטעט, האָט באַהויפּטעט, אז דאָס לעבן איז אייביק. די מענטשהײַט איז ניט די לעצטע מאַדרייגע פון עוואָליוציע, די אַנטוויקלונג ווערט פאָרגעזעצט, גייט ווײַטער. אין די נאָענטסטע יאָרן דאַרפן די מענטשן זיך אויסלערנען איבערגיין פון איין צושטאַנד אינעם אַנדערן, אָנפירן מיט דער צײַט, באַנעמען, ארײַנדרינגען אינעם טאָך פון רוים א ווײַטן מעהאַלעך. איר וועט מיר גלייבן, וולאַדימיר גריגאָריעוויטש, אז איך האָב נעכטן זיך קאַטײַעט אויף א טראַמווײַ, פראָסט זיך קאַטײַעט, אזוי ווי קינדווײַז. דאָס וועלן פונעם מענטשן קומען פון אָרט אויף אָרט אָן קיינע צוועקן, גלאַט אזוי איז די נויטווענדיקײַט צו באַנעמען דעם רוים. און איך מיין, אז דער אומרויִקער מענטשלעכער מויעך איז עס בעקוייעך צו טאָן. איך בין געפאָרן אויף דער קאָנקע, זיך קאַטײַעט אויפן טראַמווײַ, געזען אן אווטאָמאָביל, געהערט וועגן אן אעראָפּלאַן. בא מענטשן וועט זײַן א ראַקעטע, וועלכע וועט זיי ברענגען אין רוים.

— דאָס אַלץ, — האָט נאַכלעסיק געזאָגט טשערטקאָוו, — איז אן אוטאָפּיע. פונוואַנען קאָן וויסן דער הער פּיאַדאַראָוו, וואָס עס טוט זיך אויף די ווײַטע פּלאַנעטן? וועגן פּלאַנעטן ווייסן מיר, אָבער עפּעס נײַס וועגן זיי קאָנען מיר די מענטשן ניט געבן.

טאָלסטאָי האָט ניט געקאָנט גלייבן, אַז ער הערט אַזעלכע רייד. ער איז מיט ציטערדיקן אומרו געפאָרן קיין קרעקשינאַ, צו טשערטקאָוון, צום מענטשן, וועלכן ער האָט געגלייבט, און געוואָלט אים בעטן, ער זאָל נעמען אַף זיך די האַשגאָכע איבער דער ירושע, איבער די קינפטיקע אויסגאַבעס, פינאַנסירן די אויסגאַבע פון פּיאַדאַראַווס ווערק, און פּלוצעם... פונוואַנען קומט אַזאַ האַרבקייט? אַזאַ באַגרענעצטקייט? אַזאַ אומפאַרשטאַנד? און עפּשער פאַשעט — אַן אומוויסנקייט? יאָ, אין טשערטקאָוון לעבט זיך אײַן די באַציל פון ענגלישער גרויסהאַלטערײַ.

טשערטקאָוו, וואונדנדיק זיך צו לעוו ניקאָלײַעוויטשן, האָט וועגן עפּעס גערעדט. אַפּ-לאַזנדיק דאָס צײַמל, האָט ער ברייט זשעסטיקולירט, אָפּגעטריבן מיטן הוט די קאָמאַרן, באַ-רירט מיטן צונג די טרוקענע ליפּן. לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט ניט געהערט, וועגן וואָס ער רעדט. ער האָט מיט צאַרטקײַט געטראַכט וועגן פּיאַדאַראָוון, מיט ווייטעק געקלערט וועגן דעם, אַז ער איז ניט אימשטאַנד אַרויסצוגעבן יענעמס וויסנשאַפטלעכע טראַקטאַטן, וועגן דעם, אַז עס איז אַ פאַרברעכן פאַר דער מענטשהײַט, ווען מע באַהאַלט אויס די וויסנשאַפט-לעכע וויכטיקע דעראַבערונג, די פּרעסטיזשפולע ווערט פון ניקאָלײַ פּיאַדאַראָוויטשעס אַנט-דעקונג. יאָ, בלויז גאָרקי, בלויז דער קלוגער מענטש פון דער וואָלגע, דער בונטאַר, דער מענטש פון אײַזנפעסטער אַבליגאַטאָרישקײַט וועט קאָנען אויספירן די דאָזיקע באַקאַשע זײַנע.

טאָלסטאָי האָט אַ קערעווע געטאָן דאָס פערד אַף צוריק.

— עפּעס קילבלעך, — האָט, פאַרענטפערנדיק זײַן טאַט, געזאָגט טאָלסטאָי.

ווי אומגעדולדיק איז ער געפאָרן צו טשערטקאָוון! מיט אָט דעם מענטשן האָט ער פאַרבונדן די האָפענונג, אַז ער וועט פאַרהיטן די ווערק זײַנע, געטרוימט איבערגעבן אים די פּראָפּאַגאַנדע פון דער געשיכטע פון דער רוסלענדישער מדינע, דאָס אַרויסגעבן פּיאַדאַ-ראָווס אומשאַצבאַרע פאַליאַנטן, און אָט...

טאָלסטאָי האָט געטראַכט באַשטימען טשערטקאָוון אַלס אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר דער ירושע, און דאָס גרויסע געלט וואָלט ער געבעטן וולאַדימיר גריגאָריעוויטשן אויסברענגען ניט בלויז אַף די באַדערפעניש פון דער מישפּאָכע זײַנער, לעוו ניקאָלײַעוויטשעס, נאָר אויך אַף געזעלשאַפטלעכע צוועקן.

דעם אַכטן סענטיאַבער, ניט מיטיילנדיק וועגן דעם לעוו ניקאָלײַעוויטשן, איז אין קרע-קשינאַ געקומען צו פאָרן סאָפיע אַנדרייעוונאַ. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז, פאַרלירנדיק דעם קאָנטראָל איבערן מאַן, פאַרלירט זי אויך, ניט אָן טשערטקאָווס אָנטייל און מיטהילף, די רעכט זיך נוצן מיטן פאַרמעגן לויט איר ווילן, לויט איר פאַרשטאַנד, לויט אירע האַסאָגעס און באַדערפענישן. זיך צוניפריידן וועגן איבערגעבן אין טשערטקאָווס רשות די ירושע, האָט זי געטראַכט, קאָנען זיי געוויס אין קרעקשינאַ, און דאָס וואָלט אָפּגענומען בא דער מישפּאָכע די רעכט אַרויסצוגעבן לעוו ניקאָלײַעוויטשעס ביכער, געלאָזט די מישפּאָכע אָן די נייטיקע מאַטעריעלע מיטלען.

אין קרעקשינאַ איז זי געקומען אַ באַרויגעזט, אַן אומרויִקע, צוהינקענדיק. אפן פּעראָן אין קרעקשינאַ איז זי געפאַלן, זיך צעקלאַפּט אַ פוס.

לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט זי באַגעגנט פרײַנטלעך, זי אַרומגענומען און צערטלעך אויסגעזוגעט:

— אַ דאַנק, סאָניושקע, וואָס דו ביסט געקומען, — ער האָט אַ קוש געטאָן איר האַנט, — אַ דאַנק. אַך, ווי איך דאַרף דיך, ווי דו ביסט מיר נייטיק. העלף מיר אָפּזוכן גאַר-קין.

— צוליב וואָס דאַרף מען אים זוכן? — סאָפיע אַנדרייעוונאַ האָט געמאַכט דעם אָנ-שטעל, אַז זי איז פאַרכידעשט, — ער האָט זיך אַליין אָפּגעזוכט, און אַ בריוו צוגעשיקט. — און זי האָט דערלאַנגט איר מאַן דעם קאָנווערט.

לעוו ניקאָלײַעוויטש האָט זיך ניט געאײַלט צו נעמען דעם אויסגעשטרעקטן קאָנווערט. פון זײַנע אויגן האָבן אָנגעהויבן רינען טרערן. ער האָט האַרציק, מילד געקוקט אַף דעם ווײַב און, דערמאָנענדיק זיך, געפרעגט:

— ווי האַלט עס מיט דײַן פוס, סאָניושקע?

— אַ דאַנק, ליאָוושקע. ס'איז שוין אַלץ דורכגעגאַנגען.

ער האָט זי צאַרט אַ קוש געטאָן.

■ ■ ■

מײַנע ערשטע לידער

א מיילער

בעהאדראַגעדיק, פּאמעלעך
פונעם בארג אראָפּ
גייט צופוס אן אלטער מיילער
מיט א גראָוון קאָפּ.

פון די לײַכטע וואָלקנס העכער,
אפן סאמע שפּיץ

בלישטשעט זײַן פּאלאַץ מיט דעכער.
יעדער דאך — א בליץ.

קאָלאָריטפול און טשיקאווע
זעט א מיילער אויס,
ער אליין איז ווי א פּאווע,
ווי אן עק — זײַן הויז.

דער אינטעליגענט

ס'איז פּאַשעט א וווּנדער צו זען,
ווי עס פירט זיך וואָוקע מאָרדקאָוויטש,
א ספּאָרטסמען און א כימיקער,
וועלכער קעמפט אינעם קלאסישן סטיל,
א פּראָסטער וואָלאָגדער באָכער.
ער גייט אפן טעפּיך ארויס,
און ס'זײַנען קיין ווערטער ניטאָ,
קעדיי אף זײַן באָבע-לאָשן
דערציילן, וואָס דאָרטן ער טוט,
ווײַל אפילע שאָלעם-אליכעם
וואָלט ניט דערקלערט מיסטאמע,
וואָס אזוינס איז „פּראָגיבאָם"
און וואָס אזוינס איז „נאָקאַט".
בעקיצער, ס'ווערט וואָוקע — פּאָדובני,
א מין מארדקאָוויטש איוואַן[1].
און נאָכדעם שוין, אין אן אָנצוג,
מיט א האלדזטוך, פארשטייט זיך, מיטברילן,
מיט גרויסן, געפּאַקטן פּאָרטפּעל,

גייט ער אוועק צו זיך
אין דער צוזאמענוווינונג.
און ס'קומט פּאָר אזא מין גילגל:
ווען ער גייט פּאמעלעך אזוי —
אינעם אָנצוג, מיטן האלדזטוך,
מיטן פּאָרטפּעל, מיט די ברילן,
מיט ברייטע, פארשטייט זיך, אקסל,
מיט אן אופגעהויבענעם קאָפּ, —
ווערט וואָוקע זייער ענלעך
אף אן אינטעליגענט.
אף אזא מין געבילדעטן גיבער,
וואָס געפינט זיך אין אלע צעטלען
באנאנד מיטן ארבעטער-קלאס.
עס ווארט אף וואָוקען אין וואָלאָגדע
זײַן ניט זייער געבילדעטע באָבע,
און זי זאָגט: „סע פּאָרט מײַן אָטליטשניק..."
זי באקט פאר אים קנישעס אין אויוון
און שעפּטשעט: „א יידישער קאָפּ".

האָריזאָנטן

הימל!
כ'בין שוין געפלויגן אמאָל.
כ'האָב אונטן געזען דעם ריזיקן ערדקויל,
אויבן — דעם איינסאָף.
נאָר דאן כ'בין געפאלן, און איצט

שטיי איך פעסט אף דער ערד.
אונטן איך זע מײַנע פיס,
ארום זיי — א שטיקל פלאנעטע,
אויבן — א דאך פון די וואָלקנס.

---

[1] איוואַן פּאָדובני — א בארימטער ספּאָרטסמען, וועלט-טשעמפּיאָן פון רינגען-קאמף.

דער דרײַצנטער כוידעש

מײַנע קרויווים האָבן שטענדיק געפּלאָנטערט,
ווען איך בין געבוירן געוואָרן:
אין יון, צי אין יול.
און דאָס איז נאַטירלעך,
ווײַל קיין אונטערשייד
צווישן די דאָזיקע זומער-כאַדאָשים
פֿאַרן אויער קימאַט איז ניטאָ.
און דאָך... כ'האָב אַליין פֿאַרגעדענקט,
אַז איך בין געבוירן אין יון,
אָבער שפּעטער, ווען כ'בין אויסגעוואַקסן,
האָב איך זיך דערוווּסט, אַז געבוירן איך בין
אינעם כוידעש, וואָס רופֿט זיך אָן סיוון,
כאָטש אין דרויסן, געוויס,
איז דעמלט געשטאַנען יון.
און צו זיך אַליין כ'האָב געזאָגט,
אַז דער דאָזיקער סיוון איז עפּשער
דער דרײַצנטער כוידעש אין יאָר.
וועגן דעם האָבן איינע געבקירעט,
אַז קיין כוידעש אַזאַ איז ניטאָ.
און אַנדערע האָבן געפּאַקסנט:
„ס'איז אַ טיפּשעס".
געווען איך אַזעלכע,
וואָס האָבן געזאָגט, אַז דאָס אַרט זיי ניט.
בלויז מײַן זיידעניו, אָלעווהאַשאָלעם,
האָט געגעבן צו פֿאַרשטיין,
אַז ס'איז עמעס. נאָר בעסער
זאָל איך שווײַגן דערווײַל וועגן דעם,
מאַכמעס ווערן געבוירן אין דרײַצנטן כוידעש
איז עפּשער טאַקע אַ מאַזל,
נאָר מײַן זיידע אין דעם האָט אַ סאָפּעק געהאַט.

זאָגט מיר — ווער איז גערעכט?

דאָס פּאַסטעכל

דאָווידל דאָס פּאַסטעכל האָט אויף זײַן פֿידל געשפּילט
פֿאַר שאָול האַמיילעך. סײַ ריין און סײַ מילד
וועגן גליק, וועגן ליבע געזונגען עס האָבן די סטרונעס.
נאָר אויף דעם מיילעכס שטערן — קנייטשן, ווי טונקלע שפּאַרונעס:
„הער אויס, וועגן ליבע איך טראַכט ניט אַצינד, — וועגן קריג!
באַזיגן די פּלישטים איך וויל. זינג אַ מיזמער פֿון זיג!"

טרויעריק און איינזאַם, מיטן פֿידל אין האַנט
גייט אַוועק דאָס פּאַסטעכל פֿון שאָול האַמיילעכס לאַנד.

איינמאָל

איינמאָל...
דער קרישטאָלענער קאָלפּעק פֿון הימל
האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם דראַנג
פֿונעם ווינט,
און דער הימל האָט פּלוצעם געפּלאַצט,
די שפּליטערס זײַנען געפֿאַלן אויף דר'ערד.
גוואַלד!
איך האָב געזאַמלט די שפּליטערס,
און דעם הימל
צונויפֿגעקלעפּט.
נאָר איצט
איז שווער שוין צו עטעמען
אונטער דעם הימל.
ווײַזט אויס, עס איז שולדיק דער פּאַפּ.

מײַן קאַוואָנע

ווער האָט דיר געזאָגט, אַז אויב מאָרגן כ'וועל שטאַרבן,
וועל איך שוין איבערמאָרגן ניט זײַן?
— נאַריש!
— ניטאָ וועגן וואָס צו ריידן.
איך ווייס ניט פּינקטלעך, צי איך בין געשטאָרבן אַמאָל,
אָבער לעבן האָב איך געלעבט.
און עס איז מײַן קאַוואָנע:
טאָן דאָס זעלבע אויף ווײַטער.

לעאָנעל דאַדיאַני,
אַלעקסאַנדער קריוקאָוו

וועגן דעם 30־טן קאָנגרעס פון דער אַלוועלטלעכער ציִוניסטישער אָרגאַניזאַציע

קימאַט 5 יאָר טיילט אָפּ דעם 30-טן קאָנגרעס פון דער אַלוועלטלעכער ציִוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכער איז פֿאָרגעקומען אין דעקאַבער 1982, פונעם 29-טן קאָנגרעס (פעוראַל, 1978). פֿאַר אָט דעם צײַט-אָפּשניט האָבן אינעם צווישנפֿעלקערלעכן ציִוניזם זיך באַדײַטנדיק פֿאַרשטאַרקט די פּראָצעסן, וועלכע זאָגן אײדעס וועגן דעם קריזיס פון דער ציִוניסטישער אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק: ס'האָט זיך האַסטיק פֿאַרקלענערט די אַליִאַ פון די ייִדן קיין ייִשׂראל און אײַנצײַטיק איז פֿאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל ייִסראָעלים, וועלכע וואַנדערן אויס פון ייִשׂראל אין אַנדערע לענדער; עס וואַקסן די מיינונגס-פֿאַרשיידנהײַטן און קאָנפֿליקטן צווישן די פֿאַרשיידענע פּאַרטייען און גרופּעס, וואָס גייען אַרײַן אין דער אַלוועלטלעכער ציִוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אינעם אַלוועלטלעכן ייִדישן קאָנגרעס, ווי אויך די מיינונגס-פֿאַרשיידנהײַטן צווישן די דאָזיקע ביידע צענטרען; עס שטײַגט קעסיידער די איזאָליאַציע פון ייִשׂראל אויף דער וועלט-אַרענע, אַ גאַנצע ריי אָרגאַניזאַציעס און טוער, וועלכע האָבן פיל יאָרן געהאַט אַ פּראָ-ייִשׂראלדיקע פּאָזיציע, גרענעצן זיך אָפּ פון די רעגירנדיקע קרײַזן פון דער מעדינע און פון די לידערס פונעם צווישנפֿעלקערלעכן ציִוניזם.

1. די ציִוניסטישע פּרעסע וועגן דעם גאַנג פון דער צוגרייטונג צום קאָנגרעס

די מיטלען פון מאַסן-אינפֿאָרמאַציע פונעם ציִוניזם האָבן אָנגעהויבן די צוגרייטונג צום 30-טן קאָנגרעס מיט פיל כאַדאָשים פריִער פון זײַן דערעפֿענונג.

דער אָרגאַן פונעם אינפֿאָרמאַציע-דעפּאַרטאַמענט פון דער אַלוועלטלעכער ציִוניסטישער אָרגאַניזאַציע דער זשורנאַל „ייִזראַעל סין" האָט איך אויגוסט 1982 פֿאַרעפֿנטלעכט אַן אַרטיקל מיט אַ פּרעטענציִעז נאָמען „דער פּאַרלאַמענט פונעם ייִדישן פֿאָלק". דער מעכאַבער האָט זיך געסטאַרעט איבערצײַגן די לייענער, אַז דער ציִוניסטישער קאָנגרעס איז, זעט איר, „דער איינציקער דעמאָקראַטישער אַנשטאַלט פון דער ייִדישער וועלט אויסער ייִסראָעל". אָבער שוין די קאַמפּאַניע פֿאַר אויסוויילן דעלעגאַטן אויפֿן 30-טן קאָנגרעס האָט באַוויזן דעם היפּעך.

איינציקע ציִוניסטישע פּאַרטייען אין פּשאַ (ליקוד, מיזראַכי, די קאָנפֿעדעראַציע פון פּאַרייניקטע ציִוניסטן) האָבן אין פעוראַל 1982 זיך געווענדט אין דער קאָמיסיע פֿאַר דערגאַנצן דעם סטאַטוט פון דער אַלוועלטלעכער ציִוניסטישער אָרגאַניזאַציע מיט אַ פֿאָדערונג ניט דורכצופֿירן קיין וואַלן אויפֿן קאָנגרעס, נאָר אויספֿירעמען אַ צאָפֿן-אַמעריקאַנישע דעלעגאַציע אין העסקעם מיט דער פֿאָרשטייערשאַפֿט, וועלכע איז אויסגעוויילט געוואָרן אויפֿן 29-טן קאָנגרעס. די וואַלן פון דעלעגאַטן אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן זײַנען פֿאַקטיש טאַקע ניט

דורכגעפירט געוואָרן[1], „דעלעגאַטן" האָבן באַשטימט אַליין די ציוניסטישע אַפּאַראַטשיקעס.

איבער די כלוקעדייעס צווישן די ציוניסטישע פּאַרטייען פון גרויסבריטאַניע, ווי אויך פון פראַנקרײַך, זײַנען אַנטשטאַנען היפּשע שוועריקײַטן בײַם אויסוויילן דעלעגאַציעס אויפן קאָנגרעס פון די ייִדישע קעהילעס אין די דאָזיקע לענדער. אַזוי, למשל, האָבן די פּאַרטייען מיזראַכי, כערוט און אַלגעמיינע ציוניסטן זיך געווענדט אינעם ציוניסטישן אויספיר־קאָמיטעט, אין טריבונאַל פונעם קאָנגרעס און אין דער צענטראַלער וואַל־קאָמיסיע מיט אַן אָנקלאָגע, אַז אין ענגלאַנד זײַנען די וואַלן אויפן 30-טן קאָנגרעס דורכגעפירט אומגעזעצלעך.

דעם 12 אָקטיאַבער 1982 איז אין ירושלַיִם פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון די מיטגלידער פון דער ייִסראָעל־רעגירונג און די לידערס פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין דער באַראַטונג האָבן אָנטיילגענומען דער דעמלטיקער פּרעמיער־מיניסטער מ. בעגין, זײַנע שטעלפאַרטרעטער ס. ערליך און ד. לעווי, די מיניסטאָרן מ. ניסים און ג. פּאַט, ווי אויך אַלע מיטגלידער פונעם ציוניסטישן אויספיר־קאָמיטעט, וועלכע געהערן צום בלאָק „ליקוד". ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּסנײַ פאַנאַנדערטיילן די מאַנדאַטן צווישן די פּאַרטיישע פראַקציעס. אין הסכּם מיט דער דערגרייכטער פאַרשטענדיקונג האָט ליקוד באַקומען 175 מאַנדאַטן, מאַי און מאַפּאַם — 150, די קאָנפעדעראַציע פון די פאַראייניקטע ציוניסטן — 120, מיזראַכי — 62 און האאַרעץ — 22 מאַנדאַטן[2]. די באַראַטונג האָט זיך אויך פאַרשטענדיקט וועגן דעם, אַז „די אונטערהאַנדלונגען וועגן פאַנאַנדערטיילן די פּאָסטנס אינעם נײַעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דאַרפן זיך פאַרענדיקן פאַרן אָנהייב פונעם קאָנגרעס". די ציוניסטישע רעדלפירער האָבן אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז א. דולטשין וועט זײַן דער איינציקער קאַנדידאַט אויפן פּאָסטן פונעם פאָרזיצער פון דעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויפן נײַעם טערמין, און א. לעווינסקי וועט אויסגעוויילט ווערן אַלס קאַסירער פון דער ייִדישער אַגענטור.

אין די לעצטע וואָכן ערעוו דעם אָנהייב פונעם קאָנגרעס האָבן אַ היפּשע צאָל אַקטיוויסטן קריטיקירט די בלויזן און ניט פאַרפולקומענקײַטן פון דער וואַל־סיסטעם און פון דער פּראָצעדור פון די זיצונגען. זיי האָבן פאָרגעשלאָגן אַרײַנצוטראָגן ענדערונגען און אויסבעסערונגען אין די טראַדיציאָנעלע ציוניסטישע ריטואַלן און מאָסמיטלען.

סטאַרענדיק זיך העכערן דעם פּרעסטיזש פונעם פאָרשטייענדיקן קאָנגרעס און שאַפן אין ייִסראָעל אַ גינסטיקע אַטמאָספער פאַר אים, האָבן די ציוניסטישע מאַנהיגים דורכגעפירט אין קנעסעט אַן אָרדנטלעכע דיסקוסיע אויף דער טעמע: „גאַראַנטירן די צוקונפט פונעם ייִדישן פאָלק". אָבער די ייִסראָעלדיקע פאַרלאַמענטאַרן האָבן ביז גאָר גלײַכגילטיק זיך באַצויגן צו אָט דער באַהאַנדלונג. דעמאַסקירנדיק דעם פּראָפּאַגאַנדיסטישן מאַנעווער פון דער הערשנדיקער ציוניסטישער קנופּיע, האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם צק פון דער קאָמפּאַרטיי פון ייִסראָעל מייער ווילנער אונטערגעשטראָכן, אַז די דאָזיקע באַהאַנדלונג, וועלכע איז אונטערגענומען געוואָרן ערעוו דעם 30-טן ציוניסטישן קאָנגרעס, איז אין טאָך ניט מער ווי אַ פּרוּוו צו אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקײַט פון דער אַנטיפאָלקישער אינערן- און אַגרעסיווער עקספּאַנסיאָניסטישער אויסערן־פּאָליטיק פון דער ייִסראָעלדיקער רעגירונג.

פון די פילצאָליקע אַרטיקלען, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין דער ציוניסטישער פּרעסע ערעוו דעם קאָנגרעס און זײַנען געווידמעט די פּראָבלעמען פונעם הײַנטצײַטיקן ציוניזם, ציט צו די אויפמערקזאַמקײַט דאָס קריטישע אַרטיקל פון גאָלדסמיטן, דעם געוועזענעם פאַרוואַלטער פון דער לאָנדאָנער ביוראָ פון דער ייִדישער טעלעגראַפן־אַגענטור. דער זשורנאַליסט האָט דערקלערט, אַז מע דאַרף זיך אָפּזאָגן פון דער דויערנדיקער אַלגעמיינער דיסקוסיע אויפן קאָנגרעס, ווײַל „זי קלינגט נאַריש און אומווירדיק. די רעדנער רעדן צו ליידיקע שטולן. די אַרויסגעטראָטענע מיט רעדעס בלײַבן ניט זיצן אינעם זאַל, קעדיי אויסהערן אַנדערע".

גאָלדסמיט האָט באַשולדיקט די ציוניסטישע לידערס אין פילרײדעוודיקײַט און ניטזאַכלעכקײַט, ער האָט געשריבן וועגן דעם, אַז דער קאָנגרעס נעמט אָן באַשלוסן און רעזאָ-

---

[1] די אַמעריקאַנישע ציוניסטישע פאַראייניקונגען „אוואָדאַ" (סאָציאַל־ציוניסטן) און „האאַרעץ" (די אָרגאַניזאַציע פון אָנהענגער פונעם רעפאָרמירטן יודאַיִזם) זײַנען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם, אַז מע זאָל אָפּשאַפן די וואַלן, און זיי האָבן כאַראַקטעריזירט די דאָזיקע קאַמפּאַניע, ווי אַ שעדלעכן מיסכער, קעדיי ליקווידירן די דעמאָקראַטיע.

[2] דער יורידישער טריבונאַל פונעם קאָנגרעס האָט אָבער באַשטעטיקט אַן אַנדער פאַנאַנדערטיילונג פון די 651 מאַנדאַטן: ליקוד, טאַמי (אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פּאַרטיי, וועמענס מיטגלידער עס זײַנען אין גרונט ספאַרדים) און די עקסטרעם־רעכטע „טעכיאַ" — 176, מאַי און מאַפּאַם — 145, די קאָנפעדעראַציע פון פאַראייניקטע ציוניסטן — 98, מיזראַכי — 55, די ספאַרדים — 24, פאַרשטייער פונעם קאָנסערוואַטיוון יודאַיִזם — 18, פון דעם אָרטאָדאָקסאַלן — 15. די איבעריקע מאַנדאַטן האָבן באַקומען די פרויען־אָרגאַניזאַציע, די ציוניסטישע ספּאָרט־געזעלשאַפט מאַקאַבי און האאַרעץ.

ליוציעס, אַפּעלן און ווענדונגען, וועלכע זײַנען אין דער מערהײַט זייערער ניט נייטיק. לויט זײַן מיינונג, האָט דער 30-טער קאָנגרעס פון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע געדאַרפט אָנעמען בלויז צוויי דעקלאַראַציעס. די ערשטע — וואָס שײַך „דעם סאָציִאַלן אײַנרײַס אין ייִסראָעל", אַפילע „וועגן דער עקזיסטענץ פון צוויי נאַציעס — „מיזרעכדיקע" און „אייראָפּעיִשע ייִדן". די דיִאַספּאָרע דאַרף העלפן ייִסראָעל זיך ספּראַווען מיט זײַנע סאָציִאַלע פּראָבלעמען.

דער צווייטער רוף פונעם קאָנגרעס דאַרף האָבן א שײַכעס, לויט גאָלדסמיטס מיינונג, צו דער פאַרשפּרייטונג פון איוורית אין דער „דיִאַספּאָרע". „דער ציִעניסטישער קאָנגרעס דאַרף פּראָקלאַמירן די נייטווענדיקײַט פון צוויי שפּראַכן (פאַר די ייִדן. — די אווטאָרן.): אין ענגלאַנד — ענגליש און איוורית, אין פראַנקרײַך — פראַנצויזיש און איוורית, אין איטאַליע — איטאַליעניש און איוורית אאוו.

דער אווטאָר פונעם אַרטיקל האָט געשריבן: „איך קאָן זיך ניט דערמאָנען קיין איין קאָנגרעס, וואָס זאָל האָבן דורכגעגאַנגען אָן דינגערײַ און קריגערײַ פאַר אַן אָרט אינעם אויספיר-קאָמיטעט".

ווײַטער מערקט אָפּ גאָלדסמיט, אַז „קאַנדידאַטן אינעם ציִעניסטישן אויספיר-קאָמיטעט ווערן געוויינלעך די יעניקע, וואָס האָבן ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט אין דער ייִסראָעל-רעגירונג און אין דער קנעסעט"... די זעלבע פּראַקטיק איז געווען כאַראַקטעריסטיש אויך בײַסן אונטערקלײַבן קאַנדידאַטן אין אויספיר-קאָמיטעט פון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע פון דער „דיִאַספּאָרע". „די דיִאַספּאָרע, די ציִעניסטישע מאַסן זײַנען טיף אַנטוישט", — רעזומירט דער מעכאַבער פונעם אַרטיקל.

ניט געקוקט אָפן פּראָפּאַגאַנדיסטישן טומל און אָף דער ברייטער רעקלאַמע-קאַמפּאַניע, האָט דער ציִעניסטישער באַוועגונג טאַקע זיך ניט אײַנגעגעבן צו באַהערשן דעם באַוווּסטזײַן פונעם מיטעלן ייִסראָעל-בירגער. דער מער פון דער שטאָט ראַמאַט-גאַן י. פּעלעד האָט דערקלערט אין אַן אינטערוויו: „מיר דוכט, אַז א צוזאַמענפאָר פון קאָמיוואָיאַזשאָרן אָדער פון בוכהאַלטערס וועט צוציִען א גרעסערע אויפמערקזאַמקײַט"...

2. דער גאַנג פונעם קאָנגרעס

אין זײַן אַרײַנפיר-וואָרט אָפן קאָנגרעס האָט דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט פון ייִסראָעל י. נאַוואָן דעמאַגאָגיש דערקלערט, אַז בעשאַס און נאָך דעם אָנפאַל פון ייִסראָעל אָף ליוואַן זײַנען אין דער וועלט „אויפגעריסן געוואָרן די דאַמבעס, וועלכע האָבן געצוימט די סינע צו ייִסראָעל". נאַוואָן האָט אָנערקענט, אַז די ציִעניסטישע באַוועגונג געפינט זיך אין א קריזיס.

נאָכדעם איז אַרויסגעטראָטן דער פאָרזיצער פונעם ציִעניסטישן אויספיר-קאָמיטעט א. דולטשין[1]. מאַסקירנדיק זיך מיט דעמאַגאָגישע באַהויפּטונגען וועגן די געפאַרן, וועלכע דראָען קלוימערשט דעם ייִדישן פאָלק אין דער „דיִאַספּאָרע", האָט ער געפאָדערט ווי ווײַט מעגלעך אַקטיוויזירן די אַליִא קיין ייִסראָעל. דולטשין האָט דערקלערט, אַז „די עמיגראַציע פון ייִדן אין ייִסראָעל איז דער העכסטער ציל פון דער ציִעניסטישער באַוועגונג", אָבער ביז איצט איז זי „א ווייטעקלעכער פּונקט, די אַכילעסאָווע פּיאַטע פונעם ציִעניזם". דער פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג פון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט געמוזט אָנערקענען, אַז סראָוו ייִדן אין דער וועלט ווילן ניט פאָרן קיין ייִסראָעל און אַז דאָס האָט אויך א שײַכעס „צו א באַדײַטנדיקער צאָל מיטגלידער פון דער ציִעניסטישער באַוועגונג".

ריידנדיק וועגן דער לאַגע אינעם צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם, האָט דולטשין אָנערקענט, אַז „די פּאָזיציע פון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע צווישן דעם ייִדישן פאָלק ווערט אַלץ מער אָפּגעשוואַכט". דער ציִעניסטישער לידער האָט גערופן צו שאַפן א ספּעציִעלן קאָמיטעט, וואָס זאָל באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פון דער ציִעניסטישער באַוועגונג אין אייראָפּע, ווײַל די ציִעניסטישע פעדעראַציעס קאָנען דאָרט ניט לייזן די פראַגן, וועלכע שטייען נאָך זינט די צײַטן פון דער צווייטער וועלט-מילכאָמע, און אַז איניקע פעדעראַציעס זײַנען ביכלאַל „פאַרעלטערטע און אַנטשפּרעכן ניט די באַדערפענישן פון דער באַוועגונג".

מיט דער אַרבעט פונעם קאָמיטעט איבער פּאָליטישע פראַגן, אינפאָרמאַציע און באַציִונגען מיט אויסלאַנד האָט אָנגעפירט דער פאַרוואַלטער פונעם אינפאָרמאַציע-דעפּאַרטאַמענט ע. עיאַל. דער מאַסשטאַב פון דער אינפאָרמאַציאָנעל-פּראָפּאַגאַנדיסטישער טעטיקײַט פון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע איז פאַרן צײַט-אָפּשניט פונעם 29-טן ביזן 30-טן קאָנגרעס באַדײַטנדיק געשטיגן. מיט

[1] א קאָרעספּאָנדענט פונעם ייִסראָעלדיקן זשורנאַל „האָלאָם האַזע" האָט סאַרקאַסטיש באַמערקט: „די דעלעגאַטן, וועלכע זײַנען געזעסן אין די ערשטע רייען, איז געווען ניט באַקוועם אוועקצוגיין, דעריבער האָבן זיי געמוזט בלײַבן און אויסהערן די לאַנגע דראָשעס וועגן דער צוקונפט פונעם ייִדישן פאָלק". אָבער א סאַך פון זיי האָבן אַפילע דאָס אויך ניט געטאָן. אונטערן קעפּל „דער קאָנגרעס איז געשלאָפן" האָט דער זשורנאַל (ווי א סאַך אַנדערע ייִסראָעלדיקע צײַטונגען און זשורנאַלן) פּובליקירט פאָטאָגראַפיעס, אָף וועלכע עס זײַנען באַוויזן געוואָרן דעלעגאַטן און געסט, וואָס האָבן געדרעמלט אָדער געגענעצט.

דער מאסנהאפטער ציוניסטישער פראפאגאנדע פארנעמען זיך גלייכצייטיק עטלעכע דעפארטאמענטן: דער אינפארמאציע-דעפארטאמענט און ארגאניזאציאנעלער דעפארטאמענט. דער אפטייל פאר באציונגען מיט אויסלאנד, פאר אימיגראציע און אבסארבציע, און די איבעריקע דעפארטאמענטן פון דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער ארגאניזאציע נעמען אן אנטייל אין די פראפאגאנדיסטישע קאמפאניעס אין דער אדער אנדערער פארם.

באם אינפארמאציע-דעפארטאמענט איז פאראן א ספעציעלע פרעסע-דינסט, וועלכע באזארגט די יידישע צייטונגען אין פשא און אין אנדערע מיירעוו-לענדער מיט אפאלאגעטישע מאטעריאלן וועגן ישראל. אין 1980 האט דער דעפארטאמענט אנגעהויבן פארשפרייטן דורכן טעלעקס א ביולעטען „דזשערוזאלעם ניוס אינטערנעשנל". דער ביולעטען ווערט געשיקט אין די אינפארמאציע-אגענטורן פון טעלעוויזיע- און ראדיאסטאנציעס, פאר זשורנאליסטן און אנדערע ספעציאליסטן פון דער ספער פון מאסן-אינפארמאציע.

דער דעפארטאמענט פאר באציונגען מיט אויסלאנד בא דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער ארגאניזאציע האט אויך געהאלטן פאר איינער פון זיינע אויפגאבן „די אינפארמאציע-טעטיקייט אין שייכעס מיטן ציוניזם און מעדינאס-ישראל צווישן די ברייטע קרייזן פון דער ניט-יידישער געזעלשאפטלעכקייט". דער דעפארטאמענט איז ענג פארבונדן מיט דער ראדיאסטאנציע „דאס קאל פון אמעריקע", וועלכע גיט סיסטעמאטיש איבער אנטיסאוועטישע פראגראמען, צוגעגרייטע מיצאד ציוניסטישע און פראציוניסטישע מעכאברים. די געלט-מיטלען, וועלכע די אלוועלטלעכע ציוניסטישע ארגאניזאציע טיילט אויס ספעציעל פאר דער ציוניסטישער ראדיא-פראפאגאנדע, זיינען געשטיגן בלויז פארן פעריאד פונעם 1978 ביזן 1980 יאר פון 983 טויזנט שעקלען ביז 2 מיליאן 860 טויזנט שעקלען. ביכלאל האט דער בודזשעט פונעם אינפארמאציע-דעפארטאמענט זיך פארגרעסערט פון 1 מיליאן 953 טויזנט שעקלען אין 1979 ביז 20 מיליאן 481 טויזנט שעקלען אין 1982.

אינעם קאמיטעט איבער ארגאניזאציאנעלע פראגן איז דורכגעגאן א דיסקוסיע מיטן אנטייל פון פארשטייער פון די ציוניסטישע פעדעראציעס פון פארשיידענע לענדער. די אנטיילנעמער פון דער דיסקוסיע האבן אפגעמערקט, אז אין די לעצטע יארן איז באדייטנדיק געשטיגן די צאל ציוניסטישע מאסמיטלען, וועלכע דער דעפארטאמענט האט דורכגעפירט צוזאמען מיט די ציוניסטישע פעדעראציעס. בלויז „טעארעטישע סעמינארן" זיינען דורכגעפירט געווארן, אנהייבנדיק פונעם יאר 1978, העכער 80. אין 1979 איז באם דעפארטאמענט געשאפן געווארן א ספעציעלע אפטיילונג פאר צוגרייטן און פארווירקלעכן פארשיידענע ציוניסטישע אקציעס.

דער דעפארטאמענט האט אקטיוו אויסגענוצט אזא פארם פון ציוניסטישער פראפאגאנדיסטישער טעטיקייט, ווי שיקן ספעציעל-צוגעגרייטע עמיסארן אין די לענדער פון דער „דיאספארע", אריינגערעכנט עמיסארן-פעדאגאגן, וועמענס צאל עס האלט אין איין שטייגן (אין 1982 איז זייער צאל געווען 168).

ניט קיין ווייניקער ענערגישע טעטיקייט פירט דער דעפארטאמענט פאר רעליגיעזער בילדונג אין דער „דיאספארע". לויט זיין ליניע ארבעטן היינט-צו-טאג אין 21 לענדער העכער 200 ישראל-עמיסארן.

אונטערציינדיק די סאכאקלען פון דער ארבעט פאר פארשפרייטן די ציוניסטישע „דערציונג" אין די גאלעס-לענדער, האבן די אנטיילנעמער פון די זיצונגען פונעם קאמיטעט דורכגעפירט א רעזומירנדיקן וויקוח איבער דער טעמע: „די יידישע און ציוניסטישע דערציונג אין דער דיאספארע — פראבלעמען און שוועריקייטן". פונעם קאמיטעט האט דער קאנגרעס אנגענומען א רעזאליוציע, אין וועלכער עס ווערט רעקאמענדירט די אנשטאלטן און קערפערשאפטן אין דער „דיאספארע", וועלכע באשעפטיקן זיך מיט דער פארשפרייטונג פון דער „יידישער דערציונג", אנערקענען, אז דאס צענטראלע ארט אלס גייסטיקע צענטרען פונעם יידישן פאלק איז ישראל און ירושאלאים.

אויף דער זיצונג פונעם „אימיגראציע- און אבסארבציע-קאמיטעט" איז ארויסגעטראטן דער פארוואלטער פונעם דעפארטאמענט, דער ליקווידאוועץ ר. קאטלאוויטש. די הויפט-אויפמערקזאמקייט האט ער געשאנקען דער פראגע וועגן דעם ארויספאר פון יידן פון סאוועטנפארבאנד. אנווייזנדיק, אז די אליא האט פאקטיש זיך אפגעשטעלט, האט קאטלאוויטש אומדירעקט אנערקענט, אז די פיבערהאפטע באמיונגען פון דער ציוניסטישער פראפאגאנדע צו שאפן אין דער וועלט א צוציענדיק, אדער א מער אדער ווייניקער פאזיטיוו געשטאלט פון ישראל האבן געליטן א מאפאלע.

דער אימיגראציע- און אבסארבציע-דעפארטאמענט פון דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער ארגאניזאציע פירט א פראפאגאנדיסטישע קאמפאניע, קעדיי צו „באארבעטן" די יידן פון די „גאלעס"-לענדער און שטויסן זיי צו עמיגרירן קיין ישראל. די ציוניסטישע שעליכים לאזן ארויס א וועכנטלעכע אינפארמאציע-אויסגאבע „פרעסע-דינסט", וועמענס וואַ-

ריִאנט אין דער רוסישער שפראך (דורך אייניקע מײַרעוודיקע זשורנאליסטן, טוריסטן און דיפלאָמאטן) סטארען זיי זיך אומלעגאל פארשפרייטן אויך אין סאָוועטנפארבאנד. אכוץ דעם, גיט ארויס דער דעפארטאמענט א דרײַכאדאָשים־שריפט „זיקא" („צוציִונג"), א בוקלעט „פאנאָראמא", א סעריע בראָשורן „מעדינאס־יִסראָעל", ספעציִעלע ביכער פאר קינדער, איווריט־רוסישע רייד־אָנצײַגערס און אנדערע ליטעראטור פאר ברייטער פארשפרייטונג. מיט זײַן אנטיסאָוועטישער און אנטיִאראבישער ריכטונג איז באקאנט דער זשורנאל „יִסראָעל הײַנט", וועלכן עס לאָזט ארויס דער דעפארטאמענט.

אין דער סטרוקטור פונעם איבנדערמאָנטן דעפארטאמענט גייען ארײַן סעקציעס, וועלכע שאפן פראָפאגאנדיסטישע פילמען וועגן יִסראָעל, א סעקציע פאר פארשפרייטן אגיטאציע־מאטעריאלן, אן אָפטיילונג פאר אינפאָרמאציע און פארבינדונגען מיט דער געזעלשאפטלעכקײַט און אנדערע אָפטיילונגען, וואָס זײַנען באַרופן אקטיוויזירן די אליִא קיין יִסראָעל.

באהאנדלענדיק די ארבעט פון אָט דעם דעפארטאמענט פארן צײַט־אָפשניט צווישן די קאָנגרעסן, האָבן די ציִעניסטישע טוער קאָנסטאטירט, אז באגלײַך מיט דער פארקלענערונג פון דער צאָל יִדן, וועלכע באקומען וויזעס קיין יִסראָעל, איז באדײַטנדיק געשטיגן די צאָל פון יענע, וואָס זאָגן זיך אָפ צו אויסנוצן די מעגלעכקײַט אָנקומען קיין יִסראָעל, און אין וועג פארקערעווען זיי אין אן אנדער לאנד. אין די לעצטע יאָרן האָט די דאָזיקע קאטעגאָריע דערגרייכט, לויט זייער אנערקענונג, 63%[1].

אויף דער זיצונג פונעם קאָמיטעט איז באשטעטיקט געוואָרן דער פאָרשלאָג וועגן ווענדן זיך צו די ציִעניסטישע לידערס און צו די דעלעגאטן פונעם קאָנגרעס מיט א רוף עמיגרירן קיין יִסראָעל. ס'איז אויך אָנגענומען געוואָרן א באשלוס רעקאָמענדירן דעם אויספיר־קאָמיטעט פון דער אלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאניזאציע און דער יִסראָעל־רעגירונג, זיי זאָלן גרינדן א ספעציִעלן אנשטאלט, וואָס זאָל פארוואלטן מיט די פראגן פון דער אליִא און אבסאָרבציע.

פון די ארויסטרעטונגען פון די אָנטיילנעמער אינעם קאָמיטעט מיקײַעד פראגן פון נײַע יִשובֿים איז צו זען, אז פארן פארגאנגענעם פעריִאָד זײַנען אויסגעבויט געוואָרן אויף די אָקופירטע אראבישע באָדנס 183 נײַע מיליטאריזירטע יִשובֿים. אזויארום, זעצן פאָר די ציִעניסטישע לידערס די פאָליטיק פון אנעקסיע און פון פארייביקן די יִסראָעל־אָקופאציע פון די פארכאפטע אראבישע טעריטאָריעס.

אין די פלענער אויף די יאָרן 1983—1988 פונעם דעפארטאמענט פאר מיליטאריזירטע יִשובֿים פון דער יִדישער אגענטור און פון דער אָפטיילונג פאר יִשובֿים איז פארפיקסירט „די נויטווענדיקײַט צו פארגרעסערן די צאָל יִשובֿים אויף די אָקופירטע טעריטאָריעס אויף 62 און באזעצן דאָרט קאָרעוו 10 טויזנט מישפּאָכעס פון נײַע איבערוואנדערער".

אויף די זיצונגען פונעם קאָמיטעט פאר פינאנציִעלע פראגן איז ארויסגעטראָטן דער קאסירער פונעם ציִעניסטישן אויספיר־קאָמיטעט א. לעווינסקי, וועלכער האָט אָפגעמערקט, אז דער געמיינזאמער בודזשעט פון דער אלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאניזאציע האָט דערגרייכט אינעם פינאנץ־יאָר 1981—1982 א סומע פון 500 מיליאָן דאָלארן[1].

אפן קאָנגרעס זײַנען פארעפנטלעכט געוואָרן פאקטן פון פילצאָליקע פארלעצונגען און מיסברויכונגען אין דער סיסטעם פון דער אלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאניזאציע און פון דער יִדישער אגענטור. אזוי, לעמאָשל, ווערט אינעם באריכט, וועלכן דער דיסקאָנטלער פון דער אלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאניזאציע מ. בען־ציִאָן מעיִרי האָט צוגעשטעלט דעם קאָנגרעס, שארף קריטיקירט די טעטיקײַט פונעם קערען האיעסאָד־פאָנד[2] און פון אייניקע דעפארטאמענטן און אָפטיילונגען פון דער אלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאניזאציע. היפשע מיסברויכונגען זײַנען אופגעדעקט געוואָרן אינעם אפאראט פון דעם „פאַרייניקטן יִסראָעלדיקן רוף": די הוצאָעס פון אָט דער קערפערשאפט האָבן באטראָפן פארן פארגאנגענעם פעריִאָד העכער א העלפט פון אלע געלט־מיטלען, וועלכע זי אליין האָט צונויפגעזאמלט.

אויף די זיצונגען פון די אָרגאנען פונעם ציִעניסטישן קאָנגרעס האָט מען אויך קריטיקירט די קאנצעליאריע פונעם פינאנציִעלן דיסקאָנטלער פון דער אלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאניזאציע. אזוי, לעמאָשל, איז דער באריכט פארן קאָנגרעס צוגעשטעלט געוואָרן מיט א פארשפעטיקונג אויף אָנדערהאלבן יאָר.

---

[1] לויט די פאראנענע אָנגאבן, זײַנען אין די לעצטע יאָרן ביז 90% יִדן־אוילים ארויסגעפאָרן ניט קיין יִסראָעל, נאָר אין די פאראייניקטע שטאטן, קאנאדע, אווסטראליע און אין אנדערע לענדער (רעד.).

[1] דער בודזשעט פון דער אלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאניזאציע און פון דער יִדישער אגענטור האָט באטראָפן אין די יאָרן 1978 — 1980 390 מיליאָן דאָלארן, אין די יאָרן 1980 — 1981 — 450 מיליאָן דאָלארן.

[2] קערען האיעסאָד איז א פינאנציִעלער אָרגאן פון דער יִדישער אגענטור, וועלכע זאמלט געלט לעטויוועס יִסראָעל אין די מײַרעוו־לענדער, אויסער די פארייניקטע שטאטן.

דעם 12 דעקאבער האָט מען אָנגעהויבן באהאנדלען אפן קאָנגרעס די פראגע וועגן פאנאנדערטיילן די ערטער אינעם ציִעניסטישן אויספיר-קאָמיטעט, און, ווי ס'האָבן אָפּגעמערקט איבערזיכטלער, „די דיסקוסיעס אין די קאָמיטעטן האָט מען אָפּגערוקט אף שפּעטער".

דעם 15 דעקאבער האָט אף דער פּלענארזיצונג פונעם קאָנגרעס אויסגעבראָכן א סקאנדאַל, ווען די מערהייַט דעלעגאטן האָבן געשטימט פאר דער רעזאָליוציע, וועלכע ס'האָבן פאָרגעלייגט די אָנהענגער פון דער ארבעטס-פּארטיי און פון טאמי. די רעזאָליוציע רופט צו א טעריטאָריעלן קאָמפּראָמיס מיט יאָרדאניע און צו אָפּשטעלן די בויונג פון נייַע יִשוּווים אפן מיירעוו-ברעג פונעם יארדן. זי טאַדלט אויך דאָס אנעקסירן מיצאד יִסראָעל דעם סירישן גאָלאנער הויכלאנד, וועלכער איז פארכאפּט געוואָרן בייס דער אגרעסיע אין 1967.

צום ערשטן מאָל האָט א ציִעניסטישער קאָנגרעס געשטימט קעגן דער פּאָליטיק פון דער יִסראָעל-רעגירונג מיקויעך א קארדינאַלער פראגע[1], און דאָס האָט נאָכאמאָל באוויזן, אז צווישן די ציִעניסטן קומט פאָר א שפּאַלטונג אינעם צוגאנג צום קורס פון די רעגירנדיקע קרייַזן פון יִסראָעל.

נאָך דעם, ווי עס זייַנען פארעפנטלעכט געוואָרן די רעזולטאטן פון דער אָפּשטימונג, האָט דער פאָרזיצער פונעם קאָנגרעס א. דולטשין זיך געײַלט איבערײַסן די זיצונג „צוליב קאָנסולטאציעס". די אָנפירערשאפט פונעם קאָנגרעס האָט זיך אָפּגעזאָגט אנערקענען די רעזולטאטן פון דער אָפּשטימונג, דערקלערנדיק, אז „די דעלעגאטן האָבן ניט קיין רעכט ארויסצוטרעטן קעגן די גרונטלאגן פון דער פּאָליטיק פון דער יִסראָעל-רעגירונג". דולטשין האָט קאטעגאָריש געמאָלדן: „דער קאָנגרעס דאַרף אונטערהאלטן די יִסראָעל-רעגירונג, אומאָפּהענגיק דערפון, ווער עס גייט אריַין אין אָט דער רעגירונג". ווען מע האָט אים געפרעגט, וואָס עס וועט זייַן מיט דער עצעם רעזאָליוציע, וועלכע האָט ארויסגערופן אזעלכע שטירמישע דעבאטן, האָט ער ציניש געענטפערט: „זי האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט".

קעדיי שאפן כאָטשבי אן אילוזיע פון א דעמאָקראטישער פּראָצעדור, איז געמאָלדן געוואָרן, אז אפן אנדערן טאָג וועט מען שאפן א „קאָמיטעט פון גוטן ווילן", וועלכער וועט פאָרלייגן א פּראָיעקט פון א נייַער רעזאָליוציע, וואָס זאָל זייַן אָנעמבאר פאר דער יִסראָעל-רעגירונג[1].

בייס מע האָט דורכגעשלעפּט אָט דעם דאָקומענט, האָבן די קעגנער פון דער פריִער אָנגענומענער רעזאָליוציע אָנגעווענדט באליידיקונגען בענעגייע די, וואָס זייַנען ארויסגעטראָטן פאר איר, ס'זייַנען געלאָזט געוואָרן אין גאנג פאלשיווקעס בעשאס דער אָפּשטימונג (אין רעזולטאט דערפון האָט מען אונטערגעכעזשבנט די שטימען דרייַ מאָל) און דירעקטער ווילקיר. אזוי, לעמאָשל, האָט דער קנעסעט-מיטגליד פון „ליקוד" י. ראָם דערקלערט דעם דעלעגאט פון דער קאָנפעדעראציע א. אווי-כאי, וועלכער האָט אונטערגעהאלטן, ווי קימאט אלע צאָפן-אמעריקאנישע דעלעגאטן, די רעזאָליוציע פון דער ארבעטס-פּארטיי: „דו ביסט ניט קיין ציִעניסט, ווייַל דו האָסט געשטימט קעגן יעהודע און שאָמרוין (אזוי רופט די ציִעניסטישע פּראָפּאגאנדע די טעריטאָריע פונעם מיירעוו-ברעג פון דעם יארדן. — די אווטאָרן.) און קעגן ערעץ-יִסראָעל". סטארענדיק זיך לינדערן די שפּאנונג, האָט א. דולטשין, פון זייַן זייַט, דערקלערט, אז „די דעלעגאטן פון דער קאָנפעדעראציע האָבן, ווארשייַנלעך, ניט פארשטאנען די רעזאָליוציע".

אין זייַן רעדע האָט דער פאָרזיצער פון דער ארבעטס-פּארטיי ש. פּערעס געזאָגט, אז דולטשינס אקציעס זייַנען „ניט קיין פּארלאמענטארישע".

א נייַער טומלדיקער סקאנדאַל אפן קאָנגרעס האָט אויסגעבראָכן, ווען די פראקציע טאמי האָט זיך געווענדט צו די דעלעגאטן מיט א באקאָשע וועגן „אָפּשטעלן דעם ראסיזם און די עטנישע דיסקרימינאציע אין די יִסראָעלדיקע שולן און אין דער פּאָליטישער סיסטעם ביכלאל". די אָנהענגער פון דער יִסראָעל-רעגירונג אפן קאָנגרעס האָט זיך אייַנגעגעבן ניט צו דערלאָזן די אָפּשטימונג פונעם פּראָיעקט פון אָט דער רעזאָליוציע.

פאר די דעלעגאטן איז ארויסגעטראָטן דער דעמאָלטיקער פּרעמיער-מיניסטער פון יִסראָעל מ. בעגין, וועלכער האָט זיך געסטארעט איבערצייַגן דעם קאָנגרעס אין דער אומבאגרינדעטקייַט פון פּערעסעס באהויפּטונגען, אז אין רעזולטאט פון דער אנעקסיע פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס וואקסט אין יִסראָעל די „דעמאָגראפישע געפאר". פּרוּווגדיק בארעכטיקן די אנעקסיע-פּאָליטיק פון די רע-

[1] דעם 14 דעקאבער האָט די מערהייַט דעלעגאטן פונעם קאָנגרעס געשטימט פאר דער רעזאָליוציע, וועלכע ס'האָט פאָרגעלייגט דער מיטגליד פון דער פּארלאמענט-פראקציע „מאראך" ש. אלאָני. די רעזאָליוציע האָט גערופן אינוועסטירן געלט-מיטלען אין די פּראָיעקטן וועגן פארבעסערן די לעבנס-באדינגונגען פון די יִסראָעלדיקע ניט-פארמעגלעכע שיכטן און „ניט געבן קיין שום הילף דער פּאָליטיק פון בויען נייַע יִשוּווים".

[1] ווי ס'האָט זיך אויסגעדריקט דער דעלעגאט פון דער קאָנפעדעראציע ב. טאנענבאום, איז דער „קאָמיטעט פון גוטן ווילן" נייטיק צוליב דעם, קעדיי „אונטערטראָגן פאר דער וועלט דעם ציִעניזם ווי איין גאנצעס".

גירנדיקע קרײַזן בענעגייע דעם מיזרעו-ברעג פונעם יאַרדן, האָט בעגין באַהויפּטעט, אַז בלויז דער קאָנטראָל פון ייִסראָעל איבער אָט דער טעריטאָריע גאַראַנטירט זײַן געפּאַרלאָזיקײַט.

מ. בעגין האָט געמוזט אַנערקענען אין זײַן אַרויסטרעטונג, אַז אין ייִסראָעל האָט אָן אָרט א קריזיס, א שווערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע לאַגע.

3. די סאַכאַקלען פונעם קאָנגרעס

דער 30-טער קאָנגרעס פון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע איז דורכגעגאַן אין אַן אומגעבונג פון א כראָנישן קריזיס אין צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם. ער איז צונויפגערופן געוואָרן אין געציילטע כאָדאָשים אַרום נאָך דער ייִסראָעל-אַגרעסיע קעגן די פעלקער פון ליוואַן און פּאַלעסטינע, אין באַדינגונגען, ווען ייִסראָעל אָקופּירט א באַדײַטנדיקן טייל טעריטאָריע פון דער סוווערענער מעלוכע ליוואַן. דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט די נײַע סימפּטאָמען פונעם באַנקראָט פון דער אויסערן- און אינערן-פּאָליטיק פונעם רעכטן בלאָק „ליקוד", וועלכער רעגירט פון מײַ 1977, האָט נישט געקאָנט זיך ניט אָפּרופן אפן קאָנגרעס. טומלדיקע סקאַנדאַלן, קריגערײַען, פּליאַטקעס און אפילע געשלעגן האָבן זיך אָנגעהויבן בוכשטעבלעך פון דער ערשטער זיצונג.

אין רעזולטאַט פון „דויערהאַפטע שטרײַטן און אונטערהאַנדלונגען", ווי ס'האָט אַף א דעליקאַטן אויפן אָנגערופן די פאָרגעקומענע באַטאַליעס דער זשורנאַל „ייִסראָעל הײַנט", איז די צאָל פון די מיטגלידער אינעם אויספיר-קאָמיטעט באַשטימט געוואָרן פון 34 מענטשן. בלויז צו 5 אַזייגער אינדערפרי דעם 17 דעקאַבער האָבן די רעדלפירער דערגרייכט א העסקעם וועגן פאַנאַנדערטיילן די ערטער אינעם אויספיר-קאָמיטעט: „ליקוד" האָט זיך דערשלאָגן 6 ערטער, די אַרבעטס-פּאַרטיי — 4, „מיזראַכי" — 2. איין אָרט איז אָפּגעגעבן געוואָרן דעם „צעשטערער פון רו" אפן קאָנגרעס, דער פּאַרטיי טאַמי, וועלכע האָט דערקלערט, אַז אין קעגנפאַל וועט זי אַרויס פון דער רעגירונגס-קאָאַליציע. מאַכמעס די ערנסטע מיינונגס-פאַרשיידנהײַטן און דער פּאַקטישער אוממעגלעכקײַט צו דורכפירן די פּערסאָנעלע וואַלן פון מיטגלידער פונעם אויספיר-קאָמיטעט בײַס דער אַרבעט פונעם קאָנגרעס, האָט מען א. דולטשינען און דעם אָנפירנדיקן קאָמיטעט באַאופטראָגט אָרגאַניזירן די וואַלן אין א דרײַ-פיר וואָכן אַרום נאָך דעם קאָנגרעס.

א פּאָליטישע אָפּשאַצונג פון דער רעאַלער זאַכלאַגע אינעם צווישנפעלקערלעכן ציִעניזם האָט געגעבן דער צענטראַלער אָרגאַן פון דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי די צײַטונג „זאָ האַדערעך". אינעם אַרטיקל פון דעם דעמלטיקן הויפּט-רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג יעהודע אונגער[1] איז אָפּגעמערקט געוואָרן, אַז דער איקער אפן קאָנגרעס איז געווען „א קאַמף פאַר בענקלעך".

די סיבע פונעם טיפן פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און מאָראַלישן קריזיס אין ייִסראָעל איז די איצטיקע קאַטאַסטראָפאַלע פּאָליטיק פון דער הערשנדיקער ציִעניסטישער קנופּיע. אַלס רעזולטאַט פון דעם זײַנען: די פּערמאַנענטע מילכאָמעס, די אַגרעסיע קעגן די אַראַבישע פעלקער, די פּאָליטיק פון אָקופּאַציע און אַנעקסיע, די ניטזיכערקײַט פון די ייִסראָעלים אינעם מאָרגנדיקן טאָג, די לאַנגטערמיניקע מיליטער-דינסט, די קאַטאַסטראָפאַלע עקאָנאָמישע לאַגע, דער פאַלנדיקער לעבנס-ניוואָ פונעם פאָלק.

י. אונגער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז אײנע פון די הויפּט-ריכטונגען פון דער פּאָליטיק פונעם הײַנטצײַטיקן ציִעניזם איז די אַנטיקאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע און די אונטערגראָבונגס-טעטיקײַט קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און קעגן אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער. פון דער טריבונע פונעם קאָנגרעס, — האָט קאָנסטאַטירט י. אונגער, — האָט געקלונגען ניט ווייניק אַנטיסאָוועטישער שעקער, וואָס זײַן ציל איז געווען ניט צו דערלאָזן, עס זאָל פאַרלאָשן ווערן די שוין שוואַך טליִענדיקע בייזוויליקע פּראָפּאַגאַנדיסטישע קאַמפּאַניע וועגן „באַשיצן די סאָוועטישע ייִדן"[2].

צום שלוס ווערט אינעם אַרטיקל געזאָגט, אַז דער 30-טער ציִעניסטישער קאָנגרעס איז געוואָרן אַן אָרדנטלעכע אַנטפּלעקונג פון דעם טיפן קריזיס פונעם ציִעניזם, וועלכער ווערט אַלץ מער צעפוילט פון אינווייניק. דאָס, וואָס עס איז געשען אפן קאָנגרעס, — האָט אָפּגעמערקט דער אווטאָר, — „איז אפילע ניט קיין קאַריקאַטור אַף דעמאָקראַטיע", נאָר א סאַך ערגער.

---

[1] דער קאַנדידאַט פאַר א מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ייִסראָעל י. אונגער איז געשטאָרבן דעם 15 אַפּרעל 1983.

[2] אפן צערעמאָניִאַל פון דער דערעפענונג פונעם 30-טן ציִעניסטישן קאָנגרעס איז אײַנגעלאַדן געוואָרן א גרופּע רענעגאַטן און אָפּטריניקע — געוועזענע סאָוועטישע בירגער בעראָש מיט יויסעף מענדעלעוויטשן, אַן אָנטיילנעמער פון דעם פּרוּוו צוגאַנוועגן א סאָוועטישן אַעראָפּלאַן, — וועלכע וווינען איצט אין ייִסראָעל.

מיט סאַרקאַזם קריטיקירט א רײ מאָמענטן און אַספּעקטן אין דער אַרבעט פֿונעם קאָנגרעס און זײַנע רעזולטאַטן די ייִסראַעלדיקע בורזשואַזע פּרעסע. אין דעם פּראַט ציט צו די אופמערקזאַמקײַט דאָס אַרטיקל אין „דזשערוזאַלעם פּאָסט"[1] פֿון דזש. סיגעל. „העכער 500 דעלעגאַטן און באַאָבאַכטער פֿון דער דיִאַספּאָרע זײַנען געצווונגען געווען, ווי מיג־רירנדיקע פּיגל, איבערשנײַדן אָקעאַנען און קאָנטינענטן, ניט באַנעמענדיק, צוליב וואָס זיי טוען דאָס, און קומען קיין ייִסראָעל, קעדיי אָנטיילנעמען אינעם זינלאָזן ריטואַל, וואָס איז מאַכטלאָז צו ווירקן אַף די ערנסטע פּראָבלע־מען, וועלכע דראָען דעם ייִדישן פֿאָלק", — אַזוי האָט אָפּגעשאַצט די סאַכאַקלען פֿונעם קאָנגרעס דזש. סיגעל. א סאַך פֿריִער, ווען ס'איז פֿאָרגעקומען דער 29־טער קאָנגרעס, האָט סיגעל גערופֿן אָפּצושאַפֿן ביכלאַל די ציִעניסטישע קאָנגרעסן, באַקרוינענדיק זיי אַלס „דינאָזאַווערן, וועלכע קאָנען בעשום־אופן ניט שטאַרבן"[2].

דזש. סיגעל שטעלט זיך באַזונדערס אָפּ אַף דער דיסקוסיע, וועלכע ווערט שוין פֿון־לאַנג געפֿירט אין די ציִעניסטישע קרײַזן וועגן דעם, ווער מע זאָל האַלטן פֿאַר א ציִעניסט. אַט איז די מיינונג פֿונעם געוועזענעם פּרעזי־דענט פֿון ייִסראָעל י. נאַוואָן: „א ציִעניסט איז א ייִד, וועלכער עמיגרירט קיין ייִסראָעל, אָדער גרייט זיך צו דעם; יענע ייִדן, וואָס טראָגן נאָר אַרײַן געלט אָדער לייגן פֿאָר פּאָליטישע שטי־צע, זײַנען בלויז פּראָציִעניסטיש אָדער פּראָ־ייִסראָעלדיק געשטימטע מענטשן"...

אַן אופגערייצטער פֿון דער קריטיק פֿונעם פֿאָרגעקומענעם קאָנגרעס, האָט דער פּאָרזי־צער פֿון דער אַלוועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע אַריע דולטשין אויסגעשריִען: „אָבער אויך אין קנעסעט און אין דער מעדינע ביכלאַל קומט פֿאָר א באַלאַגאַן!". דער פֿאַקט פֿאַרבלײַבט א פֿאַקט, — רעזומירט סיגעל, — אַז דער קאָנגרעס, וואָס האָט אָפּגעקאָסט א קײַמעלאָן פֿון 1 מיליאַרד דאָלאַר, איז „א סימפּטאָם פֿון א קראַנקײַט, וועלכע האָט גע־טראָפֿן דער ציִעניסטישער באַוועגונג".

ניט ווייניקער שאַרף האָבן קריטיקירט דעם קאָנגרעס אויך אייניקע אַנדערע ייִסראַעלדיקע אויסגאַבעס. „דער קאָנגרעס איז בײַס די אַרויסטרעטונגען געשלאָפֿן"; „דאָס איז א קאָנגרעס פֿון באַנקראָט"; „א צערעמאָניִאַל פֿון צאָרעס און אַנטוישונגען" — אַזעלכע זײַנען די קעפּלעך פֿון די פּובליקאַציעס, געווידמעט דעם גאַנג פֿונעם 30־טן ציִעניסטישן קאָנגרעס. דער הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג „מאַאַריוו" מ. שנייצער, וועלכער האָט גע־טאַדלט די אומגעזעצלעכע וואַלן פֿון די דע־לעגאַטן, די אָפֿענע קריגערײַען צווישן די ציִעניסטישע רעדלפֿירער איבער די שטעלעס אין דער אָנפֿירערשאַפֿט, האָט געשריבן, אַז דער קאָנגרעס „איז א טרויעריקער אָפּשטעל פֿון דער ציִעניסטישער באַוועגונג". איינער פֿון די רעדאַקטאָרן פֿון דער אײַנפֿלוסרײַכער צײַטונג „האַאַרעץ" האָט באַמערקט, אַז דער קאָנגרעס איז ניט מער, ווי „אַן עפּיזאָד פֿון קאָלעקטיוון טוריזם פֿון ייִדן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער קיין ייִסראָעל".

מיט צערײַצטקײַט האָט וועגן דעם 30־טן ציִעניסטישן קאָנגרעס געשריבן אויך די ציִע־ניסטישע און פּראָייִסראַעלדיקע פּרעסע אין די מײַרעוו־לענדער. סימפּאָטאָמאַטיש זײַנען די אַר־טיקלען, וועלכע ס'האָט פֿאַרעפֿנטלעכט די לאָנדאָנער צײַטונג „דזשויִש קראָניקל". אין איינעם אַזא אַרטיקל אַנערקענט דער יערושאָ־לאַיִמער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער צײַטונג י. קעסעל: „אין דער ציִעניסטישער באַוועגונג נייטיקט זיך נישט ניט בלויז די מערהײַט ייִס־ראָעלים, נאָר אויך די איבערוועגנדיקע מער־הײַט ייִדן פֿון דער דיִאַספּאָרע" (אונדזער קור־סיוו. — די אווטאָרן.).

צום שלוס קאָנסטאַטירט י. קעסעל, אַז דער 30־טער ציִעניסטישער קאָנגרעס האָט פּראַקטיש ניט אָנגענומען קיין שום קאָנקרע־טע באַשלוסן.

אַזויאַרום, האָט דער 30־טער ציִעניסטי־שער קאָנגרעס נאָכאַמאָל באַוויזן, אַז אינעם צווישנפֿעלקערלעכן ציִעניזם קומט פֿאָר א קריזיס און האָט אַנטפּלעקט די פֿילצאָליקע ווידערשפּרוכן צווישן די פּאַרטייען און קער־פּערשאַפֿטן, וועלכע גייען אַרײַן אין דער אַל־וועלטלעכער ציִעניסטישער אָרגאַניזאַציע.

[1] „דזשערוזאַלעם פּאָסט" האָט פֿאַרעפֿנטלעכט קאַ־ריקאַטורן, וועלכע שילדערן די דעלעגאַטן, וואָס שלאָגן זיך. דער טעקסט צו איינער אַזא קאַריקאַ־טור איז געווען אַזא: „פֿאַנאַנדערנעמען די זיך ראַנגלענדיקע ציִעניסטן האָט מען געקאָנט בלויז דאַן, ווען מע וואָלט זיי באַוויזן א פּאָרנאָגראַפֿישן פֿילם"...— אַז אָנצוהערעניש אַף דעם, אַז איינמאָל האָט מען אַפֿן קאָנגרעס באַוויזן אַלפֿי־טאָעס דורך דער אינערלעכער טעלעוויזיע, אָנשטאָט א רעקלאַ־מע־סטענגע וועגן די ייִדישע ייִשוּווים אַפֿן מײַרעוו־ברעג פֿונעם יאַרדן, א פּאָרנאָגראַפֿישן פֿילם.

[2] איצט, בײַסן 30־טן קאָנגרעס, האָבן שוין מער ווי אין א טוץ אַרטיקלען אין דער ייִסראָעלדיקער פּרעסע געקלונגען רופֿן צו אָפּשאַפֿן די ציִעניס־טישע קאָנגרעסן.

מײער װינער
(1941—1883)

מײער װינער

וועגן לייב קוויטקאָס קינדער-לידער

עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס די קינדער-לידער פאַרנעמען אין קוויטקאָס שאַפן אַזא וויכטיק אָרט. זיי זײַנען ניט דער רעזולטאַט פון א פאַרלעגערישער באַשטעלונג, פון א פּעדאַגאָגישן כּיוון-געפיל אָדער פון א קינסט-לערישן קאַפּריז, נאָר א וויכטיקער אָרגאַנישער טייל פון קוויטקאָס שאַפן. אין א געוויסער מאָס באַשטימען ערשט זײַנע קינדער-לידער קלאָרע כאַראַקטעריסטישע שטריכן אין קוויט-קאָס פּאָעטישן מעהוס, וואָס באַשטייט פון באַוווסטזיניק דיסציפּלינירטער, קינסטלעריש אופגעהויבענער פאָלקסטימלעכער סטיכיי.

מיר וויסן פון פאַרשיידענע בײַשפּילן אין א סאַך ליטעראַטורן, אַז אַזעלכע ספּעציפישע טאַלאַנטן האָבן געוויינלעך צו טאָן מיט צוויי הויפּט-סאַקאָנעס. ערשטנס: מיט דער סאַקאָ-נע שטעקן צו בלײַבן בא א באַשטימטער מאַד-רייגע פון אַנטוויקלונג אין א פּרימיטיווער פאָלקסטימלעכער מאַניר, וואָס ווערט, לעסאָף, דורך דער קלוימערשט קינסטלערישער באַאַר-בעטונג פּאַשעט באַנאַל. די „פאָלקסטימלעכ-קײַט" ווערט אָן אין דער „באַאַרבעטער" מאַניר די לעבעדיקע זאַפט פון עכטער פאָלקס-קונסט און האָט דאַן בלויז די פונקציע צוצודעקן די אומבאַהאָלפנקײַט פונעם שרײַבער, וואָס האָט ניט דערגרייכט צו דער מאַדרייגע פון ליטע-ראַריש-אינדיווידועלער קינסטלערישקײַט. די צווייטע סאַקאָנע איז: ארײַנצופאַלן אין אַן אַנדער עקסטרעמקײַט, אין סנאָביסטישע גענג, סײַ בענעגייע אינהאַלט, סײַ בענעגייע פאָרם. גראָד די באַגאַבטערע פון די דאָזיקע דיכטער האָבן אָפט דערצו א נעטיִע, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט זײַן. די סיבעס דערפון זײַנען באַקאַנט.

קוויטקאָס אַנטוויקלונגס-גאַנג האָט אָט די סאַקאָנעס גויוועד געווען. אין זײַנע לידער זעען מיר זייער א סאַך אויסגעצייכנט געראָ-טענע מוסטערן פון אינדיווידועל-קינסטלעריש הויך-אופגעהויבענער פאָלקסגעמיטלעכער פּאָעזיע. די דאָזיקע לידער ווײַזן א סאַך מײַ-לעס פון דער קאָלעקטיוו-סטיכיישער פאָלקס-פּאָעזיע: פרישע אומיטלבאַרקײַט, יאָדערדיקע נאַטירלעכקײַט, געזונטע שפּראַך, — אָבער אָן די הויפּט-כעסרוינעס פון דער פאָלקס-פּאָע-זיע: פּרימיטיווע אומבאַהאָלפנקייט, צעקראָכנ-קײַט, צופעליקײַט, אָרעמקײַט אין פאָרם און

אין געדאנקען-אויסדרוק. קוויטקאָס לידער זײַנען גאָר ווײַט ארויס פון נאַיוון פּרימיטיוו און האַלטן זיך אין דער הויך פון די שענסטע אינהאַלט- און פאָרם-דערגרייכונגען אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

דעריבער געהער קוויטקאָ צו די פּאָר אָריגינעלסטע פּאָעטן אין אונדזער ליריק, דעריבער האָבן זײַנע לידער געקאָנט ווערן א וועגווײַזער פאר דער ייִדישער סאָוועטישער פּאָעזיע צו די רײַכע קוואַלן פונעם פאָלקס-געמיט, אָן וועלכע פּאָעזיע מוז ווערן טרוקן און מאָגער אָדער דעקאַדענטיש און אויסגעטראַכט. זיי האָבן געוויזן, ווי מע דאַרף דיכטעריש צוגיין צו דער מעכטיקער שעפערישער געפילס-וועלט פון די מאַסן, צום באַפרוכפּערנדיקן פאַרמעג, וואָס האָט געדרעמלט אין די אונטערדריקטע מאַסן און וואָס איז אופגעריסן געוואָרן דורך דער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע.

עס וואָלט ניט ריכטיק געווען צו פאָרמולירן, אז קוויטקאָס שאַפן „ציט יעניקע" פון דער פאָלקסליד, אַזאַ מין „יעניקע ציִען" דערפירט בלויז צו א פאָלקיסטישער סטיליזאַציע. קוויטקאָס לידער שפּײַזן זיך דירעקט פון יענע קוואַלן, פונוואַנען עס שטראָמט די פאָלקס-קונסט גופא. קוויטקאָ „שעפּט" ניט פון די מאַסן, נאָר ער גופא דריקט אויס קינסטלעריש-אומיטלבאַר זייער געפילס-לעבן, מיט עכטער פּראָסטער טיפקײַט, מיט פאָלקסטימלעך-קיינעוודיקער נאַיִוקײַט (אינעם איידעלן זינען פון וואָרט), אין א קינסטלעריש-אופגעהויבענער פאָרם, וואָס האָט זיך אנטוויקלט פון דער פאָלקסטימלעכער פאָרמלאָזיקײַט.

א וויכטיקער שטריך פונעם סטיכייִשן פאָלקס-קינסטלערישן געמיט איז די נעטיִע צו קיינעוודיק-קינדערשער און ציכטיקער שפּילערישקײַט. ניט אומזיסט פאַרנעמט די קינדער-ליד אין דער פאָלקסליד אַזאַ וויכטיק אָרט. די פילבאַרקײַט פונעם עכטן פאָלקס-שאַפן צו דער קינדערשער געפילס-וועלט, די קרויוועשאַפט פון איינעם צום אנדערן זײַנען באַקאַנט. אין א פאָלקסטימלעכער וויגליד ווערן אמאָל אויסגעדריקט די טיפסטע באַוועגונגען אינעם געמיט פון די מאַסן. די נויט און די האָפענונגען פון די מאַסן ווערן דאָ ארויסגעזאָגט אין אינטימע שטאַרקע בילדער. אין די דאָזיקע פאַקטן געפינען מיר אן אָנצוהערעניש, וויאַזוי מע דאַרף פאַרשטיין די ראָליע פון דער קינדער-ליד אין קוויטקאָס שאַפן.

די נאָענטע אָרגאַנישע שײַכעס פון קוויטקאָס קינדער-ליד צו דער פאָלקסליד ווערט קלאָר ניט בלויז פון אַזעלכע בוילעטע מוסטערן, ווי לעמאָשל „טיק-טאַק", „א מײַסע", „מײַן מומע האָדל", „באָבע שלאַק", „דער גרויסער קניש", „אפן גליטש" (באַזונדערס דאָס לידל אין דער דאָזיקער ליד — „שמידער") אַזוי. מע קאָן עס זען אויך אין אַלע אנדערע לידער. אין זיי קומט צום אויסדרוק דער זעלביקער געזונטער מאַסן-מעהוס, ווי אין דער פאָלקסליד, די זעלביקע פּרימיטיווע, אָבער מעכטיקע און טיפע פּאָעזיע, דאָס זעלביקע ערדישע נאַטור-געפיל. אָבער אָנשטאָט די צופעליקײַטן אין קינדערשן פאָלקסליד, די אָפטע גלאַסאָלאַלישע זינלאָזיקײַטן. אָנשטאָט דער פאָרמעלער אומבאַהאָלפנקײַט זעען מיר אין קוויטקאָס קינדער-לידער שטאַרקע קינסטלערישע דיסציפּלין. ס'זײַנען פאַראַן בא אים שורעס און גאַנצע לידער, פון וועלכע מיר ווערן אופגעציטערט ביז אין דער טיף, ווײַל מיר דערפילן אין זיי דעם אופטרייסלענדיקן נאַטור-טאָן און די נאַטור-געוואַקסנקײַט ווי אין יענע בעסטע שורעס אין דער פאָלקסליד, וואָס זעען אויס, ווי זיי וואָלטן געוואַקסן פון „זיך אַליין" און אורשפּרינגלעך ווי די שפּראַך גופא. עס ווערט אין זיי אָנגערירט די טיפע פּאָעזיע און כאָכמע פון דער מאַסע און דאָפּקע מיט פּראָסטע אורשפּרינגלעכע ווערטער, וואָס האָבן א קלאָר פאַרשטענדלעכן באַדײַט און ווירקן ערטערווײַז אַליין ווי א שטיק ליכטיקע שמעקעדיקע נאַטור.

קינדערשע פאָלקסלידער ווערן דעריקער פאַרפאַסט פון קינדער גופא (אכוץ אויסנאַמען). לעהייפּעך צו ליטעראַרישע קינדער-לידער, וואָס ווערן דאָסראָוו געשריבן פון לאַכלוטן „אומנאַיִווע" דערוואַקסענע. פונדאַנען נעמט זיך, אז ליטעראַרישע קינדער-לידער האָבן געוויינלעך א „קלוגן און דערוואַקסענעם" כאַראַקטער און ווערן ניט אופגענומען פון די קינדער. נאָך ערגער איז, אז דער שרײַבער מאַכט זיך קלוימערשט קינדעריש, פלאַפּלט קינדעריש, דער אומעכטער, פאַלשער טאָן שלאָגט צום האַרצן און שטויסט אָפּ דעם קינדערשן לייענער. ווײַל א סך שווערער, ווי ס'דוכט זיך אָט די מעכאַברים, איז אָפּצונאַרן דאָס קינדערשע געמיט מיט אומנאַטירלעכער, געמאַכטער קינדערישקײַט. אָפּטמאָל האַלטן שטאַרק באַגרענעצטע טאַלאַנטן, אז זייער שרײַבעכץ וועט פונקט גוט זײַן פאַר קינדער, ווײַל דערוואַקסענע ווילן מיט זייערע ווערק ניט האָבן צו טאָן. זיי ווייסן ניט, אז פאַר קינדער איז די סאַמע בעסטע ליטעראַטור קוים גענוג גוט. ס'איז אומעטום, אין אַלע ליטעראַטורן א זייער זעלטענע דערשײַנונג, אז אן עמעסער פּאָעט זאָל האָבן אן אינווייניקסטע שײַכעס און צוגאַנג צום קינדערשן געמיט, און אין דער אייגענער צײַט אויך גענוג ליבע און כיישעק, אַרײַנצולייגן אָף ערנסט אין זײַן שאַפונג פאַר קינדער די גאַנצע וואָג פונעם טאַלאַנט, וואָס ער פאַרמאָגט. אכוץ

דער גוטער קאַוואָנע און ערלעכן ווילן, איז דאָ נאָך נייטיק טיפע נאַיִוו-אומיטלבאַרע פאַרשטענדניש פאַרן קינדערשן אויפן פילן און באַנעמען, און אַז דער גאַנצער מעהוס פונעם פּאָעט זאָל אין א באַשטימטער מאָס זײַן קרויוויש צום קינדערשן געמיט. אין קוויטקאָס לידער געפינען מיר אַזאַ גליקלעכן צונויפפאַל פון אומשטענדן. דער פאָלקסטימלעכער אָפּשטאַם פון קוויטקאָס דיכטערישן טאַלאַנט פאַרשאַפט אים א ניט-געקינצלטן נאַטירלעכן צוגאַנג צו דער קינדערשער געפילס-וועלט. קוויטקאָ לאָזט זיך ניט אַראָפּ פון זײַן דערוואַקסנקײַט, קעדיי מיט קינדער א ווײַלע צו פלאַפּלען. ער דאַרף ברעכן זײַן טאַלאַנט בעשאַס ער ווענדט זיך צו קינדער, ער קאָן זײַנע קינדער-לידער ביז גאָר ערנסט נעמען. לייגט ער אין זיי אַרײַן א וויכטיקן טייל פון זײַן דיכטעריש פילן און טראַכטן, די גאַנצע פּראָסטע טיפקײַט פון א פאָלקסטימלעכן געמיט, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט ערדיש-נאַטורהאַפטיקער כאָכמע און פּאָעזיע. דעריבער זײַנען זײַנע קינדער-לידער אַזוי עכט, שטאַרק און נאַטירלעך און צוגלײַך אַזוי פאַרשטענדלעך און צוטריטלעך פאַר דער קינדער-וועלט. און ווײַל ער לייגט אין זײַנע געראָטענע קינדער-לידער אַרײַן זײַן גאַנצע דיכטערישע פּערזענלעכקײַט און ענערגיע, ווירקן זיי פּונקט אַזוי שטאַרק אויך אויפן דערוואַקסענעם לייענער. און כאָטש די דאָזיקע לידער זײַנען אין דער ערשטער ריי באַשטימט געוואָרן פאַר קינדער, מוז מען אָבער זאָגן, אַז זיי זײַנען א באַדײַטנדיקע דערשײַנונג אין דער דיכטערישער ליטעראַטור ביכלאַל און האָבן, אַכוץ דעם ריין-דערציִערישן באַדײַט, א וויכטיקן דיכטערישן זעלבסטווערט.

קוויטקאָס שאַפן שטאַמט פון האַמוינישן פילן, אָבער די אידייִשע באַגײַסטערונג, מיט וועלכער דאָס בוך איז דורכגענומען, גייט פון דער רעוואָליוציע, פונעם פּאַטאָס אין דער סאָציִאַליסטישער בויונג. דאָס בוך איז ריין פון שלעכטע ירושעס, אָבער אויך פון געמאַכטער היסלײַוועס. מע פילט: דאָס בוך האָט געשריבן א דיכטער, וואָס איז ביז אין דער טיף אינווייניק פאַרבונדן מיט די אַרבעטנדיקע מאַסן און מיט זייערע האָפענונגען. עס איז פול מיט פרייד, ליכטיקײַט, מונטערקײַט, מיט דעם, וואָס מערינג האָט אַמאָל געפאָדערט פאַר דער ליטעראַטור פונעם זינגענדיקן אַרבעטער-קלאַס: „מיט יאָמטעוודיקן ליכטערגלאַנץ" — כאָטש עס שטייט דערין קיין איין מאָל ניט דאָס טראַפאַרעטיש-באַנאַלע „מיר איז גוט אאזוו.".

די געראָטענע קינדער-לידער פונעם נײַעם שטייגער, למשל: „הויז פון פּראָפאַריינען", „ברוקירער", „א קאָלעקטיוו" אאזוו., זײַנען ווײַט אַרויסגעוואַקסן פון דער אַגיטקע אין ליד-פאָרם ביז צו עמעסער קינסטלערישקײַט. פון דער אַנדערער זײַט, פילט זיך אין זיי (ווי ביכלאַל אין אַלע קינדער-לידער קוויטקאָס) ניט קיין שפּור סימבאָליסטיק פון די אַלטע מיסטיש-מײַסעדיקע באַגריפן און לעגענדאַרישע עמבלעמעס, אָן וועלכע מע האָט געמיינט, אַז מע קאָן אין קינסטלערישער קינדער-ליטעראַטור ניט אויסקומען. ס'פילט זיך אין די לידער אַן אויפריכטיק טיפע, פּראָסטע, אָבער לײַדנשאַפטלעכע, זאַכלעכע באַגײַסטערונג פאַרן שטייגער פון דער נײַער בויונג, א באַגײַסטערונג, וואָס איז ניט פּאַטעטיש אויפגעבלאָזן, אָבער וואָס פאַלט ניט בא זיך אַראָפּ פון „ליס און געמיימעס" טײַנעס.

וועגן דער פּראָסטקײַט און זאַכלעכער באַגײַסטערונג אין די דאָזיקע לידער איז קעדײַ א ביסל אויספירלעכער צו רעדן.

„פּאַשטעס" איז נאָר דעמלט דיכטעריש ווערטפול, ווען זי דריקט אויס די פּראָסטקײַט פון פילן. „פּראָסטקײַט" אין באַדײַט פון גראָדליניקײַט און אומגעקינצלטקײַט; ווען זי אַנטשפּרעכט א גראַדן, טיפן, ניט געבראָכענעם צוגאַנג צו די טעמעס; ווען א ציכטיק קלאָר און זיכער געפיל, וואָס שטראָמט פון גאַנצן באַוווּסטזיניקן און אומבאַוווּסטזיניקן מעהוס פונעם פּאָעט, איז פעיִק זיך צו לייגן אין פּראָסט-פאַרשטענדלעכע, קלאָר-ציכטיקע, אָבער אידעאָלאָגיש און קינסטלעריש פעסט אָרגאַניזירטע, לירישע ווערטער, — ערשט דעמלט דערפילן מיר אין זיי דעם טיפן עמעס, די עכטקײַט און נאַטורהאַפטיקײַט.

די פּראָסטקײַט און רעוואָליוציִאָנערע באַגײַסטערונג אין קוויטקאָס צוגאַנג צו דער סאָציִאַליסטישער בויונג איז פון אָט דעם טיףפּאָעטישן, געזונטן און ציכטיקן מין. זי דאַרף ניט אָנקומען ניט צו גוזמעדיקן ליאַרעם און ניט צו אָנגעצויגענער ראָמאַנטיזירונג, וואָס איז גאָרניט אַזוי ווײַט פון דער סטאַם-פּראָסטקײַט און וואָס דאַרף ראַטעווען די פּוסטקײַט פון „פּראָזאַיִשע" פּערזן. די דאָזיקע לידער קוויטקאָס זײַנען דורכויס רעאַליסטיש, פול מיט פּאַשטעס, רעוואָליוציִאָנער און פּאָרט אויך טיף פּאָעטיש. זיי באַגייען זיך אָן זעלטענע אַריסטאָקראַטישע ווערטער, אָן ייִכעסדיק געצאַצקעטע פאָרם-דריידלעך און זײַנען פּאָרט אייגנאַרטיק אינהאַלטסרײַך, אָנגעזאַפּט מיט בילד און עמאָציע.

די ייִדישע ליריק איז ניט זייער רײַך אין לידער מיט עכטע נאַטור-טעמעס. אָט די אָפּגעפרעמדטקײַט פון דער נאַטור איז א שלעכ-

טע יערושע. דאַרף מען עס באזונדערס אונטערשטרײַכן, אַז קוויטקאָס לידער זײַנען אָנגעפּילט מיט פרישער מונטערער ליבע צו נאַטור, צום לעבעדיקן און ניט לעבעדיקן ארום, צו אַרבעט, שפּיל און באַוועגונג, צו כײַעס, צו שטאָט און צו דאָרף.

אייגנאַרטיק און אָפּטמאָל מײַסטעריש איז דער אופבוי און די קאָמפּאָזיציע פון די געראָטענע לידער. מיט א געניטער האַנט אַנטוויקלט קוויטקאָ איינהײַטלעך א קורצן פראַגמענטאַרישן מאָמענט. ער כאַפּט אַרויס א מאָמענט פון פרישן לעבן, הייבט אָן פון דער סאַמע מיט, לאָזט אָנוואַקסן די אַנטוויקלונג ביז צו א הויך-פּונקט און פאַרענדיקט געוויינלעך מיט א נאַטירלעכן אויסקלאַנג געניי דאָרט, וווּ מע דאַרף. די קליינע טעמע צעטיילט דער פּאָעט „דראַמאַטיש” אָדער ליריש, געוויינלעך שפּאָרעוודיק קאָנצענטרירט און אָן שום אָנגעצויגענע אָנהייבן און סאָפן. די ליד איז אָנגעזעטיקט מיט לעבן, באַוועגונג, פּאָעזיע, שפּילערישקײַט, און ווי מיניאַטיוריש-אומוויכטיק די טעמע זאָל ניט זײַן, איז זי אָפּטמאָל מאַמעש אָנגעלאָדן מיט א מין דראַמאַטישקײַט (לעמאָשל, די אַוואַנטורעס פונעם זשוקל, וואָס דאַטעוועט זיך פון טויט אינעם רעגן). קוויטקאָס געראָטענע לידער — בא אַזא גרויסער צאָל לידער איז פאַרשטענדלעך, אַז ניט אַלע שטייען אויף א גלײַכער הייך — זײַנען קײַלעכדיק פאַרענדיקט, פול מיט אומגעריכטע אײַנפאַלן, מיט דיכטערישער שפּילערישקײַט, אויסגעפורעמט מיט א זיכערן געשמאַק. באַזונדערס בולט ווײַזט זיך די געראָטנקײַט פון קאָמפּאָזיציע דאָרט, וווּ דער סוזשעט איז זייער א מאָגערער, א קליינינקײַט, קימאַט א גאָרנישט. גיך און זאַכלעך פירט קוויטקאָ די פאַבולע פון איין סטראָפע צו דער אַנדערער. אויך אין דעם פראַט פילט זיך דער אָפּשטאַם פון דער פאָלקסליד. ס'איז ניטאָ די איבעריקע פאַרזיכט פון אַן אומגעניטן פּאָעט, אַז די קינדערשע לייענער וועלן ניט פאַרשטיין אָן אויסטײַטשונגען און צוגרייטונגען — דאָרט, וווּ מע דאַרף דערפאַר קיין מוירע ניט האָבן.

באַלערעוודיק איז די קאָמפּאָזיציע פון „הויז פון פראָפאַריינען”. אויף א ציכטיקן אויפן, איך וואָלט געזאָגט אויף א מוזיקאַלישן, ווערט דערציילט וועגן א ריי אַרבעט-פראָצעסן, מער גאָרניט. אָבער וויפל באַגײַסטערונג, מונטערע ליכטיקײַט, כיינעוודיקע בילדערישקײַט און גוטע געזונטע שפּילערישקײַט פילט זיך אין דער ליד. ס'איז א הימן פון אַרבעט און בוינונג, און עס וואָלט געדאַרפט ווערן א שפּיל- און זינגליד (מיט באַגלייטנדיקע מעלאָדיעס און זשעסטן) אין דער ייִדישער ראַטנשול. דאָס אייגענע קאָן מען זאָגן וועגן „ברוקירער”, „קאָלעקטיוו” אַאַוו.

עס בעט זיך מאַמעש, אַז מע זאָל א ריי לידער קוויטקאָס זעצן אין מוזיק.

נאַטור-נאָענטקײַט, גוטע פּאַשטעס און טיף-פּאָעטישע נאַיוּוקײַט געפינען מיר אין אַזא וווּנדערלעכער נאַטור-ליד, ווי „סעדער”. לויט זײַן פּאָעטישער ווירקונג דערמאָנט די ליד אין גאָר גרויסע לירישע מוסטערן. א טיף געפיל פאַר נאַטור באַווײַזט זיך אויך אין דער מונטער-זוניקער ליד „פײַפעלעך”, אָדער אינעם ליבלעכן לידל „טײַבעלע” מיט זײַן ניט געקינצלטער פרישער נאַטירלעכקײַט און דעם רייעך פון פעלדער.

די טעמע פון א ליד, ווי „דאָס פידעלע”, איז, דאַכט זיך, א גאָר נישטיקע. וואָס אָן איר קאָן מען זיך דאָ דיכטעריש אָנכאַפּן? א קינד מאַכט זיך א פידעלע פון א קעסטעלע און שטריק, און שפּילט אויף דעם. אָבער וויפל כיין, פּאָעזיע און פרייעלעכקײַט טוט דער פּאָעט אַרײַן אין אָט דער קליינער טעמע! די ליד „פײַפעלעך”, אין וועלכן עס ווערט סאַכאַקל דערציילט, ווי מע מאַכט פײַפעלעך און וואָס סע געשעט, אַז מע שפּילט אויף דעם, געהער — אַכוץ דער ווייניקער געראָטענער, לויט מײַן מיינונג, איבעריקער לעצטער סטראָפע — צו די שענסטע מוסטערן פון שפּילערישן קינדער-ליד ביכלאַל.

א באַזונדערער מין זײַנען די „קאַפּריזן-לידער” (ווי מע וואָלט זיי געקאָנט אָנרופן), אין וועלכע עס ווערט קינסטלעריש באַפרידיקט די קינדערשע נעטיע צו כיינעוודיק-הומאָרפולן שפּיל מיט ווערטער. לעמאָשל: „א מײַסע”, וואָס האָט קימאַט ביכלאַל ניט קיין „טעמע” און איז געבויט אויף א גראַציעז-אָפּנאַרערישן קלוימערשטן דערציילן לויט דער פאָלקסטימלעכער קינדער-ליד „אַוטאָמאָבילן”, דאָס אַרײַנגעפּאַסטע „לידל” („שמידער”) אין דער ליד „אַפּן גליטש”, די מײַסע מיטן שטעקן אין דער ליד „שעפּן פאָרן”.

אייגנאַרטיק זײַנען די לידער-מײַסעס, מיט אָדער אָן א מוסערהאַסקל, ווי „דאָס קאַוונדל”, „לעמל נאַשער”, „קיין פּעטרעשקע ניט ווערט”, אָדער דאָס אויסגעצייכנטע „דאָס קעצעלע” מיט זײַן כיינעוודיקן אָנהייב, וואָס קלינגט ווי א מאָשלדיקע פאָלקס-רעדנסאַרט:

בא אונדז איז דאָ א קעצעלע,
א קליינינקס אַזאַ־אָ,
די מאַמע זאָגט, סע טויג אונדז ניט,
נאָר מיר דאָך טויג עס יאָ!

אין אַזעלכע לידער קומט צום קינסטלערישן אויסדרוק די פאָלקסטימלעכע באַלאַדי-

שע מײַסעדיקײַט, שפּאָרעוודיקײַט, מיט א געזונטן טעמפּ און בילדעריש אויסגעפירט.

באוווּסטזיניק אויסגעהאלטן אינעם פאָלקס־ליד־טאָן זײַנען די שיינע לידער: „באָבע שלאק מיט איר קאבאק", „דער גרויסער קניש", „טיק־טאק", „ניסעלעך", „הינדעלעך" אאא. מיר דוכט זיך, אז די דאָזיקע לידער גייען נאָך נאָך אוקראַיִנישע פאָלקס־מאָטיוון, פּונקט ווי א ריי אנדערע לידער („א מײַסע", „שמידער" אא.) גייען אמאָל נאָך דער ייִדישער פאָלקסליד.

מיט אן עכטן עפּישן טאָן זײַנען דורכגענומען די קליינע „דערציילונגען": „אמאָל איז געווען", „איך דער וואסערפירער". שארפע מיניאַטיורן פון דער עלטערער פארגאנגענהײַט אינעם שטעטל, „העלדן־געשיכטעס" וועגן אָרעמקײַט און נויט, ארבעט און אונטערדריקונג, הונגער, קעלט — און מענטשלעכע ליבלעכקײַט. ס'איז א שאָד, וואָס קוויטקאָ האָט ניט ווײַטער געפירט אָט די מיניאַטיורישע „עפּן" ביז צו דער צײַט פון דער רעוואָליוציע. ער וואָלט דאָ געקענט אָפּ אן אייגנארטיקן אויפן אויסמאָלן דעם איבערגאנג פון די „אלטע מײַסעס" צו דער הײַנטיקער צײַט.

און פּונקט אזוי ווי אין לעקסיק און קאָמפּאָזיציע דערקענט מען אויך אין דער מעטריק פון קוויטקאָס קינדער־לידער דעם אָפּשטאם פון דער פאָלקסליד. אָבער די פּאָשעטע מעטריק פון דער פאָלקסליד איז אין אָט די לידער שטרענגער דיסציפּלינירט, פארפּיידלט און אמאָל באַרײַכערט דורך פארשיידענע אומגעריכטע אָבער אויסגעהאלטענע מעטרישע אײַנפאלן.

אָפּ דער שפּראכלעכער זײַט אין קוויטקאָס לידער איז קעדײַ זיך באזונדערס אָפּצושטעלן. ווי אין יעדער עכטער ליריק, זײַנען אויך אין קוויטקאָס גרעסטנסטע לידער די שפּראכלעכע אופּטוען ניט קיין דערעכאגעוודיקע, זיי האָבן א וויכטיקן אָנטייל אין דער דיכטערישער ווירקונג.

עס וואָלט ניט ריכטיק געווען צו זאָגן, אז די שפּראך־אייגנארטיקײַט אין די דאָזיקע לידער ווערט אויסשעפּנדיק דערקלערט דורך איר פאָלקסטימלעכן כאראקטער. זינט מע שרײַבט ייִדישע לידער, האָט מען שטענדיק געפּרוּווט ארײַנפירן אין דער פּאָעזיע רעד־שפּראך, שטייגער־שפּראך, פאָלקלאָר־שפּראך. אָפּ א סטיכייִשן אויפן — אין דער באדכאָנישער ליד. אָפּ א מער קינסטלעריש אָרגאניזירטן שטייגער — שוין באם סאמע אָנהייב פון דער נײַערער ייִדישער דיכטונג. סטאם פאָלקסטימלעכקײַט אין דער ליד־שפּראך איז קיין נײַס ניט, מיט אזא כאראקטעריזירונג ווערן ניט אָפּגעשאצט קוויטקאָס שפּראכלעכע אופּטועו.

אינעם שפּראך־כאראקטער זעצט זיך אָפּ א היפּשער טייל פונעם מאסעוון פאָלקס־טראכטן און פאָלקס־פילן, וויכטיקע שטריכן אינעם פאָלקס־כאראקטער פון א באשטימטן פעריאָד. אויב מע האלט זיך נאָענט בא דער פאָלקס־שפּראך, קאָן מען גרינג אָנעמען ניט בלויז אירע מײַלעס, אומיטלבארקײַט, פרישקײַט, בילדערישקײַט אאוו., נאָר אויך אירע כעסרוינעס, וואָס זײַנען אָפּהענגיק פון פארשיידענע צײַט־באדינגונגען. לעמאָשל: איר אָפּגעשטאנענקײַט, עטנאָגראפישע באגרענעצטקײַט, טראפארעטישע בארעדעוודיקײַט, אומבאהאָלפענער אויסדרוק. באשטימטע דורכויס ניט פּראָגרעסיווע נאציאָנאלע סימאָנים און אייגנארטיקײַטן, באשטימטע שטארק אָפּגעשטאנענע קאטעגאָריעס פון טראכטן און באנעמען, היטן זיך אמאָל אָפּ דאפקע באזונדערס שטארק אין דער פאָלקסטימלעכער שפּראך. ארײַנצופאלן דורך דער ליניע פון פאָלקסטימלעכקײַט אין א נאציאָנאליסטישער שפּראך־באפארבונג, לעמאָשל, איז א סאקאָנע, וואָס לויערט שטענדיק. די פאָלקסטימלעכקײַט ווערט דאָך אָפּטמאָל אָפּ אזא אויפן באוווּסטזיניק אויסגענוצט פון נאציאָנאליסטישע שטרעמונגען. אין דער בוך־שפּראך ארבעט זיך גיכער אויס די נעטיִע צו א באשטימטן אוניווערסאליזם און גראָד די פאָלקס־שפּראך איז אין א געוויסער מאָס קאָנסערוואטיוו. און כאָטש דאָס שטרעבן צו פאָלקסטימלעכקײַט איז אין אלגעמיין א פּראָגרעסיווע דערשײַנונג, קאָן זיך אָט דאָס שטרעבן זייער גרינג פארוואנדלען אין א קלייזײַען קעגן דער פּראָגרעסיוקײַט פון די מאסן. בײַשפּילן זעען מיר אין פארשיידענע פעריאָדן פון א סאך ליטעראטורן. אכוץ דעם אלעם, קאָן פאָלקלאָריסטישע פארליבטקײַט גרינג דערפירן ניט בלויז צו אומפרוכטבארן שפּראך־פאָלקיזם, נאָר אויך צו געשמאקלאָזיקע ווולגאריזמען.

קוויטקאָ מײַדט אין אלגעמיין אויס אָט די סאקאָנעס. זײַן שפּראך איז שטארק פאָלקסטימלעך און פּאָרט ניט „ייִדישלעך". אין אלגעמיין כאזערט ער ניט איבער שוין לאנג פארדײַעטע שפּראך־עלעמענטן, ווי לעמאָשל, ס'כאזערן אמאָל איבער עפּיגאָנען שאָלעם־אלייכעמס אופּטועו. ער שטופּט ניט אוועק נײַע קאָנקרעטערע, טרעפלעכע אויסדרוקן צוליב פארליבטקײַט אין דער פאָלקסטימלעכער שפּראך, ער העלפט טאקע נײַע שיכטן אויסצודריקן זייערע געפילסמעסיקע באדערפענישן.

די אייגנארטיקײַט פון קוויטקאָס שטייגער אויסצונוצן די פאָלקס־שפּראך דארף מען, לויט מײַן מיינונג, זוכן אין דעם פאקט, וואָס קוויט-

קאָ באַמיט זיך גראָד מיט דער הילף פֿון די דאָזיקע שפּראַך-עלעמענטן צו געבן די „העכסט פּאָעטישע" אַסאָציאַציעס, וואָס באַצירן, געוויינלעך, אַ ליד, די פּאָעטיש צוגעקליבענע לעקסיקאַלישע גרונט-אַקאָרדן, וואָס דאַרפֿן אַרויסהייבן דאָס פּאָעטישע וואָרט פֿון דער „פּראָזאַישער וואָכעדיקייט". גראָד די פֿאָלקסטימלעכע ווערטער און פּראָזעס האָבן בא אים די פֿונקציע פֿון די געוויינלעך „אויסדערוויילטע" ווערטער, פֿון די „פּאָעטישע ראָזשינקעס". און דאָס איז שוין דאָפּקע אַן אופֿטו און אַ נײַס, וואָס איז ביז קוויטקאָן ניט געווען אין דער ייִדישער ליריק.

די פּאָעטישקייט פֿון קוויטקאָס שפּראַך און זײַן ליד-שפּראַך זײַנען אין אַ הויכער מאָס פּאָעטיש. די פּאָעטישקייט פֿון זײַן לעקסיק און וואָרט-אָרדענונג איז אַ „פֿלעבעיִש"-געזונטע, האַרציק-טיפֿע און עמאָציאָנעלע. אין זײַנע לידער קלײַבט קוויטקאָ אויך די ווערטער, ווי יעדער עכטער פּאָעט, ער דיסציפּלינירט אויך דעם זאַצבוי, אָבער לויט אַן אַנדערן פּרינציפּ (אַלציינס צי באַוווּסטזיניק, צי אומבאַוווּסטזיניק), ווײַל ער איז דיכטעריש אויסן גאָר אַנדערע אַסאָציאַציעס און פֿאָרשטעלונגען. פּונקט אַזוי ווי די אָפּגעקליבנקייט פֿונעם אויבנדערמאָנטן עסטעטישן מין וויל אַסאָציִירן אויסגעיידלטע „אַריסטאָקראַטישע" פֿאָרשטעלונגען, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דער טראַדיציע פֿון ביכערישקייט, אַזוי וויל די אָפּגעקליבנקייט פֿון עמאָציאָנעל-האַמוינישן מין אַרויסרופֿן פֿאָרשטעלונגען און אַסאָציאַציעס פֿון פֿאָלקסטימלעכן מאַסעווון שטייגער, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דער פֿאָלקלאָר-טראַדיציע. קוויטקאָס פּאָעטיש וואָרט וויל אָנקלינגען אין האַמוינישע געפֿילן און בילדער, אָנעם האַמוינס לעבן און שטייגער, אַזוי ווי ס'איז פֿיקסירט געוואָרן, לעמאָשל, אין דער פֿאָלקסליד. און ווײַל דאָס האַמוינישע וואָרט איז פֿון קוויטקאָ קינסטלעריש צוגעקליבן געוואָרן, האַרמאָניש אָרגאַניזירט און אָנגעזאַפּט מיט דיכטערישן געפֿיל, רעאַליזירט ער אַזוי־אַרום די פֿרישע און אורשפּרינגלעכע פּאָעטישע אויסדרוק-באַדערפֿענישן פֿון נײַע שיכטן, וואָס זײַנען באַפֿרײַט געוואָרן דורך דער רעוואָלוציע. אין דעם פּראַט איז קוויטקאָס שאַפֿן געווען אַ נײַע און אייגנאַרטיקע דערשײַנונג אין אונדזער ליריק.

די דאָזיקע אופֿטועו זײַנען ניט צו פֿאַרגלײַכן מיט פֿריִערדיקע ענלעכע פּרוּוון, וואָס האָבן זיך באַוועגט אויף דער ליניע פֿון סטיליזירונגען, פֿון פּעליטאָניסטישער באַדכאָנעס אָדער פֿון וווּלגאַרן קופּלעט.

ס'פֿאַרשטייט זיך, אַז דער גאַנג מיטן אויסגעאַרבעטן „אַריסטאָקראַטישן" פּאָעטישן וואָרט איז ווייניקער ריזיקאַליש איידער מיטן נײַעם עמאָציאָנעל-האַמוינישן, וואָס האָט נאָך ניט קיין בוך-טראַדיציע. אָפּטמאָל זעען מיר, אַז אַפֿילו ווייניקער באַגאַבטע פּאָעטן אין אונדזער ליריק דערגרייכן דורך אַן „איידעלן" ווערטער-אָפּקלײַב און אַ שטרענג-געמאָסטענעם זאַצבוי שיינע רעזולטאַטן. אַזוי ווײַט, אַז אַמאָל קאָן אַ פּוסטלעכע ליד אָפּנאַרן דעם לייענער אויף אַ רגע, ער זאָל אַפֿילו ניט באַמערקן די אינהאַלטסלאָזיקייט פֿון אַזאַ ליד. אופֿרײַסן און עפֿענען נײַע אויסדרוק-מעגלעכקײַטן פֿאַר נײַער עמאָציע איז שטענדיק פֿאַרבונדן מיט אַ באַשטימטער ריזיקע און ברענגט אַמאָל אויך צו אַ דורכפֿאַל — און ס'איז פֿאַראַן אַזעלכע דורכפֿאַלן אויך אין קוויטקאָס שפּראַך. דערבײַ אָבער טאָר מען ניט פֿאַרזען דעם גרויסן שעפֿערישן און פּראָגרעסיוון ווערט. די עמאָציאָנעלע עקספּאַנסיע, וואָס ווערט אַרײַנגעבראַכט אין דער שפּראַך דורך דער קינסטלעריש דיסציפּלינירטער, כאָטש דערווײַל נאָך ווייניק אויסגעשליפֿענער האַמוינישער וואָרט-פּאָעטישקייט. עס וואָלט געווען נאַריש צו פֿאַרמינערן דעם גרויסן באַדײַט און דעם ווערט פֿון יענע פּאָעטן אין דער סאָוועטישער פּאָעזיע, וואָס האָבן מיט זייער אָנגעשטרענגטער און דערפֿאָלגרײַכער אַרבעט איבער דעם געטאָקטן וואָרט, איבער דער געמאָסטענער פֿאָרם אויסגעשליפֿן און פֿאַריידלט די פּאָעטישע שפּראַך און דערהויבן אונדזער ליריק צו אַזאַ מאַדרייגע, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אין דער ייִדישער ליטעראַטור. טאָר מען אָבער אויך ניט פֿאַרגעסן די אַנדערע וויכטיקע שעפֿערישע אופֿטועו אין דער סאָוועטישער ליד-שפּראַך. אופֿטועו, אָן וועלכע די ליד-שפּראַך וואָלט גיך געווען פֿאַרורטיילט צו אָפּגעריסנקייט פֿון לעבן און עסטעטיש-פֿאָרמאַליסטישער פֿאַרגליווערטקייט. קוויטקאָ האָט דער ערשטער אויף אַ קינסטלערישן, דורכויס אָריגינעלן און שעפֿערישן שטייגער פּאָעטיזירט דאָס האַמוינישע וואָרט פֿון די נײַע שיכטן, פֿונעם נײַעם קלאַס, וואָס האָט געשפּאַרט צום דיכטערישן אויסדרוק נאָך דער רעוואָלוציע. אַזוי־אַרום, האָט ער געעפֿנט דעם וועג צו נײַע קוואַלן פֿון דער פּאָעטישער שפּראַך.

דערבײַ איז אויך אין דעם פּראַט זײַן האַשפּאָע אויף אונדזער נײַער סאָוועטישער ליטעראַטור געווען אַ וויכטיקע און פֿרוכטבאַרע.

■ ■ ■

פראָפ. מאַקס גאָלדין

פאַרבינדונגען צווישן ייִדיש און דײַטש אין דער מוזיקאַלער פאָלקסשאַפונג

קעדיי באַקומען אַ ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן די מוזיקאַלע פאַרבינדונגען צווישן ייִדיש און דײַטש, איז גוט צו באַטראַכטן זיי לויט די היסטאָרישע פעריאָדן. עס זײַנען געווען דירעקטע, אומיטלבאַרע פאַרבינדונגען אין דער צײַט, ווען די ייִדן האָבן געלעבט אין דײַטשלאַנד אין XV יה. אָבער, באַזונדערס אין דער צווייטער העלפט פון XVI יה., ווען די ייִדן האָבן צוליב די רעדיפעס און פאַרפאָלגונגען מאַסנווײַז זיך געלאָזט לויפן קיין מיזרעך, זײַנען די דאָזיקע פאַרבינדונגען נאַטירלעך איבערגעריסן געוואָרן, אַף זייער אָרט זײַנען געקומען נײַע פאַרבינדונגען: ייִדיש־סלאַווישע, ייִדיש־ראָמאַנישע. אין דער מוזיקאַלער שאַפונג פון די ייִדן פון מיזרעך־אייראָפּע האָבן זיך אָבער פאַרהיט שפּורן פון די פריִערדיקע פאַרבינדונגען. אין אַ שפּעטערדיקן פעריאָד פון דער שאַפונג, אומגעפער אין אָנהייב XX יה., האָבן אָנגעהויבן אויפקומען נײַע דירעקטע אָדער אומדירעקטע ייִדיש־דײַטשישע פאַרבינדונגען (מיט וואָס פאַר אַ וועגן זיי זײַנען געגאַנגען, איז דערווײַל אומבאַוווּסט). דער מאַטעריאַל, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען, האָט אַ שײַכעס צו דער דאָזיקער פּראָבלעם.

עס האָבן זיך פאַרהיט פאַרצײַטיקע לידער־זאַמלונגען פון XVI יה., וועלכע גיבן אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגן דעם לידער־רעפערטואַר פון די גערמאַנישע ייִדן. עס זײַנען צו אונדז אויך דערגאַנגען מוזיקאַליש־טעאַטראַלע פאָלקס־פאָרשטעלונגען, די אַזוי־גערופענע אַכאַשווייריעש־שפּילן אָדער פּורים־שפּילן, וועלכע זײַנען אויך אויפגעקומען אין XVI יה. אין דײַטשלאַנד. אין XVIII יה. (אין 1744) דערשײַנט אַ קאַפּיטאַל זאַמלבוך פון ייִדישער אינסטרומענטאַלער מוזיק („האַנאָווערער קאָמפּענדיום”). נאָכדעם, באַזונדערס אין XIX יה., באַווײַזן זיך אַ סאַך זאַמלביכער פון סינאַגאָגאַלע זינגלידער, וועלכע וואַרפן אַ שײַן אַף די פאַרבינדונגען צווישן דער סינאַגאָגאַלער מוזיק פון מיַירעוו־אייראָפּע און דער מוזיק פון דער קאַטוילישער קירך. לאָמיר אַרײַנקוקן אין די פאַרצײַטיקע אויסגאַבעס פון זינגלידער. דאָס זײַנען געשריבענע פון האַנט דײַטשיש־ייִדישע זינגלידער: בוך פון סאַמועל (אַוגסבורג, 1544), זאַמלונג פון אײַזיק וואַליך (וואָרמס, 1595—1605), נייסידלערס נײַקינסטלעריש לאַוטענבוך (1544), עלכאָנאָן קירכהאַן־סימכאַס האַנעפעש שטוטגאַרטער געזאַנגבוך, צו די איבערגערעכנטע לידער־ביכער קאָן מען נאָך צוגעבן דאָס אַנטווערפּענער לידער־בוך פון יאָר 1544. דערמיט פאַרענדיקן זיך אין גרונט די קוועלן פונעם לידער־רעפּערטואַר פון די גערמאַנישע און נידערלענדישע ייִדן. די טעקסטן אין קירכהאַנס לידער־זאַמלונג טראָגן אַ רעליגיִעז־מאָראַליזירנדיקן כאַראַקטער. ווי עס איז צו זען פון די טעקסטן, פלעגן זיי אויסגעפילט ווערן אין די וואָכנטעג, זיי זײַנען אָבער געווען צוגעפּאַסט צו שאַבעס, כאַנעקע, פּייסעך און שמיטע. אַף וויפל זיי שטעלן מיט זיך פאָר אַן אוראַלטן ליטעראַרישן דענקמאָל (מיטל־הויכדײַטש — דאָס פאָרבילד פון הײַנטיקן ייִדיש), ברענגען מיר דאָ אייניקע פון זיי:

אלחנן קירכהאן
שמחת הנפש

נום. 1

דעם הייליקן שאַבעס וועלן מיר אַנטפאַנגען [אויפנעמען] מיט פרייד, אים אָנטאָן זײַן געביר וועלן מיר פאַרמײַדן.

גוט עסן, גוט טרינקען, וואָס גאָט טוט באשערן,
קיין צאר, קיין רויגעז צו וויַזן און לאָזן הערן,
און טוירע לערנען דעם ליבן גאָט ערן.

נומ. 4

זינג דאָס געזאנג אום ראָשכוידעש,
דען ער איז אויך קוידעש.
איך מאך איַיך אלעמען באקאנט:
יאָמטויווים איז ראָשכוידעש מויעד,
גענענט דערום, ווען מען שיין געלט
טוט פארצערן, איז מען מעכויעוו ראָשכוידעש צו ערן.

נומ. 7

זינג דאָס געזאנג מיט אָנדאכט
די כאנעקע־טעג אכט.

דעם פינף־און־צוואנציקסטן טאָג אין ניַינטן
כוידעש קיסלעוו גענענט. די טעג פון כאנעקע
זאָלסטו
פיַיערן דעם דאָזיקן טאָג, ווען גאָט האָט געהאָלפן
אונדז קעגן אונדזער פיַינט.

דער קינסטלערישער ניוואָ פון די מעלאָדיעס פון די לידער איז ווונדערלעך הויך, און ניט בלויז פאר יענער ציַיט. קאָמפּליצירט איז אָבער די פראגע וועגן זייער אָפּשטאמונג. דאָס איז ניט קיין ייִדישע מוזיק, ווי מיר פארשטייען דאָס. א היַינטציַיטיקער צוהערער וואָלט עס אָנגערופן מיַירעוו-אייראָפּעיִשע מוזיק פון דער רענעסאנס-עפּאָכע, ווו עס זיַינען צונויפגעגאָסן צוזאמען, ווי איינס, די אינטאָנאַציע-עלעמענטן פון די איטאליענישע און פראנצויזישע טענץ, קידעמקאָל פונעם גאליארד-טיפּ. א סאך לידער ציִען זייער יעניקע פון דיַיטש און נידערלענדיש, פון פּראָטעסטאנטישן כאָראל. די דאָזיקע מעלאָדיעס — פונעם גאליארד-טיפּ, וועלכע טיילן זיך אף דריַי טיילן, — קאָן מען ניט האלטן פאר אזעלכע, וועלכע שטאמען פון א פרעמדן שוירעש, כאָטש דערפאר, וויַיל זייערע אָריגינאלן זיַינען ניט אָפּגעזוכט געוואָרן, און מע ווייסט ניט אף זיכער, צי זיי האָבן אמאָל עקזיסטירט. פונעם לידער-רעפּערטואר פון די גערמאנישע ייִדן, געמיינט דעם רעפּערטואר, וועלכן מיר זעען אין די דערמאָנטע לידער-זאמלונגען, האָט דער זיקאָרן פונעם פאָלק פארהיט ביז היַינט סאכאקל צוויי: „דער שלאָס אין עסטריַיך" און די „כאנעקע-ליד". די ערשטע איז א דיַיטשישע באלאדע, וואָס איז געשאפן געוואָרן אין XVI יה. אין דאָרעם-דיַיטשלאנד. זי איז איבערגענומען בוכשטעבלעך, ווי דאָס איז צו זען פון איַיזיק וואליכס לידער-זאמלונג מיר ברענגען דאָ די ערשטע סטראָפע:

עס ליגט א שלאָס אין עסטריַיך,
גאנץ פיַין איז ער געבויט.
פון זילבער און פון רויטן גאָלד,
מיט מירמלשטיין געמויערט, יאָ געמויערט.

אין 1930 איז די דאָזיקע ליד פארשריבן געוואָרן אין אָדעס דורך א סטודענטקע פונעם אינסטיטוט פון פאָלקסבילדונג. שפּעטער איז די ליד אָפּגעדרוקט געוואָרן אין מ. בערעגאָווסקיס זאמלונג (פון 1962). צווישן די ייִדן פון אוקראַיִנע איז דער זשאנער פון דער ליד טראנספאָרמירט געוואָרן אין א ליבעליד. דער פּרעכטיקער עסטריַיכישער פּאלאץ, אינגאנצן געבויט פון זילבער און רויטן גאָלד, איז אין ייִדישן וואריִאנט געוואָרן א געוויינלעכער מויער מיט זעקס פענצטער:

איך האָב געבויט א מויערל,
א מויערל מיט זעקס פענצטער...
איך האָב געבויט א מוי־ע־רל, א מוי־ע־רל
מיט זעקס פענצטער...
און ווי־פל שי־דו־כים מע האָט מיר
גע־רעדט, ביסטו גע־ווען דער שענ־סטער.



אין דער צווייטער העלפט איז די מעלאָדיע געענדערט. זי איז געוואָרן רעליעפער. מע דארף אָבער זאָגן, אז אויך צווישן די דיַיטשן אין דיַיטשלאנד איז די מעלאָדיע געענדערט געוואָרן[1].

נאָך א ליד פון יענער ציַיט האָט זיך פארהיט אין פאָלקס-זיקאָרן — די כאנעקע-ליד. צום ערשטן מאָל איז זי אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „שטוטגארטער געזאנגבוך" אין א דיַיטשישער איבערזעצונג.

[1] זע וו. ש ט יי נ י ץ. דיַיטשישע פאָלקסלידער פון א דעמאָקראטישן כאראקטער. דערשינען אין זעקסטן יאָרהונדערט, באנד 1, בערלין, 1954, ז. 242 (דיַיטש).

כאַנעקע-ליד



אַף העברעיש הייסט דער אָריגינאַל „מאָז צור ישועתי"[1].

לויט אייניקע אָנגאַבן איז די מעלאָדיע גענומען פון עפּעס א פּראָטעסטאַנטישן כאָראַל. אונדז האָט זיך אין די זאמלונגען פון די כאָראַלן ניט אײַנגעגעבן צו געפינען אזא מעלאָדיע. די מוזיק קלינגט אָבער פּאָרט ווי א דײַטשישע. די אומגעוויינלעכע קלאָרקײַט, הימנישקײַט זײַנען די סיבעס פון איר לעבנספֿעיִקײַט, מיט וועלכער זי טרעט אַריבער די ראַמען פון א רעליגיִעזער מעלאָדיע.

די ליטעראַרישע באַזע פון די אכאשוויירעש-שפּילן איז — מעגילאַס עסטער, וואָס איז אין XVI יה. איבערגעאַרבעט געוואָרן דורך עפּעס אַן אוטאָר אין א פּיעסע. מע האָט דאָס געשפּילט מיט מוזיק אינעם יאָמטעוו פּורים. די פּורים-שפּילן נעמען אין זיך אַרײַן אויסער די אכאַשווירעש-שפּילן, נאָך פינף קלענערע פּיעסן: כאָכמאַס שלוימע, דאָוויד האַמײַלעך און גאָליאַס האַפּלישטי, די קלאָלעס פון ייִצכאָקן, די בראָכעס פון יאַנקעוון, מעכיראַס יויסעף. די מײַסעס זײַנען פאַרשריבן געוואָרן אין רוסלאַנד דורך ייִדישע דערציילער נאָך אין דער צווייטער העלפט פון XIX יה. די מוזיק פון די פּורים-שפּילן האָט דער ערשטער פאַרשריבן מוישע בערעגאָווסקי (אין די 30-ער יאָרן). זי באַשטייט פון דרײַ קוואַלן: לידער פון די דײַטשישע שפּילמענער, סינאַגאָגאַלער רעטשיטאַטיוו („כאַזאָנעס") און דער סלאַווישער, דעריקער אוקראַיִנישער מעלאָס. אַף וויפל מ. בערעגאָווסקיס קאַפּיטאַל ווערק וועגן פּורים-שפּילן איז נאָך ניט פאַרעפנטלעכט, האַלטן מיר זיך אָפּ פון צו געבן א מער דעטאַלן אַנאַליז וועגן דער מוזיק.

אויבן איז געגאַנגען א רייד וועגן די ייִדיש-דײַטשישע מוזיקאַלע פאַרבינדונגען אין XVI יה. נאָך איידער די ברייטע מאַסן גערמאַנישע ייִדן האָבן זיך אַריבערגעקליבן קיין מיזרעך-אייראָפּע. א דאָקומענטירטער מאַטעריאַל וועגן די דאָזיקע פאַרבינדונגען זײַנען די דערמאָנטע לידער-זאַמלונגען אין די פּורים-שפּילן. צי וואָלט מען לויט די דאָזיקע מאַטעריאַלן געקאָנט אַרויסזאָגן זיך וועגן דעם דעמאָלטיקן צושטאַנד פון דער מוזיקאַלער קונסט בא די גערמאַנישע ייִדן? איך מיין, אַז ניט. די רעליגיִעז-שטייגערישע לידער אין סטיל פון גאַליאַרד און פון די אַנדערע דעמאָלטיקע טענץ, די איבערגענומענע דײַטשישע פאָלקס-לידער און כאָראַלן — דאָס איז בלויז איין זײַט פון דער ייִדישער געוויינלעכער פאָלקס-מוזיק. די ייִדן האָבן געלעבט אין דײַטשלאַנד שוין אין XI יה. (אין 1099, ווען עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער קרייץ-צוג, האָט שטאַרק געליטן די ייִדישע באַפעלקערונג פון דער שטאָט וואָרמס). קיין ידיִעס וועגן זייער מוזיקאַלער קולטור ביזן XVI יה. האָבן מיר ניט. פון דער צווייטער זײַט, ווערט אין דער ליטעראַטור אָפט דערמאָנט „דער יודענטאַנץ", וואָס איז געוואָרן א דײַטשישער טאַנץ. אין די לידער-זאַמלונגען פון יענער צײַט ווערט דער דאָזיקער טאַנץ צוויי מאָל דערמאָנט: בא נויזידלערן און בא העקעלן. פון דעם קאָן מען זען, אַז דער טאַנץ איז געווען פּאָפּולער. וועגן דעם טאַנץ דערמאָנט בעמע אין זײַן קאַפּיטאַלן ווערק וועגן דער טאַנץ-געשיכטע אין דײַטשלאַנד (דײַטש)[1]. ער פלעגט אויסגעפּילט ווערן אין דער באַגלייטונג פון ספּעציִעלע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן — א ליוטנע און א וואָלינקע.

פון די לידער-זאַמלונגען איז צו זען, אַז די ייִדן האָבן געשפּילט אַן אַקטיווע ראָליע אין דער אַנטוויקלונג פון דער דײַטשישער

---

[1] די מעכטיקע פעסטונג פון מײַן רעטונג. א רעליגיִעזער הימן, וווּ עס רעדט זיך, ווי דער בייס-האַמיקדעש ווערט אָפּגערייניקט פון דער אַפּיקאָרסישער טומע נאָך דעם, ווי די ייִדן פירן דורך דעם זיגרײַכן אופשטאַנד קעגן דעם גריכישן יאָך (II יה. ביז אונדזער צײַטרעכענונג).

[1] פ ר א נ ץ מ. ב ע מ ע. די טאַנץ־געשיכטע אין דײַטשלאַנד. לײַפּציג, 1886, ב. 2, ז. 72.

מיזיקאַלער קולטור פון XVI יה. דער קינסט-לערישער ניוואָ פון די מעלאָדיעס איז, ווי שוין געזאָגט, א הויכער, ער איז ניט געווען הינטערשטעליק אפילע לעגאַבע די בעסטע מוסטערן פון דער וואָקאַלער לידער-קונסט פון יענער צײַט.

א באַגריף וועגן דעם אינסטרומענטאַלן רעפּערטואַר פון די גערמאַנישע ייִדן אין א שפּעטערדיקן פּעריאָד קאָן מען באַקומען פון עם זאַמלבוך „האַנאָווערער קאָמפּענדיום" (1744). זײַן צונויפשטעלער איז דער האַנאָ-ווערער כאַזן רעב יעהודע בען עליאָהו. דער זאַמלבוך אנטהאַלט סאַכאַקל 302 מעלאָדיעס אָן טעקסטן[1].

מיר ברענגען דאָ איין מעלאָדיע אונטערן נאָמען „קאַדיש". מע זינגט זי יאָמקיפּער.



[1] אין די סאָוועטישע ביבליאָטעקן זײַנען די דאָזי-קע מעלאָדיעס ניטאָ, זיי זײַנען אָבער איבערגע-דרוקט געוואָרן אינעם זאַמלבוך פון ארנאָ נאַדעל „העברעיִשע מוזיק" (בערלין, 1924).

מיר זעען דאָ פאַר זיך אַן אינסטרומענ-טאַלן וואַריאַנט פונעם סינאַגאָגאַלן רעטשי-טאַטיוו, וואָס פאַרמאָגט די אייגנשאַפטן, וועל-כע זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דאָזיקן זשאַנער: אימפּראָוויזאַציע, האַרציקײַט, ריטמי-שע בילדערישקײַט. דאָס אַלץ, ווי אויך די טאָנאַליטעט-אייגנשאַפטן פון דעם שניט, רעדט וועגן דעם, אַז די וויכטיקסטע עלעמענטן פו-נעם סינאַגאָגאַלן רעטשיטאַטיוו פון די ייִדן פון מיזרעך-אײראָפּע האָבן זיך אויסגעפורעמט אַפן מײַרעוו. אַף דעם געבראַכטן מוסטער ליגט אָבער א כויסעם פונעם טאַנץ-סטיל, וואָס איז קנאַפּ כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דאָזיקן זשאַנער, און, נאַטירלעך, אויך א כויסעם פון אינסטרומענטאַליזם, אַף וויפל ער איז געווען באַשטימט צום אויספּילן אַף אינסטרומענטן.

די אנדערע מעלאָדיעס פונעם זאַמלבוך „האַ-נאָווערער קאָמפּענדיום", באַזונדערס יענע, וועלכע זײַנען צוגעפּאַסט צום יאָמטעוו פּורים, פאַרמאָגן ניט קיין ייִדישע מוזיקאַליש-סטיליס-טישע שטריכן.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז אינעם ייִדישן פאָלקלאָר פון מיזרעך-אײראָפּע זײַנען פאַר-בליבן שפּורן פון די פריִערדיקע ייִדיש-דײַטשישע פאַרבינדונגען. לאָמיר באַטראַכטן די דאָזיקע פראַגע גענויער. שפּורן פון מער פריִע פאַרבינדונגען דאַרף מען זוכן קודעם-קאָל אינעם זשאַנער, וואָס איז געבוירן גע-וואָרן אין דײַטשלאַנד, — אין די פּורים-שפּילן. די מוזיק פון די פּורים-שפּילן האָט אין איין טייל אירן זיך אָפּגעטיילט פון די טעאַטראַלע פאַרשטעלונגען. דאָס זײַנען די אַזויגערופענע „פּורים-לידער". אייניקע פון די דאָזיקע לי-דער געפינען מיר אין קאַהאַנס זאַמלונג[1].

A gutn Purim, a gutn purim zol ajch got gebn fun hajnt bis iberajor. Zoln mir in treistn der-le-bn! Hert's ojs, kinder in di vign, Der bale-bos mitn kamornik zich ste-ln krign

אַן אָפּקלאַנג פון די פריִערדיקע ייִדיש-דײַטשישע פאַרבינדונגען שטעלט מיט זיך פאַר דער פאַרצײַטיקער כאַסענע-וויוואַט פון די באַדכאָנים „לעבן זאָלן וויל".

לעבן זאָלן וויל
אלע אונדזערע פרײַנט!
צו גרונט זאָלן גיין
אלע אונדזערע פײַנט!
דער הער זאָל לאַנג לעבן
מיט זײַן גאַנצער פאַמיליע.
וויוואַט, וויוואַט, וויוואַט,
„צאָלן זיי געלט!"

[1] ייִדישע פאָלקסלידער מיט מעלאָדיעס, גענומענע פונעם פאָלקס מויל. געזאַמלט פון י. ל. קאַהאַן. ב. 1, ניו-יאָרק — וואַרשע, 1912.

מ. קיפּניס, וואָס ברענגט דעם דאָזיקן זעלטענעם מוסטער אין זײַן צווייבענדיקער זאַמלונג, שרײַבט:

„דאָס איז זייער אַן אַלטער ייִדישער באַדכאָנישער וויוואַט פֿון יענער עפּאָכע, ווען מע האָט גערעדט דײַטשמעריש. צו די ווערטער „דער הער...״ ווערט צוגעגעבן דער נאָמען פֿונעם מעכותּן אָדער גאַסט, וואָס פֿאַר זײַן קאָוועד־וועגן מאַכט דער באַדכן אַ וויוואַט. זייער כאַראַקטעריסטיש איז אויך די ענדונג, ווי דער באַדכן רעדט דרײַ מאָל אַרויס דעם וויוואַט, שטרעקט ער באַלד אויס די האַנט: „צאָלן זיי געלט!״[1].

נאָענט לויט זייער קלאַנג צו די דײַטשישע זײַנען אייניקע מעלאָדיעס פֿונעם פּייסעכדיקן לידער־ציקל, וואָס ווערט געזונגען מיט די ווערטער „כאַד גאַדיאָ״ (וועגן אַ ציגעלע) און „דאַיעינו״ (וועגן יעציאַס מיצראַים).

די מעלאָדיע פֿון דער פּייסעכדיקער ליד „דאַיעינו״ איז סטיליסטיש ניט אייַנאַרטיק. די ערשטע העלפֿט דערמאָנט די דײַטשישע קינדער־לידער פֿונעם טיפּ „רינגל־רייען״. דער רעפֿרען דערמאָנט די טשעכישע לידער־ און טאַנץ־מעלאָדיעס. דעם פֿאַקט, אַז צום אַלטן ייִדישן טעקסט זײַנען צוגעפּאַסט ניט־ייִדישע מעלאָדיעס, זעט מען פֿונעם אונטערטעקסט. צום וואָרט „דאַיעינו״ (אַ העברעיִש וואָרט, דער טײַטש — גענוג!) איז צוגעגעבן אַ זילב „דאַ״ (דאַדאַיעינו). אויסער דעם ווערט אין דער ענדונג פֿונעם זעלבן וואָרט איבערגעטראָגן דער אַקצענט אויפֿן לעצטן זילב פֿון „דאַיעינו״. אָפּמערקנדיק דעם דײַטשישן אײַנפֿלוס אויף דער מעלאָדיע פֿון „כאַד גאַדיאָ״, ווילן מיר לאַכלוטן ניט באַטאָנען, אַז די עצם פֿאַבול וועגן דעם ציגעלע שטאַמט פֿון דײַטש. מיר זײַנען פֿולשטענדיק מאַסקים מיט ז. ליבינזאָנען, וואָס באַהויפּט אין זײַן אינהאַלטסרײַכן און גוט אַרגומענטירטן אַרטיקל, אַז די פֿאַבול האָט אַ ייִדישע פּריִאָריטעט[2].

מיר וועלן דאָ ניט באַטראַכטן דעם קלעזמערישן רעפּערטואַר פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון דעם דײַטשישן עלעמענט, וועלכן ער אַנטהאַלט. דער דײַטשישער עלעמענט (צײַטנווײַז אַ מײַרעוו־אייראָפּעיִשער אָן אַ באַשטימטן נאַציאָנאַלן אַדרעס) איז אין אים פֿאַראַן. ער איז אָבער צוגעקומען שפּעטער. קיין שפּורן פֿון מער פֿריִע פֿאַרבינדונגען אינעם קלעזמערישן רעפּערטואַר האָט זיך אונדז ניט אײַנגעגעבן אָפּזוכן. מיר וועלן אָנווײַזן בלויז אויף דער ענלעכקײַט פֿון די פּאָעטישע טעקסטן אין אייניקע קלעזמערישע און שפּילמענישע לידער. לאָמיר נעמען אַלס אַ בײַשפּיל די באַלאַדע „דער שפּיל־מאַנסאָן״: „ווען איך בין אַ קליין ייִנגעלע געווען, אַ ייִנגעלע אין וויגעלע, האָט דער טאַטע מײַנער שוין דערמלט מיר אַ פֿידל געקויפֿט און געלערנט מיך שפּילן אויפֿן פֿידל״[1]. און אָט איז די ליד „ייִדל מיטן פֿידל״: „ווי נאָר איך בין אויף גאָטס וועלט געבוירן געוואָרן, האָב איך באַלד אָנגעהויבן שפּילן אויף אַ פֿידעלע. אַ גאַנצן טאָג געייסעקט זיך מיט נאָטן, געוואָלט ווערן אַ באַוווּסטער פֿידלער״. ווײַטער ווערט באַהויפּט, אַז ייִדל מיט זײַן פֿידל איז ווערט „מיליאָנען געלט״, אַז ער פֿאַרמאָגט אַ פּרעכטיקן סמיטשיק און די סטרונעס פּלאַצן קיינמאָל ניט. די דאָזיקע ליד איז בעשײַטע געווען זייער פּאָפּולער. די מעלאָדיעס זײַנען פֿאַרשיידענע[2]. אָפּאָנעם, אַז דער טעקסט פֿון דער פֿאַרצײַטיקער קלעזמערישער ליד „צען ברידער זײַנען מיר געוועזן״ שטאַמט פֿון דײַטש. אין איר ווערט גערעדט וועגן דעם, ווי די ייִדן פֿון רוסלאַנד האָבן געהאַנדלט מיט פּראַקט, בלײַ, טיאַרקעס, וואָס דערפֿון האָבן די רוסישע ניט געוווּסט; זאָקן רופֿן זיך אין איר „שטרימף״. די מעלאָדיע פֿון דער ליד, ווי די מעלאָדיע פֿון „ייִדל מיטן פֿידל״, איז געשאַפֿן געוואָרן אין רוסלאַנד. אינגאַנצן פֿרעמד איז דער טעקסט פֿון דער ליד „אין ווילדן וואַלד אַליין״. די ליד איז געבויט אין דער פֿאָרם פֿון אַ דיאַלאָג צווישן דעם טאַטן מיט דער בלינדער טאָכטער. די האַנדלונג קומט פֿאָר אין טיפֿן וואַלד, וווּהין דאָס מיידל איז געגאַנגען קלײַבן בלומען. ניט דערקענט דעם טאַטן, לאַדט דאָס מיידל אײַן אַ „הער״, ער זאָל מיט איר שפּילן. די מעלאָדיע איז, אורטיילנדיק לויט אַלץ, אויך אַ דײַטשישע. כאָטש דער אָריגינאַל איז דערווײַל נאָך ניט געפֿונען געוואָרן.

פֿון דער דײַטשישער אָפּשטאַמונג איז די ליד „גיי איך מיר שפּאַצירן״. איר טעקסט איז בײַ די ייִדן געענדערט געוואָרן, דאָך דערקענען מיר, כאָטש דאָס קאָן מען ניט זאָגן וועגן דער מעלאָדיע. אין דער ייִדישער מעלאָדיע האָט זיך פֿאַרהיט סאַכאַקל אין דײַטשישע אינטאָנאַציע, עמעס, אַ וויכטיקע. אַלס אַ פֿאַרגלײַך ברענגען מיר דעם דײַטשישן טעקסט אין צוויי וואַריאַנטן[3]:

---

[1] 80 פֿאָלקסלידער פֿון זמרה זעליקפעלדס און מ. קיפּניס. קאָנצערט־רעפּערטואַר, געזאַמלט דורך מ. קיפּניס. צווייטער טייל. פֿאַרלאַג אַ. גיטלין, וואַרשע.

[2] זע „סאָוועטיש היימלאַנד״ נום. 11 פֿון 1982, ז. 138—147.

---

[1] ל. קערשנער. דײַטשישע פֿאָלקסליד. מ., 1965, ז. 72.

[2] די ייִדישע מעלאָדיע, פֿיקסירט אין ב. זילבערשטיינס גראַמאָפֿאָן־פּלאַט.

[3] די דײַטשישע טעקסטן זײַנען גענומען פֿון בערעגאָווסקיס אַרכיוו, ווו ער האָט געקליבן מאַטעריאַלן פֿאַר אויספֿאָרשונגען. לײַדער האָט ער ניט באַוויזן צו דערפֿירן זײַנע פּלענער ביזן סוף.

דער לוסטיקער אָפּלאַכער
(אָוונט-ליד פונעם שוסטער)

קרעטשמאר, I, 1838.

איך גיי איינמאָל שפּאצירן,
איך גיי איינמאָל שפּאצירן
באלטאלטערי וואל־טערא!
און טרעף א מיידל פירע.
א־הא! א־הא! א־הא!
איך גיי איינמאָל שפּאצירן...

פון באטאן און דילינבורג, 1880.

איך גיי איינמאָל שפּאצירן,
באגעגנט מיך א מיידל.
זי זאָגט, אז זי האָט א סאך גאָלד,
ס׳איז עמעס, אָבער לויטער כויוועס.
זי זאָגט, זי טוט, ווי ערבע (?).
ס׳איז עמעס, אָבער לויטער שטשערבע
[העזעק].

זי זאָגט, איך זאָל זי קושן,
די מוטער זאָל ניט וויסן.
זי זאָגט, איך זאָל זי נעמען,
איך דארף זיך ניט שעמען.
דער זומער איז געקומען,
איך האָב זי ניט גענומען.
גיי איך מיר שפּאצירן,
גיי איך מיר שפּאצירן,
טראלאלא, לאלאלא לא(2)
באגעגן איך א באָכער
א־הא! א־הא!(2)

ער זאָגט, ער וועט מיך נעמען,
טראלא...(2)
ער לייגט עס אָפּ אף זומער.
דער זומער איז געקומען
טראלא...(2)
ער האָט מיך ניט גענומען.
איצט וויל ער מיך שוין נעמען,
וויל איך אים ניט קענען.
א־הא! א־הא!

אין די קעגנגעשטעלטע טעקסטן (דעם דײַטשישן מיט דער ציפער 2 און יידישן) פאלן צונויף דער אָנהייב (דער שפּאציר, די באגע־געניש) און דער סאָף (דער איינריַיס זומער). אָבער די יידישע ליד זינגט זיך אין נאָמען פון א פרוי, די דײַטשישע (אלע ווארי׳אנטן) אין נאָמען פון א מאנספּארשוין, און דאָס רופט ארויס, נאטירלעך, אן ענדערונג אין דער פּא־בול. דער יידישער טעקסט איז לאקאָניש, דער דײַטשישער (פונעם ווארי׳אנט 2) איז מער דעטאל.

פון דײַטש איז, אפּאָנעם, די באוועגלעכע ליבע-ליד „איך האָב געליבט א יינגעלע". איר מעלאָדיע איז באקאנט אין אונגארן, טשעכיע, פוילן. זי ווערט געזונגען מיט פאר־שיידענע טעקסטן אף די אָרטיקע שפּראכן. ווייַטער ווערט געבראכט דער יידישער ווא־רי׳אנט.

איך האָב געליבט א יינגעלע,
איז ער געוועזן פון ווין.
ער איז אוועקגעפאָרן
צו זײַנע עלטערן,
זען, וואָס זיי טין [טוען][1].



איך האָב געליבט א יינ־גע־לע,
איז ער געוועזן פון ווין,
איך האָב געליבט א יינגעלע, איז ער געוועזן פון ווין
ער איז אוועקגעפאָרן צו זײַנע עלטערן
זען, וואָס זיי טין.

אף אוקראַינע איז די דאָזיקע ליד בא־קאנט אונטערן נאָמען „א ליד פון א פייגעלע". זי האָט א פאנאנדערגעוויקלטן טעקסט, אויך פון א ליבע-אינהאלט מיט א מער אנטוויקל־טער מעלאָדיע.[2]

דער פאקט, אז די גערמאנישע יידן האָבן איבערגענומען בא די דײַטשן דעם „שער־טאנץ", האָט פעסטגעשטעלט בערעגאָווסקי. דער טאנץ „שער" איז קיינמאָל ניט דערמאָנט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראטור. פונ־דעסטוועגן איז ער געוועזן פארשפּרייט אין ווײַסרוסלאנד, ליטע, פוילן און אף אוקראַינע. בערעגאָווסקי האָט געהאלטן, אז די יידן האָבן מיט פיל דורעס צוריק איבערגענומען דעם דאָזיקן טאנץ אין דײַטשלאנד און אין א היפּ־שער מאָס אסימילירט אים. יעדנפאלס די

[1] א. ז. אידעלזאָן. יידישע מוזיק. ניו־יאָרק, 1929.
[2] זע די זאמלונג פון יידישע לידער פון מ. בע־רעגאָווסקי און אי. פעפער, 1938. אין בערעגאָוו־סקיס זאמלונג פון 1962 (ז. 67) איז אָפּגעדרוקט נאָך איין ווארי׳אנט (זייער אן אינטערעסאנטער) פון דער דאָזיקער ליד.

מוזיק פונעם טאנץ. לאָמיר געבן דאָס וואָרט דעם גרויסן דײַטשישן פאָלקלאָריסט בעמע, וואָס זײַן ווערק וועגן דער טאנץ-געשיכטע אין דײַטשלאנד האָט געדינט אלס יעסאָד צו באגרינדן בערעגאָווסקיס האשאָרע.

דער שארער (אָדער „שער"-טאנץ) שטאמט פון דאָרעם-דײַטשלאנד. דאָס איז א כאסענע-טאנץ, אין וועלכן עס באטייליקן זיך צו עטלעכע מענטשן. אזא איז ער בא די ייִדן פון מיזרעך-אייראָפּע. וועגן דער כאָרעאָגראפיע פון אָט דעם טאנץ ווערט בא בעמען, ווי בא בערעגאָווסקין, גאָרנישט ניט געזאָגט. דערייבער איז אומעגלעך צו פארגלײַכן די כאָרעאָגראפיע פונעם דײַטשישן שארער און דעם ייִדישן „שער". צווישן דער מוזיק פונעם פארצײַטיקן דײַטשישן שארער (די איינציקע פארהיטע מוזיק אָף דער טעמע) אין די ייִדישע אינסטרומענטאלע טאנץ-פּיעסן מיטן נאָמען „שער" איז ניטאָ קיין שום געמיינזאמס. לידער, אין וועלכע עס ווערט דערמאָנט דער נאָמען „שער", זײַנען אין די פובליקאציעס פאראן עטלעכע. ווײַטער ברענגען מיר איינע פון זיי (די ערשטע סטראָפע).

דער נײַער שער

שפּילט זשע מיר אָפ דעם נײַעם שער,
וואָס איז ארויסגעקומען.
כ׳האָב מיך פארליבט אין א ייִנגעלע א שיינס
און קאָן צו אים ניט קומען.
כ׳וואָלט צו אים געקומען,
ווינט ער זייער ווײַט.
כ׳וואָלט דאָך אים א קוש געגעבן,
שעם איך זיך פאר לײַט.
ניט אזוי פאר לײַט, ווי פאר גאָט אליין.
כ׳וואָלט מיט אים פארבראכט די צײַט,
אז קיינער זאָל ניט זען.

די מעלאָדיעס, וועלכע ווערן געזונגען מיט דעם דאָזיקן טעקסט, זײַנען פארשיידענע. אין די סאמע באוווסטע, שטארק אנטוויקלטע לויט דער פאָרם, זײַנען צונויפגעשמאָלצן ייִדישע, סלאווישע, דײַטשישע אינטאָנאציע-עלעמענטן[1].

די מעלאָדיעס פון בערעגאָווסקיס זאמלונג פון 1962 האָבן קימאט ניט קיין שום ייִדישע נאציאָנאלע שטריכן.

אין דער דאָזיקער פארצייכענונג, וואָס איז די ערשטע פאָרשונג בא אונדז אין לאנד אָף אָט דער טעמע, ווערט געבראכט א מאטעריאל, וואָס באשטעטיקט, אז אין XVI יה. האָבן געהאט אן אָרט דירעקטע ייִדיש-דײַטשישע מוזיקאלע פארבינדונגען און זיי האָבן געלאָזט שפּורן אין דער לידער-שאפונג פון די ייִדן פון מיזרעך-אייראָפּע. צוליב מאנגל אין אָרט איז דער מאטעריאל געגעבן בעקיצער. די פארצייכענונג דארף, פארשטייט זיך, באארבעט ווערן אלס ערשטער עטאפּ אינעם פאָרשן די דאָזיקע פּראָבלעם. אינעם ווײַטערדיקן פאנאנדערארבעטן די טעמע וועלן זײַן גרויסע שוועריקײַטן, קוידעמקאָל דערפאר, ווײַל אין די סאָוועטישע ביבליאָטעקן פעלן אויס וויכטיקע מאטעריאלן און צו די מאטעריאלן, וועלכע זײַנען יאָ פאראן, איז שווער צוצוקומען. שטארקע שוועריקײַטן אין דער פאָרשונג פארשאפט דאָס, וואָס אין די לידער-זאמלונגען פון XVI יה. איז באוויזן ניט דער גאנצער רעפּערטואר פון די פאָלקסלידער פון די גערמאנישע ייִדן. א סאך פון אָט דעם רעפּערטואר איז אָף אייביק פארלוירן געגאנגען פאר דער געשיכטע. דאָס האָט א שײַכעס ניט בלויז צום ייִדישן פאָלקלאָר, נאָר אויך צום דײַטשישן. דער אווטאָר האָט פינדעסטוועגן בעדייע צו פאָרזעצן די ארבעט אין דער דאָזיקער ריכטונג. פאנאנדערארבעטן די פּראָבלעמאטיק פון די פארבינדונגען איז ניט קיין זעלבסטציל. ווײַל בלויז דעמלט, ווען מע נעמט אין אכט דעם פאקטאָר פון די פארבינדונגען אין דער לידער-שאפונג פון די ייִדן און פון די שכיינישע פעלקער, קאָן מען קלאָר מאכן די נאציאָנאלע אייגנארט פון דער ייִדישער פאָלקסליד.

[1] זע די זאמלונג פון מ. בערעגאָווסקי און אי. פעפער פון יאָר 1938.

אונדזערע מיטײַלונגען

יִסראַעל קאָוועלמאַן

קונסטווערק אף יידישע לעגענדאַרע און היסטאָרישע סוזשעטן

סוזשעטן לויט די לעגענדעס פון דער ביבל און פון די אפּאָקריפן האָבן פאַרנומען א כאָשעווע אָרט אין דער טעמאַטיק פון דער בילדערישער קונסט. די געשעענישן, וועלכע זײַנען אין זיי פאַרייביקט געוואָרן און וועלכע האָבן געפונען זייער אַנאַלאָגיע בא פיל פעלקער אין פאַרשיידענע טקופעס, האָבן גערעגט און צוגעצויגן די אופמערקזאַמקײַט פון די קינסטלער פון יענער צײַט. אויך אין סאָוועטישן פּעריִאָד האָבן די קינסטלער צומאָל זיך געווענדט צו אַזעלכע סוזשעטן.

אַגעוו, זײַנען די מוסטער־ווערק אף אָט דער טעמאַטיק פון די באַרימטע מײַרעוו־אייראָפּעיִשע מײַסטערס (ראַפאַעל, מיקעלאַנדזשעלאָ און אַנדערע) גאַנץ פּאָפּולער באַם ברייטן אוילעם. די אַנטשפּרעכיקע שעדעוורען אָבער פון די רוסישע מאָלער און סקולפּטאָרן זײַנען פאַרהעלטניסמעסיק ווייניקער באַקאַנט און די אויסגאַבעס, אין וועלכע די דאָזיקע קונסטווערק זײַנען רעפּראָדוצירט געוואָרן, זײַנען קימאַט אויסשליסלעך באַשטימט פאַר אַן ענגן קרײַז ספּעציִאַליסטן־קונסטקענער.

די ווערק אף ביבלישע און אַפּאָקריפישע סוזשעטן וועלן דאָ ווײַטער באַהאַנדלט ווערן לויט דעם פאָלגנדן סיידער: די מאָנומענטאַלע קונסט, איקאָנאָגראַפיע, ביכער־איליוסטראַציִעס און די געשטעל־קונסט (станковое искусство).

צו דער מאָנומענטאַלער קונסט געהערן שאַפונגען אין מאָלערײַ און סקולפּטור (פרעסקעס, מאָזאיִק, רעליִעפן), וועלכע האָבן באַצירט די ביניאָנים פון די אַלט־רוסישע קלויסטערס. די באַרימטסטע פון זיי געפינען זיך אין וולאַדימיר, קיִעוו, לענינגראַד, מאָסקווע, נאָווגאָראָד, יוריעוו־פּאָלסקי און יאַראָסלאַוול.

אף צו דעקאָרירן די אַלט־רוסישע קלויסטערס זײַנען די ערשטע אַרויסגערופן געוואָרן קיין רוסלאַנד גריכישע מײַסטערס, די טרעגער פון דער קינסטלערישער און טעכנישער דערפאַרונג פון דער ביזאַנטישער קונסט פון הונדערטער יאָרן. אינעם טיפּאַזש פון די געשילדערטע ביבלישע פּערסאָנאַזשן האָט זיך זייער סעמיטישער אָפּשטאַם ניט געלאָזט דערקענען. די אַקסעסואַרן (די מאַלבאָשע, דער מיליִע, דער פּייזאַזש) זײַנען אויך ניט געווען היסטאָריש טרײַ.

דער עלטסטער דענקמאָל פון מאָנומענטאַלער קונסט איז דער קאַטעדראַל פון דער הייליקער סאָפיִע אין קיִעוו (XI יה.). עס האָט זיך דאָרט אופגעהיט די מאָזאיִשע שילדערונג פון אַרענען, דעם קויען גאָדל. ער ווערט געשילדערט, האַלטנדיק אין דער רעכטער האַנט א קאַדילניצע (א קיילע צו רויכערן ווײַרעך) און אין דער לינקער — דעם אָרנקוידעש מיט די לוכעס. זײַן קאָפּ איז אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל, און פון ביידע זײַטן איז פאַראַן א גריכישע אופשריפט „דער הייליקער אָרן”. אַנטקעגן אָט דער מאָזאיִק איז אויסגעמאָלט די פיגור פון מוישע ראַביינו. אין דעם קאַטעדראַל זײַנען אויך פאַראַן די פרעסקעס: „אַווראָם אָווינו באַגעגנט די דרײַ וואַנדערער”, „אַווראָם אָווינו איז מאַכניס אוירעך”, „אַווראָם אָווינו ברענגט א קאָרבן” און „די דרײַ יונגען אין קאַלך־אויוון”.

די פאָלגנדיקע לויט דער צײַט, ווען זיי זײַנען געבויט און דעקאָרירט געוואָרן אין XII יה., זײַנען דער דימיטריִעווער קאַטעדראַל און דער פּאָקראָוו־קלויסטער אין וולאַדימיר מיט גאָרעליִעפן אף די פּאַסאַדן פון דאָוויד האַמעלעך און שלוימע האַמעלעך. דאָוויד איז אויסגעמאָלט זיצנדיק אפן טראָן; מיט דער לינקער האַנט דריקט ער צו צו זיך א פירעקיקע האַרפּע, מיט דער רעכטער האַנט בענטשט ער. אף דעם זעלבן אויפן איז אויסגעמאָלט שלוימע האַמעלעך.

אין וולאַדימיר האָט זיך אויך אופגעהיט דער אוספּענסקי־קאַטעדראַל מיט פרעסקעס פונעם XIV יה. פון דעם באַרימטן רוסישן מאָלער אַנדריי רובליאָוו, די אַזויגערופענע „אווראָם אָווינוס שויס״ (מיט די געמעלן פון די אָוועס אווראָם, יִיצכאָק און יאַנקעוו).

אין דער שטאָט יוריעוו־פּאָלסקי שטייען גאַנץ די יוריעווער און סוזדאַלער קאַטעדראַלן פונעם XIII יה. זייערע פאַסאַדן זײַנען באַפוצט מיט די באַרעליעפן פון די געשטאַלטן פון די מאַלאָכים דאָוויד און שלוימע, די נעוויִים, און מיט די קאָמפּאָזיציעס „אווראָם איז מאַכניס אוירעך״ און „די דרײַ יונגען אין קאַלך־אויוון״.

אין נאָווגאָראָד איז קאָנצענטרירט א היפּשע גרופּע פון מאָנומענטאַלע קונסט־דענקמעלער. דאָרט געפינט זיך דער סאָפיִע־קאַטעדראַל (XII—XX יה.) און דער ספּאַס־קלויסטער (XIV—XX יה.).

דער סאָפיִע־קאַטעדראַל איז באַצירט מיט פרעסקעס, וועלכע שטעלן פאָר דאָווידן, שלוימען און די נעוויִים, זיי זײַנען פאָרגעשטעלט אין פראָנטאַלע פּאָזעס, האַלטנדיק אין די הענט (געווײנלעך אין די לינקע) אופגעמישטע מעגילעס, אַף וועלכע עס שטייען געשריבן זייערע פּאָפּולערסטע ארויסזאָגונגען אין דער איבערזעצונג אַף דער קירכלעך־סלאַוויאַנישער שפּראַך. עס זײַנען אופגעשריבן די פאָלגנדע טעקסטן: בא דאָווידן — טילים 2,45; בא שלוימען — מישליי 1,9; יעשאַיאָהו — 14,7; „יִרמעיאָהו — פונעם ערשטן אַפּאָקריף „באָרוך״ 36,3; „יעכעזקל״ 2,64; „דאַניִעל״ 9,7; „מאַלאַכי״ 1,3—2; „כאַוואַקוק״ 3,3. אַזאַ „מאָנומענטאַלע פּראָפּאַגאַנדע״ פון די אַנטשפּרעכיקע ביבלישע טעקסטן איז כאַראַקטעריסטיש ניט נאָר פאַר דעם דאָזיקן קאַטעדראַל, זי איז אויך פאַראַן אין די מיטלאַלטערלעכע קירכעס פון דער שפּעטערדיקער צײַט אין מײַרעוו־אייראָפּע, דאָרט זײַנען די טעקסטן אַף לאַטײַניש און אַפילע (ווי אין ראַפאַעלס פרעסקע, וועלכע שטעלט פאָר יעשײַען) אַף דער שפּראַך פונעם אָריגינאַל.

די וואַנט־מאָלערײַ אין ספּאַס־קלויסטער האָט געשאַפן דער באַרימטער ביזאַנטישער מאָלער טעאָפאַן גרעק. אַף אייניקע פון די דאָרטיקע פרעסקעס זײַנען אויסגעמאָלט: אָדאָם העוול, (כאַנויך) נויעך, מאַלקי־צעדעק.

אין יאַראָסלאַוול איז פאַראַן דער קלויסטער פון יעלִיִאָהו האַנאָווי פונעם XVII יה. מיט אַן אויסגעצייכנטער וואַנט־מאָלערײַ. די רוסישע איקאָנאָגראַפן האָבן זיך דאָרט באַנוצט מיט דעם באַוווסטן גראַוויורן־אַלבאָם אונטערן נאָמען „דער ביבלישער טעאַטער״ אָדער לויט דער פאַמיליע פונעם ארויסגעבער — „פּיסקאַטאָרס ביבל״. דער אַלבאָם איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן לויט די צייכענונגען פונעם האָלענדישן מאָלער מ. דע־פּאָס (אַמסטערדאַם, 1660). די מאָלערײַ איז געווידמעט, דעריקער, געוויסע עפּיזאָדן פונעם לעבן פון די נעוויִים עלִיִאָהו און עלישע, וועגן וועלכע עס דערציילט זיך אין „סייפער מלאָכים״ (1, קאַפּ. 17—20; 2, קאַפּ. 1—2).

ענדלעך וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אַף די שאַפונגען פון דער רוסישער מאָנומענטאַלער קונסט פונעם XIX יה. אין לעני‌נגראַדער קאַזאַנער און איסאַאַקיִעווער קאַטעדראַלן און אין דעם מאָסקווער קלויסטער פון „קריסטוסן דעם אויסלייזער״ (דער לעצטער איז ארויפגעטראָגן געוואָרן אין די דרײַסיקער יאָרן).

אַף די פאַסאַדן פון דעם קאַזאַנער קאַטעדראַל (הײַנט געפינט זיך דאָרט דער אַנטירעליגיִעזער מוזיי) זײַנען פאַראַן די באַרעליעפן: „מוישע ראַביינו שלאָגט דעם שטיין, ער זאָל געבן וואַסער״ פון אי. מאַרטאָס, „דאָס אופשטעלן דעם קופּערנעם שלאַנג״ פון אי. פּראָקאָפּיעוו, „דער דאָרן, וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט״ און „מוישע ראַביינו באַקומט די לוכעס״ פונעם איטאַליענישן סקולפּטאָר סקאָליאַרי. די טירן פונעם צענטראַלן ארײַנגאַנג אין קאַזאַנער קאַטעדראַל זײַנען א קאָפּיע פון די טירן פונעם פלאָרענטינער באַפּטיסטערי (א ביניען פאַר דער שמאַד־צערעמאָניע), וועלכע עס האָט געשאַפן אין XV יה. דער באַרימטער איטאַליענישער סקולפּטאָר ל. גיבערטי. די צען פּאַנאָ אַף די דאָזיקע טירן שטעלן פאָר סצענעס פונעם טאַנאַך. די באַרעליעפן האָט מען אויסגעגאָסן אין קופּער לויט די קאָפּיעס פון גיפּס, און דערנאָך זײַנען זיי אויסגעהאַמערט געוואָרן.

אין דעם איסאַאַקיִעווער קאַטעדראַל איז די ביבלישע טעמאַטיק רעפלעקטירט אין די מאָזאַיִשע געשטאַלטן פון די אָוועס, די מאַלאָכים און נעוויִים, וואָס ס. זשיוואַגאָ האָט געשאַפן. דאָרט געפינט זיך אויך די וואַנט־מאָלערײַ: פ. ברוניס — „דער מאַבל״, „דאָס אויסמאָרדן די בכוירים אין מיצראַיִם״ און „דאָס שפּאַלטן דעם יאַם־סוף״ פון נ. אַלעקסייעוון.

אַף די פאַסאַדן פונעם קלויסטער פון „קריסטוסן דעם אויסלייזער״ זײַנען געווען די באַרעליעפן מיט דער אָפּבילדונג פון ביבלישע עפּיזאָדן, וועלכע האָבן זיך אַסאָציִירט מיט די געשעענישן פונעם פראַנצויזיש־רוסישן קריג פון 1812, וואָס אין זײַן אָנדענק איז דער קלויסטער אויסגעבויט געוואָרן: „אווראָם אָווינו מיט זײַנע פאַרבינדעטע קערן זיך אום אַהיים נאָכן זיג איבער די קיניגן״, „דאָווידס טריִומף־מאַרש נאָך זײַן ניצאָכן איבער גאָלִיִאַסן״ און אַנדערע א. לאָגאַנאָווסקיס שאַפונגען (הײַנט געפינען זיי זיך אין דעם מעלוכע־מוזיי פון אַרכיטעקטור). אינווייניק אינעם קלויסטער האָט זיך געפונען וו. פּ. ווערעשטשאַגינס בילד „שמועל זאַלבט דאָווידן אַף מאַלכעס״ און אויך פ. שילצאָווס „געמעלן פון די אָוועס און פון די נעוויִים״.

פון די ציווילע אָביעקטן פון דער מאָנומענטאַלער קונסט דאַרף מען דערמאָנען דעם מאַריִינסקער פּאַלאַץ (הײַנט — דער לעני‌נגראַדער שטאָטישער אויספירקאָמיטעט), וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין XIX יה. און וועלכער איז באַפוצט פון אינווייניק מיט פריזן אַף ביבלישע סוזשעטן; דער דענישער סקולפּטאָר ד. יענסען איז דער אווטאָר פון א טייל פון די דאָזיקע רעליעפן.

אין דער אַלטרוסישער איקאָנע־מאָלערײַ באַגעגנט מען אָפט די געשטאַלט פון עלִיִאָהו האַנאָווי: „עלִיִאָהו אין מידבער״, „עלִיִאָהו פליט מיט פלאַמפײַער אין הימל ארײַן״ אאַ. אַלטערטימלעכע איקאָנעס זײַנען איצט צונויפגעזאַמלט דעריקער אין דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי און אינעם מוזיי אַף רובליאָווס נאָמען אין מאָסקווע.

באטאן אלטמאן. כאווע און די שלאנג. ליטאָגראַפיע

אלטערטימלעכע אילוסטרירטע רוסישע ביכער, מערסטנטיילס עקזעמפּליארן פון דער ביבל און טילים, זײַנען קאָנצענטרירט אין די צענטראלע מאָסקווער און לענינגראדער ביבליאָטעקן.

אין דער ביבליאָטעק אף לענינס נאָמען זײַנען צווישן די קסאוויאדן פונעם XIV—XVI יה., באצירטע מיט מיניאטיורן, באזונדערס אינטערעסאנט די פאָלגנדע: „דער בוך פון קאָזמא אינדיקאָפלאָוו״ (פון א ביזאנטישן קאָסמאָגראף פון VI יה. ק. אינדיקאָפלעווסט), „כראָנאָגראף״, דה. היסטאָרישע כראָניק (פונעם גריכישן אווטאָר פון IX יה. ג. אמארטאָל). אין דער ביבליאָטעק פונעם היסטאָרישן מוזיי געפינט זיך, צוזאמען מיט אנדערע אילוסטרירטע קסאוויאדן, די אזויגערופענע «Толковая Палея» — א בוך פונעם XV יה., וועלכער אנטהאלט א קורצע איבערדערציילונג פון דער ביבל, פון די אפּאָקריפן און אמארטאָלס כראָניק. אין דעם לענינגראדער פיליאל פון דער ביבליאָטעק פון דער וויסנשאפטאקאדעמיע געפינט זיך דער אזויגערופענער „זאמלבוך אין בילדער״, א קסאוויאד פונעם XV יה., אין וועלכן עס זײַנען פאראן אילוסטראציעס צו „מעגילאס עסטער״.

די ערשטע געדרוקטע טילים־ספאָרים און ביבליעס, אָנהייבנדיק פונעם יאָר 1568, האָט מען באצירט מיט פּרימיטיווע האָלץ־גראווירן, און אָנגעהויבן פונעם יאָר 1758 — מיט קופּער־גראווירן צוערשט לויט וו. איקאָניקאָווס און שפּעטער לויט ס. ווטאָראָווס און ס. נאזאראָווס געמעלן. אף די גראווירן האָט מען געוויינלעך פאָרגעשטעלט דאָוויד האמעלעך און טיילמאָל — ביבלישע סצענעס. עס איז קעדײַ צו דערמאָנען ס. פּאָלאָצקיס „טילים אין פערזן״, ארויסגעגעבן אין 1680 מיט א פײַנער גראוויור אף קופּער לויט ס. אושאקאָווס געמעל. דער גרעסטער טייל פון די ביכער, וואָס זײַנען די ערשטע געדרוקט געוואָרן, ווערן אָפּגעהיט אין דער לענין־ביבליאָטעק.

אין סאָוועטישן פּעריאָד זײַנען פארעפנטלעכט געוואָרן: א. גלאָבאס טראגעדיע „טאָמאָר״ לויטן סוזשעט פונעם ביבלישן געשיכטע־סייפער „שמואל — 2״, קאפּיטל 13 (1923), און די טאנאכישע אידיליע „רוט״ אין א. עפראָסעס איבערזעצונג (1925) מיט וו. פאוואָרסקיס האָלץ־גראווירן.



אלעקסאנדער איוואנאָוו. יויסעפס ברידער. אקווארעל

עס דארפֿן נאָך דערמאָנט ווערן די פּאראָדיעס אַף דער ביבל — אויסגאבעס, איליוסטרירטע מיט סאטירישע צייכענונגען: א. לאָגינאָווס „פריילעכע דערציילונגען פון דער הייליקער שריפט״ (1925), צייכענונגען פון ד. מאָאָר; לעאָ טאקסילס „די לוסטיקע ביבל״ (1925—1928), צייכענונגען פון וו. טרייוואס און די אויסגאבע אונטערן נאָמען „די טשיקאווע ביבל״ (1961) מיט וו. בראָדסקיס צייכענונגען.

א באזונדערע גרופּע שטעלן מיט זיך פֿאָר די געדרוקטע אלבאָמען מיט בילדער־ציקלען אָדער געמעלן אַף ביבלישע סוזשעטן מיט געהעריקע אונטערשריפֿטן אָדער קורצע טעקסטן. דער ערשטער אלבאָם פון דעם מין איז געווען „די ביבל אין בילדער״ (1696) מיט 20 פארביקע קסילאָ־גראווירן פונעם מאָלער וו. קאָרען; אַן איין־און־איינציקער עקזעמפּליאר געפינט זיך אין דער לענינגראדער ביבליאָטעק אַף סאלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען. א צווייטער אלטערטימלעכער אלבאָם אונטערן זעלבן נאָמען, מיט 60 גראווירן, קאָפּירטע פונעם דייטשישן אָריגינאל, א שפּיגל־אָפּבילדונג, איז געווען געדרוקט אין מאָסקווע אין די יאָרן 1720—1730 און אין א צווייטער אופלאגע — אין 1746—1747; עס האָט זיך אופגעהיט פון אים בלויז איין עקזעמפּליאר אין דער לענין־ביבליאָטעק.

פון די שפּעטערדיקע געדרוקטע אלבאָמען מיט מאָלערייען אַף ביבלישע סוזשעטן קאָן מען אָנרופֿן די פֿאָלגנדיקע: א. אגינס „דער אלטער טעסטאמענט אין בילדער״ (1846 און 1881); א. יעגאָראָווס „צייכענונגען פּערפּאסטע און גראווירטע״ (1814); א. סאפּאָזשניקאָווס „בילדער פון דער הייליקער געשיכטע פונעם אלטן טעסטאמענט״ (1861); א. איוואנאָווס — „בילדער פון דער הייליקער געשיכטע״ (1879—1887); מ. מײַמאָנס — „מענער פון דער ביבל״ און די „ביבלישע פרויען״ (1898—1899); וו. פּארטוסאָווס „שילדערונגען פון די הייליקע געשעענישן אין דער ביבל״ (1906—1910); ק. לעבעדעווס „בילדער פון דער הייליקער געשיכטע פונעם אלטן טעסטאמענט״ (1911—1912); ק. יואָנס — „דער וועלט־באשאף״ (1910).

א ציקל ליטאָגראפיעס אַף די טעמעס פונעם אלטן טעסטאמענט האָט געמאָלט נ. אלטמאן (1928—1933) — פאראַן אַן עקזעמפּליאר אין דער טרעטיאקאָווער גאלעריי; א ציקל ניט־פּובליקירטע צייכענונגען צו דעם בוך „רות״ האָבן געשאפֿן נ. ראָזאנאָווא־ווערעשטשאגינא (אין די פופציקער יאָרן) און א. טישלער (1917).

ווערק פון דער געשטעל־קונסט אַף ביבלישע סוזשעטן ווערן עקספּאָנירט אין פיל מוזייען.

א באזונדערע גרופּע פון אזעלכע ווערק שטעלן מיט זיך פֿאָר די פּראָגראם־ארבעטן פון די שילער פון דער קונסט־אקאדעמיע פארן פעריאָד פון 1775 ביז 1895. דער גרעסטער טייל פון זיי ווערט אופגעהיט אינעם מוזיי פון דער אקאדעמיע.

פון די דאָזיקע סקולפּטור־ארבעטן (בארעליעפן) זײַנען די פֿאָלגנדע אָפּגעמערקט געוואָרן מיט גאָלדענע מעדאלן: וו. בעקלעמישעווס — „קאַין נאָכן דערמאָרדן העוועלן״; א. מאנויִלאָווס — „נויעך בויט די טייווע״; יא. מאָסקווינס „האָגאָר ווערט פארטריבן״ און „ייִצכאָקס כאסענע״; א. פּראָקאָפּיעווס „כאם ווערט פארשאָלטן״ און „אווראָם אָווינו ברענגט א קאָרבן״; פּ. סטאָוואסערס „דאָוויד שפּילט פאר שאָולן״, מ. כארלאמאָווס „יויסעף איז פויסער כאָלעם אין טפיסע״; נ. שטראָמס „די ברידער פארקויפן יויסעפן״ און אנדערע.

פון די מאָלעריי־ווערק זײַנען אָפּגעמערקט געווארן מיט גאָלדענע מעדאלן: ק. בריולאָווס „אווראָם אָווינו און די דרײַ וואנדערער״; מ. וואָלינאָווס „האָגאָר ווערט פארטריבן״; נ. געס „שאָול בא דער קישעפמאכערן פון איין־דאָר״; פּ. זאוויאלאָווס „שימשן האגיבער צעשטערט דעם טעמפּל פון די פלישטים״; אי. קסענאָפּאָנטאָווס „נויעך בענטשט זײַנע קינדער״; ק. פלאָוויצקיס „די ברידער פארקויפן יויסעפן״ און אנדערע.

פון די שפּעטערדיקע גראפישע ארבעטן איז קעדײַ צו דערמאָנען פּ. שילינגאָווסקיס אָפּאָרט „לאָט מיט זײַנע טעכטער״ (1914).

פאראַן א גרויסע צאָל ביבלישע בילדער, וועלכע די מאָלער האָבן אויסגעפילט לויט זייער אייגענער איניציאַטיוו אַף טעמעס, אויסגעקליבענע פון זיי זעלבסט. מיר וועלן אָנרופֿן א טייל פון די קונסט־שעדעווערן, וועלכע זײַנען מערסטנטייל עקספּאָנירט אין דער טרעטיאקאָווער גאלעריי אין מאָסקווע און אינעם רוסישן מוזיי אין לענינגראד: פּ. באסינס „שווישאנע אין מערכעץ״ (1822); פּ. ברוניס „דער קופערנער שלאנג״ (1825—1841); ק. בריולאָווס

סערגיי קאָניאָנקאָוו. דער נאָווי. גיפּס

„באסשעווע" (1830); מ. ווראָבעלס „דער נאַווי" (1899 און 1904); א. איוואנאָוו „מע געפינט יוסעפס בעכער אין בינאָמינס זאַק" (1831—1833); ג. סע־מיראַדסקיס „סדום און אמורע ווערן כאַרעוו" (1876); וו. סעראָוו „עליעזער און ריווקע" (1895); וו. סוריקאָוו „דער מאָלצײַט בא בעלשאַצערן" (1874).

פון די בילדער, וועלכע געפינען זיך אין אייני־קע אנדערע מוזייען, איז קעדײַ אָפּצומערקן: אי. אסקענאַזיס „קויהעלעס" אין מוזיי פון דער קונסט־אַקאַדעמיע אין לענינגראַד; פּ. זאַבאָלאָצקיס „מוישע ראַביינו שלאָגט אויס וואַסער פונעם פעלדז" (1863); ס. מאַקאַראָוו „איוו און זײַנע פרײַנט" (1869); אין מוזיי אין דער שטאָט גאָרקי — וו. ווערעשטשאַגינס „בויאַז און רוט" (1883); אין מוזיי פון דער שטאָט קאַלינין — אי. רעפּינס „דאַ־וויד און גאָליאַף" (1915); אין מוזיי פון רוסישער קונסט אין קיעוו — „דאַוויד און שאָול" פון אן אומבאַוווסטן מאָלער (XIX יה.).

פון אַט דעם מין סקולפּטור־אַרבעטן וועלן מיר דערמאָנען די סטאַטועס: מ. קאָזלאָווסקיס „שימשון האַגיבער צערײַסט דעם לייב" (1800); א. בעליאַיעוו „דאַוויד" (1849); ד. מאַלאַשקינס „העוועל" (1909); נ. קאָניאָנקאָוו „דער נאָווי" (1928); יע. וווטשע־טיטשס „אונדזערע שווערדן וועלן מיר איבערקאָוון אף אַקער־אײַזנס" (1957); אי. סלאָנימס „אָדאָם און כאַווע ווערן פאַרפירט פונעם שלאַנג" און „אָדאָם און כאַווע ווערן פאַרטריבן פונעם גאַניידן" (1971—1973).

עס זײַנען פאַראַן נאָר אייניקע בילדער אף ייִדי־שער היסטאָרישער טעמאַטיק: אי. אסקענאַזיס „דער טויט פון יעהודע האַלייווי" (1881); נ. געס „דער כורבן פון דעם צווייטן בייסהאַמיקדעש" (1859); מ. מײַמאָנס אן אלבאָם פּאָטאָטיפּיעס פון אקוואַרעל־געמעלן „בילדער פונעם ייִדישן לעבן" (1898—1899) און א ריי סקולפּטורן — געשטאַלטן פון היסטאָרי־שע פּערזענלעכקײַטן: מ. אַנטאָקאָלסקיס „שפּינאָזע" (1893); ז. אזגורס „יעהודע האַלייווי" (1947, „ס. ה.", נומ. 5, 1967); ר. מוראַנאָווסקאַיאַס „באַר־קאָכבא" (1944).

סצענעס פון דער צײַט פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע האָבן פאָרגעשטעלט אין זייערע ווערק מ. אַנטאָקאָלסקי — „די אינקוויזיציע פאַלט אָן אף די מאַראַנען בייס זיי פּראַוועווען דעם סיידער אין באַהעלטעניש" (גאָרעליעפן פון 1868 און 1902) און מ. מײַמאָנס „די מאַראַנען" (1892).

אף די ייִדישע פּאָגראָמען און זעלבסטשוץ אין רוסלאַנד, באַם צאַריזם, און אף רעציכע־אַקטן אין דער צײַט פונעם בירגערקריג האָבן א סאַך קינסטלער זיך אָפּגערופן אין זייערע ווערק. מיר וועלן דאָ אָנווײַזן אף פאָלגנדע בילדער: אי. אסקענאַזיס „טרויעריקע נײַס" (1887); ז. זאַלצמאַנס „די טריפּאָליער טראַגע־דיע"; מ. מײַמאָנס „ווידער אינדערהיים" (1905); א. מאַנעוויטשעס „קלאַנגען וועגן א פּאָגראָם" (די 20־ער יאָרן); י. שעכטמאַנס „די פּאָגראָמירטע" (1927). גראַפישע אַרבעטן: מ. זשיטניצקיס „די שוואַרצמייעניקעס" (1970); ל. פּאַסטערנאַקס (1891), מ. שאַגאַלס (1914) און וו. קאַסיאַנס (1917) בילדער „נאָכן פּאָגראָם"; סקולפּטורן — א. גינצבורגס „פּאָ־גראָם" (1938) און ס. סטראַזשעס „זעלבסטשוץ" (1916).

די געשעענישן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָ־מע, די גרוילן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און פאַשיסטישע געטאָס האָבן אָפּגעשפּיגלט אין זייערע ווערק: מ. אקסעלראָד „געטאָ" (א סעריע צייכענונ־גען טעמפּערא, 1945. — „ס. ה.", 1956, נומ. 7); יו. וואַסיליעוו „בא דער עקזעקוציע־וואַנט" (גראַ־פיק, 1962; באַשטימט געווען אלס איליוסטראַציע צו א. רודניצקיס בוך „א קלאָרער שטראָם" מ., 1963); ל. וואָלשטיין „די מאַרטירער פון געטאָ" (מאָלערײַ, 1947); ס. גערשאָוו „געטאָ" (א ציקל בילדער טעמפּערא, 1960. — „ס. ה.", 1966, נומ. 1); מ. קליאָנסקי „מענטשן זאָלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן" (א ציקל אָפּאָרטן. — „ס. ה.", 1967, נומ. 8 און 1969, נומ. 7); א. קאָזלאָוו „די קאָרבאָנעס פונעם פאַשיזם" (1946); א. קוזקאָווסקי „אויב איך וועל דאָס פאַרגעסן!" (1948; לינאָגראַווויורן, ווי אויך א ציקל פּלאַקאַטן „עס ברענט", „דאָס אַנטלויפן פונעם בײַנטן פּאָרט" און אנדערע לינאָגראַווויורן; „ס. ה.", 1968, נומ. 4); א. ניורענבערג „די פאַשיסטן" (א ציקל צייכענונגען, 1943); וו. אָווטשיניקאָוו „באַבי יאַר" (א טריפּטיך, 1946); ב. פּראָקאָפּיעוו „אין באַבי יאַר" (אקוואַרעל; „ס. ה.", 1961, נומ. 1); ע. ריוואַש „די פרוי אין געטאָ" (א סטאַטועטקע, 1945; „ס. ה.", 1962, נומ. 5); א. ריטאָוו „דאָס צעשיסן פון די ייִדן אף דעם בעסוילעם הינטער ריגע" (בילד, 1945); ז. טאָלקאַטשאָוו „מײַדאַנעק", „די בלומען פון אָשווענטשים" (אלבאָמען, צייכענונ־גען, 1945, „ס. ה.", 1978, נומ. 11); א. פּאָטערמאַן „באַבי יאַר" (א סקולפּטור, ס. ה.", 1968, נומ. 11).

די ליידן און מאַטערנישן פון די ייִדישע פּליי־טים בייס ביידע וועלט־מילכאָמעס האָבן געווידמעט זייערע אַרבעטן: אי. בראָדסקי „די בעזשענקע" (צייכענונג, 1914); מ. מײַמאָן „דער אייביקער וואָנ־דערער" (בילד, 1905—1906); ב. בלאַנק „פּליטים" (לינאָגראַווויור, 1942); א. ניורענבערג „עוואַקואַציע" (א ציקל צייכענונגען, 1943) אאַ.

צום שלוס וועלן מיר צוגעבן, אז דער דאָזיקער אויבערפלעכלעכער איבערזיכט איז אָנגעשריבן גע־וואָרן מיט דער קאַוואָנע צו געבן בלויז אן אלגע־מיינע פאָרשטעלונג וועגן דער באַהאַנדלטער טעמע. מער אויספירלעכע אָנגאַבן און א רײַכן איליוסטראַ־טיוון מאַטעריאַל קאָן מען געפינען אין דער ליטע־ראַטור וועגן דער געשיכטע פון דער רוסישער קונסט: אין די אַנטשפּרעכיקע פילבענדיקע אויסגאַ־בעס פון אי. גראַבאַר און פונעם אינסטיטוט פאַר געשיכטע פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר; אין די פילצאָליקע מאָנאָגראַפיעס פון די קונסט־קענער — מ. אלפּאַטאָוו, אי. וואָכרעמייעוו, ג. וואַג־נער, וו. לאַזאַרעוו, מ. קאַרגער, נ. פּערוווכין, א. סווירין, א. סידאָראָוו אאַ.; אין די זשורנאַלן פאַר קונסט, ווי אויך אין די קאַטאַלאָגן פון די מוזייען (אין דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי, אינעם מוזיי אף רובליאָווס נאָמען, אינעם מעלוכישן רוסישן מוזיי אאַ.) און אין די קאַטאַלאָגן פון באַזונדערע קונסט־עקספּאָזיציעס.

● ● ●

קינסטלער־סאטיריקער אין קאמף פאר שאָלעם

יע. קאזשדאן. וויִאזוי מע קוקט אף דער וועלט פון יענער זײַט אָקעאן

ע. געלמס. אף א רעקאָרד

ו. קוזנעצאָוו. ארויסגעגאנוועט מײַרעוו־אייראָפּע

נ. ליסאַגאָרסקי. אף א שפּאציר



ב. יעפימאָוו. מיט דער בראָכע פון וואשינגטאָן

נ. ליסאָגאָרסקי. אן אונטערגעוואָרפן קינד



ב. יעפימאָוו. א וואָלפיכע פון קאפיטאַלי

א. זשיטאָמירסקי. א רײַטער אָן א קאָפּ

אויפן קינאָ-עקראַן

באָריס שײַנין,
מאַריאַ סעמענצאָוואַ

דער מענטש מיטן קינאָ־אַפּאַראַט

„פאַר הומאַניזם פון דער קינאָ-קונסט, פאַר שלום און פרײַנטשאַפט צווישן די פעלקער!“ — אונטער אָט דעם נאָבעלן דעוויז ווערט יעדע צוויי יאָר דורכגעפירט אין מאָסקווע אַ צווישנפעלקערלעכער קינאָ-פעסטיוואַל.

באַם אַרײַנגאַנג אין האָטעל פּלאַטערן פאָנען פון די לענדער, וועמענס קינאָ-דעלעגאַציעס באַטייליקן זיך אינעם פאַרמעסט. מע דאַרף זאָגן, אַז פון איין פעסטיוואַל ביזן צווייטן ווערן אַרויסגעשטעלט אַלץ מערער פאָנען — עס וואַקסט די צאָל פון זײַנע אָנטיילנעמער. דער איצטיקער, דער דרײַצנטער, האָט צונויפגעזאַמלט די גרעסטע צאָל דעלעגאַציעס — העכער הונדערט. עס זײַנען אויף אים פאָרגעשטעלט געוואָרן סײַ קינעמאַטאָגראַפיעס, וועלכע פאַרמאָגן אַ לאַנגיאָריקע געשיכטע און זײַנען וועלט-באַרימט, סײַ יונגע קינעמאַטאָגראַפיעס, וועלכע מאַכן בלויז די ערשטע טריט.

מיט צען יאָר צוריק האָבן מיר זיך באַקאַנט אויפן פעסטיוואַל מיטן ייִסראָעלדיקן קינאָ-רעזשיסער יאַקאָוו אַגמאָן. ער האָט דעמאָנסטרירט אויסער קאָנקורס זײַן פילם „באַלאַגערונג“. דער פילם האָט געמאַכט אויף אונדז אַ גוטן אײַנדרוק, ווײַל ער האָט דרייסט און אָרנטלעך באַוויזן, וויאַזוי אומענדלעכע מילכאָמעס קאַליעטשען די ייִסראָעל-בירגער ניט נאָר פיזיש, נאָר אויך מאָראַליש. דער פילם האָט גערופן צו געפינען אַ פאָרמול פאַר אַ גערעכטיקן שלום. אַן אַרטיקל וועגן דעם ייִסראָעלדיקן פילם „באַלאַגערונג“ איז פאַרעפנטלעכט געווען אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 10 פאַרן 1973 יאָר.

אויך איצט, ווען מיר זײַנען אַקרעדיטירט געוואָרן אין דעם פּרעסע-צענטער פונעם פעסטיוואַל, האָבן מיר אָנגעפרעגט, צי עס וועלן פאָרגעשטעלט ווערן אויפן דורכקוק ייִסראָעלדיקע פילמען. צום באַדויערן, זײַנען די קינעמאַטאָגראַפיסטן פון אָט דעם לאַנד ניט געקומען אויפן פעסטיוואַל, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס אַ סאַך מענטשן האָבן געוואָלט זיך דערוויסן, וועלכע פילמען זיי שאַפן הײַנט, צי אָט די פילמען שפּיגלען אָפּ די שאַרפע פּראָבלעמען, וועלכע באַאומרויִקן די געזעלשאַפט, צי זיי העלפן געפינען אַ וועג צו גערעכטיקײַט. ס'האָט אָבער לאַכלוטן ניט באַטײַט, אַז אויב אויפן פעסטיוואַל איז ניט פאָרגעשטעלט די קינעמאַטאָגראַפיע פון ייִסראָעל, האָט דער קינאָ-עקראַן ניט אויפגעהויבן די פּראָבלעמען, וועלכע האָבן אַ דירעקטע שײַכעס צום שלום אויפן נאָענטן מיזרעך.

דעם געשפּרעך וועגן אַזעלכע פילמען איז, אונדז דוכט, אינטערעסאַנט אָנצוהייבן פון דער עסטרײַכישער לענטע „יאָרשים“ (רעזשיסער וואַלטער באַנערט), וועלכע איז באַוויזן געוואָרן אויסער קאָנקורס.

דאָס איז אַ וואָרענונג וועגן דעם, אַז די פאַשיסטישע געפאַר עקזיסטירט. די ניט-דערשלאָגענע פאַשיסטן כאָווען זייערע יאָרשים,

גרייטן אַ נײַעם דאָר מערדער. עס ווערט דאָ אָנגעווענדט אַלץ — מאָראַלישע צעלייגונג פֿון יונגעלײַט, דאָס שיסן אין „סימבאָלישע ציל-ברעטער“ — אין מאָגנדאָווידן, אָנגעמאָלטע אַף דער פּלייצע... אַן אַלטער עסעסאָוועץ שטאָלצירט מיטן סוווענירן, וועלכער דערמאָנט אים אין זײַן „העלדישן אָוואר“ — אַ טישלאָמפּ, דער אַבאַזשור פֿון וועלכן איז אויסגעאַרבעט פֿון מענטשלעכער הויט, ווו מע זעט נאָך גאַנץ בוילעט דעם אויסגעברענטן באַם לעבן נומער. שטילערהייט, פּלאַנמעסיק, אויסגערעכנט פּאָמפּעט מען אַרויס בײַ די „יאָרשים“ די רעשטן פֿון מענטשלעכן געוויסן.

דער פֿילם „יאָרשים“ וואָרנט: דער פֿאַשיזם איז נאָך ניט אָפּגעווישט פֿון דער ערד. עמעצער איז פֿאַרינטערעסירט אין דעם, אַז ער זאָל ווידער אויפֿלעבן. און ווען מיר דערוויסן זיך פֿון די צײַטונגען, אַז אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע אָדער אין די שטעט פֿון מײַרעוו-אייראָפּע ווערן פֿאַרשוועכט יידישע בעסוילעמס, יידישע רעסטאָראַנען און וווינהײַזער, פֿאַרשטייען מיר, וועמענס הענט עס האָבן דאָס געטאָן.

דער פֿאַשיזם פֿאַרמאָגט אַ פֿאַרשיידענעם פּאַרצעף. ער קאָן פֿאָרמולירן זײַנע מעשונעווילדע אידייען אַף פֿאַרשיידענע שפּראַכן. אָבער אין וואָס פֿאַר אַ נאַציאָנאַלע מאַלבושים דער פֿאַשיזם זאָל זיך ניט שליירן, בלײַבט ער קעסיידער פאשיזם.

דער אווטאָר פֿון אַן אַנדער עסטרײַכישן פֿילם — „שטיינדלעך“, דער יונגער רעזשיסער לוקאַס סטעפּאַניק, האָט ביז איצט געשאַפֿן פֿאַר דער טעלעוויזיע דאָקומענטאַלע פֿילמען. דאָס איז זײַן ערשטע אַרבעט אינעם קינסטלערישן קינעמאַטאָגראַף. מיר וועלן גלײַך זאָגן, אַז ניט אינגאַנצן האָט זי אים זיך אײַנגעגעבן. אָבער בײַ אַלע בלויזן פֿון זײַן דראַמאַטורגיע, פֿאַרדינט דער פֿילם סימפּאַטיע מיט דער אופֿריכטיקײַט פֿונעם רעזשיסער, מיט זײַן שטרעבונג ניט אויסמײַדן קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פֿונעם הײַנטיקן לעבן.

און האַגאַם, דוכט זיך, דער רעזשיסער סטאַרעט זיך מער פֿאַר אַלץ, די צושויער זאָלן ניט מיינען, אַז ער בינדט זיי אָן זײַנע שטאַנדפּונקטן, איז דאָך אינעם פֿילם פֿאַראַן דאָס, וואָס טראָגט אַרײַן אַ צושטײַער אינעם קאַמף מיטן ראַסיזם.

די העלדן פֿונעם פֿילם זײַנען מענטשן פֿונעם נאָכמילכאָמעדיקן דאָר. אַ צופֿעליקע באַקאַנטשאַפֿט פֿירט צונויף דעם דײַטש פֿרידריך און די עסטרײַכערין פֿון ייִדישן אָפּשטאַם כאַנע. די יונגע מענטשן סימפּאַטיזירן איינע די אַנדערע. אָבער כאַנע וויל אַרײַנדרינגען אינעם אויפֿן פֿון דענקען פֿון אַ מענטשן, וועלכער האָט בעפּירעש געיאָרשנט די אָנשויונגען פֿון זײַן טאַטן דעם פֿאַשיסט. די באַגעגענישן פֿון די צוויי יונגע מענטשן פֿאַרענדיקן זיך דראַמאַטיש. כאַנען פֿאַרבינדט מיטן אָוואר די טראַגעדיע פֿונעם אייראָפּעישן ייִדנטום. די „שטיינדלעך“, וועלכע האָבן געגעבן דעם נאָמען פֿונעם פֿילם, איז דאָס, וואָס זי לייגט אַרויף, לויט דער אַלטער ייִדישער טראַדיציע, אַף די קוואָרים פֿון אירע קרויווים... אָבער אַפֿילע שטיינער, דער סאַמע זיכערער מאַטעריאַל פֿון דער נאַטור, ווערן אונטער דער ווירקונג פֿון דער צײַט רויִנירט. עס ווערן רויִנירט די אַמאָל אײַנגעשטעלטע פֿאַרשטיינערטע פֿאַרבינדונגען. כאַנע איז אַ קינד פֿון איר סוויווע. זי טראָגט אין זיך דעם אָנדענק וועגן אירע נאָענטע, אָבער זי פֿאַרשטייט, אַז מיטן וועג פֿון ציִעניזם וועט זי ניט גיין. זי פֿאַרורטיילט דאָס, וואָס די ייִסראָעלדיקע אַרמיי איז באַגאַנגען אין ליוואַן. זי זעט דאָ אײַן אַ דירעקטע פֿאַרבינדונג מיט דעם, וואָס עס האָבן געטאָן אין אייראָפּע די נאַציסטן אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט-מילכאָמע.

אַף אַ פּרעסע-קאָנפֿערענץ האָט לוקאַס סטעפּאַניק אַזוי פֿאָרמולירט די אידיי פֿון „שטיינדלעך“: „מיט אָט דעם פֿילם האָב איך געוואָלט זאָגן, אַז מע דאַרף זייער בוילעט אָפּגרענעצן דעם אַנטיסעמיטיזם פֿון דעם אַנטיציִעניזם, ניט צונויפֿמישן די דאָזיקע דערשײַנונגען. באַזונדערס וויכטיק איז פֿאַר מיר געווען — באַווײַזן די באַציִונגען צווישןביידע העלדן — מענטשן פֿונעם נאָכמילכאָמעדיקן דאָר — צו די פּראָבלעמען, וועלכע ס'האָט געשאַפֿן די מילכאָמע, און צו דער מילכאָמע גופֿע. יעדער מענטש איז מיט זײַן ביאָגראַפֿיע פֿאַרבונדן מיט דער געשיכטע פֿון זײַן לאַנד און פֿון זײַן געזעלשאַפֿט. איך האָב געוואָלט באַווײַזן, וויאַזוי יונגע מענטשן באַציִען זיך הײַנט צו דער געשיכטע פֿון זייער לאַנד, צו זייער אייגענעם גוירל, באַווײַזן, וואָס זיי דאַרפֿן טאָן איצט. פֿאַר עסטרײַך איז עס זייער אַ שאַרפֿע פֿראַגע, אין דער ענטפֿער אַף איר דאַרף יעדער מענטש געפֿינען אַליין...“

דער פֿילם איז קינסטלעריש געלייזט אַף אַ קאַמער-אופֿן. עס דוכט זיך, אַז קיין שום באַדײַטנדיקס קומט אין אים ניט פֿאָר: מענטשן באַגעגענען זיך, טראַכטן, שטרײַטן, דערמאָנען זיך... אָבער ס'איז פֿאַראַן אין דעם אַלעם אַן אָנגלי פֿון „לײַדנשאַפֿטן פֿונעם יאָרהונדערט“, ס'איז פֿאַראַן דאָס, וואָס צווינגט ניט נאָר קוקן דעם פֿילם, נאָר אויך נאָכן דורכקוק אַ לענגערע צײַט זיך אומקערן צו אים אין זיקאָרן...

מיט אָט דעם עסטרײַכישן פֿילם „שטיינדלעך“ רופֿט זיך איבער דער יוגאָסלאַווישער „דער רײַעך פֿון אײַוואַ“ (רעזשיסער מירזאַ

אידריזאָוויטש). דאָס, וועגן וואָס עס געדענקען סטעפּאַניקס העלדן, איז אין מ. אידריזאָוויטשעס פילם געוואָרן דער גרונט פונעם סוזשעט.

די האַנדלונג קומט פאָר אין דעם רעזשיסערס היימשטאָט סאַראַיעוואָ. דאָס איז אַן אינדוסטריעלער און קולטור-צענטער פון יוגאָסלאַוויע, וווּ ס'האָבן אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער געוווינט צוזאַמען סערבן, כאָרוואַטן, מוסולמענער, ייִדן. אָבער אָט איז געקומען דאָס 1941 יאָר. די פאַשיסטישע אָקופּאַנטן שטרעבן מיט זייערע אידייען אויפֿרייַסן די דאָזיקע געמיינשאַפט פון די סאַראַיעווער, אָנרייצן די מוסולמענער און כאָרוואַטן אויף די ייִדן און סערבן. די מלחמה רייַסט זיך אַרייַן אין די גאַסן, אין די הייַזער און אינעם מענטשלעכן געוויסן, שטעלנדיק יעדן איינעם פאַר אַן אויסוואַל. פאַרפעטער און מערדער האָבן די געזעצן פון דער געזעלשאַפט קיין שום באַדייַטונג ניט. עס פאַלט די ווערט פון די מאָראַלישע פּרינציפּן. דערפאַר אָבער קלייַבן אויס די ערלעכע מענטשן דעם וועג פון קאַמף פאַר דער מענטשלעכער ווירדע. אינעם פילם ווערט באַוויזן, ווי אַזוי מענטשן פון איין משפּחה געפינען זיך אויף פאַרשיידענע זייַטן פון דער באַריקאַדע. פון אַ גראַנאַטע, וועלכע ס'האָט אַ שלייַדער געטאָן מוסטאַפאַ, — אַ משרתס בייַ די פאַשיסטן, — קומט אום זייַן ברודער איבראַהים. אָבער דעם גויסעסדיקן איבראַהים גיט זיך פונדעסטוועגן איַין צו ראַטעווען זייַן געליבטע, דאָס ייִדישע מיידל לונע.

וואָס האָט אידריזאָוויטש געוואָלט זאָגן מיט זייַן פילם? דעם פאַשיזם, וועלכער צעפרעסט די נשמות, האָבן זיך קעגנגעשטעלט דרייסטע מענטשן. זייער מאָראַלישע ריינקייַט קאָן מען פאַרגלייַכן מיטן רייעך פון אײַוואַ — דעם סימבאָל פון רו און גלויבן, פון פרייַנטשאַפט און שלום.

קאַדרען פונעם פילם „דער רייעך פון אײַוואַ"

פּאַרטיסיפּירנדיק זיך אין דער פאַרגאַנגענהייַט, טראַכט דער רעזשיסער וועגן דעם הייַנטיקן טאָג, ער רופט די מענטשן צו וואַכזאַמקייַט: ס'איז געווען אַ היסטאָרישער מאָמענט, וועלכער האָט געדראָעט מיט טויט דעם גאַנצן ייִדישן פאָלק. צי כאַזערן זיך ניט איבער הייַנט אין די גורלות פון אַנדערע פעלקער די זעלבע מאָמענטן? אָט די פראַגע קלינגט אַקטועל. אַן ענטפער אויף איר זאָגן אונטער די געשעענישן, וועלכע פייַניקן שוין העכער דרייַ יאָרצענדליקער דעם נאָענטן מיזרח.

גאַנץ סימפּאַטאָמאַטיש איז אין דעם פּראַט דער ערשטער קינסטלערישער פילם פון דער אָרגאַניזאַציע פאַר באַפרייַען פּאַלעסטינע „דער אומקער קיין כייַפע" (רעזשיסער קאַסעם ראַוואַל).

אין צוואַנציק יאָר אַרום נאָך דער אַראַביש-ייִשראָעלדיקער מלחמה פון 1948 קומען אַלס טוריסטן קיין כייַפע מענטשן, וועלכע האָבן דעמאָלט פאַרלאָזט זייער היים. דאָרט

טרעפן זיי זייער זון, וועלכן זיי האָבן פאַרלוירן מיט 20 יאָר צוריק. זיי באַקאַנען זיך מיט אַ ייִדישער פרוי, וואָס איז געקומען קיין כיפֿה פון פּוילן. די דאָזיקע פרוי איז געוואָרן אַ מאַמע פון זייער זון... מיר וועלן גלײַך זאָגן, אַז דער קינסטלערישער ניוואָ איז ניט קיין הויכער, דער סצענאַרי איז אַ סכעמאַטישער. בײַ די אַקטיאָרן פעלט מײַסטערשאַפט, וואָרשײַנלעך, אַז זיי האָבן צום ערשטן מאָל זיך באַגעגנט מיטן קינעמאַטאָגראַף. שוואַך איז די רעזשיסור, וועלכע האָט נאָך ניט איבערגעשפּאַנט די סטאַדיע פון שטודיום. אָבער אינעם פילם איז פאַראַן אַזוינס, וואָס מאַכט צו פאַרגעסן זײַנע פּראָפעסיאָנעלע שוואַכקײַטן. ס'איז צו זען אין אים אַ שטרעבונג פון די פּאַלעסטינער קינעמאַטאָגראַפיסטן צו באַנעמען די גורלאָלעס פון די ייִדן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די גרוילן פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, און דעריקער — דורכפירן אַ גרענעץ צווישן די דאָזיקע פאַשעטע מענטשן און די ציִעניסטישע רעדלפירער, וועלכע ברענגען אָנצאָליקע ליידן סײַ פאַר די אַראַבער און סײַ פאַר די ייִדן. אָט דער געדאַנק קלינגט בולעט אינעם פילם, און אין דעם איז פאַרבאָרגן זײַן אָפּטימיזם.

אויב אָבער דער קינסטלערישער קינעמאַטאָגראַף געפינט נאָך דערווײַל ניט זײַן לייזונג אויף די „צוטריטן" צו דער טעמע, קאָן מען וועגן די דאָקומענטאַליסטן זאָגן, אַז זיי געפינען זיך דירעקט אויפן פאָדערשטן ראַנד פונעם קאַמף.



קאַדרען פונעם פילם „דער קיזלשטיין"

אויפן קאָנקורס פון די קורצמעטראַזשיקע פילמען האָט דער יאַרדאַנישער שרײַבער און קינאָ־רעזשיסער אבו נאַב באַוויזן אַ דאָקומענטאַלן פילם „נאַדן פאַר דער קאַלע“. ווירדיק, מיט פיל פּראָטים ווערט דערציילט וועגן דעם, וויאַזוי די אָקופּאַנטן פירן דורך שריט נאָך שריט די קאָלאָניזירונג פונעם מײַרעוודיקן יאַרדן־ברעג, ווי ציניש, אויסגערעכנט און מעטאָדיש טרײַבן זיי אַרויס די אַראַבישע טויזשווים פון זייער ערד, קעדיי רעאַליזירן דעם ציוניסטישן פּלאַן וועגן גרויס־ייִסראָעל.

דעם פילם האָבן אַראָפּגענומען אויסגעצייכנטע אָפּעראַטאָרן, וועלכע גיבן מײַסטעריש איבער סײַ דעם אינערלעכן צושטאַנד פון די מענטשן, סײַ די אייגנאַרטיקע פיזיאָנאָמיע פון דער ביבלישער ערד. אינעם מאָנטאַזש פון דעם דיקטאָרישן טעקסט פילט זיך די האַנטשריפט פונעם אוטאָר, וואָס קאָן דענקען ברייט און בילדעריש.

עס ציט צו צו זיך די אויפמערקזאַמקײַט דער דאָקומענטאַלער פילם „פאַרוואָס?“ פונעם מײַרעוו־דײַטשישן רעזשיסער מאָניקאַ מאַורער און פון דעם פּאַלעסטינער רעזשיסער א. בסייסאָ. פאַרוואָס קומען אום מענטשן? פאַרוואָס קאָן דאָס אַלץ געשען אין אונדזערע טעג? פאַרוואָס...

אַ גרויסע צאָל מאַטערנדיקע „פאַרוואָסן“ פאַרגיבן צוזאַמען מיט די אוטאָרן פון דעם פילם זײַנע העלדן — די אומשולדיקע קאָרבאָנעס פונעם ייִסראָעלדיקן גענאָציד. עס שטעלן די דאָזיקע פראַגן אויך די צושויער. דער פילם לאָזט קיינעם ניט איבער גלײַכגילטיק.

דעם באַלאַגערטן ביירוט האָבן געזען די צושויער אויך פון אַן אַנדער דאָקומענטאַלער לענטע, וועלכע האָט באַקומען די ערשטע פּרעמיע — „איבער ביירוט שווימען פרעמדע וואָלקנס“. דער אַרויסלאָזניק פונעם אַלפאַראַבאַנדישן מעלוכישן אינסטיטוט פון קינעמאַטאָגראַפיע, דער טײַמענער קינאָדאָקומענטאַליסט פּאַדעל מוטלאַק איז געפאָרן אינעם פּיאָנער־לאַגער „אַרטעק“, קעדיי אַראָפּנעמען אַ פילם וועגן די אַראַבישע קינדער, וועלכע זײַנען געקומען אין אונדזער לאַנד. אין קרים האָט ער זיך געטראָפן מיט ליוואַנישע און פּאַלעסטינער קינדער, וואָס ווייסן וועגן מילכאָמע ניט לויט קינאָפילמען און ביכלעך. די דאָזיקע באַגעגעניש האָט געצווונגען דעם רעזשיסער צו ענדערן זײַנע פּלענער. אָט אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער פילם וועגן דער ייִסראָעל־אַגרעסיע אין ליוואָן.

פון די רעצענזיעס אויף דעם פילם האָט מען זיך געקאָנט דערוויסן, אַז פּאַדעל מוטלאַק האָט זיך געלערנט אין מאָסקווע באַם גרעסטן סאָוועטישן קינאָדאָקומענטאַליסט ראָמאַן קאַרמען. קאַרמענס אַ שילער! פאַר יענע, וואָס זײַנען באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער סאָוועטישער קינאָדאָקומענטאַליסטיק, איז עס די העכסטע רעקאָמענדאַציע.

פּאָפּולערקײַט אין דער וועלט האָט ראָמאַן לאַזאַרעוויטש קאַרמען דערוואָרבן מיט זײַנע רעפּאָרטאַזשן פון די פראָנטן בײַסן בירגערקריג אין שפּאַניע. שלאָפלאָזע נעכט אין מעשעך פון עלף כאַדאָשים, מעסירעסנעפעשדיקע, טויט־געפערלעכע אַרבעט... אין שפּאַניע האָט ראָמאַן קאַרמען, אַ באַוואָפנטער מיט זײַן קינאָקאַמערע, אָנגעהויבן זײַן ערשטן קאַמף קעגן פאַשיזם. נאָכדעם האָט ער פיר יאָר געשפּאַנט איבער די פראָנט־וועגן צוזאַמען מיט די שלאַכטלײַט פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. ער האָט אַראָפּגענומען פילמען הינטער מאָסקווע און אין סטאַלינגראַד, בײַס דער בלאָקאַדע פון לענינגראַד און אויפן קורסקער בויגן. איינער פון די ערשטע צווישן די קינאָ־אָפּעראַטאָרן האָט ער דערזען דעם טויט־לאַגער אָשווענטשים, וועלכן מע האָט אָקאָרשט אָפּגעשלאָגן בײַ די פאַשיסטן. ער האָט דאָקומענטירט די לעצטע שאָען פון דער גרויסער שלאַכט פאַר בערלין, דאָס אונטערשרײַבן דעם אַקט וועגן דער באַדינגונגסלאָזער קאַפּיטוליאַציע פונעם פאַשיסטישן דײַטשלאַנד. ער האָט געשאַפן אַ פילם וועגן דעם צווישנפעלקערלעכן טריבונאַל אין נירנבערג. שפּעטער — די פראָנטן אין וויעטנאַם, די סאָציאַלע שלאַכטן אין לאַטײַן־אַמעריקע. דאָס אַלץ האָט פאַרפיקסירט זײַן קינאָ־קאַמערע.

קאַרמענס לעצטער שעפערישער אויפטו איז דער פילם וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, וועלכער באַשטייט פון 20 סעריעס. אין אויסלאַנד איז ער באַוויזן געוואָרן אונטערן נאָמען „די אומבאַוווּסטע מילכאָמע“. ראָמאַן לאַזאַרעוויטש קאַרמען, דער העלד פון סאָציאַליסטישער מי, לאַורעאַט פון דער לענינישער און פון מעלוכישע פּרעמיעס, איז געווען אַ דערציִער פון אַ גרויסער צאָל קינאָדאָקומענטאַליסטן — סאָוועטישע און אויסלענדישע. ער האָט זיי געלערנט ניט בלויז די טעכניק פון אַראָפּנעמען פילמען, נאָר וויאַזוי אונטערשיידן גוטס פון בייז, קעמפן פאַר גערעכטיקײַט, האַסן דעם פאַשיזם. רעדנדיק וועגן ראָמאַן קאַרמענען, איז, גלייבן מיר, ניט איבעריק צו דערמאָנען, ווער עס איז געווען זײַן ערשטער לערער אינעם לעבן און אין דער קונסט. מיר האָבן אין זינען זײַן פאָטער, דעם באַוווּסטן זײַנערצײַט אין אָדעס שריפטשטעלער לאַזאַר קאַרענמאַן, וועלכער האָט איבערגעלאָזט פיל אינטערעסאַנטע פּראָזע־ווערק,

געשריבענע אין רוסיש, וועגן דעם שטייגער-לעבן פון דער ייִדישער אָרעמשאַפט.

אין 1905, ווען אין רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן די רעוואָליוציע און אין אָדעסער האַפן איז אַרײַן אונטער דער רויטער פאָן די אויפשטענדלערישע פאַנצער-שיף „פּאָטיאָמקין“, האָט אויף זײַן באָרט זיך אויפגעהויבן א דאַרלעכער יונגערמאַן מיט גרוי-בלויע אויגן פון א ראָמאַנטיקער. ער האָט געזאָגט די פּאָטיאָמקינצעס, אז ער איז אנציקט מיט זייער העלדנמוט און גוורע, אז ער גלייבט אינעם קויעך פון דעם האָרעפּאַשנעם פאָלק. דאָס איז געווען לאַזאַר קאַרענמאַן, דער דעמלטיקער אָדעסער אָנפאַנגער-ליטעראַט. אין 15 יאָר אַרום, בײַסן בירגערקריג, האָבן די דעניקינצעס אַרײַנגעוואָרפן קאַרענמאַנען אין טפיסע. דער אויספאָרשער האָט געזאָגט, אז אויב דער יונגער שרײַבער וועט עפנטלעך זיך אָפּזאָגן פון זײַן באָלשעוויזם, וועט ער באַפרײַט ווערן. לאַזאַר קאַרענמאַן האָט געענטפערט, אז ער איז ניט קיין מיטגליד פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, דעריבער האָט ער ניט פון וואָס זיך אָפּצוזאָגן, אָבער ער פילט מיט דעם באָלשעוויזם און וועט קעמפן פאַר אים ביז דער לעצטער מינוט פון זײַן לעבן.

אין זײַנער אַן אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג האָט ראָמאַן קאַרמען געשריבן וועגן דער צײַט פונעם בירגערקריג:

„...אויפן גאַנצן לעבן האָט זיך מיר פאַרגעדענקט אָט דער אָוונט. מיר זײַנען געשטאַנען בײַם יאַם אויף א הויכן אָפּריס, און אויפן ווײַטן רעיד האָבן שעמערירט סילועטן פון גרויסע מיליטערישע שיפן. דאָס זײַנען געווען קרייסערס — ענגלישע, פראַנצויזישע... פון צײַט צו צײַט האָבן די באָרטן פון די דאָזיקע שיפן אויפגעטרייסלט זאַלפּן פון שווערע האַרמאַטן. עמעץ האָט געזאָגט, אז מע באַשיסט פּערעסיפּ — די רויטע טרעטן אָפּ אין דער זײַט פון פּערעסיפּ, און די קרייסערס שיסן מיט זייערע שווערע האַרמאַטן איבער די אָפּטרעטנדיקע רויטע טיילן. און דעמלט איז אין מײַן קינדערשן באַוווּסטזײַן אויפגעשווומען דער געדאַנק (און עפּשער האָט עס געזאָגט מײַן פאָטער?): מיט וואָס פאַר א רעכט מישן זיי זיך אַרײַן, די פרעמדע פון אַנדערע לענדער, אין אונדזערע איניאָנים?! וואָס פאַר א רעכט האָבן זיי צו שיסן מיט זייערע האַרמאַטן איבער די אויסגעמאַטערטע, קראַנקע, פאַרווונדעטע מענטשן, וועלכע זײַנען געצוווּנגען פאַרלאָזן זייער היימשטאָט?!“

וויפל מאָל איז אויסגעקומען קאַרמענען צו פילמירן פרעמדע שיפן און פרעמדע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף אונדזערע פעלקער, פאַרניכטעט און פאַרפּײַניקט טויזנטער מענטשן בלויז פאַר דעם, וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט אויפן וועג פון א גערעכטן קאַמף, שטרעבנדיק פרידלעך צו לעבן און אַרבעטן אויף זייער אייגענער ערד?..

דער באַוווּסטער שווייצאַרישער קינאָרעזשיסער ז. לייזער האָט געזאָגט, אז קאַרמען וועט אַרײַן אין דער געשיכטע פונעם קינעמאַטאָגראַף קוידעמקאָל ווי א שעפער פון אומפאַרגעסלעכע פילמען וועגן דעם קאַמף קעגן פאַשיזם...

און אָט איצט קעמפן זײַנע שילער און די שילער פון זײַנע שילער, נעמענדיק אין די הענט קינאָ-קאַמערעס, פאַר דעם מענטשנס ווירדע, פאַר גערעכטיקייט.

אונדזער צײַט איז ווי קיינמאָל ניט פּאָליטיזירט. דאָס גלאָבאַלע פאַרניכטונגס-געווער געבירט דאָס גלאָבאַלע ניט אויפנעמען עס, רופט אַרויס א גלאָבאַלע באַדערפעניש בא די מענטשן צו נעמען דעם גוירל פון דער מענטשהייט אין די אייגענע הענט. און דאָ וואַקסט גרענעצלאָז אויס די ראָל פונעם קינאָ-אַפּאַראַט, זײַן פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער קעגנוואַרט און פאַר דעם אָוואַר.

עס וועלן דורכגיין יאָרן. א סאַך וועט זיך ענדערן אין דער וועלט. אָבער אויף אייביק, אויף אַלע צײַטן וועלן בלײַבן אינעם לויטערן ביירוטער הימל די שרעקלעכע סילועטן פון די אַעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן רויִק און מעטאָדיש געשלײַדערט באָמבעס אויף דער וווּנדערבאַרער שטאָט, אויף קינדער, פרויען און זקיינים. אויף אייביק וועט בלײַבן אין די אויערן פון דער מענטשהײַט דער געוואַלד פון די סירענעס און פון די פאַרווונדעטע מאַשינעס פון גיכער הילף, די צעקאַליעטשעטע און אָפּגעברענטע מיט פאָספאָר גופים פון זויג-קינדער. דאָס אַלץ וועט פאַרהיטן פאַר די דוירעס דער דאָקומענטאַלער קינעמאַטאָגראַף. און אַוועקלייגנדיק די דאָזיקע אומדערטרעגלעכע לאַסט אויף דער וואָגשאָל, וועט דער געריכט פונעם מענטשלעכן געוויסן זיך ציקוקן אויך צו אַן אַנדער וואָגשאָל, קעדיי זיך דערוויסן, וויאַזוי די האָרעפּאַשנע מענטשן פון ייִסראָעל האָבן זיך קעגנגעשטעלט אָט דעם אַלעם. מע דאַרף האָפן, אז די קינעמאַטאָגראַפיע וועט פאַרהיטן פאַר די דוירעס אויך די פּנעמער פון די פּאַשטעטע ייִסראָעלים, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט אונטערצוּוואַרפן זיך די פאַרברעכערישע פאַראָרדענונגען פון זייערע אָנפירער, פון די ייִסראָעלים, וועלכע האָבן אויפגעהויבן זייער שטים פאַר באַשיצן די גערעכטיקייט. אויפן XIII מאָסקווער צווישנפעלקערלעכן קינאָ-פעסטיוואַל האָט די דאָזיקע פילמען קיינער ניט געזען, אָבער מיר האָפן, מיר גלייבן, אז זיי זײַנען פאַראַן...

ליטעראַטור־ און קולטור־נײַעס

אין דער סאָוועטישער ליטע

אין ווילנע איז דערשינען א נײַע אויסגאבע פון „שיר־השירים". ווײַטער ברענגען מיר בער האלפערנס אָפּהאנדלונג וועגן דער אויסגאבע און אויך דאָס ארײַנפיר־ארטיקל פון דעם פאָלקס־פּאָעט פון ליטע, לאורעאט פון דער לענין־פרעמיע עדוארדאס מעזשעלײַטיס.

נאָך איין נײַע אויסגאבע פון „שיר־השירים"

„שיר-השירים"...

וועמענס הארץ ציטערט ניט איף פון פרייד באם דערמאָנען אָט די „ליד פון אלע לידער", אָדער, ריכטיקער געזאָגט: דאָס געזאנג פון אלע געזאנגען... „שיר-השירים" איז אנטשטאנען מיט 3 טויזנט יאָר צוריק, איר אווטאָרשאפט ווערט צוגעשריבן שלוימע האמיילעכן, האגאם עס זײַנען פאראן געניג סיבעס צו צווייפלען אין דעם, גיכער איז דער אווטאָר געווען א פאָלקסמענטש מיט א הויכער פּאָעטישער באגאבונג. וועגן דער פּאָעמע קאָן מען אָן גוזמע זאָגן: זי שטייט באם סאמע אורקוואל פין דער ליבע-פּאָעזיע אין דער אלוועלטלעכער געשיכטע פון אלע פעלקער.

„שיר-השירים" איז אי א פּאראדאָקס, אי א נעס. דער פּאראדאָקס באשטייט אין דעם, וואָס זײַענדיק דורכויס א געזאנג וועגן ערדישער ליבע, א הימן דעם מענטשלעכן גוף אין זײַן איידלסטער שטרעבונג צום לײַבלעכן גליק, און, ניט פארמאָגנדיק קיין שעמעץ פין פרומקײַט, אָדער רעליגיעזער מאָראל, איז „שיר-השירים" קאנאָניזירט געוואָרן אלס באשטאנדטייל פון די „הייליקע שריפטן". און דערפון דער נעס: זי איז אזויארום אופגעהאלטן געוואָרן און דערגאנגען ביז צו אונדזערע טעג.

וועגן דער קאנאָניזירונג פין „שיר-השירים" איז פאראן א מעסוירע. אין סאָף פונעם 2-טן יאָרהונדערט, ווען פון דער ידישער עמונע האָט זיך אָנגעהויבן אָפּשפּאלטן די לערע, וועלכע האָט שפּעטער באקומען דעם נאָמען „קריסטנטום", זײַנען אופגעקומען א סאך שריפטן פין די אָנהענגער פון דער אזויגערופענער „ידיש-קריסטלעכער" סעקטע. קעדיי אָפּגרענעצן זיך פון זיי, האָט די געזעצגעבערישע סעסיע פון די טאנאָים אין יאוונע זיך צוזאמענגעקליבן אף צו פעסטשטעלן די ענדגילטיקע רעשימע פון די „הייליקע שריפטן". די 5 ביכער פון כומעש, די „נבאים ראשנים" און די „נבאים אחרונים"[1] האָבן ניט ארויסגערופן קיין סאָפעק. אינטער א סאָפעק זײַנען געשטאנען בלויז צוויי ספאָרים: „קהלת" (קויהעלעס) און „שיר-השירים" — דער ערשטער איבער זײַן פילאָסאָפישן סקעפּסיס, וועלכער קאָן באטראכט ווערן אלס אפּיקאָרסעס, און דער צווייטער איבער זײַן וועלטלעכקײַט און עראָטישקײַט. ביידע ווערק זײַנען שליסלעך ארײַנגענומען געוואָרן אין די „הייליקע שריפטן". קויהעלעס איז געקאשערט געוואָרן צוליב זײַן אווטאָרשאפט (אויך שלוימע האמיילעד!) און צוליב זײַן פרומען סאָף: „דער אויספיר פין דעם אלעם — האָב מוירע פאר גאָט און היט אָפּ זײַנע מיצוועס, ווײַל אין דעם איז דער גאנצער מענטש".

וואָס איז שײַך „שיר-השירים", האָט זיך פאר אים אײַנגעשטעלט דער פּאָפּולערסטער רעליגיעזער פירער ר' אקיווא, דער, וואָס איז שפּעטער געגאנגען מיטן פאָלק בייס עס איז אויסגעבראָכן דער איפשטאנד קעגן די רוימער, און ער האָט באצאָלט פאר דעם מיטן לעבן.

„שיר־השירים" — פארלאג „וואגא", ווילנע, 1983. ארויסגעגעבן פאראלעל אין צוויי שפּראכן: ליטוויש און רוסיש. די רוסישע איבערזעצונג — פון אי. דיאקאָנאָוו, די ליטווישע — פון סיגיטאס געדא. צייכענונגען פון סטאסיס קראסאוסקאס. פאָרוואָרט פון עדוארדאס מעזשעלײַטיס.

[1] נעווי׳ים רישוינים, נעווי׳ים אכרוינים — די ערשטע נעווי׳ים און די שפּעטערדיקע נעווי׳ים.

לויט דער מעסורע זאָל ר׳ אַקיווא האָבן פאַר-טיידיקט „שיר-השירים" מיט פאָלגנדע ווערטער: „עס איז ניט געווען אין דער וועלט נאָך אזא גרויסער טאָג, ווי דער טאָג, אין וועלכן עס איז געגעבן געוואָרן „שיר-השירים". אויב אַלע שריפטן זײַנען קודעש — איז „שיר-השירים" קודעש-קאָדאָשים".

צוגייענדיק קריטיש צו דער מעסורע, קאָן מען עפשער געפינען אן אנדער מאָטיוו.

אנאַליזירנדיק די שירעס פון אָט דעם ליבע-געזאנג, זעט מען אין אים אײַן אַ פאָלקס-ספעקטאקל — דאָ רעדט ער, דאָ רעדט זי, דאָ רעדט דער כאָר, דה. מענטשן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר דאָס פאָלק. בעליסאָפעק איז „שיר-השירים" געווען אַ פאָלקס-ספעקטאקל מיט געזאנג, טענץ, מאסן-סצענעס. דער לעבנס-פריידיקער ספעקטאקל איז אופגעפירט געוואָרן בעשאס פאָלקס-סימכעס און איז געווען טיף אַרײַנגעדרונגען אין פאָלק, סימבאָליזירנדיק צוגעבונדנקײַט צום לעבן און שטרעבונג פאַרצווזעצן עס דורך דער סאמע פאַשעטער און סאמע דערהייבענער פאָרם — דורך ליבע. דעריבער האָבן די טאַנאָיִם ניט געוואָלט און ניט געקאָנט איבעררײַסן דעם פאָדעם פון אָט דער טראַדיציע, און זיי האָבן אַרײַנגענומען די עראָטישע פאָעמע אין די „הייליקע שריפטן".

ס׳האָט זיך געפאָדערט ניט ווייניק צוויִעס, קעדיי צו פאַרוואנדלען די ליבע-פאָעמע אין א גאָטספאַרכטיקער. נאָר וואָס-וואָס, צוויִעס איז בא די פרומאקעס קיינמאָל ניט געווען קיין דעפיציט. אָף אזא אויפן האָבן די מעלאַמדים אין גאָר דער וועלט בעמעשעך פון יאָרהונדערטער אײַנגעקנעלט צום גוטן מיט די 7—8-יאָריקע ייִנגלעך דעם „שיר-השירים". „ער — דאָס איז גאָט בארוך הו, זי — דאָס איז די קנעסעס יִסראָעל (דה. דאָס פאָלק יִסראָעל) און די ליבע, וואָס ווערט באשריבן אין דאָזיקן הייליקן סייפער, איז די ליבע פון גאָט צו זײַנע קינדער, די יִידן"...

ס׳איז א הימלשרײַענדיקע פאַרקריפלונג, נאָר אדאנק דער דאָזיקער פאַרקריפלונג איז דאָס ווערק פון ריינסטער, דערהויבנסטער פּאָעזיע אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אומקום און איז דערגאנגען צו אונדז.

די אויסגאַבע פון „שיר-השירים", וועגן וועלכער עס גייט דאָ די רייד, איז פּראַכטפול געמאַכט. פון די צאָלרײַכע רוסישע איבערזעצונגען איז גענומען געוואָרן די איבערזעצונג פון אי. דיאַקאָנאָוון, וועלכער איז נאָענט צום אָריגינאַל און צייכנט זיך אויס מיט א הויכן פּאָעטישן ניוואָ. דער איבערזעצער אָף ליטוויש, דער פּאָעט סיגיטאס געדא, האָט געאַרבעט אָפּן סמאָך פון א ווערטערלעכער איבערזעצונג פון העברעיִש, אויסנוצנדיק דערבײַ די רוסישע, פּיילישע, דײַטשישע איבערזעצונגען, ווי אויך די פריִערדיקע ליטווישע איבערזעצונגען פון דער ביבל. די סיסטעם פון ווערסיפיקאַציע, וואָס ער האָט אָנגעווענדט אין דער איבערזעצונג, איז די טאַנישע, וועלכע איז נאָענט צו דער ליטווישער ווערסיפיקאַציע. ער האָט דערבײַ דערגרייכט א ציכטיקע, קלאָרע, פּינקטלעכע און העכסט פּאָעטישע שפּראַך, אדאנק וועלכער די אַלטערטימלעכע פּאָעמע לייענט זיך ווי א מאָדערנער שעדעווער פון פּאָעזיע. ס׳איז קעדײַ אָפּצומערקן, אז דער ליטווישער איבערזעצער האָט דערשפּירט די טעאַטראַלישקײַט פון דער פּאָעמע און אויסגעטיילט די פּערזן פונעם כאָר דורך א באַזונדערן קורסיוו.

וואָס שײַעך די גראַווירן, רעדט דער נאָמען פונעם פריצײַטיק פאַרשטאָרבענעם קינסטלער קראַסאוסקאַס פאַר זיך. די צאָלרײַכע צייכענונגען, געמאַכטע אין אַלטערטימלעכן סטיל, זײַנען געקריצט מיט דער האַנט פון א דערפאַרענעם מײַסטער, און זיי האָבן א הויכע קינסטלערישע ווערט.

עס איז צו באַדויערן, וואָס דער טיראַזש פונעם בוך (20.000 עקזעמפּלאַרן) איז צו קליין.

ב ע ר ה א ל פ ע ר ן

לאָמיר צופאַלן צום ריינעם קוואַל

דער געדאנק וועגן א ליטווישן וואַריאַנט פון „שיר-השירים" — דעם שעדעווער פון דער וועלט-פּאָעזיע — איז ניט קיין נײַער. דער פריצײַטיק פאַרשטאָרבענער סטאַסיס קראַסאוסקאַס האָט שוין פונלאַנג געשאַפן ביז גאָר אָריגינעלע גראַווירן אין אַן אַלטערטימלעכן מיזרעך-סטיל, וועלכע זײַנען דערשינען אָן טעקסטן. ס׳האָט געפעלט בלויז איינס — די פּאָעטישע איבערזעצונג פונעם לידער-קראַנץ. און דאָס האָט טאַלאַנטפול אויסגעפילט דער דיכטער סיגיטאס געדא. הײַנט קאָן מען דרייסט פאַרלייגן „שיר-השירים" דעם ליטווישן לייענער, וועלכער האָט ווירקלעך ליב פּאָעזיע און באַציט זיך מיט אָפּשײַ צו די טראַדיציעס פון דער וועלט-ליטעראַטור.

איך מיין ניט, אז „שיר-השירים" נייטיקט זיך אין ספּעציִעלע קאָמענטאַרן, פאַרעדעס אָדער דערקלערונגען, — ס׳זײַנען איבערגענוג יענע, וועלכע עס גיט

דאָ דער איבערזעצער. „שיר־השירים", ווי באַליביקע עכטע פּאָעזיע, דאַרף מען נעמען אין די הענט און לייענען, און אַלץ וועט זיך אויפקלערן אַן און פאַר זיך, מעגלעך — פאַר יעדן אַף זײַן אויפן, ווי עס טרעפט געוויינלעך באַם לייענען אַ מער אָדער ווייניקער קאָמפּליצירט פּאָעטיש ווערק. אָבער דאָס איז שוין ניט אַזוי וויכטיק. דעריקער איז — דערפילן די אומשטערבלעכע שיינקייט.

„שיר־השירים" איז אַן אוראַלט ווערק פון ריינער דורכזיכטיקער פּאָעזיע, וואָס עס האָט ניט צו זיך קיין גלײַכן בעמעשעך פון עטלעכע יאָרטויזנטער. קאָמענטאַטאָרן פון די הייליקע ספאָרים און געלערנטע האָבן וועגן אָט דעם ניט גרויסן לויטן פאַרנעם ווערק געשריבן, וואַרשײַנלעך, מער, איידער מע דאַרף. אפילע דער סאַמע באַשײַמפּערלעכער עמעס פאַרבלײַבט סײַווי אַ היפּאָטעזע. די ערשטע יעדיעס וועגן אָט דער גענ:אַלער שאַפונג, ווי פיל אַנדערס אין דער געשיכטע, זײַנען פאַרשוווּנדן. אַזוי פאַרשווינדן אין די זאַמדן די שפּורן פון אַ קאַראַוואַן, פאַרשאָטענע פונעם פײַערדיק־אָנגעגליטן ווינט. קאָן מען דען אָפּזוכן איצט די דאָזיקע שפּורן? אָנצאָליקע יאָרהונדערטער זײַנען פאַרלוירן געגאַנגען אין די פינצטערע טיפענישן פון דעם אָוואַר, ווי אַ קאַראַוואַן, וועלכער האָט ניט געסטײַעט הינטער דעם גאָלדענעם האָריזאָנט פונעם מידבער. ס'איז אומעגלעך היינט פעסטצושטעלן, ווער און מיט וואָס פאַר אַ ציל האָט אַמאָל געשאַפן אַ ווערק, אין וועלכן עס האָט זיך אַזוי בוילעט אָנטפּלעקט דער געני פונעם אַלט־ייִדישן פאָלק און מיט וועלכן ס'קאָנען ביז איצט פאַרגליכן ווערן בלויז ווינציקע ווערק אין דער וועלט־ליטעראַטור פונעם זעלבן זשאַנער.

„שיר־השירים" איז אַ ספּאָנטאַנער אופרײַס פון דער נאַצי:אָנאַלער נאַטור און פון איר פּראָדוקט, וועלכן מע קאָן צוגלײַכן צו אַ באַלעבטן אָאַזיס פון די שאָטנדיקע פּאַלמעס, וואָס צי:ען צו פונדערווײַטנס אַ וואַנדערער אינעם מידבער מיט זייערע בונטע פאַרבן און זאָגן צו אָנפּויען זײַן גוף און נעשאָמע, וועלכע ווערן פאַרמאַטערט פון דאָרשט. איז לאָמיר צופאַלן צום ריינעם, ווי פרילינגדיקע שטערן, קוואַל פון אָט דעם אָאַזיס, לאָמיר אָן זאָרג זיך אוועקלייגן אין שאָטן פון די פּאַלמעס, וועלכע עס הוידעט די ברענענדיקע לופט פונעם מידבער, לאָמיר פאַרמאַכן די אויגן און דערזען אַ כאָלעם, אַ נאָך מער וווּנדערבאַרן, איידער די סאַמע שענסטע מיראַזשן אינעם מידבער. מיר וועלן זיך ניט כידעשן, אויב אונדז וועט אַרומוויקלען אויך אַ שמעקנדיקער מיט גאַניידן־עפּעלעך כאָלעם, וועלכן ס'האָבן קלוימערשט געזען די סאַמע ערשטע סימבאָלישע אין אָט דער וועלט מענטשן — ער און זי. אַלע אוראַלטע ספאָרים זײַנען אַ שפּראַך פון סימבאָלן, — האָט דאָך אויך „שיר־השירים" געקאָנט זײַן אַ שפּראַך פון סימבאָלן און אַלעגאָריעס. ווײַל דאָ שפּילן די הויפּטראָלן די זעלבע פּערסאָנאַזשן — ער און זי. און עס רײַפט דאָס סימבאָלישע גאַניידן־עפּעלע, וואָס שפּרודלט מיט געטלעכן אַראָמאַט און מיט טײַוולאָנישער קראַפט. לייענענדיק אויפמערקזאַם די דאָזיקע פּאָעמע, וועלן מיר געפינען אין איר קאָמפּאָנענטן, פון וועלכער עס ווערט געוויינלעך געשאַפן אַ ליטעראַריש ווערק — די אווטאָרישע אידיי, די לעבנספּאַבול, די סוזשעט־ראַמען, די כאַראַקטעריסטישע הויפּט־העלדן.

אַ מיידל פון וווּנדערבאַרער אַנטישער שיינקײַט, וועלכע האָט געפּאַשעט אַ סטאַדע שאָף ניט ווײַט פון אַ ווײַנגאָרטן, האָט דאָרט באַגעגנט אַ פּאַסטעך און זיך פאַרליבט אין אים מיט אַ ליבע, וואָס איז געגליכן לויט דער לײַדנשאַפט צו דער ליבע פון דער דיכטערן סאַפּפאָ, און זי איז אַרײַנגעפאַלן אין קיניגלעכן האַרעם (עפּשער אין איינעם פון שלוימע האַמיילעכס, און עפּשער ניט, אָבער טאַקע אין אַ קיניגלעכן). מע קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער נעשאָמע פון אָט דעם געזונטן, ווי די פּרוכט פון אַ גראַנאַט, פון אָט דעם ציטערנדיקן, ווי אַ ווילדער הירש, פאַרברוינטן פון דער אַפריקאַנישער זון, בראָנזענעם מיידל, — וואָס עס איז פאָרגעקומען אין איר נעשאָמע, דער איבערגעפולטער מיט ליבע, בענקשאַפט און ווייטעק. פון אַזאַ ליבע, פון אַזאַ ווייטעק ווערט טאַקע געבוירן פּאָעזיע. די געפאַנגענע פונעם האַרעם סילעוועט אָן ווערטער וועגן איר ליבע און בענקשאַפט, ווי יאַגעדעס אַף אַ שטענגעלע — אַף אַזאַ אויפן אַנטשטייען באַזונדערע שורעס, פראַזעס און סטראָפעס פון דער, וואָלט זיך געדוכט, ניט קאָמפּליצירטער אידיליע, זיי ווערן אויסגעבויט אין אַ סוזשעט־קאָנסטרוקציע, וועלכע מע וואָלט געקאָנט אָנרופן פּאָעמע, פּיעסע אָדער אפילע ראָמאַן.

די האַנדלונג פונעם ראָמאַן, ווי מיר פאַרשטייען אים, שטײַגט איבער לויט איר שיינקײַט אפילע די האַנדלונג פון „דאַפניס און כלאָיע". איך האָב אַ טאָעס געהאַט, ווען כ'האָב געזאָגט „סטראָפעס פון ניט קיין קאָמפּליצירטער אידיליע", אינדערעמעסן איז די אידיליע אַ גאַנץ קאָמפּליצירטע. ווײַל היינטערן טעקסט פון אָט דער פּאָעמע אַנטפּלעקן זיך אונטערטעקסט־רוימען, וועלכע זײַנען געגליכן

צו סאכארע. עס עפענען זיך דאָ אומבאגרענעצטע
ראַכוועסן און אומענדלעכע ווײַטן פאר טרוים, פאַנ־
טאזיע, אסאָציִאַציעס, זיי שוועבן, ווי בלויע פלאַטער־
לעך אין אַאזיסן, אין דער רויטער לופט פונעם מידּ־
בער. וואנדער איבער די דאָזיקע ראַכוועסן פונעם
אונטערטעקסט, וויפל דאָס הארץ גלוסט, לאָז זיך
אַרײַן אין די טרוימען אזוי ווײַט און אזוי טיף,
ווי עס ווילן דיך לאָזן די טיפע כאלוימעס פון
דײַן באַוווּסטזײַן. אזא ראַכוועס פאר אסאָציִאַ־
ציעס עפנט זיך הינטער אָט דעם לאַקאָנישן,
קינסטלעך־פּאַרפּולקומטן, פּאָעטישן טעקסט. ער איז
אינגאנצן, ווי א קרעפטיקע פּרוזשינע: גיב זי א
ריר — און זי וועט זיך א ריס טאָן צום בלויען קר־
פּאָל פונעם הימל. ,

דער טעקסט, אויב אופמערקזאמער זיך צוקוקן צו
זײַן מעטאַפאָרישן געמעל, וועט זאָגן ניט ווייניקער,
איידער זײַנע אונטערטעקסט־טיפענישן. לאָמיר אופ־
מערקזאם מאכן אף דער ארכיטעקטאָניק און אף די
געקלעפּטע מעטאַפאָרן: ווי פיל עקזאָטישע בלומען
און פּרוכטן! און וואָס סימבאָליזירן זיי, אויב ניט
דעם פרילינג פון דער בליִענדיקער יוגנט און דעם
הארבסט פון רײַפקײַט? אָט די גאנצע מעטאַפאָריס־
טיק — דאָס איז א דורכזיכטיקע אָנצוהערעניש אפן
אופבלי פונעם ליבע־געפיל, וועלכער דערמאָנט אין
דער פרילינג־צײַט, ווען עס צוויטען די סעדער, אן
אָנדײַט אף איר רײַפקײַט, וואָס רופט ארויס אין זי־
קאָרן די צײַט פון זומערדיקער און הארבסטיקער
פּרוכטבארקײַט. דאָס איז א סימביִאָז פון דעם לײַכט־
זיניקן עראָס און פון דער זאָרגזאמער קיניגן פון
פּרוכטבארקײַט פּארסעפאָנע, און עפשער פון זייער
בונד.

די אָרנאמענטיק פון די סימבאָלישע און אלעגאָ־
רישע מעטאַפאָרן, וועלכע פילט דאָ אויס די פונקציע
פון א פּאָעטישער פאָרם, איז טאקע די סאמע וווּנ־
דערבארע זײַט פון דער פּאָעמע. דאָס איז ניט קיין
אָרנאמענטאלע דעקאָראַציע, ניט קיין פאָרם, נאָר
סימבאָלן פון א לעבעדיקן געפיל.

וווּנדערבאר איז אויך די קינדעריש־ריינע, אויי־
סערגעווייִנלעך־נאַיִווע אטמאָספער, וועלכע וויקלט
ארום, ווי א מיראַזש אין א מידבער, די גאנצע פּאָע־
מע. עמעס, די סימבאָלישע העלדין פון אָט דער פּאָ־
עמע רופט אקשאָנעסדיק איר געליבטן אין איר
„ווײַנגאָרטן“, זי זאָגט צו אריבערגיסן אין זײַנע
אָדערן די גאנצע זיסקײַט פון איר ליבע. די דאָזיקע
עראָטישע אָנצוהערענישן ווערן ארויסגעזאָגט מיט
אזא טאקט און אזוי נאטירלעך, אז עס רופט ניט
ארויס קיין שום פּראָטעסט. אגעוו, די עראָטישע סי־
טואַציע, אין וועלכער עס אנטפּלעקט זיך אף אן אק־
טיוון אויפן די נאטור גופע — דאָס איז דען ניט די
גרעסטע הייך פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ?
צי ניט די דאָזיקע, וואָלט זיך געדוכט, געדאָניסטי־
שע, אָבער אינדערעמעסן קאטעגאָריש דיקטירטע
דורך דער עצעם נאטור סיטואַציע, דערמעגלעכט
אונדז ניט איבערצורײַסן אף דער ערד דעם גאָלדע־
נעם פאָדעם פונעם לעבן? און צי ניט דערפאר
איז דער געפיל פון ליבע א הייליקער געפיל? מיס־
טאמע איז איבער אָט דער סיבע דער שעדעווער פון
ליבע־לירי, וואָס איז אבסאָליוטיזירט געוואָרן אין
די אוראלטע צײַטן, ארײַנגעפאלן אין דער צאָל פּי־
לאָסאָפישע, ריטואלע, שטייגערישע, און דערמיט גו־
פע אין דער צאָל קאנאָניזירטע ביכער. און דאָס איז,
פארשטייט זיך, א גלענצנדיקער דערפאָלג. אויב די
דאָגמאטיקער וואָלט געלונגען אויסצושטרײַכן די דאָ־
זיקע פּאָעמע פון די קאנאָניזירטע טעקסטן, וואָלט
געווען א ספק, צי מיר וואָלטן הײַנט געקאָנט
האנאָע האָבן פון דער פּאָעטישקײַט פון אָט דעם
ווערק. גיכער פאר אלץ וואָלט די דאָזיקע פּאָעמע
פארפאלן געוואָרן, פונקט ווי א סאך אנדערע, וועל־
כע זײַנען אף אייביק אנטרונען אינעם כאשכעס פון
יאָרהונדערטער: צופיל אכזאָריעסדיק, אומבעראכמאָ־
נעסדיק איז דער ווינט פון די מידבאָריעס אין דער
קולטור! און ס׳א גליק, וואָס קעסיידער געפינען זיך
מענטשן, וועלכע שטעלן זיך אקשאָנעסדיק אקעגן
דעם דאָגמאטישן דענקען, דער גײַסטיקער אינקווי־
זיציע, מיט איין וואָרט, דער עראָזיע פון דער קול־
טור. אף אזא אויפן האָט מען אין 17 יה. פון אונד־
זער ערע געראטעוועט פון פארניכטונג אויך „שיר־
השירים“.

די וויסנשאפט, וואָס שטרעבט אף קאָלערליי אוי־
פאנים עפּעס־וואָס קאָמענטירן, אויסקלאָרן און אופ־
קלערן, האָט פיל מאָל דורכשטודירט אף איר אויפן
די בלעטלעך פונעם פארגעלטן מאנוסקריפּט. אף אן
אנדער אויפן, אינגאנצן אנדערש לייענען אָט דעם
מאנוסקריפּט געוויינלעכע אויגן. די וויסנשאפט האָט
אויך פארקאָמפּליצירט די קאָמענטארן צו „שיר־
השירים“. נו, אין דעם באשטייט דאָך דער סאָד
און דער כיווו פון דער וויסנשאפט. א גרויסער שאָד.
זי האָט ארויסגענומען פון דער פּאָעמע אירע העלדן:
עס זײַנען ארויסגעפאלן פון איר די נעמען סײַ פון
שלוימע האמיילעך, סײַ פון דער הויפּט־העלדין, שור־
לאמיס. איצט באגעגענען מיר זיך מיט א געוויינלע־
כער אײַנוווינערן פונעם יִשעוו שונעם. און ס׳איז
שוין, צום באדויערן, ניט דאָס, וואָס שולאמיס. ווײַל
די דאָזיקע גאנצע געשיכטע איז ניט מער, ווי אן
אויסטראכטעניש — א לעגענדע, א מיטאָס. און יעט־
ווידע לעגענדע, ווי באַווּסט, וואקסט ארום מיט דער
צײַט מיט היסטאָרישע אָנשיכטונגען, מיט פלאסטן
פון ריין מענטשלעכער דערפינדערישקײַט. צי לוינט
אראָפּנעמען די דאָזיקע אָנשיכטונגען? אזעלכע ווערק,
ווי „שיר־השירים“, דארף מען לייענען ניט מיטן
קאָפּ, נאָר מיטן הארצן. פארן הארצן זײַנען זיי גע־
שאפן געוואָרן, מיטן הארצן דארף מען זיי לייענען.
איך מיין, אז גראָד אזוי וועט דורכלייענען די דאָזיקע
פּאָעמע דער ליטווישער לייענער. ער וועט זי דורכ־
לייענען אזוי, ווי זי איז אָנגעשריבן. און אין איר
איז פאראן אזויפיל פּאָעטישע ריינקײַט, אז זי שע־
מערירט מאמעש, ווי דער בונטער דימענט אין דער
קרוין פון שלוימע האמיילעך.

עדואַרדאס מעזשעלײַטיס

כראָניק

דער יוביליי פונעם זשורנאַל „טיעמפּאָ"

אין בוענאָס־איַרעס, אינעם לאָקאַל פון דעם טעאַטער „אַסטראַל", איז פאָרגעקומען אַ פיַיערלעכע פאַרזאַמלונג פון דער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכקיַיט לעקאָוועד דעם 15־יאָריקן יוביליי פונעם כוידעש־זשורנאַל „טיעמפּאָ" — אָרגאַן פונעם אַרגענטינער „איקוף" אַף דער שפּאַנישער שפּראַך. אַף דער פאַרזאַמלונג זיַינען אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס פאָרשטייער פון פאַרשיידענע קולטור־אַנשטאַלטן, דערונטער די רעדאַקטאָרן פון „טיעמפּאָ" כוליאָ שווערדפינגער און רוווען סיניַי.

דער זשורנאַל דערשיַינט רעגולער טראָץ אַלע מאַטעריעלע שוועריקיַיטן און ניט קוקנדיק אַפן קאָמפּליצירטן פּאָליטישן מאַצעוו אין אַרגענטינע. דער יוביליי פון „טיעמפּאָ" איז אַ יאָמטעוו פונעם גאַנצן פּראָגרעסיוון אַרגענטינער יִדישן יִישעוו.

גרוזינישע וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציע אין טשופוט־קאַלע

דער מיזרעכקענטעניש־אינסטיטוט אַפן נאָמען פונעם אַקאַדעמיקער ג. צערעטעלי בא דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון דער גרוזינישער סְסר אָרגאַניזירט רעגולער, שוין אין מעשעך פון עטלעכע יאָר, עקספּעדיציעס אַף צו זאַמלען דענקמעלער פון דער עפּיגראַפיק אַף מיזרעך־לעשוינעס, דערונטער אַף העברעיִש.

אינעם האָריקן סעזאָן האָט אַן עקספּעדיציע פונעם אינסטיטוט געאַרבעט אין טשופוט־קאַלע (קרים, לעבן באַכטשיסאַריַי), פאָרשנדיק די אופשריפטן אַף די מאַציייוועס פונעם אַלטן קאַראַיִמישן בעסוילעם. אָנפירער פון דער עקספּעדיציע איז דער עלטערער וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט, קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן ניסאַן באַבאַליקאַשווילי, דער מעכאַבער פון אַ גאַנצער ריי אַרבעטן אין געביט פון דער העברעיִשער עפּיגראַפיק.

די גרוזינישע וויסנשאַפטלער שטעלן זיך אַ ציל צונויפצוזאַמלען דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס איז דאָ אָפּגעהיט. לויט דער מיינונג פון ניסאַן באַבאַליקאַשווילי, זיַינען די אופשריפטן ניט בלויז אינטערעסאַנט פאַר דער העברעיִשער עפּיגראַפיק, נאָר אַלס זעלבשטענדיקע ליטעראַרישע מיניִאַטיור־ווערק. „די פּובליקאַציע פון די טשופוט־קאַלער עפּיטאַפיעס וועט געבן דער געשיכטע פון דער העברעיִשער שפּראַך ניַיע קוואַלן", — האָט דערקלערט ניסאַן באַבאַליקאַשווילי.

אינפאָרמאַציע פאַר די ליבהאָבער פונעם יִדישן בוך

„אַנטאָלאָגיע פון דער יִדישער פּראָזע און פּאָעזיע אין ליטע"

דערווילנער מעלוכע־פאַרלאַג פאַר קינסטלערישער ליטעראַטור „וואַגאַ" איז צוגעטראָטן אַרויסצולאָזן אין דער ליטווישער שפּראַך אַ פונדאַמענטאַל ווערק — „אַנטאָלאָגיע פון דער יִדישער פּראָזע און פּאָעזיע אין ליטע". כראָנאָלאָגיש נעמט דער בוך אַרום דעם פּעריִאָד פונעם אָנהייב 19 יאָרהונדערט ביזן 1941 יאָר. ס'איז געשאַפן געוואָרן אַ היפּשע גרופּע איבערזעצער פון יִדיש אַף ליטוויש. די אַנטאָלאָגיע וועט אַרויסגיין אין 2 בענדער, דער פאַרנעם פון יעדן באַנד — 400 זיַיטן (45 דרוקבויגן).

אין אַן אויספירלעכער האַקדאָמע וועט דערציילט ווערן וועגן דער יִדישער ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין ליטע אין 19־טן און אין די ערשטע יאָרצענדליקער פונעם 20־טן יאָרהונדערט.

די אויסגאַבע וועט זיַין רײַך איליוסטרירט מיט רעפּראָדוקציעס פון ליטוויש־יִדישע קינסטלער און מיט פּאָטאָגראַפיעס פון די שריַיבער.

דער צונויפשטעלער פון דער אַנטאָלאָגיע איז אַן אַספּיראַנט פון דער קאַטעדרע פאַר ליטווישער ליטעראַטור אין דעם ווילנער מעלוכע־אוניווערסיטעט עמאַנועליס זינגעריס, וועלכער גרייט איצט זיַין קאַנדידאַט־דיסערטאַציע אַף דער טעמע „ליטוויש־יִדישע ליטעראַרישע פאַרבינדונגען".

די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" גיט דאָ די מעגלעכקיַיט דעם צונויפשטעלער זיך ווענדן צו אַלע די, וואָס פאַרמאָגן זיכרוינעס, אינפאָרמאַציעס, פּאָטאָגראַפיעס און אַנדערע מאַטעריאַלן וועגן די יִדישע שריַיבער און קינסטלער פון ליטע, זיי זאָלן אַרויסשיקן עס אַף דער קאַטעדרע פון דער ליטווישער ליטעראַטור אין דעם ווילנער מעלוכע־אוניווערסיטעט (אויב ס'וועט זיַין אַזאַ פאַרלאַנג, זיַינען די קאַטעדרע און דער פאַרלאַג „וואַגאַ" גרייט אומצוקערן די צוגעשיקטע מאַטעריאַלן).

דער אַדרעס: Литовская ССР, г. Вильнюс, ул. Университето, 3, филологический факультет, кафедра Литовской литературы, составителю антологии «Поэзия и проза еврейских писателей Литвы» Эммануэлису Зингерису.

וויאַזוי איז אנטשטאַנען דער אַלעפבייס און די שריפט

ווען מיר לייענען א בוך, לייגן מיר געוויינלעך ניט קיין אכט אף די בוכשטאבן — די צייכנס, וועלכע גיבן אונדז די מעגלעכקייט צו פארשטיין דאָס אָנגעשריבענע. מיר שטעלן זיך ניט קיין פראגע, וואָס עס איז אזוינס שריפט, פונוואנען האָט זי זיך גענומען. ווי אנדערע קולטורעלע דערגרייכונגען, האָט אויך די שריפט איר לאנגע און אינטערעסאנטע געשיכטע. צוזאמען מיטן ריידן שטעלט זי מיט זיך פאָר איינס פון די שטארקסטע מיטלען, אדאנק וועלכע דער מענטש קאָן קלאָר און דײַטלעך אויסדריקן זײַנע געדאנקען. די שריפט האָט טאָמיד געדינט און דינט איצט אויך אלס וויכטיק געווער פון דער מענטשלעכער קולטור.

אויב מיר וועלן פארגלײַכן דאָס שרײַבן מיטן ריידן, דארפן מיר אָפּמערקן דעם וויכטיקן און אויסשליסלעכן איבערוואָג פון שרײַבן מיט דעם, וואָס דאָס שרײַבן דריקט ניט נאָר קלאָר אויס אונדזערע געדאנקען, נאָר פארפעסטיקט זיי אף א לאנגער צײַט. אן ארויסגעזאָגטער געדאנק פארגעסט זיך, א פארשריבענער בלײַבט אומגעענדערט, ביזוואנען עס פארבלײַבן די שריפט־צייכנס, דורך וועלכע דער געדאנק איז געווען אויסגעדריקט.

די שריפט איז א זיכער מיטל צו פארבינדן מענטשן צווישן זיך. זי פארייניקט אלערליי לענדער און פעלקער פון דער איצטיקער צײַט און פון די סאמע ווײַטסטע דוירעס.

צוקוקנדיק זיך צום לעבן פון די הײַנטצײַטיקע קולטורעלע פעלקער, זעען מיר, אז די שריפט און די קולטור זײַנען אזוי ענג פארבונדן צווישן זיך, אז איינס אָן דעם אנדערן איז אומעגלעך זיך פאָרצושטעלן. וויסנשאפט, קונסט, ליטעראטור, עקאָנאָמיק, פּאָליטיק — דאָס אַלץ שטעלט מיט זיך פאָר א קאָלאָסאַל גרויסן סכום דערפארונג און אינפאָרמאציע. זיי פאָדערן א פינקטלעכן און באשטימטן אויסדרוק, וואָס קיין מענטשלעכער זיקאָרן וואָלט עס ניט געקאָנט אופהיטן און פארהאלטן פינקטלעך און אומגעענדערט. די שריפט אָבער גיט א מעגלעכקײַט ניט נאָר פארהיטן די גאנצע קולטור־יערושע, נאָר אין דער זעלבער צײַט אויך גרינג און פרײַ פאנאנדערקלײַבן זיך אין איר, אָפּזוכן און נעמען דאָס, וואָס איז נייטיק אין געגעבענעם פאל.

דעם אָנהייב פון דער שריפט, איר ערשט דערשײַנען אף דער וועלט דארפן מיר צורעכענען צו דער ווײַטער פארהיסטאָרישער צײַט. די וואָרצלען פון די איצטיקע שריפטן גייען אוועק צו די געמעלן פונעם אורהאלטן מענטשן. אייניקע אזעלכע געמעלן, וועלכע זײַנען לעכאטכילע עפשער אָנגעצייכנט געוואָרן צופעליק, פלעגן ווערן דערנאָך סימבאָלן, וואָס אנטהאלטן אין זיך א באשטימטן זין. די דאָזיקע צייכנס געפינען מיר קימאט בא אלע שוואָטים.

אפילע די קולטורעלע פעלקער פונעם אורהאלט האָבן זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, אז די שריפט איז א דערפינדונג פון דעם מענטשלעכן סייכל. זיי האָבן זי געהאלטן פאר א „מאַטאָנע פון די געטער”.

דער מענטש האָט זיך אויסגעלערנט מאָלן געגנשטאנדן, און מיט דער הילף פון אָט די געמעלן פלעגט ער זיך פרווון אויסדריקן זײַנע געדאנקען. אזוי, אשטייגער, האָט זיך דער געדאנק, אז עמעצער איז געהארגעט געוואָרן דורך א בוים, אויסגעדריקט אין א געמעל פון א ליגנדיקן מענטשן און אף אים א געפאלענעם בוים. מיט דער הילף פון געמעלן האָט מען געפרווט איבערגעבן אויך אבסטראקטע באגריפן. וועגן קויעך האָט מען געמאָלדן, מאָלנדיק א לייב, א העלפאנט, ווײַל די כײַעס זײַנען די טרעגער פון דעם באגריף. די דאָזיקע שריפט הייסט פיקטאָגראפיע. אין די שפּעטערדיקע צײַטן האָט די פיקטאָגראפיע זיך אנטוויקלט אין פאָלגנדיקע ריכטונגען: ערשטנס, האָט מען די צייכענונגען גענומען מאכן מער סכעמאטיש און באדינגלעך; צווייטנס, האָט מען די צייכענונגען אָנגעווענדט פאר מער אבסטראקטע און קאָמפּליצירטע דערשײַנונגען. אזוי איז אופגעקומען א נײַער עטאפּ אין דער אנטוויקלונג פון דער שריפט־שפּראך — די אידעאָגראפיע (הירעאָגליפן).

אידעאָגראפיע באשטייט דערין, וואָס יעדער באזונדערער געגנשטאנד אָדער באגריף ווערט אויסגעדריקט מיט א געהעריקן באדינגלעכן צייכן. אשטייגער, קעדיי באצייכענען דעם באגריף „הערשאפט”, פלעגט מען אין מיצראַים אָנמאָלן א בײַטש.

אין דער וויסנשאפט זײַנען די אידעאָגראפישע שריפט־סיסטעמען גרינטלעך דערלערנט. די מער באוווּסטע פון זיי זײַנען פאָלגנדיקע:

1) די מיצרישע שריפט. זי איז געווען פֿאַרשפרייט, אָנהייבנדיק פונעם מיטן פון IV יאָרטויזנט פאַר אונדזער ערע. די מיצרים פלעגן ניצן צווייערליי שריפטן: היִעראָגליפן און קורסיוו.

2) די שומערישע שריפט. זי איז געווען אָנגענומען בײַ די מעסאָפּאָטאַמער פונעם III יאָרטויזנט פאַר אונדזער ערע. דערנאָך האָבן זיך מיט איר געניצט אויך אייניקע פעלקער פון קליין־אַזיע און פון אַנדערע ערטער. די צייכנס פון דער דאָזיקער שריפט האָבן אין פּראָצעס פון זייער אַנטוויקלונג אַלץ מער און מער פאַרלאָרן זייער געמעל־פאָרם און זײַנען געוואָרן ענלעך צו פאַרשיידענע פלעקלעך. דעריבער רופט מען זי פלעקל־שריפט.

3) די כינעזישע שריפט. זי איז אויפגעקומען מיט צוויי טויזנט יאָר פאַר אונדזער ערע און איז אַדהײַעם דאָס וויכטיקסטע פאַרקער־מיטל בײַ דער כינעזישער באַפעלקערונג.

די אידעאָגראַפיע האָט אָבער גרויסע כעסרוינעס: עס איז זייער שווער זי צו פאַרגעדענקען און זי איז ניט גענוג בייגעוודיק. דאָס האָט געבראַכט צום אויפקום פון דער פאָנעטישער (קלאַנגלעכער) שריפט.

דער פּרינציפּ פון קלאַנגען־שריפט איז אויסגעדריקט געוואָרן דורך דער אַקראָפאָנעטישער סיסטעם. דאָס הייסט: פון דעם געמעל אָדער היִעראָגליף איז גענומען געוואָרן דער ערשטער קלאַנג פון דעם אַנטשפּרעכיקן וואָרט.

די מיצרישע פאָנעטישע שריפט האָבן פאַרפולקומט די פיניקייער — אַ סעמיטישע פעלקערשאַפט, וועלכע איז געווען לויט דער שפּראַך זייער נאָענט צו די אוראַלטע ייִדן. די פיניקייער האָבן געהאַט היפּשע שיכטן סאָכרים, וועלכע האָבן זיך געניייטיקט אין אַ ווייניקער קאָמפּליצירטער, מער צוגענגלעכער שריפט. זיי האָבן די צאָל צייכנס פונעם אַלעפבייס דערפירט ביז צוויי און צוואַנציק און געמאַכט זיי פיל איינפאַכער.

דער אַלטסעמיטישער אַלעפבייס, וועלכער איז באַוווּסט פונעם XIII יאָרהונדערט פאַר אונדזער ערע, האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אַף דער קולטור פון אַ היפּשן טייל פון דער מענטשהײַט, ווײַל פון אים זײַנען דירעקט אָדער אומדירעקט אַנטשטאַנען פיל אַלעפבייסן — דער אַראַמעיִשער, העברעיִשער (ייִדישער), אַראַבישער, גריכישער, אַרמענישער, גרוזינישער, לאַטײַנישער, סלאַוויש־רוסישער אאַוו. מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס מע קאָן געפינען געמיינזאַמס אין יעסאָד פון דעם סעמיטישן (העברעיִשן) אַלעפבייס מיט אַנדערע. אַשטייגער, דער סלאַווישער אָס «Щ» איז ענלעך אַפן העברעיִשן „ש", וועלכער איז גענומען געוואָרן פון דעם ערשטן קלאַנג אינעם וואָרט שן — שנים (שיין — שינאַיִם), וואָס באַטײַט — ציין, ציינער. דער העברעיִשער אָס „ב" און דער סלאַוויש־רוסישער «Б» באַווײַזן דעם צייכן פון אַ שטיבעלע מיט אַ דעכל. דאָס קומט פון דעם העברעיִשן שוירעש — בית — אַ שטוב (באַיִס). דער סלאַווישער אָס «M» און דער העברעיִשער „מ", „ם" באַווײַזן צוויי ברעגן פון אַ טײַך און די שטראָם־ריכטונג (מים — מאַיִם — וואַסער).

אַרום דער פראַגע פונעם ערשטן אַלעפבייס האָלט מען בײַ הײַנטיקן טאָג פאַר וויסנשאַפטלעך פעסטגעשטעלט פאָלגנדע פאַקטן: 1) אַלע איצטיקע אַלעפבייסן פון דער וועלט זײַנען געבונדן צווישן זיך מיט איין קרוווישער קייט, אַזוי אַז מע קאָן רעכענען, אַז אַלע שטאַמען אָפּ פון איין אַלעפבייס. 2) דער עלטסטער דענקמאָל פון דער אַלעפבייס־שריפט, וועלכער איז ביז אַהער אַנטדעקט געוואָרן, איז די אויפשריפט פון „מעשע", דעם מיילעך פון מויאָוו. די שפּראַך פון אָט דעם אויפשריפט איז זייער נאָענט צו דער שפּראַך פון די אוראַלטע ייִדן און געהערט צום IX יאָרהונדערט פאַר אונדזער ערע.

די אוראַלטע סעמיטן האָבן געלייגט אין גרונט דעם פּרינציפּ פון דער אַלעפבייס־שריפט. זיי האָבן פון דער גאַנצער מאַסע עגיפּטישע שריפט־צייכנס אויסגעקליבן די, וועלכע האָבן זיך אויסגעוויזן פאַר די סאַמע פּאָשעטע און באַקוועמע. און גענומען האָבן זיי אַזויפיל צייכנס, וויפל זיי האָבן באַדאַרפט, קעדיי אויסדריקן אַלע קלאַנגען פון דער העברעיִשער שפּראַך, און צוגעפּאַסט זיי צום שרײַבן.

פונעם נאָענטן מיזרעך האָט זיך די אוראַלטע סעמיטישע שריפט־סיסטעם פאַרשפּרייט איבער דער וועלט, און פון אים זײַנען אַרויסגעקומען זעלבשטענדיקע אַלעפבייס־מישפּאָכעס: סעמיטישע, איראַנישע, אינדוסישע און אייראָפּעיִשע (גריכיש־איטאַלישע).

די פיניקייער זײַנען געווען די ערשטע פאַרשפּרייטער פון דעם דאָזיקן אַלעפבייס. דאָס איז געווען אַ פאָלק, וואָס האָט געלעבט אַפן מיזרעכדיקן ברעג פונעם מיטללענדישן יאַם. זיי זײַנען געווען באַוווּסט אין אוראַלט ווי אויסגעצייכנטע יאַם־שווימער און אַלוועלטלעכע הענדלער.

די גריכן האָבן אײַנגעפירט באַזונדערע אויסיִעס פאַר וואָקאַלן, אין דער צײַט, ווען די העברעיִשע שפּראַך האָט אַזעלכע אויסיִעס־וואָקאַלן ניט געהאַט. די גריכן האָבן איבערגעלאָזט די נעמען פון סעמיטישע אויסיִעס. אַזוי, אַשטייגער, איז די אָרדענונג פון דעם העברעיִשן אַלעפבייס: א — אַלעף — אַן אָקס; ב — בייס — אַ שטוב; ג — גימל — אַ יאָך; ד — דאַלעד — אַ טיר אאַוו. בײַ די גריכן האָבן די זעלבע אויסיִעס געהייסן: אַלפאַ, בעטאַ, גאַממאַ, דעלטאַ אאַוו., כאָטש אין גריכיש זײַנען אַזעלכע ווערטער ניטאָ. ס׳איז אויך איבערגעלאָזט געוואָרן די זעלבע אָרדענונג פון די אויסיִעס, ווי אין דעם העברעיִשן אַלעפבייס.

אַפן יעסאָד פונעם גריכישן אַלעפבייס זײַנען אויפגעקומען די פאַרשפּרייטסטע אין דער הײַנטיקער וועלט אַלעפבייס־סיסטעמען, די לאַטײַנישע און די סלאַווישע.

כ. זײַען

די פּאַטשט פון סאָוועטיש היימלאַנד 1984

פאַר אַלע פאַראַנטוואָרטלעך

די פּאַטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז בעעמעס אַן אומויסשעפּלעכע. אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן באַרירן אין זייערע בריוו פאַרשיידנאַרטיקע פּראַגן, וואָס האָבן אַ שייכעס ניט נאָר צו ליטעראַטור און קונסט — ניט בלויז צום אָפּגעשפּיגלטן אין זיי לעבן, נאָר צו דעם לעבן גופא, צו די קאָמפּליצירטע, צומאָל דראַמאַטישע פּראָצעסן, וועלכע קומען אין אים פאָר. דאָס איז אַ פרייִדיקע, געזעצמעסיקע דערשיַינונג, אַ באַווײַז, אַז די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור ביכלאַל און דער זשורנאַל ביפּראַט זײַנען אָרגאַנישע באַשטאַנדטיילן פון דער גײַסטיקער קולטור פונעם פאָלק.

אַלעמאָל, לייענענדיק די בריוו אין רעדאַקציע, איבערצײַגן מיר זיך, אַז זייערע אַווטאָרן זײַנען מענטשן, וועמען ס'איז ביז גאָר טײַער דער גורל פון דער וועלט און, פאַרשטייט זיך, פון זייער סאָציאַליסטיש היימלאַנד. אָט דער געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקײַט איז איצט באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר די בריוו, וואָס קומען אָן אין זשורנאַל.

דער אָנטיילנעמער פונעם פאָטערלענדישן קריג, אונדזער לייענער לייב קווישמאַן, וועלכער וווינט אין אַלמא-אַטא, מערקט אָפּ אין זײַן בריוו, אַז אין דער אופגערודערטער קאַפּיטאַליסטישער וועלט, ווו די אימפּעריאַליסטן צעבלאָזן אַן אַנטיסאָוועטישע היסטעריע, הערן זיך ווידער בוילעט די קוילעס פונעם ציִעניזם. די דאָזיקע ווילדע גוואַלד-געשרייען מוז מען זיך קעגנשטעלן — „לעשן די קנייטלעך, וואָס אונדזערע פאַרביסענע פײַנט לייגן צו צו דער אַנטיסאָוועטישער העצע". לייב קווישמאַן ווענדט זיך צו די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער מיט אַ באַקאָשע, זיי זאָלן שאַפן הויכקינסטלערישע ווערק, געווידמעטע דעם געראַנגל פאַר פרידן אויף דער וועלט. צווישן אַנדערס טיילט ער מיט, אַז ער אַליין, זײַן ווײַב און די קינדער — אַלע האָבן באַקומען הויכבילדונג, זיי זײַנען אינזשעניערן, אַרבעטן ערלעך און לעבן פאַרמעגלעך און גוטע, מיט אַלע באַקוועמלעכקײַטן, דירעס, אויסגעשטאַטע מיט מאָדערנע מעבל. די אייניקלעך לערנען זיך אין מיטלשולן און אינסטיטוטן, באַקומען סטיפּענדיע.

ער, לייב קווישמאַן, פאַרשטייט, אַז אויסבעטן פרידן בײַ די אימפּעריאַליסטן און מיליטאַריסטן איז אוממעגלעך. גאָר אַן אַנדער זאַך איז — אויסקעמפן. ער וויל ניט, אַז זײַנע קינדער און אייניקלעך זאָלן ווערן פראָנטאָוויקעס, אָבער אויב קיין אַנדער אויסוועג וועט ניט זײַן, וועלן זיי פאַרטיידיקן זייער היימלאַנד. ער, לייב קווישמאַן, איז פּערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, אַז די וועלט זאָל בלײַבן אַ וועלט, ניט קיין קופּע אַש. רעדנדיק וועגן די רעאַקציאָנערע קונצעס, שטרײַכט ער אונטער, אַז דער ציִעניזם איז שטענדיק געווען און איז אויך איצט אַ דאָם-סוינע פון די סאָוועטישע ייִדן. „אָבער מיר, וועטעראַנען, געדענקען, מיט וועמען מיר האָבן צו טאָן. און אונדזער כיוו איז ניט דערלאָזן, אַז די פאַרביסענע סאָנים אונדזערע זאָלן פאַרדולן דעם קאָפּ דער יוגנט". ער זאָגט אַרויס אַ ווונטש, אַז דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" זאָל פאַרשטאַרקן זײַן אידעאָלאָגישן געראַנגל מיט אונדזערע קעגנער.

די זעלבע היסכײַוועסן פאַר דער צוקונפט האָבן אויפגערופן עליִע גאָרשקאָווס זיכרוינעס. ער איז שוין אַן עלטערער מענטש, אַ טוישעוו פון איוואַנאָ-פראַנקאָווסק. יונגערהייט האָט ער געלעבט אין אָדעס. דער גורל האָט אים דאַן אוועקגעשטעלט פּאָנעם-על-פּאָנעם מיט די דאָרטיקע ציִעניסטן. זײַנע דערינערונגען קאָנען איצט דינען אַלס דעמאַסקירנדיקע גוויִעס-אײדעס קעגן זיי. אין אָנפאַנג פון זײַן בריוו פרעגט עליִע גאָרשקאָוו זיך אַליין, צוליב וואָס ער האָט גענומען די פען אין האַנט. און ער ענטפערט אויף דער

פראגע פּאַשעט און קלאָר: „קעדיי באוויַיזן דער יוגנט, אז די ציִעניסטן זיַינען קיינמאָל ניט געווען קיין פריַינט פונעם ארבעטנדיקן מענטשן, פון דעם האָרעפּאשנעם ייִדן, און ס׳איז נייטיק, אז קיינער זאָל זיך ניט לאָזן אָפּנארן". איז לאָמיר א בלעטער טאָן זיַינע זיכרוינעס.

אין 1903 איז עליע גאָרשקאָוו אלט געווען זעכצן יאָר. זיַין שאָכן פראָיִם העלער, אן ארבעטער אף דעם זעגמיל־זאוואָד פונעם ציִעניסט זילבערשטיין, זאָגט אים איינמאָל, אז בא זיי אף דער אונטערנעמונג פּאָדערט זיך א קאָטשעגאר צום דאמף־קעסל.

— ווּהין איז אהינגעקומען דער פריִערדיקער? — פרעגט עליע.

— מיט אים איז פארלאָפן אן אומגליק, — ענטפערט פראָיִם, — באם קעסל האָט געפּלאצט דאָס וואסערמעסט־גלאָז, און דער דאמף מיט א גלאָזשפּליטער האָט א שפריץ געטאָן אין זיַין רעכטן אויג.

— איך בעט איַיך, פירט מיך צונויף מיט אים...

און אָט זיצט מען שוין אין שטוב בא איכיִעל איציקזאָנען. פופצן יאָר פון זיַינע קנאפּע פופציק האָט ער אָפּגעארבעט אף אָט דעם זאוואָד. צום טאטן אין קליינעם צימערל קלעפּן זיך פיר אייפּעלעך.

עליע וויל וויסן, צי זילבערשטיין צאָלט איצט איכיִעלן א וואָסער־ניט־איז געלט־פּענסיע, ער זאָל קאָנען האָדעווען די מישפּאָכע.

— וואָדען, — ענטפערט אָפּ איציקזאָן מיט פארדראָס און ווייטעק, — באלד כאפּט ער זיך. מיַין וויַיב איז געגאנגען צו אים, האָט ער זי ארויסגעטריבן. מיטן קעסל דארף מען, זאָגט ער, קאָנען זיך באגיין. דאָס קאָן איך זיך ניט באגיין מיטן קעסל!..

— ווּ איז איַיער וויַיב?

— וואשט וועש בא די גוירים. גאָט זאָל איר געבן קויכעס. ווען ניט זי, וואָלטן מיר אויסגעגאנגען פון הונגער.

אָנקומען ארבעטן צום ברוטאלן עקספּלואטאטאָר, דעם אָנגעזעענעם אין שטאָט ציִעניסט יאַנקעוו זילבערשטיין, האָט זיך ניט געגלוסט, נאָר די נויט שינדט די הויט. און עליע איז געוואָרן א קאָטשעגאר. אלע ארבעטער פלעגן קומען אפן זאוואָד זעקס אזייגער איַינדערפרי, עליע האָט געמוזט אָנהייבן זיַין מישמוירע מיט א שאָ פריִער, קעדיי צעהייצן דעם קעסל, אופהייבן אין אים דעם דאמף און לאָזן אין גאנג די דאמף־מאשין, וועלכע באוועגט די טראנסמיסיע מיט אירע באהעפטונג־רימענס צו די זעגן און ווארשטאטן. אלע ארבעטער פלעגן זיך מיִען צוועלף שאָ און גיין אהיים. עליע האָט געדארפט בליַיבן נאָך אף א שאָ, ביז וואנען אין הייצקאסטן פונעם קעסל וועט איבערברענען די טירסע. אזויארום, האָט זיַין ארבעטס־טאָג געדויערט פערצן שאָ. פריַיטיק פלעגט מען אפן זאוואָד ארויסגעבן דאָס געהאלט — שאבעס איז געווען אן אָפּרו־טאָג. באקומען און איבערגעציילט דאָס ביסל מעזומען, רופט זיך עליע אָן צום באלעבאָס:

— פאר די איבערשאָען צאָלט איר מיר ניט?

זילבערשטיין ווערט אין קאַס:

— קוקט נאָר אָן א כאָסיד! כ׳זע אזא מין דאָס ערשטע מאָל. אויב דיר געפעלט ניט, איז גיי זיך. באם טויער שטייען אזעלכע, ווי דו, איבערגענוג. די ניטגעמאלעטע ווארטן נאָר אף מיַין ווונק, דיַין אָרט וועט מען גליַיך פארנעמען.

קיין גוזמע איז דאָס ניט געווען. אומגליקלעכע הונגעריקע האָבן אין אָדעס געקלעקט. דער ציִעניסט־עקספּלואטאטאָר פלעגט אויסנוצן די דאָזיקע לאגע. צומאָל, ווען דער זאוואָד האָט געדארפט באפרידיקן גרויסע באשטעלונגען, פלעגט מען אין די צעכן זיך מיִען צוויי־דריַי שאָ העכער דעם ארבעטס־טאָג און דערפאר קיין צוגאָב־געצאָלטס ניט באקומען. בעשאס א שלאָפקיַיט אָדער א דערוואָרבענער אף דער ארבעט טראוומע האָט זילבערשטיין קיינעם ניט סובסידירט. עמעס, א שעם פון א ברייטהארציקן באלעבאָס פלעגט ער זיך קויפן: שענקען א דריַיערל אף מאצע די גלויביקע ארבעטער.

בא זילבערשטיינען איז געווען א נאָענטער פריַינט, דער ראָש פון די אָדעסער ציִעניסטן, דער זשורנאליסט וולאדימיר זשאבאָטינסקי, וועלכער פלעגט אָפט ארײַנקומען צו אים אין קאָנטאָרקע, ווּ אין א גינגאָלדן רעמל איז געהאנגען טעאָדאָר הערצלס פּאָרטרעט. עליע, נאָך א נאִיוו ייִנגל, האָט איינמאָל אָפּגעשטעלט זשאבאָטינסקין און, פארכלינענדיק זיך, דערציילט אים, וואָס עס קומט פאָר אפן זאוואָד.

— איר שריַיבט דאָך אין איַיערע געדרוקטע שמועסן מיט אונדז, אז די ציִעניסטן זאָרגן זיך פאר די ייִדן, — האָט עליע ארויסגעשאמלט מיט פארטריקנטע ליפּן. — איז שטעלט זיך איַין פאר אונדז, זאָגט דעם באלעבאָס, ער זאָל צאָלן דעם צעקאליעטשעטן איציקזאָנען און אויך צאָלן פאר דער איבערטערמיניקער ארבעט.

— אין זילבערשטיינס געשעפטן מיש איך זיך ניט, — איז געווען זשאבאָטינסקיס ענטפער. — איך פיר איבער ייִדן קיין פּאלעסטינע...

עליע איז געוואָרן בלאס:

— איך פארשטיי, אז איר זיַיט אזא מין פרוכט, ווי איַיער פריַינט! — האָט ער ארויסגעשריגן. — צוויי שטיבלעטן, א פּאָרל...

— ביסט, באָכערל, א סאָציאליסט?

— ניין!

— אן אנארכיסט?

— אוואדע ניט. כ׳בין פּאָשעט אן ארבעטער. איר אייצעט אונדז ניט פארפירן קיין באקאנטשאפט און קיין פריַינטשאפט מיט די רוסישע ארבעטער, דערפאר וויַיל, ווי איר טיַינעט, זיי זיַינען אנטיסעמיטן. אָבער איך און מיַין כאווער פראָיִם וווינען אין א שטוב, ווּ די מערהיַיט זיַינען רוסן, און ווען בא פראָיִמען אין דער דירע האָט געטראָפן א סרייפע, איז דער ערשטער אהין אריַינגעשפרונגען זיַין שאָכן איוואן קילינצאָוו און ארויסגעטראָגן פון פיַיער די קינדער — כאנעלען און איציקלען. ווער איז דאָ, רעב זשאבאָטינסקי, א גרעסערער פריַינט פראָיִמען — דער רוס איוואן, צי דער ציִעניסט זילבערשטיין? איר, רעב זשאבאָטינסקי, האָט פּאָשעט מוירע, מיר זאָלן זיך באפריַינדן מיט די רוסן און אוקראַינער, וועלכע וועלן אונדז קומען

צוהילף אין א שווערער שאָ גיכער, איידער איר, ציִעניסטן!

קימאט א יאָרהונדערט לעבט אף דער וועלט עליע גאָרשקאָוו. פון דער הייך, וווּהין ער איז דערגאנגען, זעט מען גוט סײַ די צײַט, סײַ די מענטשן. מע מעג אים גלייבן, ווען ער שרײַבט אין זײַן בריוו לײַדנשאפטלעך: „די ציִעניסטן זײַנען שטענדיק געווען צוויִעסדיקע נעפאשעס מיט מיִעסע טאטן, פארשלייערטע אין זיסע ריידעלעך. געווען און פארבליבן“.

עליע גאָרשקאָווס בריוו — דאָס איז א קאפיטל געשיכטע, וואָס פּראָיעצירט זיך פינקטלעך אף דער הײַנטצײַטיקײַט. בא זשאַבאָטינסקין, זילבערשטיינען און זייערע נאָכפאָלגער זײַנען איצט פאראן יאָרשים, געניטע אין שעקער, אין צוויִעס, אין אוואנטיורעס — געפערלעכע, שוין באוואָפנטע מיט באָמבארדיר־עראָפלאנען, טאנקען, ראקעטעס אף צו פארניכטן פעלקער און לענדער. עליע גאָרשקאָווס גוויִעס־איידעס איז נאָך איין באווײַז, אז די סאָוועטישע ייִדן פארגעסן ניט די געפאר, וואָס עס טראָגט מיט זיך דער ציִעניזם. און זיי זײַנען וואכזאם.

דאָ וואָלט מען געקאָנט אָפּשטעלן דאָס ציטירן עליע גאָרשקאָווס בריוו און ארײַנקוקן אין אנדערע, נאָר צווישן אונדזערע לייענער זײַנען געוויס פאראן באלאָנים צו וויסן, וויִאזוי עס האָבן זיך ווײַטער פאנאנדערגעוויקלט די געשעענישן אף זילבערשטיינס זעגמיל־זאַוואָד מיט העכער אכציק יאָר צוריק — טאקע שוין לאנג פארגאנגענע טעג, פונדעסטוועגן טשיקאווע. דעריבער אײַלן מיר זיך ניט צו צעשיידן זיך מיט עליע גאָרשקאָוון. ער דערציילט אין זײַנע דערינערונגען, וויִאזוי דאָס געדולד בא די ארבעטער פון דעם זעגמיל־זאוואָד האָט געפּלאצט, און זיי האָבן — צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן — דערקלערט א שטרײַק.

אלע זײַנען זיי געווען מיט גרויסע מישפּאָכעס. אפילע ווען זיי האָבן געארבעט, פלעגט דער ארבעטסלוין — 60 קאָפּעקעס א טאָג — קוים קלעקן אף ברויט און מאָגערער קאשע. אָבער ווען מע באקומט ניט קיין געהאלט יעדן פרײַטיק, איז וואָס דארף מען דאן טאָן, די קליינע קינדערלעך זאָלן ניט הונגערן? עמעצער לייגט פאָר גיין צו גוסאקאָוון אין טראַקטיר, אף דעם פּערעסיפּ, שאבעס, ווען עס קומען אהין מיט זייערע פּאָלוטשקעס די ארבעטער פון די פּערעסיפּער זאוואָדן.

באשטימט, און געלאָזט זיך אין וועג. אין טראַקטיר שטעלט זיך אוועק פאר די טישלעך עליע גאָרשקאָוו און דערציילט וועגן דעם מאַצעוו פון די שטרײַקנדיקע, וועגן דעם, אז דער באלעבאָס זאָגט זיך אָפּ באצאָלן זייערע פאָדערונגען, און ער רופט אלע בײַוועזנדע העלפן די שטרײַקנדיקע מאטעריעל. דערבײַ לייגט ער אוועק זײַן הוט אפן טיש. יעדערער אין טראַקטיר, ערנסט, מיט שווײַגנדיקן אָפּשײַ, לאָזט אראָפּ אין דער הוט, ווער וויפל עס קאָן, קאָפּערנע און זילבערנע מאטבייעס. איינער פון די ארבעטער טראָגט ארײַן א פאָרשלאָג אז אף ווײַטער, ווען מע באקומט געהאלט, זאָל מען אויסטיילן פאר די שטרײַקנדיקע צו פופציק קאָפּעקעס — א היפּשע פּויטעקע, אויב נעמען אין אכט, אז דאָס גאנצע געהאלט פאר דער וואָך איז ניט מער ווי פיר קארבן. אָט אזוי האָט דעמלט אויסגעזען די סאָלידאריטעט פון די רוסישע און ייִדישע ארבעטער. זשאַבאָטינסקי מיט זילבערשטיינען האָבן באקומען א גוטן פּאטש אין פּאָנעם — דאָס איז געווען א זיג פונעם אינטערנאציִאָנאליזם איבערן ציִעניזם.

אָבער דאָס ביסל געלט, וואָס די פּערעסיפּער ארבעטער האָבן צונויפגעזאמלט לעטוויִעס די שטרײַקנדיקע, האָט געקלעקט ניט אף לאנג. און דאן איז עליע גאָרשקאָוו אוועק איבער די אָדעסער צײַטונגען. די רוסישע זשורנאליסטן האָבן ניט אָפּגעשטויסן זײַן אויסגעשטרעקטע האנט: דער רעדאקטאָר־ארויסגעבער פון דער צײַטונג „יוזשנאָיע אָבאָזרעניִע“ טראָגט ארײַן לעטוויִעס די שטרײַקנדיקע הונדערט רובל, די רעדאקציע פון „אָדעסער נײַעס“ אויך אזויפיל. אין יענער צײַט האָבן אין דער שטאָט גאסטראָלירט צוויי גרויסע רוסישע ארטיסטן — דער אָפּערע־זינגער לעאָניד סאָבינאָוו און דער צירק־קלאָון וולאדימיר דוראָוו. גאָרשקאָוו און זײַן כאַווער פּאָמין יאָווען זיך צו זיי אין האָטעל — און דער געלט־פּאָנד פון די שטרײַקנדיקע וואקסט אויס נאָך אף צוויי הונדערטער. זײַן צושטײַער אין אָט דעם פּאָנד טראָגט ארײַן דער בארימטער ספּאָרטסמען סערגיי אוטאָטשקין. אויך די ארטיסטן פונעם אָדעסער טעאטער, מערסטנטייל רוסישע מענטשן, גיבן ארײַן זייער בײַטראָג.

אדאנק אזא מין סאָלידאריטעט באקומען די שטרײַקנדיקע ארבעטער א מעגלעכקײַט ווײַטער צו שטרײַטן מיטן באלעבאָס. מעגלעך, אז איבער זייער פעסטן כאראקטער, אָדער עפּשער ווײַל א צווייטער אָדעסער פאבריקאנט־ציִעניסט וואָדאָוואזאָוו האָט פארטראכט איבערצוכאפּן זילבערשטיינס קליִענטן, איז זשאַבאָטינסקיס פרײַנטל אָפּגעטראָטן — ער האָט געמוזט אײַנגיין, אז דער ארבעטס־טאָג זאָל פארקירצט ווערן אף א שאָ און דער באלעבאָס זאָל אָפּצאָלן דעם פּראָלעטאריער פופציק פּראָצענט פונעם ארבעטסלוין בײַס יענער היילט זיך פון א טראַוומע. דאָס איז געווען א גרויסער זיג פון די שטרײַקנדיקע, א דער-

פאָלג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט. מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1905, האָט די זעלבע סאָלידאַריטעט ווידעראַמאָל בוילעט באַוויזן, וואָס פאַר א מעכטיקע קראַפט זי איז. בײַס דעם אַדעסער פּאָגראָם זײַנען רוסישע אַרבעטער געשטאַנען אַקסל צו אַקסל מיט די ייִדישע אין דער זעלבסטשוץ. מערקווירדיק, אַז ווען זיי האָבן זיך אויף די גאַסן געראַנגלט מיט די שוואַרצמייעניקעס, איז זשאַבאָטינסקי שטילערהייט געזעסן באַם מיליאָנער ווײַנשטיין אין שטוב — דאָ איז געווען באַקוועם זיך אויסבאַהאַלטן פון די פּאָגראָמשטשיקעס, ווײַל דעם מאַגנאַטס דירע האָט באַשיצט די פּאָליציי.

ווען מיר לייענען עליע גאַרשקאָווס בריוו, דוכט זיך אונדז, אַז עס רעדט די געשיכטע אַליין. וועגן די ווײַטע שלאַכטן פון אונדזער העלדנמוטיקן אַרבעטער-קלאַס דערציילט א מיטצײַטלער און אַקטיווער אָנטיילנעמער זייערער. יעדעס וואָרט זײַנס איז ריינער עמעס. אַלץ, וועגן וואָס מיר האָבן זיך דערוווּסט, האָט ווירקלעך פּאַסירט.

ס'בלײַבט אונדז איבער צו ווינטשן דעם כאַווער עליע גאַרשקאָוו נאָך פיל מאַזלדיקע יאָר.

מיט א טיפער איבערצײַגונג אין דעם, אַז יעדערער פון אונדז איז פּערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט, האָט אָנגעשריבן זײַן בריוו אין רעדאַקציע דער לייענער פון קראַמאַטאָרסק, דאָנעצקער געגנט, אַווראָם לעמבערגער. אים האָט אויפגעבראַכט דאָס אַרטיקל, מיט וועלכן דער רענעגאַט מירסקי, אַן אַמאָליקער בירגער פון פאָלקס-פּוילן, וועלכער האָט פאַרראַטן סײַ זײַנע געוועזענע כאַווײרים, סײַ דאָס לאַנד, אין וועלכן ער האָט געלעבט, איז אַרויסגעטראָטן אין דער ניו-יאָרקער אַנטיקאָמוניסטישער „מאָרגן-פרײַהײַט". מירסקיס אָפּוס האָט אַרויסגערופן א פּרינציפּיעלן קריטישן אָפּרוף אין דער רעפּליק פון דער ייִסראָעלדיקער קאָמוניסטישער צײַטונג „דער וועג". מיר האָבן זײַנערצײַט זי איבערגעדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" (נומ. 6, 1983).

אַווראָם לעמבערגער שרײַבט, אַז אין שײַכעס מיט אָט דעם פאַל מוז ער אַרויסטרעטן אַלס איידעס. דאָס, וואָס די „מאָרגן-פרײַהײַט" האָט פּובליקירט מירסקיס פּאַסקוויל, איז ניט קיין פּאַשעטער ליגן, דאָס איז בעפּיירעש א בילבל אויף דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. ער, אַווראָם לעמבערגער, קאָן עס דערווײַזן מיט זײַן אייגענעם גוירל. ער געדענקט גוט די לעצטע כאַדאָשים פונעם 1939. אַלע שטעט און שטעטלעך אין מײַרעוו-ווײַסרוסלאַנד און אין מײַרעוו-אוקראַיִנע זײַנען געווען אָנגעפּאַקט מיט פּליטים — פּוילישע ייִדן. דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט גענומען צו זיך אַלע ייִדן, וואָס זײַנען אָנגעקומען פון דער דײַטשישער זאָנע, אָן קיין שום כילעק, ווער זיי זאָלן ניט זײַן — קאָמוניסטן, בונדיסטן, ציִיעניסטן. מע האָט אַרײַנגעלאָזט אַלעמען. אַלע אָן אויסנאַם האָבן באַקומען א וווינונג און דערנערונג — אַלץ אומזיסט, אָן א גראָשן געצאָלטס. ס'איז געווען ניט פון די גרינגע זאַכן — באַזאָרגן מיט צײַטווײַליקע וווינונגען, מיט עסנוואַרג הונדערטער טויזנטער היימלאָזע, באַצײַטנס באַווײַזן זיי איבערפּעקלען אין הינטערלאַנד — אין די גאַסטפרײַנטלעכע שטעט און דערפער פון רוסלאַנד... ס'איז געווען טעטיק א פילצאָליקער אַפּאַראַט, וועלכער האָט מיט אָט דער אַרבעט אָנגעפירט, באַזונדערס מעסירעסנעפעשדיק איז געווען אַקטיוו די מעדיצינישע דינסט. „עס גלייבט זיך ניט, — שרײַבט אַווראָם לעמבערגער מיט צאָרן, — אַז אַזעלכע מענוּוואָלים, ווי מירסקי, טראָגט אויף זיך די ערד"...

בריוו פון געוועזענע פּוילישע פּליטים קומען אָן אין אונדזער רעדאַקציע ניט ווייניק. זייער לייטמאָטיוו איז איינער און דער זעלבער: דער סאָוועטנפאַרבאַנד, און ניט קיין אַנדער לאַנד, האָט בײַס דער פאַשיסטישער אינוואַזיע ברייט צעעפנט זײַנע טויערן פאַר די פאַרפאָלגטע פּוילישע ייִדן, דאָס סאָוועטישע לאַנד איז געוואָרן די צווייטע היים פאַר טויזנטער געראַטעוועטע.

אין דער שטאָט קלינצי, בריאַנסקער געגנט, אַרבעט אין מעשעך פון פינף און דרײַסיק יאָר אַלס דאָקטער אונדזער לייענער שײַע לעוואַנט. אויך ער שטרײַכט אונטער, אַז יעדערער דאַרף טאָן אַלץ, וואָס מעגלעך, קעדיי די וועלט זאָל אָפּגעהיט ווערן פון א קאַטאַסטראָפע. „איך בין דאַנקבאַר דעם גענעראַל-סעקרעטאַר פון אונדזער ליבלעכער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דעם כאַווער יורי וולאַדימיראָוויטש אַנדראָפּאָוו פאַר דעם, וואָס ער דעמאַסקירט אַנטשיידן די מיליטאַריסטן, וועלכע גרייטן דעם אַטאָם-אומקום פאַר דער מענטשהײַט". באַ שײַע לעוואַנטן איז אין די שלאַכטן מיט די היטלעראָווצעס אויפן קורסקער בויגן אומגעקומען זײַן אַכצניאָריקער זון, א קאָמיוגיסט, וועלכער איז פרײַוויליק אַוועק פּאַרטיידיקן דאָס היימלאַנד. שײַע לעוואַנט וויל ניט, אַז זײַנע אייניקלעך און אוריינקלעך זאָלן שטאַרבן יונגערהייט. ער פאַרשטייט, אַז דער ווילן פון פּאַשעטע מענטשן אין דער גאָרער וועלט איז א גוואַלדיקער קויעך. שײַע לעוואַנטס עלטערער ברודער האָט אין 1910 עמיגרירט קיין אויסלאַנד. איצט וווינען אין קאַנאַדע שײַעס פּלעמעניקעס. איינער פון זיי,

א פּראָפעסאָר, איז א טוער אין דער געזעלשאפט פון קאנאדיש-סאָוועטישער פרײַנטשאפט.

זאָרגנדיק וועגן דער צוקונפט, ווענדן זיך אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן צו דער פארגאנגענהײַט. דער זיקאָרן איז א קוואל פון אונדזער קאמף פאר פרידן און גערעכטיקײַט. יא. ליכטענבוים האָט אונטעריכטעט געשיכטע און געזעלשאפטקענטעניש אין דער שטאָט בעלץ, מאָלדאוויע. ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, איז ער ארײַנגעפאלן אין געטאָ, וואָס די פאשיסטן האָבן געגרינדעט נאָך אין יולי 1941 אף דער טעריטאָריע פונעם שטעטל באלטע. פיר גאסן, ארומגערינגלטע מיט א פּלויט פון שטעכדראָט, האָבן די היטלעראָווצעס אויסגעטיילט פאר די ייִדן: די קוזניעטשנע-גאס און דרײַ — די ערשטע, צווייטע און דריטע — סעניאנסקער געסלעך. באם ארײַנגאנג — א מודעה: „ווער ס'וועט ארויס פונדאנען און ווער ס'וועט אהער ארײַן אָן א דורכלאָז-שײַן, וועט דערשאָסן ווערן". אין יעדער שטוב מאטערן זיך ביז צוויי צענדליק מארטירער. הונגער, נויט, שלאָפקײַטן. אין דער שטאָט אָבער האָט שוין פונקציאָנירט א פּארטיזאנישער אָטריאד, אין וועלכן ס'זײַנען געווען טעטיק אויך יונגע כעווערע-קאָמיוגיסטן פון דער געטאָ. זיי פלעגן באקומען שלאכט-פארגעבונגען און מיט דערפאָלג זיי אויספילן. צוזאמען מיט די שטאָטישע פּארטיזאנער האָבן זיי דורכגעפירט א גאנצע ריי געלונגענע אָפּעראציעס. א פארעטער אין שטאָט האָט אויסגעגעבן דעם פּארטיזאנישן אָטריאד. אלע פּארטיזאנער זײַנען ארעסטירט געוואָרן, און די פאשיסטן האָבן זיי אומגעבראכט. דעם 29 מארט 1944, גלײַך נאָך דעם, ווי די סאָוועטישע ארמיי האָט באפרײַט באלטע, זײַנען די קערפּערס פון די פּארטיזאנער אָפּגעזוכט געוואָרן, און מע האָט זיי געבראכט צו קווּרע אפן צענטראלן שטאָט-פּלאץ. איצט איז דאָרט אופגעשטעלט א מעמאָריאלער דענקמאָל. אף שווארצן מירמלשטיין זײַנען אויסגעקריצט די נעמען פון די נעקאָמענעמער, צווישן זיי — די יאטן פון געטאָ: טרייגער כאיִם, טשעטשעלניצקי כאיִם, מייעראָוויטש באָריס, אָקניאנסקי אליק, גיימאן דאָוויד. יעדן 29 מארט קומט צו פאָרן יא. לינדענבוים קיין באלטע, קעדיי אָנטיילנעמען אינעם געדענק-מיטינג לעקאָוועד די אומגעקומענע פּארטיזאנער, מיט וועלכע ער איז געווען באפרײַנדעט. הונדערטער מענטשן זאמלען זיך צונויף באם מעמאָריאל-דענקמאָל. יא. לינדענבוים שרײַבט אין זײַן בריוו, אז די געפאלענע זעצן פאָר זייער קאמף, טוענדיק דאָס, וואָס זיי זײַנען בע-קויעך — זיי רופן די לעבעדיקע אקטיוו צו פארטיידיקן דעם פרידן אף דער ערד.

וועגן אָט דעם איבערוף מיט דער צוואָע פון די אומגעקומענע גייט אָפּט א רייד אין דער פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאנד". דער סעקרעטאר פון דער לערערישער קאָמיוג-אָרגאניזאציע אין דער מיטלשול פונעם ייִשעוו לענין (זשיטקאָוויטשער ראיאָן, האָמעלער געגנט) יעלענע פעטראָוונא גאָראָשקאָ האָט אונדז צוגעשיקט א בריוו, אין וועלכן זי טיילט מיט, אז אין ייִשעוו פונקציאָנירט א קלוב, וועלכער טראָגט דעם נאָמען „לענינעץ". אונטער דער אָנפירונג פון וו. וו. באָיארין פארנעמען זיך די יונגע מיטגלידער פונעם קלוב מיט אופזוכונגס-ארבעט. זיי האָבן, צווישן אנדערס, צונויפגעזאמלט א ווערטפולן מאטעריאל וועגן דעם, וויאזוי עס האָבן זיך געראנגלט מיט די פאשיסטן און זײַנען אומגעקומען סאָוועטישע ייִדן, טוישווים פונעם ייִשעוו לענין. וו. באָיארינס דערצויגלינגען היטן אָפּ די קוואָרים פון די געפאלענע, פארפלאנצן דאָרט בלומען, שרײַבן בריוו צו די קרויווים און נאָענטע פון די אומגעבראכטע. דאָס טוען מערסטנטייל ווײַסרוסישע און רוסישע יונגעלײַט. אליין יעלענע גאָראָשקאָ איז אויך ניט קיין ייִדישקע, און דעריבער רופט בא אונדז ארויס א דאָפּלטע באפרידיקונג, וואָס איר בריוו איז דורכגעדרונגען מיט אָפּשײַ צום ייִדישן פאָלק, מיט שטאָלץ פאר די פּאטריאָטישע אופטוען פון סאָוועטישע בירגער פון פארשיידענע נאציאָנאליטעטן.

„אף אוקראַיִנע, אין הולײַפּאָליער ראיאָן, זאַפּאָראָזשיער געגנט, ווו אין די יאָרן פונעם בירגערקריג האָט אָרודעוועט מאכנאָ מיט זײַנע באנדיטן, האָבן עקזיסטירט ייִדישע לאנדווירטשאפטלעכע ייִשוּווים. זייער לעבן אין דער סאָוועטישער צײַט האָט גוט באשריבן דער ראָמאניסט נאָטע לוריע אין זײַן בוך „דער סטעפּ רופט", וועלכן איך האָב מיט גרויס פארגעניגן געלייענט, — אזוי הייבט אָן זײַן בריוו אין „סאָוועטיש היימלאנד" דער מאָסקווער טוישעוו שמועל יעלישעוויטש. — אין נאָטע לוריעס ראָמאן גייט א רייד וועגן דעם דאָרף קאָוואלעווסק. און איך וויל דערציילן וועגן אן אנדער דאָרף, וואָס האָט זיך געפונען דערנעבן.

דעם 12 מײַ 1919 זײַנען אין אונדזער אזאָרעוויטש אָנגעלאָפן צען רײַטער-מאכנאָווצעס, באוואָפנטע מיט שווערדן און נאגאנעס. זיי זײַנען אוועק איבער די הײַזער און שטרענג באפוילן, אז אלע דערוואקסענע טוישווים פונעם דאָרף זאָלן זיך צונויפקלײַבן אף א פארזאמלונג אין דער גרעסטער שטוב. דאָרטן קלאָרט זיך אויס, אז די באנדיטן פאָדערן פארן באטקאָ מאכנאָ פוטער און פערד. גיי ווייס, אז דאָס איז פאר די סאדיסטן בלויז א טערעץ. די באנדיטן, וואָס זײַנען געבליבן אין דרויסן, הייבן אָן אײַנציקווײַז ארויסרופן די מענטשן. ווי נאָר אָבער עמעצער טרעט אריבער

די שוועל, ווערט ער פארשניטן מיט א שווערד. דערמאָרדעט געוואָרן זײַנען אף אזא אופן אין יענער נאכט פינף און פערציק מענטשן. איך בין דעמלט אלט געווען נײַנצן יאָר, כ׳בין איינער פון דער קליינער צאָל לעבנגעבליבענע אזארעוויטשער אײַנוווינער. מיך האָט דער טויט אויסגעמיטן, ווײַל כ׳האָב אין יענער וויסטער נאכט, אלס אָנטייל־נעמער פון דער זעלבסטשוץ, זיך געפונען אין א צווייטן עק פונעם דאָרף.

אונדזער דאָרף אזארעוויטש איז שוין איצט ניטאָ, נאָר דער בעסוילעם האָט זיך פארהיט. גע־ווען איז ער א פארוואָרלאָזטער, אָן א צאם. צום גליק, האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אָפּצוזוכן דאָס אָרט, ווו מע האָט געבראכט צו קוורע די קאָר־באָנעס פונעם באטקאָ מאכנאָ״.

אין 1980 האָט זיך ש. יעלישעוויטש געווענדט צום פאָרזיצער פון דעם פאָלטאווקער דאָרפסאָוועט, צום פאָרזיצער פונעם קאָלווירט און צום סעקרעטאר פון דער פארטיי־אָרגאניזאציע פונעם קאָלווירט, צו וועלכן עס געהער איצט די ערד, ווו עס שטייט דער אזארעוויטשער בעסוילעם, זיי זאָלן אים העלפן ברענגען דאָס הייליק אָרט אין אָרדענונג. די כאווײרים האָבן זיך גלײַך אָפּגערופן אף דער באקאָשע. דער קאָלווירט האָט אויסגעטיילט דעם נייטיקן טראנספּאָרט און בוי־מאטעריאלן, געהאָלפן מיט מענטשן. צוזאמען מיט די קרויווים פון די פארשניטענע האָבן די אָרטיקע פּיערים אופגעשטעלט א שיינע צאם ארום דעם בעסוילעם און א דענקמאָל די דערהארגעטע.

ניט נאָר אין אָנדענק פון די אומגעבראכטע, אויך און עפשער אפילע הויפּטזאכלעך צוליב די איצטיקע און קומענדיקע דוירעס, איז אופגעשטעלט געוואָרן א געדענק־צייכן.

אף דעם ברודער־קייווער אין בערדיטשעוו, ווו עס זײַנען געבראכט געוואָרן צו קוורע 18.640 קדוישים, איז אופגעשטעלט געוואָרן א געדענק־צייכן. אין צוזאמענהאנג דערמיט שרײַבט אונדז דער בערדיטשעווער לייענער יע. בערנשטיין, וועלכער איז בײַגעווען אפן פײַערלעכן טרויער־מיטינג: „מיר הערן זיך צו, באטריבטע, וואָס עס זאָגט אין זײַן רעדע אף דער פײַערלעכער עפענונג פונעם געדענק־צייכן דער שטעלפארטרעטער פונעם פאָרזיצער פון שטאָט־אויספירקאָם דער כאווער מאזור, און מיר קלערן דערבײַ וועגן דעם אָוואר און וועגן דער צוקונפט, וועגן דעם, אז פאר א פרידלעכן הימל איבערן קאָפּ מוז מען קעמפן, און מע דארף זײַן גרייט פארטיידיקן דאָס פאָטערלאנד, דאָס איין־און־איינציקע בא יעדערן. באנאנד מיט מיר שטייט א פרוי און וויינט שטילערהייט — זי איז אלפּי־נעס ניצל געוואָרן, ווען די פאשיסטן האָבן דערשאָסן די בערדיטשעווער, נאָר אין ברודער־קייווער ליגן אירע קרויווים, דערמאָרדעטע בלויז דערפאר ווײַל זיי זײַנען ייִדן...״

זיכער דארף מען זיך ניט וווּנדערן, וואָס אונדזערע בריוו־שרײַבער זײַנען לײַדנשאפטלעכע, אקשאָנעסדיקע מענטשן, וועלכע פארטיידיקן דרייסט, אומקאָמפּראָמיסלעך זייערע איבערצײַגונגען און פאָרשלאָגן. דאָס איז ביכלאל אייגנטימלעך דעם סאָוועטישן בירגער — א רעזולטאט פון דערציִונג.

אונדזער לייענער פון לענינגראד א. מארגאָלין קריטיקירט די רעדאקציע פונעם זשורנאל: „איך האָב מיט אײַך, כאָשעווע כאווײרים, געטײַנעט נאָך מער, ווי מיט צען יאָר צוריק, און איך האָב זיך ניט איין מאָל אומגעקערט צו דער פראגע וועגן אײַנפירן א רוסישע רובריק אין „סאָוועטיש היימלאנד״. און שטענדיק פלעגט איר מיך אָפּפּאטערן מיט שיִע־פּיִע. איך מיין, אז כ׳בין ניט דער איינציקער, עס זײַנען פאראן א סאך אזעלכע, ווי איך, וואָס האלטן, אז די ייִדישע קולטור־ווערטן דארף מען איבערגעבן אויך אין רוסיש. ביכלאל איז די פארשפרייטונג פון ייִדישער קולטור אף רוסיש ניט קיין כידעש, זי האָט עקזיסטירט טאָמיד בא ייִדן, אָנהייבנדיק פון דער האסקאָלעעפּאָכע״.

א קלאָרע, קעמפערישע פּאָזיציע, אן ערלעכע און סימפּאטישע. דער כאווער א. מארגאָלין כאפּט ניט איבער די מאָס, ווען ער באהויפּטעט, אז מיט זײַן שטאנדפּונקט סאָלידאריזירן זיך פיל פארערער פון דער ייִדישער קולטור.

דער כאווער א.ווישניעוועצקי פון טאשקענט שרײַבט אונדז: „א סאך הײַנטיקע און מאָרגעדיקע פרײַנט פונעם זשורנאל טראכטן, אז אלנפאלס אין א טייל, און ניט אין קיין קליינעם טייל פון „סאָוועטיש היימלאנד״, דארף מען דרוקן די ווערק פון ייִדישע שרײַבער, איבערגעזעצטע אף רוסיש. כ׳האָב זיך באגעגנט מיט גענוג מענטשן, וואָס וואָלטן גערן געלייענט די ייִדישע ליטעראטור, נאָר זיי קענען ניט קיין ייִדיש. דאָס איז דאָך א פּאָטענציִאל! האלטן אין א זײַט אזא רעזערוו טויג ניט״.

אויך דער כאווער ג. ראזשאווסקי פון טשעליאבינסק קלערט, אז עפשער וואָלט מען געדארפט דרוקן אין „סאָוועטיש היימלאנד״ איבערזעצונגען פון ייִדישע ווערק אף רוסיש. „איך זעלבסט בין אן אבאָנענט פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד״, נאָר ניט קיין לייענער, — איז ער זיך מוידע. — כ׳לייען מיט גרויסע שוועריקײַטן, זייער לאנגזאם. ווען דער זעלבער זשורנאל מיט די זעלבע ווערק וואָלט געווען געדרוקט אף רוסיש, וויפל צײַט וואָלט איך אָפּגעשפּאָרט! איר שטעלט זיך פאָר?

כ׳בין איבערצײַגט, אַז לייענער פון א ייִדישן זשורנאַל אַף רוסיש וואָלטן גלײַך געוואָרן מײַנע קינדער און מײַנע אייניקלעך, וועלכע קענען ניט, ליידער, קיין ייִדיש, אָבער אינטערעסירן זיך מיט אַלץ, וואָס האָט א שײַכעס צו אינדזער נאַציאָנאַלער קולטור".

ס׳זײַנען פאַראַן לייענער, וואָס האַלטן זיך בא אַן אַנדער מיינונג. א. ראַבינאָוויטש פון גאָרקי שרײַבט אונדז: „א ייִדישער זשורנאַל אַף דער רוסישער שפּראַך איז ניט נייטיק. וואָס איז שײַעך די איבערזעצונגען, קאָן מען זיי דרוקן אין די רוסישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. די ייִדישע ליטעראַטור דאַרף זײַן א נאַציאָנאַלע לויט דער פאָרם". דער מאָסקווער לייענער י. ביאַליק איז א גרויסער אָנהענגער פון דערלערנען די ייִדישע שפּראַך, קעדיי באַם באַקאַנען זיך מיט די ווערק פון דער ייִדישער ליטעראַטור גאָרנישט ניט פאַרלירן פון דעם אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן קאָלאָריט און שטייגער-שילדערונגען.

די רעדאַקציע באַקומט אָפּט בריוו, אין וועלכע עס גייט א רייד וועגן מענטשן, וואָס האָבן שוין זעלבשטענדיק דערלערנט ייִדיש. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, בעט מען באַם זשורנאַל הילף, אייצעס, לערנביכער. אַלץ, וואָס דער זשורנאַל איז בעקויעך אופּצוטאָן אין דער הינזיכט, טוט ער. די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" וואָלט זיך געפרייט, ווען דער צוווּקס פון ייִדיש-לייענענדיקע אַבאָנענטן זאָל גיין מיט גרעסערע טעמפּן, ווי ביז אַהער. אָבער מיר האַלטן ניט פאַר מעגלעך צו איגנאָרירן דעם שטאַנדפּונקט פון די כאַווײדים, וואָס ווילן באַקומען מערער ווערק אין דער איבערזעצונג אַף רוסיש. צו אַזעלכע פאָרשלאָגן באַציִען מיר זיך מיט דער פולער ערנסטקײַט. די פראַגע וועט געלייזט ווערן, קאָן זײַן, אין דער ריכטונג פון אָנהייבן אַרויסגעבן א יערלעך-פּעריאָדישן אָפּקלײַב פון ווערק, פאַרעפנטלעכטע אין „סאָוועטיש היימלאַנד" — אין דער איבערזעצונג אַף רוסיש און אַף אַנדערע שפּראַכן. דערבײַ דאַרף מען באַוואָרענען, אַז די „טעריטאָריע" פון ייִדישער ליטעראַטור אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אַף דער מוטער-שפּראַך זאָל דורך דעם ניט „געשניטן ווערן".

פיל, זייער פיל בריוו לייגן זיך רעגולער אַוועק אַפן רעדאַקציאָנעלן טיש. אין זיי שפּרודלט אַליין דאָס לעבן, דער הײַנטיקער טאָג פון אונדזער סאָוועטישן פאָלק, פון זײַנע זאָרגן און פריידן. אין זיי טרעפן מיר זיך מיט געדאַנקען וועגן דעם טאָגטעגלעכן שטייגער, וועגן די באַדערפענישן, דערגרייכונגען, שוועריקײַטן און, צווישן אַנדערס, וועגן דער קוואַליטעט פון די ווערק, וועלכע עס פּובליקירט דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" — איינציקע אָפּרופן זײַנען געגליכענע צו רעצענזיעס, אַנדערע טראָגן אין זיך דערהויבנקײַט, ליבגעזאַנגען, באַגײַסטערונג. מע שיקט אונדז אויך קורצע דאַנק-אויסדרוקן.

דער אָדעסער לערער אי. פאָפּעליוכער, וועמענס באַקאָשע די רעדאַקציע האָט באַפרידיקט און אַרויסגעשיקט אַף זײַן אַדרעס אַלעקסאַנדער פּושקינס בוך אין דער ייִדישער איבערזעצונג, איז צופרידן: „א גרויסן דאַנק אײַך פאַר דער אויפמערקזאַמקײַט, וועלכע איר האָט אַרויסגעוויזן צו אונדזער שול-מוזיי. איצט פאַרמאָגן מיר שוין פּושקינס ביכער, דערשינענע אין 18 לענדער אַף 88 שפּראַכן. אײַער מאַטאָנע וועט פאַרנעמען א בעקאָוועדיק אָרט אין דער עקספּאָזיציע פון אונדזער מוזיי".

א. דניעפּראָוו פון כאַרקאָוו שרײַבט: „א דאַנק אײַך פאַר אָנדרוקן אין „סאָוועטיש היימלאַנד" דינעזאָנס „יאָסעלע". אײַער פּובליקאַציע פון דער דערציילונג האָט מיר דערמאָנט מײַנע קינדער-יאָרן. אין 1908 יאָר, בעשאַס איך האָבן מיך געלערנט אין מאָגיליאָווער טאַלמעטוירע, האָט אונדזער לערער פײַווע גאַלאַשטאַק איבערגעלייענט אונדז דאָס דאָזיקע ווערק. מיר, אַלע ייִנגלעך, האָבן אין קלאַס געוויינט. דערנאָך, ווען איך האָב וועגן יאָסעלען דערציילט אינדערהיים, האָט מען אויך געוויינט. נאָכאַמאָל — א דאַנק אײַך".

ס. סאָרקין פון ריגע דערציילט: „יעדעס מאָל וואַרט איך מיט אומגעדולד אַפן קומענדיקן נומער פונעם זשורנאַל. מיט גרויס אינטערעס לייען איך די דערציילונגען, ראָמאַנען, כראָניק, ליטעראַרישע געדענק-דאַטעס, די פּיבליציסטישע מאַטעריאַלן. איך ווינטש אײַך און זיך, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד" זאָל אַף שטענדיק פאַרהיטן זײַן פרישקײַט". דעם דאָזיקן ווונטש ציטירן מיר פונעם גרויסן בריוו, אין וועלכן ס. סאָרקין דערציילט וועגן זיך, וועגן דעם לעבנסוועג פון א סאָוועטישן בירגער, וועמענס פאָטער איז אין 1919—1920 געווען א רויטאַרמייער, געקעמפט מיט די ווײַספּאָליאַקן, און ער, דער זון, א קינד נאָך, האָט אין בורזשואַזן לעטלאַנד געמוזט גייען אין דער אַזויגערופענער „פאָלקס-קיך" צו באַקומען א טעלער יויך, ווײַל דער אַרבעטסלאָזער טאַטע איז ניט אימשטאַנד געווען האָדעווען די מישפּאָכע. ס. סאָרקין איז אין אויגוסט 1941 פרײַוויליק אַוועק אין דער רויטער אַרמיי, קעדיי זיך ראַנגלען מיט די פאַשיסטן, ער איז אַרויס פון דער מילכאָמע אַן אינוואַליד, געוואָרן א בויער און לאַנגע יאָרן אָנטיילגענומען אינעם איפשטעלן אונדזער רויִנירטע בײַסן קריגווירטשאַפט.

יע. רובינסקי פון דער שטאָט פּאָפּאַסנאַיאַ, וואָראָשילאָווגראַדער געגנט, וועלכער לייענט „סאָוועטיש היימלאַנד" שוין דאָס דריטע יאָר, קאָן ביז איצט ניט פאַרגעסן די ערשטע באַגעגעניש מיטן זשורנאַל. „ס'קאָן זײַן, אַז מיר האָט פּאַשעט אָפּגעגליקט, וואָס דער ערשטער בוך פונעם זשורנאַל, וועלכן כ'האָב געהאַלטן אין די הענט, — דער ערשטער נומער פאַרן 1982, — איז געווען אַ ספּעציעלער, געווידמעט דער הײַנטצײַטיקער פאַרצייכענונג, — שרײַבט יע. רובינסקי אין זײַן בריוו. — דאָס גאַנצע פילנאַציאָנאַלע לעבן פון אונדזער פאָטערלאַנד, אַלץ, וואָס עס רעגט אונדז, מיט וואָס מיר שטאָלצירן, איז געווען אָפּגעשפּיגלט אין די ווערק פון יענעם נומער. מיך האָט דאַן דער זשורנאַל אויסערגעוויינלעך דערפרייט. און קוידעמקאָל, ווײַזט אויס, דערפאַר, וואָס אין די ווערק, וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט, איז בולעט אָפּגעמערקט געוואָרן דאָס אָרט און די ראָל פון סאָוועטישע ייִדן אינעם לעבן פון דעם גאַנצן לאַנד, זייער בײַטראָג אינעם אויפבוי פונעם קאָמוניזם. אָט אַזאַ, האָב איך דאַן געקלערט, דאַרף טאַקע זײַן אַ נאַציאָנאַלער זשורנאַל".

דער שוין אויבן ציטירטער א. ווישניעוועצקי זאָגט אַרויס אַ געדאַנק אין זײַנעם אַ צווייטן בריוו, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד" ווענדט אָן די טראַדיציעס פון נאָוואַטאָרישקײַט אַף צו פאַרבינדן דעם פעריאָד פון דער ייִדישער קלאַסישער ליטעראַטור מיט דער ליטעראַטור פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם. א. ווישניעוועצקי זאָגט אַרויס זײַן באַפרידיקונג מיט דעם, וואָס דער זשורנאַל קעמפט אַנטשיידן מיטן ציוניזם און אַנטיסעמיטיזם, וואָס ער האָט שוין אַ סאַך אויפגעטאָן און טוט פיל אויף לעטויוועס דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער שפּראַך. א. ווישניעוועצקי באַמערקט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, אַז, אייגנטלעך, אַלע לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכע זײַנען נאָך ניט דערגאַנגען צו פופציק יאָר, האָבן זיך געלערנט לייענען און שרײַבן באַם זשורנאַל. און נאָך מערקט אָפּ א. ווישניעוועצקי אַלס פאַרדינסט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" דאָס, וואָס ער טרעט ניט אָפּ פון זײַנע אייגענע טראַדיציעס, ער הערט ניט אויף, אַשטייגער, צו באַקאַנען דעם לייענער מיט די בעסטע ווערק פון די שרײַבער, וועלכע זײַנען טעטיק אין די ברידערלעכע רעפּובליקן, מיט די ווערק פון פּראָגרעסיווע אויסלענדישע שרײַבער.

אונדזער קאָרעספּאָנדענט פון כאַרקאָוו ל. סאָוראַנסקי אײַלט אונטער די רעדאַקציע פון אונדזער זשורנאַל, זי זאָל גיכער מיטהעלפן אַרויסגעבן מערער הילפס-מאַטעריאַלן אַף צו דערלערנען ייִדיש. די פראַגע וועגן דער שפּראַך אין „סאָוועטיש היימלאַנד" גופא רופט אָפּט אַרויס אַ ווונטש, זי זאָל זײַן אויסגערעכנט אויך פאַר ניט קוואַליפיצירטע לייענער. ב. גערינג פון סמאָלענסק שרײַבט אין זײַן בריוו: „צומאָל טרעפן זיך אין די ווערק, וועלכע עס פאַרעפנטלעכט „סאָוועטיש היימלאַנד", העברעיִשע אויסדרוקן, פּסוקים פון טאַנאַך. פאַרשטייט מיך ריכטיק, איך בין ניט קעגן אַזעלכע זאַכן, פאַרקערט, אָן דער העברעיִשער לעקסיק וואָלט אונדזער לאָשן געווען פיל אָרעמער. נאָר ס'איז ווינטשנסווערט דערווײַל איבערזעצן אָט די אויסדרוקן יעדעס מאָל, ווען זיי טרעפן זיך אינעם געוועב פון דער ייִדישער שפּראַך.

אי. ראָזענבערג פון דער שטאָט מאַרינאַ גאָרקאַ, מינסקער געגנט, פילט זיך אויך ניט מיט אַלעמען, ווען ער הייבט אָן שפּאַנען אַף די זײַטלעך פונעם זשורנאַל איבער העברעיִשע קאָטשקעס. „וואַרפט זיך ניט מיט העברעיִשע ווערטער, — בעט ער. — רעדט מיט אונדז אַף ייִדיש. טראַכט וועגן דעם לייענער, יעדעס וואָרט זאָל דערגיין צו אים".

און נאָך איין פּאָרוואורף כאַזערט זיך איבער אין די בריוו, וועלכע קומען אָן אין רעדאַקציע פון פאַרשיידענע שטעט און ייִשובים — ווייניק אָרדנט אײַן דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" ליטעראַרישע באַגעגענישן מיט די פאַרערער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. „איך בין בײַגעווען אפן אָוונט, וועלכן איר האָט דורכגעפירט אין קיִעווער שרײַבער-הויז, — ווענדט זיך צו דער רעדאַקציע א. טאַלפּאַלער. — סאַראַ פּרעכטיקער אָוונט דאָס איז געווען! איך בעט אײַך: ווערט ניט פאַרפאַלן! מיר וואַרטן אַף אײַך! אַף אײַערע מינדלעכע אַרויסטרעטונגען! אַאו! ווו זײַט איר?"

לייענענדיק די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד", זעען מיר נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, אַז די לייענער זײַנען פאַר אַלץ פאַראַנטוואָרטלער און זייערע רעכט און זייער איפּווירקונג זײַנען די טרײַבקראַפט פון געזונטע פּראָצעסן אין דער ליטעראַטור.

ב אָ ר י ס מ אָ ג י ל נ ע ר

◇ ◇ ◇

ב לעטערנדיק זשורנאלן און צייטונגען

דער „הייליקער שאבעס" ניט לעטוויוועס דעם פאָלק און דעם לאַנד

לויט ווי עס גיבן איבער די צייטונגען, האָט דער פרעמיער־מיניסטער פון ייִסראָעל געמאָלדן, אז ער וועט זאָרגן, ס'זאָל אָפּגעהיט ווערן דער הייליקער שאבעס אין טעל־אוויוו. די רעגירונג האָט שוין ניט געפונען עפּעס־וואָס בעסערס, וועגן וואָס ספּעציעל צו זאָרגן. עמעס, די מיניסטאָרן זייַנען שטארק פארנומען מיט זאָרגן וועגן אָפּהיטן זייערע „בענקלעך", נאָר אין דעם גייט עס דאָך, אז קעדיי זיי זאָלן, כאָלילע, ניט אראָפּפאלן פון די מיניסטאָרישע בענקלעך, מוז מען, זאָגן זיי, אָפּהיטן דעם הייליקן שאבעס...

„פארהייליקן" דעם שאבעס און פארפינצטערן פאר די ארבעטנדיקע די זעקס טעג אין דער וואָך און אויך דעם טאָג שאבעס!

וויאזוי זעט אויס אין ייִסראָעל שאבעס? אין וואָס באשטייט זייַן „הייליקייַט"? פאקטיש איז דאָס א מין פייַניקן מענטשלעכע נעשאָמעס, ניט לאָזן די ארבעטנדיקע זיך פרייען מיטן טאָג און געניסן א ביסל רו. וואָס גיבן זיי דעם פאָלק אין טאָג פון שאבעס און וועלכע איז די פרייד פון שאבעס? נאָכן אָפּעסן דעם טשאָלנט זיצן פארמאכט אין די הייַזער אָדער גיין פון איין בעסמעדרעש אין דעם אנדערן און לויבן די „אייבערשטע" פאר זייערע „מייַסים טויווים". מע קאָן אויך זיצן מיטן קעסטעלע (ראדיאָ) און הערן, ווי זייערע מענטשן גיבן איבער וועגן ראשיקע זיצונגען אין קנעסעט; מע קאָן הערן א לויב־וואָרט דעם פינאנץ־מיניסטער פאר זייַן בארויבן די פאָלקסמאסן, העכערן די פרייַזן פון די לעבנס־מיטלען, אָנהייבנדיק פון ברויט און ענדיקנדיק מיט רעפועס. מע קאָן הערן א דיבגעזאנג דעם שוץ־מיניסטער פאר פארטיידיקן דעם פאלאנגע־פרעזידענט פון ליוואן און די אמעריקאנער אינטערעסן אין ליוואן. מע קאָן הערן אויסזיכטסלאָזע פּאָליטישע דראָשעס אָדער סטאם פלוידערייַען פון ראבאָנים און אנדערע קלייקוידעש. דאָס איז די „הייליקייַט" פון שאבעס אין ייִסראָעל.

קאָן אָבער א נעשאָמע פון א מענטשן לעבן פיר און צוואנציק שאָ אין א רעליגיעזער געדיכטער פינצטערניש? ניט וויסן פון א שטיקל פרייד און סימכע פון א ייִדישן טעאטער־ספּעקטאקל? ניט קאָנען זיך דורכפאָרן צו קרויווים, וואָס די אבסאָרבציע און די קליטע האָבן זיי אזוי מישפּאָכעדיק „פארייניקט", אז איינער וווינט אין קריאס שמוינע, אין צאָפן, און דער צווייטער אין בערשעווא, אין דאָרעם. מע קאָן ניט ארויספאָרן זען די אייגענע שטאָט, די שיינע סעדער, מע קאָן ניט ארויספאָרן זען א שטיקל וואלד, א שטיקל פּארק הינטער דער שטאָט.

שאבעס איז דער טאָג פון גענעצן און שלאָפן.

אין דעם באשטייט, לויט די ייִסראָעל־הערשער, דאָס אָפּהיטן די אזויגערופענע הייליקייַט פון שאבעס. כוץ דעם מיזמויר־שיר לעיאָם האשאבעס איז ניטאָ וואָס צו הערן, כוץ די שטיינער, מיט וועלכע מע ווארפט אף די פארבייַפאָרנדיקע אווטאָס, און כוץ די פוטערנע שטרייַמלעך, האָט מען ניט וואָס צו זען.

דער „אגאדא"־דעפּוטאט א. שאפּיראָ האָט זיך באקלאָגט פארן פרעמיער־מיניסטער, אז אין טעל־אוויוו איז מען מעכאלעל־שאבעס, אז אין טאָג פון שאבעס האָט ניט טעל־אוויוו קיין שאבעסדיקן אויסזען. ער וויל, אז אין אָט דעם טאָג זאָל מען ניט זען קיין ייִדן אף דער גאס, אז עס זאָלן הערשן אזא פּוסטקייַט און אזא מין רויִקייַט, ווי — אָפּגעהיט זאָל מען ווערן! — אף א בעסוילעם.

עס דערציילט זיך אין פאָלק וועגן א ייִדן, א טוריסט פון אמעריקע, וועלכער איז אין א שאבעס געגאנגען זען, וויאזוי עס זעט אויס טעל־אוויוו — די אלענבי־גאס אין טאָג פון שאבעס. ווען ער האָט געזען די פּוסטקייַט, די ליידיקייַט, האָט ער זיך דערשראָקן. „וואָס איז דאָ געשען? — האָט ער געפרעגט. — ווו זייַנען די ייִסראָעל־ייִדן? זייַנען זיי, כאָלילע, פארשוווּנדן, אומגעקומען?" „רעב ייִד, — האָט אים געזאָגט א דורכגייער, א מעכאלעל־שאבעסניק. — ייִדן לעבן, בארוכהאשעם, נאָר די קלייקוידעש האָבן זיי פארמאכט אין זייערע הייַזער. א טייל פון זיי שלאָפט און גענעצט, א צווייטער טייל זיצט אין די באָטעמעדראָשים, שפּילט זיך מיט די האָר פון די אייגענע בערד און קנייטשט דעם שטערן בא דער שייַלע, צי א ייִד מעג עסן אן איי, וואָס א הון האָט געלייגט אום שאבעס.

אין פאָלק לעבן אוף די וויטעקן פון די זעקסוואָכעדיקע ארבעטס־טעג. איינעם טוען וויי די פארהאָרעוועטע ביינער, אן אנדערן שטעכט באם

הארצן, ער אָטעמט שווער, ווייַל די זאָרג פאר כאיונע, פאר שאָלעם לאָזט אים ניט רוען. די הענט, די פיס רוען, אָבער די נעשאָמע רוט ניט. דער מויעך איז פארפלייצט מיט טרויעריקע געדאנקען. מע ווייסט ניט, וויאזוי דער מאָרגן וועט אויסזען. וויפל שרעק און דייַגעס וועט ברענגען די פּאָליטיק פון די הערשער? וויפל בלוט וועט נאָך רינען אף די פעלדער, אין די שטעט און דערפער פון ליוואן? ווען וועלן די קינדער זיך אומקערן אהיים? וויפל וועט מען מאָרגן דארפן באצאָלן פאר א זעקעלע מילך, פאר א שווארץ ברויט? מע טראכט און מע ווייסט ניט, ווייַל דער פינאנץ־מיניסטער גיט יעדן זונטיק שפּאָגל־נייַע פרייַזן. די, וועלכע בעטן זיך בא דעם פרעמיער־מיניסטער, ער זאָל זען, מ׳זאָל אָפּהיטן דעם שאבעס זייערן, האָבן ניט קיין צייַט זיך צו פארנעמען מיט אזוינע קלייניקייַטן. זיי ציילן די מיליאָנען שעקאָלים, וואָס זיי באקומען פאר זייער „קאָשערער״ ארבעט פון „פארהייליקן״ די שיינע מייַסים פון די הערשער, וועלכע זייַנען אזוי פארקאָכט אין דער מייַסע ליוואן, אין די אומגליקן, וועלכע זיי שיקן אָן אף די מייַרעוודיקע געביטן, אין דער פּאָליטישער שפּיל מיט רייגאנס

פרייַנטשאפט און ברויגעזלעך, אז זיי ווייסן ניט און ווילן ניט וויסן, אז מעכאלעל־מעגטשלעכקייַט איז טרייפענער, ווי מעכאלעל־שאבעס.

די יידישע פאָלקסמאסן ווילן הייַנט אין ייִסראָעל און אין דער וועלט א שאבעס פון פרייד, פון פרייַהייַט, פון א זיכערן שאָלעם, פון סאָציאלער גערעכטיקייַט. זיי ווילן אן אויסלייזונג ניט נאָר אף שאבעס, נאָר אף טעג און יאָרן פונעם לעבן אין פיזישער און גייַסטיקער זיכערקייַט, אין ליכטיקע און זוניקע טעג, אָן דער פינצטערניש פון רעליגיעזן צוואנג, אָן מילכאָמע־פלענער און אָן בלוטפארגיסונגען.

פאר א רויִק, זיכער לעבן, מיט סאָציאל־עקאָנאָמישן וווילזייַן, פאר א גערעכטן דויערהאפטיקן שאָלעם אָן די „פייַערדיקע טויוועס״ פונעם אמעריקאנער אימפעריאליזם קעמפן די ברייטע פאָלקסמאסן אין ייִסראָעל. דאָס איז די עמעסע הייליקייַט פון שאבעס, פון טעג און יאָרן, לעטויוועס דעם לאנד און דעם פאָלק.

ש. בוים

(„דער וועג״, טעל־אוויוו)

פאָרטרעט פון א באזאָרגט לאנד

(מיט די אויגן פון אן אויסלענדישן זשורנאליסט)

לאָרענס מייאר, איינער פון די וויכטיקסטע פובליציסטן פון דער אמעריקאנער „וואשינגטאָן פּאָסט״, האָט אין די יאָרן 1979—1981 געלעבט אין יערושאָלאיִם. זייַן בוך „ייִסראָעל הייַנט — פּאָרטרעט פון א באזאָרגט לאנד״ איז דערשינען אינעם פארלאג „דעלקורט פּרעס״, אין ניו־יאָרק.

אינעם פאָרוואָרט צום בוך שרייַבט דער מעכאבער, אז ער שטרעבט צו פארשטיין אף א לאָגישן אופן דאָס, וואָס עס קומט פאָר אין ייִסראָעל. „אינעם בוך האָב איך געפרווט פארצייכענען די באזונדערע אומשטענדן, אין וועלכע ייִסראָעל געפינט זיך, און איך בעט דעם לייענער צו טאָן דאָס זעלבע. די דאָזיקע אומשטענדן זייַנען סטירעסדיקע, דעריבער איז שווער צו זען די ריכטיקע באציִונגען צווישן די איניאָנים. ייִסראָעל איז א לאנד מיט א מייַרעוודיקער אָריִענטאציע, האגאם א העלפט פון איר באפעלקערונג האָט אוילע געווען פון ניט מייַרעוודיקע מעדינעס. דאָס איז א מאָדערנע אינדוסטריעלע מעדינע, וואָס דאָסראָוו פון איר באפעלקערונג געפינט זיך נאָך אין אן איבערגאנגעטאפּ פון דער טראדיציע פונעם אָפּשטאם־לאנד. אירע אייַנוווינער זייַנען אָן דערפארונג בענעגייע פרייַ זיך אויסדריקן, פרייַהייַט פון פּרעסע, מעסיקייַט און אייַנגעהאלטנקייַט, וועלכע זייַנען נייטיק אף אָנצוהאלטן דעמאָקראטישע אינסטיטוציעס״.

אָן שום סאָפעק, אז מייארס אייניקע אויספירן וועלן ארויסרופן דיסקוסיעס: „דער ניט אָנגענעמער עמעס איז דער, אז ייִסראָעל איז א לאנד, וואָס לעבט פון סובסידיעס. די מעדינע איז אָפּהענגיק פון אויסערלעכער הילף — ניט קעדיי צו העלפן איר אנטוויקלונג, נאָר קעדיי צו פארזיכערן אין דער צוקונפט א העכערן לעבנס־ניוואָ, איידער אזא, וועלכן זי אליין קאָן זיך פארזיכערן״.

„דער צוזאמענשטויס צווישן די וועלטלעכע און רעליגיעזע קויכעס גייט ווייַטער אָן, — שרייַבט דער אווטאָר, — דער קאָנפליקט האָט זיך פארפלאָנטערט אין רעזולטאט פון דער פארברייטערטער נאציאָנאל־רעליגיעזער באוועגונג, וועמענס ציל ס׳איז אייַנצושטעלן ייִסראָעלדיקע הערשאפט אף די פארנומענע געביטן אין דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע. די דאָזיקע באוועגונג באדראָעט די זיכערקייַט אינווייניק און די אָנווענדונג פון געזעצלעכקייַט אין דער ייִסראָעלדיקער געזעלשאפטלעכקייַט״.

און ווייַטער:

„די מילכאָמע אין 1967 האָט געבראכט א פּסיכאָלאָגישע ענדערונג אין ייִסראָעל, אן אטמאָספער פון איבערגעבן זיך פארלאנגען, אָנגעבלאָזענע דיספּראָפּאָרציעס, וועלכע האָבן פארדאָרבן דעם גייַסט פון דער מעדינע״.

„די איניאָנים האָבן זיך אזוי אנטוויקלט, אז טראָץ דעם שאָלעם־אָפּמאך מיט מיצראיִם, איז ייִסראָעל געווען אינעם פערטן יאָרצענדליק פון איר עקזיסטענץ ארייַנגעטאָן אין א קריזיס. דאָס מאָל איז עס געווען א קריזיס פון דער שטימונג אין דער מעדינע, פון איר זעלבסטזיכערקייַט, פון באטייַט, זין און ריכטונג״, — שרייַבט מייאר.

אינעם בוך רעכנט מייאר אויס די שטרייַטפראגן אין ייִסראָעל, וואָס ווערן ניט ארויסגעבראכט און זייַנען אומבאקאנט אין אויסלאנד. באציִענדיק זיך צו די אויסזיכטן פון דער ייִסראָעלדיקער דעמאָקראטיע, שטרייַכט ער אונטער: „טראָץ דער טאָלעראנטער באציִונג, בעדערעך קלאל, פון דער

ייִסראָעלדיקער געזעלשאַפט צו די אויסנאַמווײַזע פּולמאַכטן און ווילקירלעכקײַט, וועלכע עס ווענדט אָן די רעגירונג, צווייפלט א גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג אינעם ווערט פון דער דעמאָקראַטיע. אין וועלכער מאָס די דעמאָקראַטיע וועט אײַנהאַלטן איר צושטאַנד אנטקעגן דער רעקאָרד־אינפליאַציע און לאַנגדויערנדיקער הערשאַפט אָף די פאַרנומענע געביטן — איז א פּראָבלעם, איבער וועלכער ס׳איז קעדײַ זיך צו פאַרטראַכטן״.

ער פּרוּווט ענטפערן: „ווײַזט אויס, עס זײַנען ניט פאַראַן צופיל אויסזיכטן, אז ייִסראָעל וועט קאָנען אָפּהיטן איר דעמאָקראַטיע, קאָלזמאַן זי וועט אָנגיין מיט איר אונטערדריקנדיקער מאַכט לעגאַבע דער אַלץ שטײַגנדיקער פײַנטלעכקײַט פון דער אַראַבישער באַפעלקערונג, וואָס ווערט געשטיצט מיצאַד דער עפנטלעכער מיינונג אין דער וועלט״.

מיט א בליק אין דער צוקונפט שרײַבט ער: „די ווײַטערדיקע ייִסראָעלדיקע הערשאַפט אָף די פאַרנומענע געביטן זיכערט דעם אויסזיכט פון א ווײַטערדיקן קאַמף מיטן פּאַלעסטינעזישן נאַציאָנאַליזם אָף די מײַרעוודיקע געביטן, א פאַרשטאַרקטע שפּאַנונג צווישן די ייִסראָעלדיקע אַראַבער און א קעסיידער וואַקסנדיקע קעגנערשאַפט אין אויסלאַנד צו דער ייִסראָעלדיקער פּאָליטיק״.

„דער קאָמפּלעקס באַציִונגען צווישן די אשקענאַזישע און ספאַרדישע ייִדן אין לאַנד זעט מיר ניט אויס צו זײַן א פּראָבלעמאַטישע, — שרײַבט ער, — פיל מענטשן לעבן צוזאַמען אָף א פערזענלעכער באַזע און וואַרשײַנלעך זעט זיך ניט אָן קיין שום קאָנפליקט. זיי אָרדענען זיך אײַן איינער מיטן אַנדערן. איך מיין, אז די פּראָבלעמען זײַנען ערנסטע, נאָר כ׳בין ניט מיט זיי באַזאָרגט״.

ער איז מערסטנס באַזאָרגט מיט דער דערשײַנונג פון פאַרלאָזן דאָס לאַנד, מיט דער ירידע. „איך האַלט ניט, אז די לייזונג איז צו געבן די אוילים מער געברויך־זאַכן. דער איניען פירט בלויז איבער די פּראָבלעם פון איין געביט אין אַן אַנדערן, פאַרוואַנדלט די ירידע אין א געלט־פּראָבלעם״.

אויך אין דער שטײַגנדיקער פינאַנציעלער אָפּהענגיקײַט פון ייִסראָעל פון די פאַראייניקטע שטאַטן זעט ער א געפאַר אָף א לענגערער צײַט. „וואָלט ייִסראָעל אויסגענוצט די אַמעריקאַנער עקאָנאָמישע הילף צו שטאַרקן אירווירטשאַפטלעכע זעלבשטענדיקײַט, וואָלט עס ניט אַזוי שלעכט געווען. ייִסראָעל באַנוצט זיך אָבער מיט א גרויסן טייל פון דער הילף צו שאַפן ניט פּראָדוקטיווע אַרבעטס־פּלעצער פאַר מענטשן״.

ווען מ׳האָט מייארן געפרעגט, וויִאַזוי די אַמעריקאַנער קאָמוניקאַטיווע מיטלען קאָמענטירן די געשעענישן אָפן מיטעלן מיזרעך, האָט ער געענטפערט: „פאַראַן עטלעכע בוילעטע פּראָבלעמען, וועלכע פאַרשאַרפן די פּראָבלעמען פון ייִסראָעל. מעגלעך, אז עס קומט דאָרט צום אויסדרוק אַן איידעלער ראַסיזם...״

(„אויסטראַלישע ייִדישע נײַעס״, מעלבורן)

• • •

Для изучающих идиш
(Продолжение урока XXIII)

פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש
(פאַרזעצונג פונעם לימעד XXIII)

§ 41г. Значение и перевод описательных глагольных оборотов.

I. О значении и переводе описательных оборотов с глаголом [вэрн] см. урок XXI, § 39.

II. Вспомогательные глаголы **[кумэн]** — «прибыть куда-то» и **[брэйнгэн]** — «доставить к месту назначения» сочетаются с непереводимой частицей **[цу]** и с глаголами, обозначающими «переход с места на место» («ходить, «летать», «бегать», «плавать» и т. п.) или перемещение чего-либо («носить», «тащить», «возить» и т. п.).

В этих сочетаниях вспомогательные глаголы [кумэн] и [брэйнгэн] соответствуют по своему значению русской приставке **«при-»**:

при + глагол передвижения =	קומען+צו+אינפיניטיוו ברענגען+צו+אינפיניטיוו

Ср. перевод следующих сопоставляемых пар:

1) ходить — **при**ходить
2) ехать — **при**ехать
3) бежать — **при**бежать
4) носить — **при**носить
5) водить — **при**водить
6) тащить — **при**тащить

1) גיין — קומען **צו גיין**
2) **פאָרן** — קומען **צו פאָרן**
3) **לויפן** — קומע **צו לויפן**
4) **טראָגן** — ברענגען **צו טראָגן**
5) **פירן** — ברענגען **צו פירן**
6) **שלעפן** — ברענגען **צו שלעפן**

Задание 2*. Переведите следующие предложения. Обращайте при этом внимание на грамматические формы вспомогательного глагола [кумэн]:

1) **איך** קום **צו גיין.** 2) **איך** וועל קומען **צו גיין.** 3) **איך** בין געק׳ומען **צו גיין.** 4) **ער** איז געק׳ומען **צו פאָרן.** 5) **זיי** וואָלטן געק׳ומען **צו פאָרן.** 6) **מיר** זײַנען געק׳ומען **צו פליִען מיט דעם אעראָפּל׳אַן.** 7) **די פייגל** זײַנען געק׳ומען **צו פליִען פון די ווארעמע לענדער.** 8) **די געסט** וועלן קומען **צו פאָרן מיט דער אײַזנבאַן.** 9) **דאָס קינד** איז געק׳ומען **צו לויפן צו דער מאמען.** 10) **מײַן זון** איז געק׳ומען **צו פאָרן אף די זומער־קאניקולן.**

Ключ к заданию 2:

1) Я прихожу, 2) Я приду, 3) Я пришел, 4) Он приехал. 5) Они приехали бы, 6) Мы прилетели самолетом, 7) Птицы прилетели из теплых краев, 8) Гости приедут на поезде, 9) Ребенок прибежал к маме, 10) Мой сын приехал на летние каникулы.

III. Сочетание глагола [гэбн] с непереводимой частицей [цу] и с неопределенной формой другого глагола находит свое соответствие в подобных русских оборотах с глаголом «дать» (+ неопределенная форма), например:

1) געבן **צו** **וויסן.** 2) געבן **צו פילן.** 3) געבן **צו פארשט׳יין.**

1) дать знать, 2) дать почувствовать, 3) дать понять.

IV. Для справки приводим перевод других описательных глаголов, не поддающихся дословному переводу, т. е. в их состав входят большей частью застывшие формы, заимствованные из древнееврейского языка. Для удобства читающих еврейские тексты, мы даем неизменяемую часть оборота в алфавитном порядке. Рядом указывается соответствующий «вспомогательный глагол».

[А] 1) проявить несправедливость; 2) иметь намерение; быть мнения; 3) быть в состоянии; 4) дать совет; 5) советоваться; 6) наблюдать, присматривать за...;

(א) 1) אן אולע סאָן; 2) אויסן זײַן; 3) אימשט׳אנד זײַן; 4) אָן אייצע געבן; 5) אן אייצע האלטן; 6) אכטונג געבן;

[Б] 7) мочь, быть в состоянии; 8) быть разорившимся, нищим; 9) иметь возможность; 10) иметь силу, воз-

(ב) 7) בעיעכ׳ווילעס זײַן; 8) בעד׳יל־האדאל זײַן; 9) בעי׳אד זײַן; 10) בעק׳ויעך זײַן; 11) באר׳ויגעז זײַן;

можность; 11) сердиться на кого-либо, состоять в ссоре с кем-либо;

[Н] 12) иметь удовольствие; 13) любить; 14) полюбить;

(ה) 12) האנ׳אָע האָבן; 13) האָלט האָבן; 14) האָלט באַק׳ומען (קריגן);

[В] 15) болеть, причинять боль;

(וו) 15) וויי טאָן;

[З] 16) удостоиться; 17) иметь намерение, иметь в виду;

(ז) 16) זוכה זײַן; 17) אין זינען האָבן;

[Т] 18) и 19) быть в заблуждении; 20) совершить ошибку, ошибиться; 21) иметь обыкновение, склонность; 22) разрушить, уничтожить; 23) раскаяться;

(ט) 18) א טאָעס האָבן; 19) אין טאָעס זײַן; 20) א טאָעס מאכן; 21) א טעווע האָבן; 22) א טעל מאכן; 23) טשוווע טאָן;

[Х] 24) жениться, выйти замуж; 25) женить, выдать замуж; 26) передумать, раскаяться; 27) разрушить, опустошить; 28) издеваться, глумиться; 29) подозревать; 30) иметь желание, охоту;

(כ) 24) כאסענע האָבן; 25) כאסענע מאכן; 26) כאר׳אָטע האָבן; 27) כאָרעוו מאכן; 28) כויזעק מאכן; 29) כוישעד זײַן; 30) כיישעק האָבן;

[Л] 31) любить; 32) полюбить;

(ל) 31) ליב האָבן; 32) ליב באַק׳ומען (קריגן);

[М] 33) утрудить, побеспокоить; 34) быть гостеприимным; 35) быть согласным; 36) сообщить, оповестить; 37) сознаться; 38) простить; 39) нравиться; 40) бояться, опасаться; 41) воевать; 42) преувеличивать; 43) навестить больного; 44) угостить, почтить, удостоить; 45) обязать; 46) быть обязанным; 47) встречать, принимать (гостей и т. п.); 48) хоронить; 49) завидовать; 50) исполнить, осуществить; 51) предполагать;

(מ) 33) מאטר׳יעך זײַן; 34) מאכניס־א׳ורעך זײַן; 35) מאסקים זײַן; 36) מויד׳יע זײַן; 37) (זיך) מוידע זײַן; 38) מויכל זײַן; 39) מויצע־כיין זײַן; 40) מוירע האָבן; 41) מילכ׳אָמע האלטן; 42) מעג׳אזעם זײַן; 43) מעוו׳אקער־כוילע זײַן; 44) מעכ׳אבעד זײַן; 45) מעכ׳ײַעוו זײַן; 46) מעכ׳ויעוו זײַן; 47) מעקאבל־פּ׳אָנעם זײַן; 48) מעק׳אבער זײַן; 49) מעק׳אנע זײַן; 50) מעק׳ײַעם זײַן; 51) מעש׳אער זײַן;

[Н] 52) иметь удовольствие, наслаждаться; 53) быть склонным к...; 54) вести себя, иметь обыкновение; 55) мстить;

(נ) 52) נאכעס האָבן; 53) נויטע זײַן; 54) זיך נויעג זײַן; 55) זיך נויקעם זײַן;

[Ф] 56) обижаться на кого-либо; 57) возненавидеть; 58) не любить, ненавидеть; 59) удрать;

(פ) 56) פאר׳יבל האָבן; 57) פײַנט באַק׳ומען (קריגן); 58) פײַנט האָבן; 59) פיס מאכן;

[К] 60) испортить; 61) сердиться;

(ק) 60) קאליע מאכן; 61) אין קאס זײַן;

[Р] 62) испытывать жалость, жалеть кого-либо;

(ר) 62) ראכמ׳אָנעס האָבן;

[Ш] 63) молчать, умалчивать; 64) вступить в брак.

(ש) 63) א שווײַג מאכן; 64) א שידעך טאָן.

Задание 3. Запишите приведенные выше обороты и их перевод в своих словарных тетрадях.

דאָצענט ש. סאנדלער

there is something about it that more than compensates for the professional shortcomings. There is the sincere desire on the part of the Palestinian flim-makers to understand the destiny of the Jews who survived the horrors of the Second World War and, above all, to distinguish between these simple people and the zionist bosses.

"The mail for "Sovietish Heimland" is truly inexaustible. Our correspondents raise questions that are relevant not only to literature and art, but to life itself, to the complex and sometimes dramatic processes at work in it. This is cheering and legitimate". So begins a review of readers' letters by Boris Mogilner of Moscow, member of the editorial board of "Sovietish Heimland".

In accordance with our policy of covering literary life in the various constituent republics, the editors are publishing in the current ussue a feature, "News From Lithuania." The Vilnius State Publishing House of Creative Literature ("Vaga") has begun preparing an edition in Lithuanian of a fundamental work, "An Anthology of Jewish Prose and Poetry in Lithuania". Chronologically, it covers the period from the beginning of the 19th Century to 1941. A group has been formed to translate from Yiddish into Lithuanian. The anthology will come out in two volumes, each running to 400 pages (45 printed sheets). The edition will be profusely illustrated with reproductions of work by Lithuanian Jewish artists and by photographs of the authors. The compiler is Emmanuelis Zingeris, a post-graduate student at the Lithuanian Literature Faculty of Vilnius State University. He is preparing a thesis on the subject, "Lithuanian-Jewish Literary Contacts".

In 1983, Vaga Pnblischers brought out "The Song of Songs" in a Russian translation by I. Dyakovnov and in a Lithuanian version by S. Geda. The book was illustrated by S.Krasauskas. In the introduction, well-known Lithuanian poet Eduardas Mieželaitis writes, "The Song of Songs" is an ancient work of pure, transparent poerty unequalled over the centuries".

The current issue includes, as always, the traditional features "Items of Interest", "From the Newspapers and Magazines" and "An Aid to those learing Yiddish".

Supplement: P. Popovich
"The Weather for the Day After Tomorrow"

and individuals who have taken a pro-Israeli stand for many yeras are now dissociating themselves from the ruling circles of that state and from the leaders of international zionism".

The 30th Zionist Congress was spent in countless sterile disputes. Even the very concept "zionist" was interpreted differently by the representatives of the various delegations. The Congress did not arrive at a decision on a single important problem. The Israeli bourgeois press reacted with great scepticism. The newspaper "Jerusalem Post" wrote: "Over 500 delegates from the countries of the Diaspora had, like birds of passage, to cross oceans and continents without knowing why they were doing so, and to come to Israel in order to take part in a meaningless ritual which is helpless to influence the solution of serious problems". One editor of the newspaper "Haarets" noted that the 30th Zionist Congress had become "an episode of collective tourist travel to Israel by Jews from various countries".

Contemporary Soviet Jewish prose is represented in the current issue by a short historical novel, "Moishe-Leib", by Ber Halperin of Vilnius, and a short story, "Svetlana and Svetozar", by Dora Khaikina of Kiev. We are printing a documentary short novel by yevgenia Malakhovskaya of Moscow, "Farewell Visit".

Our poetry section includes a cycle of poems by the late Mendel Lifschitz of Moscow. There are also lyrics by Velvl Chernin of Moscow and sonnets by Pinie Plotkin of Bobruisk.

Musicologist Max Goldin of Riga has contributed an article about the mutual ties between Jewish and German folk music.

In he section "Our Information", we present an article by Israel Kovelman of Moscow, "Art Work on Jewish Legendary and Biblical Subjects".

The recent international Film Festival in Moscow was significant event in the cultural life of the USSR. Boris Sheinin and Maria Sementsova-Ogievskaya of Moscow give their impressions of certain films shown at the festival. Of special interest to the writers were two Austrian films, "The Heirs", directed by Walter Banert, and "The Pebbles", directed by Lukas Stepanik. "The Heirs" is a warning that the fascist danger still exists. Its survivors are bringing up their heirs and training a new generation of murderers and sadists. Here no holds are barred: the corruption of juveniles and target practice on living human beings.

The characters in L. Stepaniks film are also members of the post-war generation. "A chance encounter brings together Friedrich, a German, and Hannah, an Austrian girl of Jewish origin. The young people, apparently, do not feel particularly sympathetic towards one another. But Hannah wants to fathom the mentality of a someone who has clearly inherited the views of his fascist father... Han nah is tied to the past by the tragedy of European Jewry."

The Austrian films are echoed by a Jugoslav film, "The Scent of Quince", directed by Mirza Idrizović. The action takes place in the town of Sarajevo, inhabited for centuries by Serbs, Croats, Moslems and Jews. "But the year 1941 arrives. The fascist occupiers turn the Moslems and Croats against the Jews and Serbs. For the traitors and murderers, the laws of society lose meaning and moral principles are devalued. However, decent people chose the way of struggle for human dignity. The film shows how two brothers find themselves on opposite sides of the barricades. A grenade thrown by Mustafa, who has become a fascist hireling, mortally wounds his brother Ibrahim. But the dying Ibrahim nevertheless manages to save the girl he loves, Luna, daughter of an old Jew..."

Also shown at the film festival was the first PLO feature film, "Return to Haifa", photographed by Kassem Haval. "Twenty years after the Arab-Israeli War of 1948, people who left their home at the time arrive as tourists in Haifa. Back in their former home, they meet their son whom they have not seen for twenty years. They meet a Jewish woman who came to Haifa from Poland. She has been a second mother to their son... The artistic merits of the film are not high, but

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")

No. 1, January, 1984

The New Year number of "Sovietish Heimland" begins with "The White Dove of Peace" by Avrom Reizen, well-known Jewish poet of the early 20th cetury. In our days, when the international situation has deteriorated again, these lines, although written decades ago, have a particularly topical ring.

In May 1984, the Jewish Autnomous Region celebrates its 50t anniversary. Our magazine constantly keeps its readers in touch with life in Birobijan. This year, items about the Region will be featured prominently in each number of "Sovietish Heimland".

Unorthodox in form is a report from Birobijan journalist Leonid Shulman, "24 Hours in the Life of my City". In the foreword to his article, he says, "These twenty-four hours were ordinary and in no way conspicuous in the life of Birobijan, centre of the Jewish Autonomous Region, twice honored with Orders, but that is precisely why they are interesting. Those twenty-four hours wer crammed with the most varied events testifying that my city, like thousands of others in our country, lives an interesting, full-blooded life with finds, discoveries, losses and triumphs...

And so, twenty-four hours..."

"Sovietish Heimland" is reprinting a number of articles from the newspaper "Birobijaner Stern": "Biography of a Young Worker", by F.Pasmanik; "Onece and for All", by L.Shkolnik; "Health To You, Children!" by B.Ruder; "My Own Home", by R. Shoikhet, and "The Grain of Bijan" by V. Vostokov.

A verse selection, "From Early Birobijan Poetry", includes items by Peisi Yanovsky, Henekh Koifman and Itsik Bronfman.

An article by Leonel Dadiani and Alexander Kryukov covers the 30th Congress of the World Zionist Organisation which took place in December, 1982. The authors show that recently "...in international zionism there has been a significant intensification of processes testifying to a crisis in zionist ideology and politics: the "alia" (emigration of Jews to Israel) has dropped sharply, and at the same time there has been a rise in the "yerida" (departure of Jews from Israel to other countries). Contradictions and conflicts are growing between the various parties aud groups in he World Zionist Organisation and the World Jewish Congress, as are the contradictions between these two centres. Israel is steadily becoming more and more isolated on the world arena; a whole series of organisations

ряли двадцать лет назад. Знакомятся с еврейской женщиной, приехавшей в Хайфу из Польши. Эта женщина заменила их сыну мать... Художественные достоинства фильма невысоки, но имеется в этой ленте нечто такое, что заслоняет профессиональные недостатки. Есть в нем искреннее желание палестинских кинематографистов понять судьбы евреев, переживших ужасы второй мировой войны, а главное — провести грань между этими простыми людьми и сионистскими заправилами...».

«Почта «Советиш геймланд» поистине неисчерпаема. Наши корреспонденты поднимают в своих письмах вопросы, имеющие отношение не только к литературе и искусству, не только к отраженным в них жизненным явлениям, но и к самой жизни, к сложным, порой драматическим процессам, происходящим в ней. Это отрадно и закономерно...» — так начинает свой обзор читательских писем член редколлегии «Советиш геймланд» Борис Могильнер (Москва).

В плане показа литературной жизни различных союзных республик редакция публикует в этом номере рубрику «Новости из Литвы». Вильнюсское государственное издательство художественной литературы «Вага» приступила к подготовке издания на литовском языке фундаментального произведения — «Антологии еврейской прозы и поэзии в Литве». Хронологически книга охватывает период с начала XIX века до 1941 года. Создана группа переводчиков с идиш на литовский. Антология выйдет в двух томах, объем каждого тома — 400 страниц (45 печатных листов). Издание будет богато иллюстрировано репродукциями литовско-еврейских художников и фотографиями писателей. Составитель антологии — аспирант кафедры литовской литературы Вильнюсского Государственного университета Эммануэлис Зингерис, который готовит кандидатскую диссертацию по теме «Литовско-еврейские литературные связи».

В 1983 году издательство «Вага» выпустило «Песнь песней» параллельно на двух языках — в русском переводе И. Дьяконова и в литовском — С. Геды. Книга иллюстрирована С. Красаускасом. Во вступительном слове известный литовский поэт Эдуардас Межелайтис писал в частности: «Песнь песней» — древнее произведение чистой и прозрачной поэзии, не имеющей себе равных на протяжении веков».

Номер включает, как всегда, традиционные рубрики «Это интересно», «Листая газеты и журналы», «В помощь изучающим идиш».

Приложение к номеру:
П. Попович «Погода на послезавтра»

серьезных проблем». Один из редакторов газеты «Гаарец» заметил, что XXX сионистский конгресс стал «эпизодом коллективного туризма евреев различных стран в Израиль».

Современная еврейская советская проза представлена в номере исторической новеллой Бера Гальперина (Вильнюс) «Мойше-Лейб» и рассказом Доры Хайкиной (Киев) «Светлана и Светозар». Печатается также документальная повесть Евгении Малаховской (Москва) «Прощальный визит».

Мы публикуем цикл стихов недавно скончавшегося поэта Менделя Лифшица (Москва). Поэтическая рубрика включает также лирическую подборку Велвла Чернина (Москва) и сонеты Пини Плоткина (Бобруйск).

Музыковед Макс Гольдин (Рига) посвятил свою статью взаимосвязям еврейского музыкального фольклора с немецким.

В рубрике «Наши сообщения» представлена статья Израиля Ковельмана (Москва) «Произведения изобразительного искусства на еврейские легендарные и библейские сюжеты».

Недавно проходивший в Москве международный кинофестиваль стал заметным событием в культурной жизни нашей страны. Борис Шейнин и Мария Семенцова-Огиевская (Москва) делятся своими впечатлениями о некоторых из представленных на кинофестивале фильмах. Особое внимание авторов привлекли два австрийских фильма — «Наследники» режиссера Вальтера Банерта и «Голыши» режиссера Лукаса Степаника. «Наследники» — «это предупреждение о том, что фашистская опасность еще существует. Фашистские недобитки растят своих наследников, готовят новое поколение убийц и человеконенавистников. Здесь применяется все — и растление юнцов, и натаскивание в стрельбе по живым мишеням».

Герои фильма П. Степаника — тоже люди послевоенного поколения. «Случайное знакомство сводит вместе немца Фридриха и австрийку еврейского происхождения Ханну. Молодые люди, кажется, не испытывают симпатий друг к другу. Но Ханне хочется проникнуть в образ мышления человека, явно унаследовавшего взгляды отца-фашиста... Ханну связывает с прошлым трагедия европейского еврейства».

С фильмами австрийских режиссеров перекликается югославский фильм «Запах айвы» (режиссер Мирза Идризович). Действие происходит в городе Сараево, где веками вместе жили сербы, хорваты, мусульмане и евреи. «Но вот пришел 1941 год. Фашистские оккупанты стремятся натравить мусульман и хорватов на евреев и сербов. Для предателей и убийц законы общества теряют значение, обесцениваются моральные принципы. Зато честные люди выбирают путь борьбы за человеческое достоинство. Так, в фильме показывается, как по разные стороны баррикад оказались люди из одной семьи — родные братья. От гранаты, брошенной Мустафой, который стал прислужником фашистов, погибает его брат Ибрахим. Но умирающему Ибрахиму все же удается спасти любимую девушку Луну, дочь старого еврея...».

На кинофестивале был представлен первый художественный фильм ООП «Возвращение в Хайфу», снятый Кассемом Хавалем. «Спустя 20 лет после арабо-израильской войны 1948 года в качестве туристов приезжают в Хайфу люди, которые тогда покинули свой дом. В Хайфе, в бывшем своем доме, встречают они сына, которого поте-

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 1, январь, 1984 г.

Новогодний номер «Советиш геймланд» открывается стихотворением известного еврейского поэта начала XX века Аврома Рейзена «Белый голубь мира». В наши дни, когда международная обстановка вновь обострилась, эти, написанные десятки лет назад строки, звучат особенно злободневно.

В мае 1984 года исполняется 50 лет Еврейской автономной области. Наш журнал постоянно знакомит своих читателей с жизнью Биробиджана. В этом году материалы о ЕАО будут занимать особое место в каждом номере.

Необычен по форме репортаж биробиджанского журналиста Леонида Шульмана «24 часа из жизни моего города». Во вступлении к очерку сказано: «Эти сутки были обычными, ничем не выделяющимися в жизни Биробиджана — центра дважды орденоносной Еврейской автономной области, но именно поэтому они интересны. Эти двадцать четыре часа были наполнены самыми различными событиями, свидетельствующими о том, что мой город, как и тысячи других городов нашей страны, живет интересной, полнокровной жизнью, в которой есть все — находки и открытия, утраты и победы...

Итак, одни сутки...».

«Советиш геймланд» перепечатывает из газеты «Биробиджанер штерн» цикл очерков: «Биография молодого рабочего» Ф. Пасманика, «Раз и навсегда» Л. Школьника, «Здоровья вам, дети!», Б. Рудера, «Родной дом» М. Шойхета, «Биджанский хлеб» В. Востокова.

Поэтическая подборка «Из ранней биробиджанской поэзии» включает стихи Пейси Яновского, Генеха Койфмана и Ицика Бронфмана.

Публицистическая статья Леонеля Дадиани и Александра Крюкова рассказывает о XXX Конгрессе Всемирной сионистской организации (ВСО), состоявшемся в декабре 1982 года. Авторы показывают, что за последнее время «...в международном сионизме значительно усилились процессы, свидетельствующие о кризисе сионистской идеологии и политики: резко сократилась «алия» (эмиграция евреев в Израиль) и одновременно с этим возросла «ерида» (выезд евреев из Израиля в другие страны); растут противоречия и конфликты между различными партиями и группами, входящими в ВСО и во Всемирный Еврейский конгресс (ВЕК), а также противоречия между этими двумя центрами; постоянно усиливается изоляция Израиля на мировой арене; целый ряд организаций и деятелей, занимавших на протяжении многих лет произраильскую позицию, теперь отмежевывается от правящих кругов этого государства и от лидеров международного сионизма».

XXX сионистский конгресс прошел в бесчисленных и бесплодных дебатах. Даже само понятие «сионист» воспринималось по-разному представителями разных делегаций. Конгресс не решил ни одного сколько-нибудь важного вопроса. Весьма скептически оценила его израильская буржуазная пресса. Газета «Джерузалем пост» писала: «Свыше 500 делегатов из стран диаспоры должны были, подобно перелетным птицам, пересечь океаны и континенты, не понимая, ради чего они это делают, и прибыть в Израиль, чтобы принять участие в бессмысленном ритуале, который не в состоянии влиять на решение

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ **Лурье, Х. Меламуд,**
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 31.10.1983 г. Подписано к печати 19.12.1983 г. Формат 70×108 1/16. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 70 коп. Зак. 2513.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1984 г.

Цена 70 коп.
70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

■

В НОМЕРЕ:

50 лет Еврейской автономной области. Л. Шульман. 24 часа в жизни моего города (репортаж). Очерки Р. Шойхета, Л. Школьника, Б. Рудера, стихи И. Бронфмана, П. Яновского, Г. Койфмана.

Д. Хайкина. Светлана и Светозар (повесть).

Б. Гальперин. Мойше-Лейб (историческая новелла).

Стихи П. Плоткина, М. Лифшица, В. Чернина.

Новые переводы. Е. Малаховская. Прощальный визит (рассказ).

Публицистика. Л. Дадиани, А. Крюков. По поводу 30 конгресса всемирной сионистской организации.

Литературные памятные даты. М. Винер. Детские стихи Льва Квитко.

На киноэкране. Б. Шейнин, М. Семенцова. Человек с киноаппаратом.

Культурные новости. Это интересно. Почта «Советиш геймланд». Листая журналы и газеты. В помощь изучающим идиш.

Резюме на русском и английском языках.

1984

№ 1